STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07060

KINDER FUN DER TSAYT

Knut Hamsun

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קנוט האמסון

קינדער פון דער צייט

אידיש: ש. שניידער
איבערזעצט מיט דער דערלויבעניש פון מחבר

פארלאג גראהאר און סטאדאלסקי
ניו יארק. 1926

Copyright, 1926
by
GROHAR & STODOLSKY

I

אמאָל איז די גאַנצע געגנט געווען איין מאַיאָנטעק און דער איצטיקער פּריצישער זעגלפּאַס הויף איז געווען דעם גוט־באַזיצערס אייגן וואוינאָרט און פערמע. זעגלפּאַס איז דאַן, פאַר יענער צייט אין צפון־לאַנד, געווען אַ באַדייטנד גרויס גוט מיט זיין האלבער מאה שטיק פי, חוץ אַ מיל, אַ זעג־גרוב, אַ ציגעלניע און אַ סך מיילן וואַלד. דאָס אָרט האָט געווימלט מיט דינער און דינסטן און פּויערים און ליידיק־גייער; עס זיינען אויך געווען גענוג אַנדערע חיות, ניט נאָר די פילע קי, נאָר אויך פערד און הינט, קעץ און חזירים, און אין דער גאַנצער לענג פון דער הינטערשטער זייט שייער איז געווען אַ גאַנצע קאָלאָניע מיט עופות און גענדז.

יאַ, מ'זאָגט, אַז אַלעם איז דאָ געפירט געוואָרן אויף אַ גרויסן אופן, — וועלן אַלטע לייט אייך נאָך אַלץ דערציילן, זיך דערמאַנענדיק, וואָס זייערע עלטערן פלעגן דערציילן פון די צייטן פון זייערע קינדער־יאָרן.

דער אייגנטימער איז געווען הער ווילאַטץ האָלמסען, אַ פעטער און גיריגער גוט־באַזיצער, וואָס איז אַמאָל געווען אַ לאַקיי. ער האָט אָפּגעקויפט פערמע נאָך פערמע אַרום און פאַר ביליקע פּרייזן ביז ער האָט צענויפגעשטעלט אַ גרויסן מאַיאָנטעק. צום סוף איז ער אויך געוואָרן אַ סוחר און אָנגעפירט האַנדל איבער דער גאַנצער לענג פונם וואַסער־ברעג אויף אַ גרויסן אופן; ער האָט אויפגעבויט די ציגעלניע, די מיל און די זעג־גרוב — אַלע מייסטע נוצלאַכע זאַכן.

דער דערמאָנטער הער ווילאַטץ האָלמסען איז געווען אַ סקאַנדינאַוויער, אַזוי ווי מיר אַלע זיינען סקאַנדינאַוויער, נאָר ער האָט געטראָגן אַן אוניפאָרם און גערעדט דעניש. אויף די פרילינג און הערבסט אסיפות האָט ער געטראָגן גאָלדענע שנורן און אַ שווערד; ער האָט געקאָנט לייענען און שרייבן, און איז געווען אַ ריכטער; זיינע אורטיילן זיינען געווען לויטן סקאַנדינאַווישן געזעץ. זיין פרוי האָט געקאָנט קומען פון וואָר־ניט־איז, פון האָלאַנד אָדער האָלסטיין, פון סקאַאַן, פון אַ צוויבער־מעשהלע אַרויס. זי האָט וואָרשיינלאַך אויך גערינט באַ גרויסע לייט אַמאָל און זיך אָפּגעלערנט פון זיי

פיינע זיטן; פון זעגלפּאַם אַרונטער איז אויסגעלעגט געוואָרן אַ גרויסער וועג כּדי זי זאָל קאָנען פאָרן מיט אַ קאַרעטע אין קלויסטער אַריין. יאָ, זיי זיינען געווען רייכע לייט און מיט דער צייט געוואָרן נאָך רייכער; ס'איז ניט געווען קיין ספק, אַז הער ווילאַטץ האַלמסען האָט באַהאַלטן געלט, מחמת לאַנג נאָך זיין טויט נאָך פלעגט זיין גייסט, ווי יעדער איינער ווייסט, נאָך אַלץ באַזוכן די ציגעלניע.

אָבער עס איז זיין זון, ווילאַטץ האַלמסען דער צווייטער, וועמען אַלטע לייט האָבן אין זינען ווען זיי דערמאָנען זיך אָן אַלטע מעשיות פונם מאַיאָנטעק. ער איז געווען אַן עכטער איידלמאַן, זאָלט איר ווייסן. ער האָט אויפגעגעבן די פישערייען און דעם האַנדל ווי עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען אָדער ניט געקימערט זיך זיי ווייטער צו פירן, נאָר ער האָט אויסגעבויט אַ ניי פּריציש הויז אויף זיין גוט, מיט זיילן און אַ טורם; ער האָט אויפגעשטעלט די אַראַנזשערייע, און אויסגעלעגט דאָס שוואַנען־טייכל אין פּאַרק און דאָס שפּיל־פּלאַץ פאַר זיין דינערשאַפט. דאָס טייכל איז פאַרפילט מיט ערד איצט און דאָס שפּיל־פּלאַץ — אויפגעבראָכן פאַר קאַרמע־גערעטענישן. ער איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט געמאַכט פון זעגלפּאַם אַזאַ גרויסאַרטיק אָרט; ער האָט איינגעריכט אַ באַזונדערן צימער פאַר אַ בילדער־גאַלעריע און אָפּגעגעבן איין צימער פאַר בלויז ביכער פונם דיל ביז דער סטעליע. אויף זיין עסטיש האָט זיך געפונען שווער זילבער־געשיר און בלומען, און אין זיינע צימערן זיינען געשטאַנען פיגורן פון מאַרמאָר און בראָנז. ווען זיין ווייב, די שטאָלצע באַלעבאָסטע פון הויז, איז דורכגעגאַנגען, איז געווען איינגעפירט, אַז די דינערשאַפט זאָל בלייבן שטיין שטיל ביז זי איז דורכגעגאַנגען; זי האָט פאַרמאָגט אירע אייגענע גיטער אין שוועדן, האָט גערעדט פראַנצויזיש און געהאַט אַ קאַמער־מיידל. ווען לייט האָבן זיך געפירט גרויס אין יענע צייטן האָבן זיי זיך געפירט גרויס און ניט אַנדערש: דער האַר און זיין פרוי יעדערער האָט זיך געהאַט אַ לאַקיי, אַ קוטשער, און יעדער זיין אייגענע רייע צימערן אין זעגלפּאַם. זיי האָבן ניט געקאָנט זיך אָנטון אַליין און האָבן עס אויך ניט גענדאַרפט טון: „טו מיר אָן מיין קאַמזויל!" האָט הער ווילאַטץ האַלמסען געזאָגט צו זיין דינער. „פאַרקאַם מיר די האָר!" האָט די מאַדאַם געזאָגט צו איר קאַמער־מיידל.

זיי זיינען געווען גרויסע לייט. אין אַ געוויסער מאָס אַ לעגענ־דאַרע פּאָר, מיטן נימבוס פון זייער דור אויף זייערע קעפּ.

אין די ערשטע יאָרן זיינען זיי אין זעגלפּאַס ווייניק געווען; אין הערבסט פלעגן זיי איינפּאַקן צען קופערטן און אַרומרייזן אין פרעמדע לענדער מיט זייערע קינדער, און דאָרטן האָבן זיי אָנגע־זאַמלט נאָך מער קאַסטנס און זאַכן און אַזוי אַרום אָנגעפילט זייער הויז שטיקלאַכווייז מיט די אַלע אוצרות, וואָס זיי האָבן צענויפ־געקליבן. אין שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיי געלעבט מער אין דער היים אויפן גוט; דער לאַנד־פריץ האָט באַין אופן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז דאָס איז מחמת שפּאָרזאַמקייט; ער האָט, פאַרקערט, באַקאַנט געמאַכט, אַז ער און זיין פרוי האָבן שוין אויסגעזען די גאַנצע וועלט און זיי האָבן ניט מער קיין אינטערעס אַרומצורייזן. אַ גואווערנאַנטקע און אַ לערער זיינען געהאַלטן געוואָרן פאַר די דריי קינדער, צוויי מיידלאַך און איין אינגל, וואָס האָבן געלערנט אַלערליי זאַכן; און ס'איז אָנגעהאַלטן געוואָרן דערזעלבער גרויסער פערסאָנאַל דינער. מאָדנע, אין דער צייט האָט דער לאַנד־יונקער פאַרקויפט עטלאַכע גוטע פערמעס און וואַלד־לאַנד פון זיין גוט. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז ער האָט געדאַרפט דאָס געלט — די עטלאַכע מטבעות; ער האָט בלויז נאָכגעגעבן, אַז ווערנדיק עלטער האָט ער איינגעזען, אַז דער מאַיאָנטעק איז צו גרויס פאַר אים צו קאָנען אים פאַרוואַלטן. און אויב ער האָט געזאָגט אַזוי, איז עס געווען אַזוי; דער לאַנד־יונקער האָט קיין ליגן ניט געזאָגט און אויך ניט געדאַרפט עס טון. בייזע צינגער האָבן, אין שפּעטערע יאָרן, געמורמלט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן זיין פאָטערס באַהאַלטענעם אוצר; אָ ! נאָר דאָס איז געווען אום צו האָבן אַ פאַלשע מיינונג וועגן דעם לאַנד־יונקער ווילאַטץ האָלמסען. דער גרויסער איידלמאַן. ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם אין די בערג, גוטער איידלמאַן; ס'איז געווען זייער טרויעריק, ווייט אַוועק פון זיין גאַנצער משפּחה, ליגנדיק אויף אַ געלעגער פון היי־דעקרויט, מיט בלויז די אַכט מענער אַרום זיך, וואָס זיינען מיט אים מיטגעגאַנגען אויף דעם אינספּעקציע־טור צו אַראַנזשירן וועגן אַ גרויסער, נייער מיל־גרעבליע. די אַכט מענער האָבן אים אַהיים געטראָגן אויף אַ טראָגבעטל און זיין פרוי איז אַזוי פאַרציטערט געוואָרן, אַז זי האָט אויסגעשריען עפּעס אויף פראַנצויזיש צו איר קאַמער־מיידל און געפאַלן אין חלשות, און דאָס מיידל איז געקומען

צולויפן מיט אַ שמעקנדיק פּלעשל. די גנעדיקע פרוי פונם הויז איז געבליבן איינע אַליין אין איר עלטער. אירע טעכטער האָבן חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין גרויסע שטעט אין שוועדן, און איר זון, דער דריטער ווילאַטץ האַלמסען, איז עטלאַכע יאָר געווען אין דער קאַדעטן־שול. זיין קורס האָט זיך געדאַרפט ענדיקן אין פרילינג און ער האָט געזאָלט אַהיימקומען אויף אַ שטיק צייט.

* * *

דער ווינטער איז פאַריבער, פרילינג איז געקומען און דער דריטער ווילאַטץ האַלמסען איז אַהיים געקומען. עלטערע לייט געדענקען אים גוט, הגם עס איז שוין לאַנג זינט ער איז געשטאָרבן. זיינע שוועסטער האָבן געירשנט די גיטער אין שוועדן, ער אַליין האָט געקראָגן דעם זעגלפּאַס גוט אַזוי ווי ער איז געשטאַנען. ער האָט ניט געמאַכט קיין זייער טיפן רושם אין דער געגנט, ער איז געווען שטאַלץ און קאַרג אויף רייד און כאָטש ער האָט חתונה געהאַט און אַנגעפירט דעם הויף אויפן זעלבן גרויסן שטייגער ווי זיינע עלטערן — יאָ, און אפילו אויפגעטאָן עטלאַכע אַנזעעוודיקע זאַכן אין לויף פון די יאָרן — איז אויבנאויף ניט געווען קיין שום גרויסאַרטיקס וועגן אים. און וואָס האָט אַ מענטש, וואָס איז געווען אַזוי פאַרענגט אין מיטלען געזאָלט טון? זיין קאַריערע איז געווען פאַרענדיקט, זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט צו צאָלן אַ שווערן חוב אין באַנק. זיין מוטער איז אַוועקגעפלויגען קיין שוועדן צו אירע טעכטער, זיי זיינען אַלע געוואָרן שוועדן און קיינמאָל זיך ניט צוריקגעקערט אַהיים. איז ער געבליבן אַליין. קאָן ער עפּעס דערגרייכן מוז ער עס געווינען אַליין, און דעם אמת געזאָגט האָט ער דערגרייכט ניט קיין קליין ביסל. ער איז ניט געווען באַליבט, ער האָט אָבער ארויסגערופן אַ גוואַלדיקן דרך ארץ צו זיך; מ'האָט אים גערופן בלויז „לייטענאַנט" ווייל דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער איז געווען. געגריסט אָבער האָט מען אים ווי אַ גענעראַל.

אָט מיט אָט דעם מאַן און פאַרשיידענע אַנדערע מענטשן גיט זיך דאָס בוך אָפּ.

ווילאַטץ האַלמסען דער דריטער—מעגלאַך אַז ער איז ניט געווען קיין אמת גרויסער מענטש, און מעגלאַך אַז ער איז געווען גרעסער פון סיי וועלכן אַנדערן האַר פון זעגלפּאַס. ס'איז בלי שום ספק געווען עפּעס לעכערלעכס אין אַ לייטענאַנט, וואָס איז אויסער

דינסט, ווי עס איז אויך געווען ארום א פריץ פון דעם הויף, וואָס איז געגאַנגען באָרג אראָפּ; גיט נאָך צו צו דעם, אַז ער איז, אַ'ן זיינע אינגערע יאָרן, געווען היציק־טעמפּעראַמענטפול און אַן עקשן ביז גאָר. נאָר דערזעלבער לייטענאַנט האָט אויך געהאַט עטלאַכע ווערטפולע מעלות; קליינע לעגענדעס וועגן זיי גייען נאָך אַלץ ארום אין דער געגנט; זיינע מעגלאַכקייטן זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט זיינע משונהדיקע איינגעשאַפטן און זיי אַפילו אַריבערגעיאָגט. ווי האָט דער פּאַסטאָר ס. פּ. ווינדפעלד אים געשילדערט? ווי אַ נאַרישן און צעדרייטן מענטשן, און מיט דעם ענדיקט זיך זיין באַשרייבונג. דאָס איז געווען דעם קליינעם באַאַמטנס באַגריף וועגן אַן אומגעוויינלאַכן מענטשן. דער לייטענאַנט איז געווען אַ גוט באַלעזענער מאַן און ווען ער האָט, אין משך פון די יאָרן, זיך אויסגעלערנט צו קאָנטראָלירן זיין טעמפּעראַמענט אַזוי ווי אַ פילאָזאָף איז עס ניט געווען מחמת דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַלט און נאַריש נאָר בלויז צוליב דעם, וואָס ער האָט דערגרייכט די רייפע צייטיקע מענלאַכע עלטער. נויטיקט ער זיך אין אַ פאַרטיידיקונג? ווייל ער איז געצוואונגענערהייט פאַראורטיילט געוואָרן צו ירידה, אפשר? עס איז געווען דאָס געזעץ פון דער נאַטור. ער איז אַרויסגעקומען דער לעצטער פון דריי דורות עשירות און לוקסוס. די נאָכפאָלגערשאַפט האָט זיך געענדיקט מיט אים. און חוץ דעם איז ער ניט געשטאַנען אויף די קני; אַ האַרטנעקיגער מענטש פון זיין שניט בלייבט שטיין!

זיין ווייב איז געקומען פון האַנאָווער, אַ פרוי, וואָס האָט פאַרבראַכט אירע קינדער יאָרן אין דענמארק וואו איר מוטער האָט געהאַט קרובים. זי איז געווען אַ פאַלקאָוניקס אַ טאָכטער און געהאַט אַביסל אַן אומגעוויינלאַכן אויסזען; איר פּנים איז לחלוטין ניט געווען שיין, נאָר איר קערפּער איז געווען אַ בויגזאַמער און זייער שיין געשטאַלטעט, און אַט אַ דאָס, מיט אירע הענט, איר שטימע און, ביז צו אַ געוויסן גראַד, איר שמייכל האָבן איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. אַזוי ווי זי האָט געקאָנט דעניש פון אירע קינדער יאָרן נאָך האָט איר די שפּראַך ניט פאַרשאַפט קיין שוועריקייטן. בלויז זעלטן ווען האָט איר אויסגעפעלט אַ וואָרט — זי האָט זיך געקאָנט אויסשפּרעכן אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט. פּאַקטיש האָט זי געהאַט אַ גוטן אויער פאַר שפּראַכן און געקאָנט אַ סך פון זיי.

זי האָט ליב געהאַט צו רייטן אויף אַ פערד און איז געווען אַן

אומדערשראָקענע רייטערן, איז געווען די גוטע פרוי; און ווייל ס'האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז זי שטאַמט אויך אַרויס פונם אַדעל־שטאַנד האָט זי אַרויסגערופן אַ סך דרך ארץ צו זיך אין דער ראָמאַנטישער דאָרפישער געגנט אַזוי, אַז די פרוי האָט אָנגעהויבן צו פילן זיך גאַנץ היימיש. ס'איז איר אויף קיין פאַל ניט געווען אומאַנגענעם, אַז די פרויען זאָלן בלייבן שטיין שטום אין איר אַנוועזנהייט און פאַרברייגגען זייערע פאַרלאַנגען און בקשות דורך דער הויז־פירערן, יאַמפּרו סאַלוועסן.

מענטשן האָבן זיך געחידושט און ס'איז זיי געווען שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס זי האָט חתונה געהאַט פאַרן לייטענאַנט; איז עס מעגלאַך, אַז עפּעס איז דאָרטן ניט געווען גלאַטיק אין הינטערגרונט ? אוממעגלאַך. דער לייטענאַנט, דער דאָזיקער געצירטער און איבערקלייבערישער קליינער ווילאַטע האָלמסען וואָלט זיכער אַרויסגערודערט קלאָר און ריין פון וואָס־ניט־איז פון דעם מין. ניין, ס'איז געווען אַ בעסערע אורזאַך נעענטער צו דער האַנט. די פרוי איז געקומען פון איר היים מיט אַ ברוין רייט־פערד — מיט דעם און מיט מער גאָרנישט, קיין קאַסטנס, אָדער קעסטלאַך, קיין אָנגעלאָדענע שיף מיט מטלטלין; זי איז געווען אפשר אָרים, זי איז געקומען מיט ליידיקע הענט — האָט זי גענומען דעם לייטענאַנט צוליב דעם ? דאָס איז געווען אַ גוטע דערקלערונג.

סיי־ווי וואָלט ניט געווען געשאַדט ווען זי וואָלט געווען געבראַכט אַביסל געלט מיט זיך קיין זעגלפאָס. ווייל איצט האָבן זאַכן אָנגעהויבן צו גיין באַרג אַראָפּ, דער לייטענאַנט האָט זיך געקאָנט זיין פאַר'עקשנ'ט געגוג, אָבער אַלץ האָט זיך געדרייט פּאַמעלאַך און זיכער צום ערגערן, ער און דאָס גוט; ער האָט אָנגעפירט דאָס גוט און די ציגעלניע ווי פריער — יאָ, בעסער ווי פריער — נאָר די צייטן האָבן זיך געביטן, זיי האָבן זיך מער ניט באַצאָלט. האָט ער די מיל געלאָזט אינגאַנצן בלייבן שטיין שטיל; די גרעבליע וועלכע זיין פאָטער האָט געוואָלט פאַריכטן און פאַרגרעסערן האָט לסוף צוזאַמענגעבראָכן און דער לייטענאַנט האָט ניט געקאָנט זי אויפבויען צוריק. זיין אייגן מעל האָט ער באַקומען פון בערגען.

אין דער געמיינדע האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף אַ משונהדיקן מענטשן פאַר ניט איבערבויען די מיל־גרעבליע, זיין פאַרשטאָרבענער פאָטער וואָלט קיינמאָל אפילו קיין צוויי מאָל ניט איבערגעטראַכט וועגן דעם.

אין אנדערע הינזיכטן האָט ער פאַרמאָגט גוטע אייגנשאַפטן פון זיינע פאָרגייער, די גרויסע לייט וואָס זיינען געווען פאַרשווענדעריש און פאַטערלאַך צו זייערע דינער און פויערים; אויך דער דאָזיקער דריטער ווילאַטע האָלמסען האָט ליב געהאַט צו לעבן גוט אליין, און ער איז געווען ווייט פון ניט צו זיין באַהילפיק אַנדערע. ווען געהילץ איז געוואָרן טייערער — און ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן איז בא אים אפילו אַנטוויקלט געוואָרן אַ געפיל פאַר וואוילטעטיקייט.

„איך האָב אַלע אונדזערע פויערים און פישער געשטעלט אַרבעטן אין וואַלד", האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב, „איך צאָל זיי גוטע שכירות".

אזוי האָט ער אויך געהאָלפן און געווען פאַרשווענדעריש און פאַטערלאַך ווי זיינע פאָרגייער. דאָס זיינען געווען ווינטער־טעג און ס'איז גאָרניט געווען וואָס צו פאַרדינען איידער לאָפאָטען פישעריי האָט זיך אָנגעפאַנגען; עס איז געווען אַ גרויסע וואוילטאַט פאַר די מענטשן צו קריגן אַרבעט אין וואַלד.

„מ'זאָגט, אַז דיין פאָטער האָט פאַרקויפט אַ טייל פון זעגלפאָס?" האָט געפרעגט זיין פרוי.

דער לייטענאַנט האָט דערווידערט:

„ווירקלאַך?"

„אַז ער האָט פאַרקויפט פינף פערמעס פונם זעגלפאָס גוט? און אַ סך וואַלד איז פאַרקויפט געוואָרן מיט זיי?"

„מיין פאָטער האָט גוט געטאָן", האָט געענטפערט דער לייטענאַנט. „ער האָט אָפּגערונדעט דאָס גוט; עס איז געוואָרן צו גרויס פאַר אים אויף זיינע עלטערע יאָרן, ס'איז פאַר אונז געבליבן גענוג".

מאַן און ווייב האָבן אויף דעם פונקט קיינמאָל ניט געקאָנט איינשטימען; פאַר עטלאַכע יאָר האָבן זיי יעדער געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם. די פרוי האָט אפילו געהאַט געשריבן צו איר פאָטער דעם פאָלקאָווניק אין האַנאָווער און פאָרגעבראַכט דעם ענין פאַר אים, און דער פאָלקאָווניק האָט געענטפערט, אַז נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט די איצטיקע פרייזן אויף געהילץ איז עס געווען אַ טעות צו באַפרייען דאָס גוט פון וואַלד־לאַנד.

„ס'איז נ י ט געווען קיין טעות!" האָט דער לייטענאַנט געענטפערט. און זיין קליינע האַנט, אָנכאַפנדיק אַ קנאָפּ פון דער אוניפאָרם, איז געוואָרן ווייס ביז איבער די גלענקען. אזוי פעסט

איבערצייגט איז געווען דער לייטענאַנט, אַזוי פאַר'עקשנט איז ער געווען.

אָ, נאָר זיין ווייב, פרוי אַדעלהייד, איז ניט געווען קיין נאַר—זאָל זי זיין געבענטשט פאַר דעם! כאָטש זי איז אויך געווען ליידנשאַפט־לאַך און קריגעריש איז זי געווען דייטש־געבוירן און דערצויגן, מיט געזונטן גראַדן שכל. זי האָט עס אַרויסגעוויזן אַ סך מאָל אין אירע באַראַטונגען מיט דער הויז־פירערן.

* * *

אויך דער לייטענאַנט איז געווען אַ שטענדיקער רייטער; קיין איין טאָג האָט ער ניט פאַרפעלט אַרויסצופאָרן רייטנדיק אויף זיין פערד. נאָר בשעת זיין ווייב האָט זיך אַרומגעיאָגט איבער דער גאַנ־צער געגנט מיט איר קליידל, לויט איר געוואוינהייט נאָך, אַריבער־פאָלנדיק איבערן שטייג־ביגל, און אַמאָל מיט האַלפּלאַפּ פּעטער הינטער זיך אַלס קאָנבוי, האָט דער לייטענאַנט מייסטנס געריטן מיט אַ פּאַמעלאַכן שפּאַציר־טראָט און אָן אַ באַדינער — ס'איז גע־ווען ווייניק אָנשטעל באַ אים. ער האָט געריטן אין זיין אוניפאָרם אָן עפּאָלעטן און אָן אַ שווערד און אויסגעקוקט אָרים־עלנט מיט זיין קאָפּ אַביסל איינגעבויגן, פאַרטיפט אין טראַכטן אָדער פאַר־זונקען אין אַפּאַטיע. און דאָס וואָס זיין מויל איז געווען אַזוי פעסט פאַרשלאָסן האָט אויך געקאָנט אָנדייטן אויף עקשנות.

אין איינעם אַ טאָג אין זומער האָט זיין ווייב זיך גענומען מאָלן די רואינען פון דער חרובער גרעבליע. פונקט דאַמאָלסט איז אָנגעקו־מען דער לייטענאַנט מיט אַ צאָל אַרבעטער; זיינע ליפּן זיינען געווען מאָדנע צענויפגעפּרעסט, נאָר דאָס איז געווען אויס בלויזער פאַר־ווירונג. ער האָט זיין ווייב באַגריסט און זי געפרעגט ווי לאַנג וועט באַ איר געדויערן צו ענדיקן דאָס בילד.

„גלייך ווי איך וואָלט געקאָנט זאָגן נאָך איידער איך האָב אָנ־געפאַנגען!" האָט די פרוי געענטפערט פאַרדריסלאַך. „וואָס ווילן דאָ די אַלע מענטשן? האָט זי געפרעגט.

„איבערבויען די גרעבליע."

„ווירקלאַך! דאַן — הם — האָבן זיי געמוזט האָבן אַ געוויסע ידיעה, אַז איך בין ערשט היינט געקומען אַהער מאָלן!"

דעם לייטענאַנטס פּנים האָט זיך אַביסל געביטן, און ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט באמת ניט געהאַט קיין שום ידיעה וועגן דעם.

די פרוי אין איר פלוצלאכן אויסברוך פון ענערגיע האט שוין געהאט צענויפגעפאקט אירע זאכן. מיט אמאל איז זי געבליבן שטיין שטיל, איר כעס איז פאריבער, און א שמייכל פון חרטה האט דורכ־געקרייצט איהר פנים. ס'איז איר נאר וואס איינגעפאלן, אז איר מאן האט בלויז ערשט מיט א טאג פריער געפונען די נויטיקע מיט־לען פאר דער הוצאה.

— ווילאטע ! — האט זי מיט הכנעה געזאגט. און זי האט אנגעהויבן אנדייטן, אז זי איז ניט געווען אזוי נאריש, ניט אזוי אומפארנינפטיק; פארשטייט זיך, ער מוז אנהויבן פאריכטן די גרעב־ליע, איצטער, אז ער האט דאס געלט —

דער לייטענאנט איז געווארן אנגעצונדן רויט פון כעס. — געלט ? — האט ער געזאגט. — דו ביסט צו שארפזיכטיק, דו נארסט זיך אפ. געלט ? דעם אמת זאגנדיק האב איך געוואוסט, אז דו ביסט געקומען אהער.

זיין ווייב האט געלאזט איר קאפ אראפזינקען.

— דאן איז דיין ערשטע אפלייקענונג געווען ניט ריכטיק ?

— יא, איך — יא — זאל זיין אזוי.

א, ס'האט אויסגעזען ווי נישט אלץ איז געווען אזוי ווי עס באדארף צו זיין צווישן מאן און ווייב, נאר קיינער האט ניט גע־הערט וועגן קיין ערנסטע שטרייטן צווישן זיי, און וואס שייך דעם פאל בא דער מיל־גרעבליע זיינען די אומשטאנדן געווען שולדיק.

דער לייטענאנט האט עטלאכע וואכן צייט געלעבט אין א בסדרדיקן קאמף מיט זיך אליין. ער וועט פרוואון פארשאפן זיין פרוי א פארגעניגען, עפעס גרויסעס; ער איז אריין געגאנגען צו איר אין צימער, ארויסגעקוקט דורכן פענצטער, און געזאגט צופעליק :

— דער קלויסטער פאלט איין, זע איך.

— איז עס עפעס, מיט וואס מ,דארף זיין צופרידן ? — האט זי געענטפערט. א, זי איז געווארן אזוי אומדערטרעגלאך אויפרעג־באר די לעצטע עטלאכע חדשים, זי האט אליין ניט פארשטאנען פארוואס.

— דער מערב־ווינט האט אים שטארק באשעדיקט די נאכט. דו וואלסט געקאנט אוועקשטעלן עטלאכע ארבעטער אונדזערע צו פא־ריכטן אים.

— א י ד וואלט געקאנט ?

— דו און איך, אויב דו ווילסט. אין דעם פאַל, דו. אין קורצן. אַרבעטער און געלט זיינען גרייט פאַר דיין פאַראָרדנונג.

ער האָט מעגלאַך געטראַכט מיט איין גלעט אַפּצושטעלן אירע דערנידערנדיקע חשדים וועגן זיינע ענינים און צו ווייזן זיין מאַכט; וואָס דען האָט ער געקאָנט מיינען?

— דאָס וואָלט געווען אַ גוטע טאַט פון דיר, האָט זי געזאָגט.

— פון מיר? — האָט ער גלייך פּראָטעסטירט, איך זאָג דיר —

— נו, גוט, פון מיר, האָט זי נאָכגעגעבן.

דעם אמת זאָגנדיק האָט די פרוי ניט איינמאָל זיך געשראָקן פאַר איר לעבן זייענדיק אינווייניק אין דעם קליינעם וואַקלדיקן קלויסטער. דער לייטענאַנט, פאַרשטייט זיך, איז קיינמאָל ניט גע־גאַנגען אהין. ס'וואָלט אים גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן. אביסל לייענען דאָ און דאָרטן אין די שריפטן פון די הומאַניסטן און די ענציקלאָפּעדיסטן אין זיין פאָטערס ביבליאָטעק — דאָס איז געווען זיין הייליקע גאָטעסדינסט. אַזוי לאַנג ווי זיין מוטער איז געווען אין דער היים אין זעגלפּאַס פלעגט די אַלטע פרוי און די יונגע מאַ־דאַם פאָרן צוזאַמען אין קלויסטער יעדן זונטיק. נאָר נאָכדעם ווי די אַלטע פרוי איז אַוועק צו אירע טעכטער און קיינמאָל זיך ניט אומגעקערט צוריק קיין זעגלפּאַס איז די יונגע מאַדאַם געפאָרן אַליין אין קלויסטער אַריין. אַ, נאָר דער קלויסטער איז געווען אַ געפערלאַך אָרט צו זיין אין אים אינווייניק אין צייט פון די מערב'דיקע שטורם־ווינטן. זי האָט געזונגען ווען זי איז געזעסן דאָרטן — זי האָט געזונגען מיט איר גרויסער, זיסער שטימע אַזוי אַז די אַנדערע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, זי האָט געזונגען טייליווייז צו שטאַרקן זיך דאָס האַרץ אַנטקעגן דער מורא טאָמער פאַלט דער קלויסטער איין, טייל־ווייז צוליב דעם וואָס דאָס קלויסטער־גאָטעסדינסט איז אויסגע־קומען צו זיין איר איינאַונאיינציקער טעאַטער, איצט, אַז זי האָט גע־לעבט אַזוי ווייט אַרוים פון דער וועלט. עס איז געווען אַ פיינער ספּעקטאַקל ווען די קירך־געמיינדע איז געשטאַנען און אַפּגעוואַרט איר אָנקומען, געזען איר קוטשער אַראָפּנעמען זיין היטל און העלפן איר אַרויסגיין פון איר קאַרעטע; געזען זי אַריינגיין דורך דער טיר און גיין אַרויף מיטן דורכגאַנג צווישן די רייען בענק גלייך אַרויף ביז דעם אָפּגעזונדערטן זעגלפּאַס זיץ־פּלאַץ. די פאַרשטעלונג איז פאָרגעקומען יעדן זונטיק.

זי איז געווען דאַנקבאַר איר מאַן פאַר דעם מיטפילנדיקן

טראַכטן, וואָס ער האָט פאַרוואנדלט אויף דעם עלנטן הויז פון גאָט; אפשר האָט דאָס זי אַריינגעבראַכט אין אַ מיטטיילנדיקער, ריידעוודיקער שטימונג; זי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אים עפּעס, אַנצודייטן אויף אַ מעגלאַכקייט — אין דער אמת'ן, איז עס פּאַקטיש געוועזן אַ זיכערקייט, זי האָט געקאָנט ריידן וועגן דעם איצט —

ער דרייט זיך מיט אמאָל אוים צו איר און קוקט אויף איר, קוקט בלויז. זיינע אויגן צינדן זיך אָן; זיין קערפּער ציטערט. מיט איבעראַשונג; זיכער נאַרן אים זיינע אויערן אָפּ, עס איז אומגלויבלאַך. וואָס — נאָך אַזוי פיל יאָרן פון פאַרהייראַטן לעבן — הערט ער גוט?

זיין ווייב שאָקלט מיטן קאָפּ און ענטפערט יא, עס איז אמת, און אָט דאָס איז עס געווען, וואָס עס האָט זי געמאַכט אַזוי אויפגערעגט ביי דער מיל גרעבליע יענעם טאָג.

— אויפגערעגט? דו? וואָס רעדסטו — ?

— גוט, נו, איך מיין נאָר — אָבער וואָס זאָגסטו צו דעם, איצט אַז אַזוי איז עס? איך האָב ניט געקענט זאָגן באַשטימט פריער, נאָר איצט קאָן איך.

— זיי געבענשט — כ'מיין צו זאָגן — הם — דאָס גרעסטע געשעעניש אין מיין לעבן, אַדעלהייד, דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז איך בין ניט געווען צופרידן מיט דעם, וואָס דער קלויסטער דאָך פאַלט איין.

— ניין, פאַרגיב מיר —

— הער אויף! דו רעדסט נאָך, אין אַזאַ רגע ווי די. אַ לאַנגע — אין קורצן —

ער וואָלט געוועזן געקאָנט איינזינקען דורכן דיל, זיין פאַרלוירנקייט האָט אים געבראַכט צו דער טיר; ער האָט זי געעפנט און אַרויס געגאַנגען. ער האָט זיך געזאַמט אַ לאַנגע צייט. זיין ווייב האָט אים געהערט אַרויפגיין אין דער ביבליאָטעק און דאָרטן אַרומשפּאַנען אין צימער. דערנאָך איז ער געקומען צוריק.

— פאַרגיב מיר, נאָר איך קאָן זיך ניט באַפרייען פונם קלויסטער. עס איז אַ פראַגע צי דער גאַנצער בנין וועט ניט — איך מיין אין דעם קומענדיקן שטורם — עס איז געפערלאַך. און חוץ דעם, איז עס אַ שאַנדע פאַר אונדז, פאַרן גאַנצן מאַיאָנטעק. ווען דו וואָלסט עס איבערגעלאָזט צו מיר — איך פאַרשטיי זיך אַביסל אויף צייכענען — וואָלט איך אָנגעוואָרפן אַ פּלאַן פאַר אַ נייעם קלויסטער

און דו וואָלסט אים געקאָנט דורכפירן. דו האָסט געגוג געהילץ, דו האָסט געגוג בוי־מייסטער, סעיוועריז, בערטל פון סאַגוויקאַ, אַל יאַהאָן. געדענק מיינע רייד, אין די קומענדיקע מערבדיקע שטורם־ווינטן — חוץ דעם, קאָן מען עס מער ניט לאָזן אַזוי; מיר זיינען ניט מער בלויז אינצווייען, אינגיכן וועלן צוקומען נאָך. וואָס דיינקסטו ? פאַרשטייט זיך אַז איך וועל אין זינען האָבן די אַקוסטיק פאַר דיין געזאַנג. אַ פרייען דורכגאַנג פאַר דיין שטימע זי זאָל געהערט ווערן פון דיין זיץ־פּלאַץ איבערן גאַנצן קלויסטער. אויב דו וועסט מיר דערלויבן צו שיקן אין צפון נאָך דער נויטיקער טעכנישער הילף פאַר אונדזערע אַרבייטער —

— יאָ, אַ דאַנק ווילאַטע, אויב דו קאָנסט עס אויספירן צו טון.

— אויספירן ? ס׳וועט מיך קאָסטן מער ניט ווי איין וואָרט.

און איצט לאָז מ י ך דאַנקען ד י ר פאַר — אַלצדינג !

ווידערשטאַנד האָט געפירט דערצו, אַז אַט אַ דער מאָן זאָל זיין קאַלט, אָבער אַצינד איז מער ניט געווען קיין ווידערשטאַנד. דאָס איז געווען עפּעס נייס, אַ שטיק גוטער מזל, אַ ברכה. מיט אַט דער פּאַסירונג האָט ער פאַרבונדן אַ מאָדנעם באַגריף וועגן עשירות, וועגן אמתדיקן ריוח — וואָס איז געווען די פאַרבינדונג ? און זיינע שוועסטער וועלכע ער האָט ניט געזען פון יענער צייט אָן ווען זיי זיינען געוואָרן אַזוי שוועדיש און זיין מוטער, וועלכע האָט ניט געקאָנט לעבן אין געענגטע אומשטאַנדן, און איז אַוועק — וואָס וואָלט זי געזאָגט איצט ! אמת זי האָט פאַרלאָזט די שיף ווי אַ מויז, און די שיף האָט ניט געזונקען.

דער לייטענאַנט האָט אַראָפּגענומען זיין פינגערל און עס צוריק אָנגעטון אויף זיין רעכטער האַנט וואוהין עס האָט געהערט; אַ שטיק צייט האָט ער עס געטראָגן אויף דער לינקער האַנט. אַט דער איי־בערבייט פון זיין פינגערל אויף אַנאַנדער האַנט האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ער האָט געטראַכט טיף און געוואָלט זיך אַליין דערמאָנען וועגן דער אָדער יענער וויכטיקער זאַך. ס׳איז אַלעמאָל געטון געוואָרן אַזוי שטיל, אַז עס זאָל ניט באַמערקט ווערן; קיינער האָט ניט געוואוסט צוליב וואָס ער טוט עס, נאָר אפשר האָט ער אַליין געוואוסט.

II

דער לייטענאַנט פאַלט אַריין אין אַ מאָדנער רגילות; ער נעמט אַראָפּ זיינע שטיוול און טוט אָן שטעקשיך ווען ער דאַרף אַרויפגיין

אויפן צווייטן עטאזש. אבער דאן, פארשטייט איר מיך, זיינען זיי דאך שוין ניט געווען נאר אין צווייען אליין, זיי זיינען שוין געווען כמעט אזוי גוט ווי אין דרייען; האט ער געקאנט זיך דערלויבן ארומצושפאנען צווישן די הומאניסטן אין זיינע שטיוול, ווען זיין פרויס ציכערן זיינען געווען פונקט פון אונטן ? צווי גרויסע רייען שטיינערנע מירעפ זיינען געווען אין זעגלפאס. דער מאן און די פרוי האבן נאך פון די פריסטע צייטן אן געהאט זיך יעדערער א באזונדערן אריינגאנג. דער לייטענאנט האט זיך איצט באנוצט מיט דער געלע־גענהייט צו אונטערזוכן גרינטלאך זיין פרויס אריינגאנג און צו פארפעסטיקן אויפסניי די שפאלטן דארט, וואו די שטיינער זיינען געווען לויז. ווען די פרעסט זיינען אנגעקומען האט ער אויך געזען אז די טרעפ זאלן געהאלטן ווערן ריין פון אייז.

ער האט אבער אויפגערעגט די פרוי אויף אזוי פיל, אז זי האט זיך פארקרימט מיט אומגעדולד:—דו וואלסט געקאנט געפינען צו טון עפעס מער נוצלאכעס, — האט זי געזאגט. — דו האסט דאך א סך ארבעטער ביי דער גרעבליע.

— זיי ארבעטן, — האט ער געענטפערט. זיי פירן שטיינער און בויען ווענט. זיי וועלן אינגיכן זיין פארטיק. דאס דערמאנט מיך, אז דיינס א פערד האט מען איינמאל באנוצט צו דער ארבעט.

— נאך וואס האט מען עס געטון ?

— ס'איז געווען קענן מיינע באפעלן, אן מיין וויסן, און דאס פערד איז געווארן געליימט.

— נאטירלאך.

— איז קאנסטו עס מער ניט באנוצן צום פארן אין קלויסטער.

זי האט געהאלטן את ביים אויספלאצן, נאר זיך צוריקגעהאלטן.

— ס'איז א רחמנות ! — איז געווען אלץ, וואס זי האט געזאגט. — אויב אזוי וועל איך גיין צופוס.

אויף אזא אויסוועג פון דער שוועריקייט האט ער זיך ניט געריכט. ער האט געהאפט, אז זי וועט אינגאנצן אויפגעבן איר גיין אין קלויסטער, אויף יעדן פאל, ביז אלעס וועט אדורכגיין, ביז נאך דער געשעעניש. אים האט זיך גערוכט אז דער קלויסטער האלט ביים איינפאלן איצט מער ווי ווען ניט איז פריער.

— דו קאנסט נעמען אנאנדער פערד, — האט ער ניט גערן געזאגט.

— ניין, קיין אנדער פערד. ניין, א דאנק, איך וועל שפאצירן.

— נאר יעדנפאלס, — איז ער באשטאנען, — יעדנפאלס זאלסטו זיין פארזיכטיק. דער קלויסטער וועט צוזאמענברעכן אין איינעם פון די טעג, יעדער נייער שטורם מאכט אים מער אומזיכער, א בייזער אומגליקפאל קאן פאסירן.

— ביסט אזוי שרעקעדיק, ווילאמיץ, שטענדיק אזוי שרעקעדיק.

דער אמת איז געווען, אז די פרוי איז געקומען צום באשלוס. צוליב געוויסע קליינע פירונגען פון איר מאן, אז ער איז ניט געווען קיין צו געוואגטער, אז, אום ניט צענויפצומישן איינס מיט צווייטן, אז ער איז געווען א שטיקל פחדן. אין די לעצטע עטלאכע חדשים האט זי ניט אלעמאל זיך געגומען די מי צו פארבאהאלטן אט דעם חשד. פארוואס האט ער כמעט אלעמאל געריטן פאמעלאך מיט א שפאציר טראט ? פארוואס האט ער זומער צייט אויסגעמיטן די משוגענע בריק איבערן מיט־שטראם יעדעס מאל ווען ער האט נאר געקאנט אריבער מיט'ן פיארד ? עס מוז זיין עפעס אן אורזאך פאר דעם.

ער איז ביסלאכווייז געוואוינט געווארן צו זיין פארדעכטיקט. מעגלאך, אז זיינע געפילן זיינען געווארן טעמפער: עס האט ניט אויסגעזען ווי דאס זאל אים פארביטערן דאס לעבן. נו, פארשטייט זיך אז די אורזאך האט געקאנט זיין דאס, וואס דער לייטענאנט האט געקאנט טראכטן אומגעשטערט ווען ער האט געריטן פא־מעלאך מיט א שפאציר טראט און ווען ער איז געפארן ארום און ארום מיטן פיארד איז זיין געדאנק געווען, אז דאס פערד זאל זיך קאנען אפבאדן. נאר די אורזאך האט אויך געקאנט זיין די, וואס דער מאן איז געווען א פחדן.

* * *

דער לייטענאנט האט געביטן זיינע קליידער און אוועקגעריטן צום פאסטאר. ער האט געריטן מיט א גוטער שליחות — צו דער־ציילן אים וועגן דעם נייעם קלויסטער, וואס האט געזאלט אויפגע־בויט ווערן. זיינע ארבעטער האבן שוין פארטיק דאס געהילץ און שוין צענויפגעפירט שטיינער אויפן ארט, אויפזעער זיינען שוין אנגעקומען פון צפון, די ארבעט האט זיך איצט געקאנט אנהויבן.

עס איז געווען דערזעלבער פאסטאר, ס. פ. ווינדפעלד, וועלכער האט שפעטער אנגעשריבן די געשיכטע פון דעם נייעם קלויסטער אין זעגלפאס. ער שילדערט דעם לייטענאנטס דאמאלסטיקן אויסזען, ווען ער איז געווען ארום די פערציקער: מאגער, נאר זייער גוט גע־

שטאַלטעט, מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, אַ לאַנג, רייןּגעגאָלט פּנים מיט גרויע אויגן, אַן אָדלער־נאָז און אַ בלוילאַכער קין. זיינע האָר. געפּלעקט מיט גרוי, זיינען געווען זייער פּאָרזיכטיק צעטיילט מיט אַ שרונט אויף דער רעכטער זייט און פאַרקאַמט פאָראויס־־צו לעבן די אויגן. זיינע הענט זיינען געווען לאַנג און דין, און ער האָט געטראָגן ניט קיין געגאַבלטע לעדערנע הענטשקעס. זיין גאַרניטער איז באַשטאַנען פון אַ בלויען ראָק און געלע רייט־הויזן, און איבער דעם אַ שווערע מיליטערישע פּעלערינע צוגעפּאַסט צו דער צייט פון יאָר. אַ חוץ דעם פינגערל אויף זיין רעכטער האַנט און אַ זייגערל און קייטל, מיט אַ גאָלדענעם באַנד, האָט ער ניט געטראָגן קיין אַנדער צירונג.

דער לייטענאַנט האָט אַנגעקלאַפּט און אַן וויטערדיקע פּניות אריינגעשפּאַנט צום פּאַסטאָר אין קאַבינעט. ער האָט מיט זיין געלן דין טיכל אָפּגעווישט דעם שטויב פונם שטול איידער ער האָט זיך אויף אים אַנידערגעזעצט. וויפיל פּאַראַכטונג ער האָט עס אין זיין העזה׳דיק הארץ פאַר דעם דאָזיקן גאַטס מאַן!

— מיין ווייב האָט באַשלאָסן, — האָט ער געזאָגט, — איך מיין — אונזער קלויסטער וועט איינפאַלן אין איינעם פון די טעג.

דער פּאַסטאָר ענטפערט עפּעס אויף דעם, אַז לײַדער איז עס אמת, דער קלויסטער ווייזט זיך אַרויס צו זיין — אונטערוואָרפן ווי יעדע ערדישע זאַך — זיך פאַנאַנדערצופאַלן —

— נאַרישקייטן! — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט. „מיין ווייב האָט דערפאַר באַשלאָסן צו באַנוצן אַ טייל פון איר געהילץ פאַר אַ נייעם קלויסטער“.

— ס׳איז באמת אַ —

— לאָזט מיך ענדיקן — און זי האָט מיך געבעטן צו לאָזן אייך וויסן וועגן דעם. דאָס איז מיין שליחות.

— אַ גרויסע וואוילטאַט פון אייך און —

— פון מיר? אויב איר זאָלט וועןּניט־איז דערלויבן זיך צו דיינקען, אַז איך האָב דאָס מינדסטע צו טון מיט דעם — מיט דעם פּראָיעקט, וועלן אייערע טעג דאָ זיין געציילטע. פאַרשטייט עס!

דער פּאַסטאָר ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער איז זיכער מיט זיין חיונה; נאָר זעענדיק דעם דאָזיקן מאַן אַזוי אויפגערעגט, ציט ער זיך צוריק אין שרעק. דער לייטענאַנט איז געוואָרן אינגאַנצן אויסער

זיך פון כעס, ער האָט זיך האַלב אונטערגעהויבן פון זיין שטול און געשטאַנען אויסגעבויגן פאַראויס־צו, גלייך ווי דער טויט.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און אַ ווײַלע שווער געאָטעמט, האָט ער אַ וואָרף געטון אַ צענויפגעוויקלטן פּאַפּיר אויפן טיש און געזאָגט:

— און דאָס איז דער פּלאַן, אויב איר ווילט אים זען.

דער פּאַסטאָר וויקלט פונאַנדער דאָס פּאַפּיר און רופט זיך אָפּ מיט אַן אומפרייוויליקער אַנטציקונג וועגן דעם שיינעם קליינעם קלויסטער.

— און זע! אַ טורם מיט אַ שפּיץ!

— מיין ווייב האָט עס גוטגעהייסן, — זאָגט דער לייטענאַנט אַלס אַן ענטפער, און נעמט צוריק די צייכנונג. ער וויקלט אויף אַ צווייט פּאַפּיר. — דאָס איז דער גרונט־פּלאַן, אויב איר ווילט אים זען.

דעם פּלאַן פאַרשטייט ניט דער פּאַסטאָר אזוי גוט און ער וואָלט מיט צופרידנקייט געפרעגט עטלאַכע פראַגן, וואָלט אַרומריידן אַביסל איינצלהייטן. פאַרלאָזנדיק זיך אויף גאָט, זאָגט ער:

— דער גאַנצער פּלאַן, אָבער וועט דאַרפן גוטגעהייסן ווערן. פאַרשטייט זיך?

— ניין.

די רעגירונג, דאָס מיניסטעריום — ?

— ניין.

דער לייטענאַנט וויקלט צענויף די צייכנונגען און לייגט זיי צוריק אַריין אין זיין קעשענע, דערנאָך זאָגט ער:

— אַז איר׳ט שרייבן, קאָנט איר דערמאָנען, אַז דער נייער קלויסטער וועט זיך איצט געפינען אין צפון זייט פון דעם בית־עולם וואו עס איז נימאָ קיין ליים און דער שטיין־שיכט איז נאָענט צו דער ערד־פלאַך. מיין ווייב גיט דאָס נייע אָרט.

דער פּאַסטאָר האָט געקאָנט זען, אַז דאָס איז אַ גוטע אידייע און ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער לייטענאַנט הויבט זיך אויף:

— מיין ווייב האָט אָנגעשטעלט געניטע אַרבעטער, די אַרבעט וועט זיך גלייך אָנהויבן.

— מעג איך, זאָגט דער פּאַסטאָר, „אין נאָמען פון דער קירך־

גמיינדע קומען באַדאַנקען אייער פרוי פאַר דער דאָזיקער זייער פריוויליקער מתנה?"

— אויב, — זאָגט דער לייטענאַנט, אַריבערקוקנדיק איבער זיין אַקסל אויפן פאַסטאַרס שטיוול, — אויב איר וועט קומען באַדאַנקען מיין פרוי, האָט זי איר אייגענעם אַריינגאַנג, די טרעפּ אין צפון־זייט. אַ גוטן טאָג.

ער איז אַרויפגעקראָכן אויף זיין פערד און אָוועקגעריטן מיט זיין געוויינלעכן טראָט.

און אַזוי ווייניק אַכט האָט ער געלעגט אויף דעם וואָס ס'איז נאָך וואָס פאָרגעקומען, אַז ער האָט זיך מיטאַמאָל פאַרנומען אויף אַנאַנדער וועג און אָוועקגעריטן אויספירן אַנאַנדער שליחות. דורכגעריטן די פעלדער אַרום זיינע געביידעם און דורכן וואַלד זיך פאַרנומען זיך צו דער גרעבליע.

דאָ איז די אַרבעט שוין געווען כמעט ווי געענדיקט; אינגאַנצן אַ נייע גרעבליע מיט אַ גרעסערן וואַסערפאַל ווי פריער, ווי אויך אַ קליין טייכל, וואָס האָט זיך געצויגן פונם טייך אַראָפּ צו דער אַלטער גרעבליע, אויף וועלכן ס'זאָל קאָנען שווימען דאָס געהילץ פונם וואַלד אויפן מאַיאָנטעק. דאָס איז געווען דעם לייטענאַנטס אַ גוטצוגעטראַכטער פּלאַן. ביז אַהער האָט מען דאָס געהילץ געדאַרפט שלעפּן איבערן שניי אין ווינטער דעם גאַנצן וועג אַראָפּ צום ים, איצט אָבער האָט די אַלטע גרעבליע געפּלאַצט און אויסגעגלייכט דעם וואַסערפאַל, און דאָס געהילץ האָט געקאָנט שווימען איצט גלייך אַראָפּ ניט צעברעכנדיק זיך אויף שטיקער.

דער לייטענאַנט האָט באַטראַכט די אַרבעט זיצנדיק אויפן פערד.

— מיר פאַרענדיקן אין צוויי טעג אַרום, — האָט ער געזאָגט צו די אַרבעטער.

— אין צוויי טעג אַרום? יאָ, יאָ! — האָבן די אַרבעטער געענטפערט און איינשטימיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

* * *

ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן איז די באַלעבאָסטע פון זעגלפאַס אַלט געווען אַכט־און־צוואַנציק יאָר, נאָך גאָר אַ יונגע פרוי, און מיט אַזאַ פיינעם פיזישן געבוי, אַז זי האָט אויסגעקוקט ווי באַשאַפן צוליב דעם צו זיין אַ מוטער. נאָר דער לייטענאַנט, נערוועז ווי געוויינלעך, האָט זיך אַזוי געשראָקן, אַז עפּעס זאָל חלילה

ניט טרעפן, אז ער האָט פּאַרזיכטיק באַוואָרנט אַלצדינג זאָל זיין גרייט.

עטלאַכע טעג פאַר וויינאַכטן האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין דינער מאַרטין :

— דו וועסט איינשפּאַנען די צוויי פערד, דאָס גרויע פּאָרל.

— יאָ.

— און זיי אַריבערפירן אין אַ שליטן קיין אורא — אויף דער אורא־פערמע, צום באַצירק־באַאַמטן.

— יאָ.

— ווען דו וועסט פאַרטיק ווערן זאָלסטו צוריקקומען צופוס.

— יאָ.

— דאָס אַלץ...

ערב וויינאַכטן איז מען אין זעגלפאָס פון גאַנץ פרי אָן געווען אָנגעגורט מיט שפּאַנונג און דערוואַרטונג. אַ פרוי וואָס האָט געטראָגן אַ שוואַרצן טשעפּטשיק איז אָנגעקומען מיט עטלאַכע טעג צוריק. די הויז־פירערן האָט גערעדט מיט איר ; ס'האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז די מאַדאַם איז זייער קראַנק.

שפּעטערצו בייטאָג איז דער לייטענאַנט געשטאַנען מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ אינם דורכגאַנג צווישן זיינע און זיין פרוים צימערן און גערעדט אַ ווײַלע מיט דער פרוי אין שוואַרצן טשעפּטשיק.

— אָבער, איך האָף אַז ס'איז ניטאָ קיין באַלדיקע סכנה ?

— ניין, נאָר — ניין, מיט גאָטס הילף, נאָר — איך האָב קיינ־מאָל פריער ניט באַדינט די פרוי און די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט —

— דער דאָקטאָר ? — האָט דער לייטענאַנט געפרעגט.

— יאָ, אויב דער דאָקטאָר איז נאָר אין דער היים.

— ער ווייסט פון פריער. איך קאָן אים האָבן דאָ היינט באַנאַכט.

דער לייטענאַנט האָט אַריינגערופן זיין דינער און אים באַפוילן גלייך איינצושפּאַנען דאָס ברוינע פּאָרל פערד בעת ער אַליין האָט זיך איבערגעטון אין זיינע רייזע קליידער. ווען אַלעס איז גרייט זעצט ער זיך אַליין אריין אין שליטן און פאָרט אַרום און אַרום מיט די זייטיקע וועגן כדי זיין ווייב זאָל ניט הערן די גלעקלאַך און ניט ווערן אומרואיק.

יאָ, ער פאָרט אַליין נאָכן דאָקטאָר.

ער פאָרט שנעל, ער פליט געשווינט, קומט אָן אין אורא, שפּאַנט

איין די גרויע פֿאַר פערד אין שליטן און פֿאַרט ווייטער. ער קומט אָן צום דאָקטאָר.

נו, וואָלט עס ניט געווען דער לייטענאַנט פון זעגלפאַס אליין וואָלט דער דאָקטאָר בעסער געבליבן אין דער היים די נאַכט.

ער וויל אים מכבד זיין מיט בראַנפן, מיט פאַרבייסנס, די הויז־פרוי קומט אריין און לייגט פֿאַר קאַווע מיט קיכלאך; דער לייטענאַנט באַדאַנקט זיי און ענטפערט אויף אלע כבודים : — איך בין נאָר געקומען נאָכן דאָקטאָר היינט.

איצט זיינען זיי אין שליטן, זיי ריידן ניט פיל אויפן וועג; זיי קאָנען זיך כמעט ניט. דער דאָקטאָר איז דער יונגער באַצירק מעדיקער אל ריאַיס. אין אורא שפּאַנט דער לייטענאַנט צוריק איין די ברוינע פֿאַר פערד וואָס האָבן געהאַט עטלאָכע שעה אָפּרו, און זיי פאָרן ווייטער.

זיי זיינען אָנגעקומען קיין זעגלפאַס צוויי אַ זייגער באַנאַכט. דאָס קינד איז שוין געווען געבוירן.

דאָס קינד, דער פערטער ווילאַטץ האָלמסען, איז געבוירן געוואָרן פונקט אין ווייגאַכטן, אין דער סאַמע נאַכט פון ווייגאַכטן. ס'איז געווען כמעט ווי אַ מופת. נאָר די מוטער איז געווען זייער קראַנק, עס האָבן אודאי געמוזט זיין שוועריקייטן, און דער יונגער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַווייזן וואָס ער האָט געקאָנט טון. ער איז געבליבן אין זעגלפאַס ביז איבער דער ווייגאַכטן וואָך; לסוף האָט מען אים צוריקגערופן אין הויפּט־ביורא, אז ניט וואָלט ער געווען פאַרבליבן דאָ לענגער. די פרוי האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו שעצן נאָכדעם ווי זי איז איבערגעקומען איר ערשטן ווידערווילן צו זיינע האָריקע הענט.

* * *

דער ווינטער האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, די מוטער איז געוואָרן צוריק געזונט און שטאַרק, און דאָס קינד איז געוואָרן עלטער פון חודש צו חודש. אלעס איז געגאַנגען גוט. אמת די פרוי איז געוואָרן אביסל דינער, און איר נאָז האָט אויסגעזען צו זיין אביסל לענגער. נאָר זי איז געווען צופיל פאַרנומען צו קאָנען טראַכטן פיל וועגן איר אייגענעם אויסזען איצט. זי האָט געהאַט דאָס קינד. און דאָס איז געווען געגונג; אַ פראַכטפולער יונג, מיט אַ געשריי ווי פון אַ נאַטור־כח, היציק, איינגעשפאַרט, און אַ, אזא זיסער. און איצט האָבן זיך אים אָנגעהויבן שניידן די ציין.

— ער וואָלט אין דער אמתן געדאַרפט געטויפט ווערן אין נייעם קלויסטער, נאָר — וואָס דיינקסטו, אַדעלהייד?

די פרוי ענטפערט, אַז דער געדאַנק געפעלט איר.

אַ, וויפיל ווייכער און פאַרשטענדיקער זיין ווייב איז געוואָרן איצט — אַ גאַנץ ליבנסווירדיקע נשמה. ווען קאָן דער קלויסטער זיין פאַרטיק?

דאָס האָט מען ניט געקאַנט זאָגן גענוי. אינמיטן איבעראַיאַר ווינטער. דער שטיין געבוי פאַרן פונדאַמענט איז שוין געווען גע־ענדיקט; די ציגל זיינען שוין אָנגעקומען פון דער ציגעלניע.

יאַ, דער שטיין געבוי אָבער איז געווען אַ קליינער ענין. דער לייטענאַנט איז געווען גערעכט אין דער אויסרעכנונג, אַז אַזוי ווי דער קלויסטער האָט געדאַרפט שטיין אין צפון זייט פונם בית־עולם, האָט מען כמעט ווי גאָר קיין שטיין געבוי ניט געדאַרפט האָבן אויף אויסצוגלייכן דאָס אָרט. דער שטיין־געבוי איז געווען פאַרטיק אין הערבסט; דאָס איז געווען אַ קליינער באַטרעף. און די ציגל, זיי זיינען אויך געווען אַ קליינער באַטרעף. איצט דער בנין!

מיטן ערשטן שפּראָץ אויף פרילינג האָט זיך די אַרבעט אָנגע־פאַנגען, און וואָך נאָך וואָך איז פאַרגאַנגען. דער בנין האָט זיך געהויבן העכער און העכער; מ'האָט שוין געהאַלטן אַריבער די פענסטער. אין איינעם אַ וואָכעדיקן טאָג איז דער פּאַסטאָר געקומען: ער האָט געקראָגן אַ בריוו, האָט ער געזאָגט, אַז די רעגירונג וויל זען די פּלענער.

— אַזוי? — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט. — מ'באַנוצט זיי צו דער אַרבעט.

— די רעגירונג וויל מ'זאָל די אַרבעט אָפּשטעלן ביז די פּלענער וועלן גוטגעהייסן ווערן, — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט מיט זיינע מילדסטע טענער.

— ווירקלאָך. — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט.

ער האָט פאַר דער רעגירונג געהאַט דעם נויטיקן דרך ארץ: אי זיין דערציאונג אי זיין אויסבילדונג, ביידע האָבן אים דורכגע־דרונגען מיט געהאָרכזאַמקייט צו די עלטערע איבער אים. דאָ אָבער האָט ער אַרויסגעוויזן זיין עקשנות; ער וועט ניט אַוועקגעבן די צייכנונגען.

ווען דער קלויסטער איז שוין געווען געדעקט מיטן דאַך און

דער טורם איז שוין געווען האלב־פארטיק איז דער פאסטאר גע־קומען נאכאמאל און געבעטן די פלענער פאר דער רעגירונג.

דער לייטענאנט האט ארייגערופן זיין הויפט־מייסטער און געפרעגט:

—דארפט איר נאך האבן דעם גרונט־פלאן?

— ניין.

— גיט עס דעם פאסטאר.

דאס איז פארשטייט זיך פשוט געווען א געלעכטער — דער גרונט־פלאן פון א קלויסטער שוין פארטיק! און דער פאסטאר זייענדיק ס. פ. ווינדפעלד און ניט קיין שטומע שאף, זאגט עס אונדז אליין, אז דאס האט אים פארדראסן. עס איז אמת, אז ער האט געהאט צו טון מיט דעם מאן וועמעס פרוי האט געשענקט דער געמיינדע א נייעם קלויסטער, דעם לייטענאנט ווילאטץ האלמ־סענס הערשערישע באנעמונג אבער איז שוין געגאנגען צו ווייט.

— גיט איר מיר נאר דעם גרונט־פלאן אליין? — האט ער געפרעגט.

— מיר קאנען ניט אוועקגעבן דעם אנדערן פלאן, —האט דער לייטענאנט געענטפערט. — איך האב געוויסע אויסרעכענונגען אין אים.

דאן האט דער פאסטאר צענומען א גרויסן בריוו, וואס ער האט געהאלטן אין זיין האנט און געזאגט:

— עס איז מיין פליכט צו לאזן אייך וויסן, אז די רעגירונג פאדערט, אז די ארבעט זאל גלייך אפגעשטעלט ווערן.

— ווירקלאך, — האט דער לייטענאנט געזאגט.

אויפן קלויסטער און אויפן טורם האבן די האמערס געקלאפט ווייטער אומאונטערבראכן; אויף קיין איין רגע האבן זיי ניט אויפגעהערט, און דער פאסטאר האט געמוזט אוועקפארן מיטן גרונט־פלאן אליין.

דער קלויסטער איז געווארן פארענדיקט און געשטאנען דארטן ווי א קליינע צירונג באם ראנד פונם וואלד; נאר איידער דער קלויסטער איז געווארן אויסגעשטאט איז כמעט דער גאנצער ווינטער שוין געווען באלד פאריבער. מיטן ערשטן פרילינג־שיין נאך פאסכע האט דער לייטענאנט געלאזט דעם נייעם קלויסטער שיין דעקארירן אינווייניק און פון דרויסן מיט בילדער און איינגעשריבן זיין ווייבס נאמען אויף א באגילדעטן פארמעט.

די ארבעט איז געווען פארענדיקט.

און איצט האט דער לייטענאנט געשיקט האלפלאפ פעטערן מיט א בריוו צום פאסטאר לאזענדיק אים וויסן, אז דער קלויסטער איז פארטיק: „זיין ווייב האט מיט אירע אייגענע מאטעריאלן, דורך אירע אייגענע ארבעטער און אויף איר אייגן לאנד אויסגעבויט א קלויסטער ; די רעגירונג האט גארניט וואס צו טון מיט פרוי אדעלהיידס פריוואט אייגענטום. זי שענקט איצט דעם קלויסטער און דעם באדן דער גאנצער געמיינדע. די רעגירונג קאן באשטימען צי די מתנה זאל אנגענומען ווערן צי נים. דער פלאן געפינט זיך דא ביילייגנדיק".

ער האט געווארט וואכן; קיין ענטפער איז נים געקומען. ער האט געשיקט א צווייטן בריוו צום פאסטאר, מיט דער ידיעה אז אויב דער קלויסטער ווערט נים אנגענומען און געהייליקט אין משך פון פיר — 4 — וואכן פון היינט, וועט דער לייטענאנט און זיין ווייב פארן קיין טראנדהיים אום דארטן צו טויפן זייער קינד. און אין דערזעלבער צייט וועט די ביישטייערונג פונם זעגלפאס גוט אויפצוהאלטן דעם קלויסטער־דינסט רעדוצירט ווערן אויף דער סומע, וואס איז באשטימט געווארן פונם געזעץ.

דאס האט געשליכטעט דעם עסק. דער בישאף קראג אליין איז ארונטערגעקומען צו דער קירך געמיינדע און פארמעל אקצעפטירט דעם קלויסטער, אים געהייליקט און געטויפט דאס גרויסע אינגל. עס האט באקומען די נעמען ווילאטץ ווילהעלם מאריטץ פאן פלאטץ האלמסען.

III

נאר צו וואס פארבארגען דעם אמת ? — די פארהעלטנישן בא זיי זיינען געווען ווייט פון דעם ווי זיי האבן געדארפט זיין צווישן מאן און ווייב אין זעגלפאס. זייערע שטרייטן האבן אויפגעהערט בלויז אויף א קורצער צייט באם קינדס געבורט ; מיט דער צייט האבן די שטרייטן צוריק אויפגעלעבט, און אצינד האבן זיי ווידער געבלים. וואלט דער לייטענאנט אלס א דערוואקסענער מאן נים געווען בעסער געטון ווען ער זאל געווען פארשווייגן די קלייניקייטן, וואס האבן אים אזוי שטארק געערגערט איידער זיי מאכן נאך ערגער ? אזוי אומגליקלאך, אזוי שלעכט געשטימט ווי זיי זיינען געווען איינער אין דעם אנדערנס אנוועזנהייט, די דאזיקע מאן און

ווייב, ס'איז גענוג געווען צו טון א לאך אדער א וויין. „מ י י ן זון", האט זי געזאגט; און דאס האט אים אויפגערעגט. „מיין קליינער מ א ר י ט ץ", פלעגט זי א זאג טון; דאס האט אים ווידער געערגערט, און ער האט געענטפערט:

— ער הייסט ווילאטץ, אזוי ווי זיינע אבות.

— יא, אבער זיין נאמען איז אויך מאריטץ.

—ניין. כמעט ווי נים.

— יא, אבער ווען ער וועט גרעסער ווערן און איך וועל רופן „ווילאטץ" קאן נים דער נים ריכטיקער ווילאטץ נאך אמאל ארויס־קומען?

— ווען, — האט איר מאן בייסיק געענטפערט, ווען דו וועסט זאגן ווילאטץ, וועט מיין נאמען־טרעגער און איך זיכער פאר־שטיין נאך דיין טאן וועמען פון אונדז דו מיינסט.

זיין ווייב האט נאכאמאל געלאכט און געזאגט:

— יא, דאס איז נים אויסגעשלאסן — ווייל איך טראכט וועגן דעם. דו ביסט געווען אזוי גוט אויף צו קריגן א ניי דינסטמיידל צו העלפן דער הויז־פירערן. זי איז, דיינק איך, פון איינעם פון די בארג־שטיבלאך; זי איז יונג און שיין, זי הייסט מארסיליע. נאר זי ווייזט אוים צו זיין אביסל משוגע.

— זי איז אביסל משוגע?

— וואלסטו עס געגלויבט — זי גייט ארויף און אראפ דיינע שטיגן באנאכט.

שטילשווייגן.

— זי גייט ארויף שפעט אין אוונט און קומט ארונטער א צייט שפעטער. א היפשע צייט שפעטער.

שטיל שווייגן.

— ווי עס שיינט מיר, קוקט עס דיר גארנים אוים אזוי מאדנע ווי מיר, אז נים וואלסטו געזאגט עפעס.

— איך שווייג, — ענטפערט איר מאן, — ווייל דו ווילסט עס אזוי. אז נים וואלסטו זיך נים אנגעלייגט אזוי. דו מאכסט מיך צום נאר.

— מאך איך דיך צום נאר?

— כמעט. איך בין איבערוועלטיקט פונם פאקט, וואס איך בין געווען אזוי אומגעלומפערט אינ'ם אויסוואל פון א דינסטמיידל פאר

דער הויז־פירערן. טוט דאָס מיידל ניט איר ארבעט, אויב אזוי ?"

זיין ווייב ענטפערט ניט, זי טראַכט. ביידע טראַכטן, ביידע גרייטן זיך אויף נאָך א קלאַפּ. די פרוי ציט זיך צוריק פונם קאָנטעסט און פרעגט :

— ווילסטו מיר נאָך עפּעס זאָגן ?

— ניין — כ'האָב אַנגעקלאַפּט אין דיין טיר פאַראַכטאָגן ?

— איך בין געווען פאַרנומען. איך האָב דיך געבעטן די זאָלסט מיר אַנטשולדיקן.

— איך האָב געקלאַפּט אין דיין טיר מיט דריי וואָכן צוריק. איך האָב געקלאַפּט היינטיקס יאָר, פאַראַיאָרן. איך האָב זיך גע־בעטן צו רעדן מיט דיר עטלאַכע מינוט.

— איך האָב דיך געבעטן דו זאָלסט מיר אַנטשולדיקן יעדעס מאָל.

דער מאַן שאָקלט מיטן קאָפּ און בלייבט שטיין שטיל.

— און איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר אַנטשולדיקן **א י צ ט .**

זאָגט זיין ווייב כדי צו פאַרניכטעווען דעם ענין, און קוקט אויף אים. ער האָט זי מיספאַרשטאַנען. וואָס איז ער נאָך געשטאַנען דאָרטן ? ער האָט זיין ווייב געמאַכט אומרואיק. אפשר האָט זי זיך נעשראָקן פאַר עפּעס, זי האָט אים געוואָלט פאַרלויפן דעם וועג און דערפאַר האָט זי געזאָגט : — איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר אַנט־שולדיקן !

דער מאַן לאַכט דאַן. „כאַ־כאַ", זאָגט ער. עס איז א פלאַכער קלאַנג, זיין מויל עפנט זיך; זיין גאַרגל ציט זיך צענויף, א געלעכ־טער וויקלט זיך ארויס. דערנאָך גייט ער — גייט ארויס פון הויז. אריבערן הויף אין שטאַל אריין, נעמט זיין פערד און רייט אוועק. אָט דאָס איז וואָס דער מאַן טוט.

ווי זיי צאַפּלען זיך ביידע אין דער נעץ ! די פרוי צאַפּלט זיך אויך. זי קאַן ניט פילן קיין גרוים ליבשאַפט צו דעם מאַן, וואָס איז נאָר וואָס ארויס, קאַן מער ניט ארויסווייזן קיין איבעריקע צערט־לאַכקייט צו אים, אזוי ווייזט עס אויס, ס'איז אומפאַרשטענדלאַך: איז ער ניט איר מאַן, און דאַרף ניט א ווייב ליב האָבן איר מאַן ? ס'איז א שיינער ארויסקוק פון איר פענצטער; שטייט זי דאָרטן און קוקט ארוים ביז ער רייט אוועק — דאַן ווייזט זי אוים צו פילן זיך זיכערער. א שליסל שטעקט אין איר טיר, זי וואָלט אים אפשר

ניט אויסגעביטן אויף קיין גאָלדענעם שליסל; זי איז געוואוינט צו נוצן אים, צו דרייען אים אויף דער אינווייניקסטער זייט פון דער טיר.

אַלעס איז אַזוי מאָדנע. וואָס האָט ער איר געטון? איז עס געווען דאָס פארהייראַטע לעבן אַליין, וואָס איז איר געווען אָפּשטויסנד, די אינטימקייט, דאָס אומאָנשטענדיקע פון דעם? אפשר זיינע לאַנגע הענט, זיין אָטעם?

זי זעצט זיך בײַ איר שרייב־טיש און שרייבט: דאָס זיינען רעפלעקסיעס, נאָטיצן — ס׳איז אַ טאָגבוך. זי בלעטערט די זייטלאַך און צערטלט די פּעק. ערטערווייז האָבן זיך נאַרוועגישע ווערטער על פּי טעות פארמישט אין איר דייטש; דאָס פארדריסט איר, נאָר זי וועט ניט פארפלעקן איר טאָגבוך מיט אויסבעסערונגען. דאָס זיינען געווים בלתי ספק ניט מער ווי אַלטעגלאַכקייטן, וואָס זי נאָטירט. קליינקייטן אַזעלכע, וואָס קענען טרעפן מיט אַ פאַלקאָוניקס אַ טאָכטער ווי זי איז; נאָר עס אינטערעסירט איר אפשר צייטנווייז צו בלעטערן די זייטן, איבערצולייענען זיי נאָכאַמאָל און אויפוועקן אויפסניי אַן אַלטן אָפּקלאַנג אין זיך.

אַ ווײַלע שפּעטער שטעלט זי זיך צוריק אויף איר פּלאַץ בײַם פענצטער ווידער. צי זען צי אימיצער קומט ניט אַן פונם באַרג אַראָפּ, אפשר האָט ווער זיך אומגעקערט צוריק — און דערנאָך לאָזט זי זיך, אונטערזינגענדיק, גיין צו איר קליינער מאָצאַרט־פּיאַנאָ און זעצט זיך אַוועק לעבן איר.

זעצט זיך אַוועק לעבן גליק.

איז עס ניט געווען זי, וואָס האָט פאַרלאָזט אַן אַריסטאָקראַטישע היים אין דער גרויסער שטאָט האַנאָווער און זיך באַגראָבן אַ לעבעדיקע דאָ אין זעגלפאָס? בײַ איר איז עס געווען דער שלים׳מזלדיקער, בלינדער קעניג, וואָס האָט איר אַמאָל געזאָגט אין אירע מיידלשע יאָרן: „איך קאָן הערן פון דיין שטימע ווי שיין דו ביסט, מיין קינד!“ איר שטימע, יאָ, אמת, זי איז געווען שטאַרק און זיס, און רייך: זי זינגט די לידער פון איר היימלאַנד, איר הארץ איז איבערפילט. אַ שטאַרקער רעזאָנאַנס שלאָגט אָפּ פון איר שטימע. דער אַקאָמפּאַני־מענט גיסט זיך ווייך צענויף מיט אים, זי פאַרוואָרפט דעם קאָפּ אויף אַ הינטער, זי וויגט זיך הין און צוריק —

מיטאַמאָל הערט זי אויף און אײַלט אַוועק דורך צוויי צימערן, צום קינדער צימער, צום קינד.

אין משך פון דער צייט האָט די סצענע זיך אָפּט איבערגעחזרט. די דינסטן אין קיך האָבן זיך צוגעהערט צו איר זינגען, זיי אַליין: זיי פלעגן עפּעס עפענעך עטלאַכע טירן כדי זיי זאָלן זי קאָנען הערן בעסער. אין גאַנצן הויז איז מער ניט געווען קיינער, וואָס זאָל האָבן גע־עפנט די טיר און זיך צוגעהערט, אין דעם איז די פרוי געווען זיכער. האָט זי זיך געטראָפן מיט איר מאַן נאָר ביי די מאָלצייטן, און מיט קיין שכנים האָט זי ניט פאַרבראַכט. דער אַלטער גוט־באַזיצער קאָלדעווין און זיין ווייב האָבן נאָך געדענקט זעגלפאָס ווי עס איז געווען אין די צייטן פון זיין פריערדיקן האַר. איינמאָל אַ יאָר זיינען זיי געקומען צופאָרן פון זייער גרויסן אינדזל און דאָ פאַרבראַכט אַ וואָך צייט; דאָס איז געווען כמעט אַלץ. דאָס איז כמעט געווען די גאַנצע געזעלשאַפט וואָס זי האָט געהאַט דאָ. און חוץ דעם האָט פרוי אַדעלהייד געשלונגען אירע דייטשע צייטונגען און באַקומען אירע דייטשע בריוו — נאָר ס'איז ניט געווען קיין לעבעדיק קול אין זיי.

* * *

און טאָג נאָך טאָג האָט דער לייטענאַנט פאַרגעזעצט זיין געלאַסענעם אַרויספאָר, זיין לאַנגן, טעגלאַכן מאַרשרוט. זיינע פאַכטערס און פויערים האָבן געוואוינט איבער דער גאַנצער לייננ פון שפּיץ באַרג אַראָפּ ביז צום ים־ברעג און ער איז אַרונטערגעפאָרן גלייך צו די פישער־שטיבלאַך לעבן ים. דאָרטן איז ער געזעסן רייטנדיק אויפן פערד און זיך צוגעקוקט צו זייער אַרבעט און זייער לעבן, און געקוקט אויף זייערע מיידלאַך. דער לייטענאַנט איז באַיין אופן ניט געווען קיין האַרצלאָזער מענטש; ווען־ניט־ווען פלעגט ער העלפן אַ מיידל אָנקומען דינען אין הויף, ווען־ניט־ווען פלעגט ער אַרויסהעלפן אַ היגן פויער מיט אַ זאַק קאַרטאָפליעס און חזיר־פלייש.

ער בויגט זיך אָן אויף אַ זייט פונם זאָטל אַראָפּ און קלאַפּט אָן מיט זיין בייטשל אין אַ פענצטער. דאָ וואוינט דער פישער לאַרס מאַנילסען. דער פישער קומט אַרויס און גריסט זיך; דער טיר אַריינגאַנג הינטער אים איז פול מיט פנימער. הינטער אַלעמען שטייט דאָס ווייב זיינס מיט צענויפגעלייגטע הענט אויף איר בוזים ווי זיך וועלנדיק באַהאַלטן הינטער אים.

— איר פאָרט אַרויס פישן די טעג ? — פרעגט דער לייטענאַנט.

דער פישער שאָקלט הכנעהדיק דעם קאָפּ.

— ס'איז גאָרנישט נישטאָ וואָס צו פישן איצט, מיין האר, גלויבט מיר.

— איך דאַרף האָבן עטלאַכע אַרבעטער לעבן טייך. איר קאָנט מיטנעמען נאָך אַ פּאָר מיט אייך און האַלטן די גרעבליע ריין.

— יאָ, איר ווילט שוין אָפּריייניקן די זאַוואַלעס ? ס'איז אַ גרויסע פאַרפּלייצונג איצט אין טייך ?

— נו, מיר הויבן אָן קומענדיקן מאָנטיק — ווער איז דער לאַנגער בחור, וואָס שטייט דאָרטן ?

דער? דאָס איז מיין זון. פאַרוואָס ווייזסטו נישט אַרוים דיין דרך ארץ, לאַרס ? — ער הייסט לאַרס. ער איז קאָנפירמירט געוואָרן פאַראַיאָרן און געווען נומער צוויי, אַזוי אַז קיין שכל פעלט אים נישט, נאָר וואָס האָט ער פון דעם.

— איז יענע דאָרטן אייער טאָכטער ? וואָס פאַר אַ נוצן האָט איר פון אַ דערוואַקסן מיידל אין דער היים ? צו וואָס האַלט איר אַזויפיל דערוואַקסענע קינדער אין דער היים ?

— זיי קאָנען נישט אַרוים אויף דער וועלט. וואוהין זאָלן זיי גיין ? און וואו זאָלן זיי נעמען אָנשטענדיקע קליידער פאַר זיך ?

— נאַרישקייטן ! — זאָגט דער לייטענאַנט. — ער הייסט לאַרס, זאָגט איר ?

— דאָס אינגל ? יאָ ! ער איז אַ קללה אויף מיין קאָפּ, ער וויל גאָרנישט נישט טון נאָר לייענען. גאָט האָט אים געשענקט גוטע גרויסע הענט, נאָר ער טוט גאָר נישט נישט מיט זיי און פאַרדינט גאָרנישט.

— האָסט ליב ביכער ? — פרעגט דער לייטענאַנט.

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט, לאַרס ? — האָט זיין פאָטער סטראַשענדיק אויסגערופן.

לאַרס האָט זיך צעגויפגעדרייט און אויסגעשטשירעט נאַרישע־וואַטע די ציין און נישט געקאָנט אַרויסריידן קיין איין פאַרשטענדלאַך וואָרט.

דער לייטענאַנט פרעגט :

— זיינען דאָס אַלע אייערע קינדער ? אָט דאָס קליינע אויך ?

— יאָ, אַוודאי, — ענטפערט דער פישער. געוואָרן פינף יאָר פאַראַיאָרן הערבסט, ער הייסט יוליוס.

פּלוצלונג זאָגט דער לייטענאַנט :

— אַט דאָס מיידל דאָרטן קאָן קומען דינען אין הויף. ווי אַזוי הייסט זי?

— דאָווערדאָנאַ.

— דאָווערדאָנאַ?

— גיי ברייננ זיך אין אָרדנונג, דאָווערדאָנאַ, און שטיי ניט אַזוי יענעם גלייך אין פּנים.

— ווייז מיר דיינע הענט, — טוט דער לייטענאַנט פּלוצלונג אַ זאָג.

— דאָווערדאָנאַ איז פאַרשעמט געוואָרן ביז די סאַמע וואָרצלען פון אירע רויטע האָר, נאָר זי שטרעקט אויס פאַרטרויליך אירע הענט.

— קאָנסטו לייענען?

— קאָנסטו ניט עפענען דיין מויל, מויד? — שיסט אויס איר פאָטער. — זי לויפט דורך אַ בוך אַזוי ווי אַ הירש, ענטפערט ער פאַר איר. געווען נומער דריי ביי דער קאָנפירמאַציע.

— ניין, נומער פערצן, — זאָגט דאָס אינגל לאַרס, וועלכער האָט ענדליך געקראָגן לשון.

— נומער דריי, — זאָגט זיין פאָטער. — זיכער געדענקסטו עס אַליין, דאָווערדאָנאַ.

דער לייטענאַנט שאָקלט מיטן קאָפּ.

— מאַך זיך אַ פּאָר קליידלאַך און קום אַרויף אין הויף. איך וועל באַצאָלן פאַר די קליידלאַך. קום איבערנאָכטאָג זונטיק. לאָז מיך זען נאָכאַמאָל דיינע הענט. גוט, וואַש זיי גוט אָפּ. דאָווערדאָנאַ?

— יאָ, דאָווערדאָנאַ, — זאָגט איר פאָטער.

דער לייטענאַנט דרייט אויס זיין פערד און זאָגט:

— נו, איז קומענדיקן מאָנטיק נעמען מיר זיך צו דער גרעבליע.

דערנאָך האָט ער אָוועקגעריטן ווייטער, אַביסל איינגעבויגן, אַביסל נאַכלעסיק, אין זיין אָפּגעטראָגענער אוניפאָרם, נאָר פעסט און שפּאָרזאַם און אַראָבער־מעסיק, ווי ער וואָלט בייגעקומען יעדע שטער־רונג אויף זיין וועג.

יאָ, אודאי, ער האָט פאַרקויפט געהיליץ איצט, אויב ער האָט נאָר געקראָגן אַ גוטן מקח פאַר דעם; ער האָט עס צעזעגט אויף דיקע און דינע ברעטער אין זיין אייגענער זעג־מיל און אריינגע־קראָגן געלט. פאַרוואָס זאָל אַלעס ניט גיין גוט? דאָס לאַנד האָט גאָרנישט אריינגעבראַכט; ניין, געוויס ניט; אַ גרויסער מאַיאָנטעק

האט בלויז פאראַרימט זיין אייגנטימער סיידן ער האט פאַרמאָגט נענוג קאַפּיטאַל, נאָר ווען איינער האט געהאַט — און די ציגעלניע — אויף איר האט ער פאַרלוירן אַלץ ווייניקער און ווייניקער זינט זי איז געשטאַנען געשלאָסן. די מיל האט געמאַכט געלט, אַ קליינעס, דינעם שטראָם געלט. די מיל האט זיך באַצאָלט, מער ווי באַצאָלט אַריינרעכנדיק אַלץ, וואָס זי האט געמאָלט פריי פאַר אַנדערע פויערים. אַלעס וועט נאָך זיין גוט דאָ!

ווען ער וואָלט נאָר ניט געוווען געדאַרפט איבערבויען דעם קלויסטער — דאָס איז געווען אַ טייערער ביסן. יאָר נאָך יאָר איז פאַרגאַנגען זינט דער קלויסטער איז אויפגעבויט געוואָרן, נאָר באַם לייטענאַנט איז נאָך אַלץ פאַרבליבן מער פון איין אומאַנגענעמען זכר. אָבער דאָס געהילץ און דער וואַלד, דאָס איז געווען אַן אומ־געהויערע ברכה.

דער לייטענאַנט קומט אַהיים. עס הערט זיך אַ קלינגנדער גערויש. וואָס איז עס? טינג־אַ־לינג! זיין ווייב שפּילט אין פערדלאַד מיט איר זון אין הויף, אַנטרייבנדיק אים מיט לייצעס. עס איז אַ גרויסער שפּאַס; ביידע לאַכן און לויפן, כאַ־כאַ־כאַ! ווען דער לייטענאַנט קומט אָן הערט די שפּיל אויף און דאָס קינד הויבט אָן צו פישמשען. די דזיקע טרערן פאַרקלעמען דאָס האַרץ באַם פאָטער, נאָר ווען זיין מוטער זאָגט: „וויין ניט, טייערער מאַריטץ!“ ווערן דעם לייטענאַנטס ליפּן מיטאַמאָל פאַרדריקט און ער זיצט באַוועגלאָז אויף זיין פערד, און זאָגט גאָרנישט. ס'איז אָן ספק, אַז זיין ווייב האט גענוצט דעם נאָמען מ אַ ר י ט ץ, כדי צו ווייזן, אַז זי שטאַמט פון גרעסערן יחוס ווי ער, פון נאָבעלער בלוט, מאַ־ריטץ פאָן פלאַטץ.

— הם! — זאָגט דער לייטענאַנט. — אַט די גלעקלאַד — נעם זיי אַראָפּ פון אים!

— ס'איז נאָר אַ שפּיל, — ענטפערט זיין ווייב.

— אויף אַ ווילאַטץ האַלמסען טוט מען ניט אָן קיין גלעקלאַד אפילו אין אַ שפּיל.

— וואָס פאַר אַ מין וועזן דו מאַכסט פון דעם! — זאָגט זיין ווייב. — אויב איך דערלויב זיך, מעגסטו אודאי — קום, טייערער מאַריטץ, מיר'ן אַריינגיין אין הויז איצט.

יאָ, אַ קליינע צאַנקעריי האט נאָכאַמאָל אויסגעבראָכן, אַ פרישע רייבונג. וויפיל שטעך זיי האָבן עס איינער דעם אַנדערן דערלאַנגט

— שוין צופיל! געוויסע סצענעס וואָלטן געווען גאַנץ לעבערלאַך, יעדער זאַץ פול באַדעקט מיט שפּילקעס.

— אַ, זיי האָבן שוין אָנגעהויבן צו שפּילן אויף דער פּיאַנאָ אין הויז. די פרוי האָט געלערנט איר זון לייענען און שפּילן און צו זיין אַ כּסדרדיק פאַרגעניגן צו איר. אַמאָל פלעגן זיי אויך מאָלן מיט קאָלירטע בלייפעדערס, און אַמאָל האָבן זיי צוזאַמען געזונגען קליינע לידלאַך — אַלעס איז דעם אינגל אָנגעקומען גרינג. נו, אַרום און אַרום איז ער געווען אַ גליק פאַרן הויז, דער קליינער ווילאַטש אין זיין בלוי סאַמעטן רעקל מיטןברייטן אויסגעהאַפטענעם קאָלנער.

אַזוי אַז ווען דער לייטענאַנט איז געקומען צום מאָלצייט האָט באַם טיש וייטער געהערשט אַ לייכטע פריינטלאַכקייט און פאַר־זיכטיקע העפלאַכקייט.

קיין קריגן זיך מער, קיין שפּילקע־שטעך מערער. די קריגערייַ האָט אויפגעהערט צוליב מאַנגל אין ברענ־שטאָף. נאָר באַ די רואיקע מאָלצייטן באַם טיש האָט דער קליינער ווילאַטש מער ניט געהייסן מאָריטץ, ניין. זיין מוטער האָט אָדער אינגאַנצן אויסגעמיטן צו רופן אים ביים נאָמען, אָדער גערופן פּשוט ווילאַטש ווי עס באַדאַרף צו זיין. און אויס דאַנקבאַרקייט פאַר דעם האָט דער לייטענאַנט, פון זיין זייט, ניט גערופן אים מער אַלעמאָל „ווילאַטש". אָנשטאָט דעם האָט ער געזאָגט, „מיין טייערער", „מיין אינגעלע" אויסלאָזנדיק זיין נאָמען.

נאָר דאָס האָט ניט געמיינט אַז דער לייטענאַנט האָט נאָכגעגעבן אין וואָס־ניט־איז. ער האָט גיך אָפּגעשניטן מיטן נאָמען מאָריטץ יעדעס מאָל ווען ער האָט צופעליק אים געהערט באַ די דינסטמיידלאַך אָדער באַ דער הויז־פירערן.

— אַנטשולדיקט מיר, יאַמפּרו סאָלוועסן, — פלעגט ער זאָגן:

— וועגן וועמען רעדט איר עס? ווער הייסט מאָריטץ אין דעם הויז? מיינט איר עס מיין זון ווילאַטש האָלמסען?

— איך בעט אייך, זייט מיר מוחל, — האָט זי געענטפערט. — די מאַדאַם — די מאַדאַם זאָגט אַמאָל מאָריטץ.

— ס'כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס. ביידע ווילן מיר ניט, אַז דאָס אינגל זאָל האָבן אַ צונאָמען.

נאָך וועלכן דער לייטענאַנט גיט אַ נייג מיטן קאָפּ און גייט אַוועק.

— אגב, הערט יאַמפּרו, — זאָגט ער, זיך אומקערנדיק צוריק.

— לאַרס פון סאַגוויקאַ האָט אַ פול הויז מיט דערוואַקסענע קינדער, וואָס טוען גאָרנישט. איינע פון זיינע טעכטער וועט קומען פרעגן, צי איר קאָנט זי צונעמען אויף מאַרסיליעס אָרט.

— גייט מאַרסיליע אַוועק?

— אַזוי דיינק איך.

— אָ, אודאי, איז קומט אַ נייע?

— איר פֿאָטער האָט צופיל קינדער אויסצוהאַלטן, — זאָגט דער לייטענאַנט.

ער האָט אפשר מורא, אַז די הויז־פירערן זאָל ניט קלערן אירע אייגענע מחשבות וועגן דער מעשה, גיט ער גלייך צו: — ער האָט אויך אַ דערוואַקסענעם זון, וואָס וויל גאָרנישט ניט טון נאָר לייענען. אים שיק איך קיין טראָמסאָ.

נו, יעדנפאַלס, וועט דעם גוטן לאַרס מאַנילסען זיין לייכטער צו טראָגן זיין יאָך. דערזעלבער געדאַנק איז דעם לייטענאַנט איינגע־פאַלן נאָך דאָרטן אין סאַגוויקאַ, נאָר דאָרטן האָט ער גאָרניט גע־זאָגט; איצט, אַז ער האָט אים אַרויסגעזאָגט מוז דאָס איינגל לאַרס אָנקומען אין סעמינאַר אין טראָמסאָ. הוצאות אויף יעדן שריט און טריט, וואָס איז דעם מיידלס נאָמען? דאַווערדאַנאַ? נאָכן נאָמען פון דער שיינהייט אינם בשוף־מעשהלע. רוימע האָר, לאַנגע הענט.

ווי דער לייטענאַנט גייט אַזוי דורכן הויף באַמערקט ער עפּעס לעבן די פיס. ער גייט שטענדיק מיטן קאָפּ איינגעבויגען, קוקנדיק אויף דער ערד אַזוי, אַז ער זעט אַלץ, וואָס ליגט אויף זיין וועג.

— וועלכער פרעמדער איז דאָ געווען? — פרעגט ער איינעם פון זיינע דינער.

— אַ פרעמדער? קיינער ניט.

— אַ האַלב אויסגערויכערטער סיגאַר ליגט דאָרטן אויפן הויף.

— ס'האָט געמוזט זיין דער דאָקטאָר, וועלכער האָט עס אַוועק־געוואָרפן, — זאָגט איינער פון די דינער.

— יאָ, ער קער עס זיין, — זאָגט דער ערשטער.

דער לייטענאַנט גייט זיך זיין וועג. איז דער דאָקטאָר געווען דאָ אין דער פרי? ווי פאַרגעסלאַך זיין ווייב איז עס אַמאָל געווען; זי האָט באַם גאַנצן מאַלצייט גאָר נישט דערמאָנט וועגן דאָק־טאָרס באַזוך. ער איז געווען גרייט אַריינצוגיין צו זיין ווייב און זאָגן: „איז דער דאָקטאָר דאָ געווען? וואָס האָט ער געוואָלט?" מיטאַמאָל פאַלט אים איין: ווי מאָדנע עס האָט אויסגעזען; קיין

פּרעמדער איז ניט געווען דאָ, נאָר דער דאָקטאָר. איז דער דאָקטאָר, הייסט עס, אויב אַזוי ניט קיין פּרעמדער אין זעגלפּאָם ?

באַם נאָכטמאָל טרעפט, אַז דער קליינער ווילאָטע דערציילט ווי דער דאָקטאָר האָט אים אויפגעהויבן ביז צו דער סטעליע, העכער פונם הייגגלאָמפּ.

— דער דאָקטאָר ? — פרעגט זיין פאָטער.

זיין ווייב ענטפערט גלייך :

— דער דאָקטאָר איז דאָ געווען אין דער געגנט, האָבן מיר נאָך אים געשיקט היינט אינדערפרי.

— ווער איז קראַנק ?

— מאַרסיליע.

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם.

— זי האָט זיך פאַרקילט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ס'איז געווען אַ גאַנץ ערנסטע זאַך.

דער לייטענאַנט חזרט בלויז איבער : — איך האָב גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם.

— איך האָב ניט געוואָלט דערמאָנען וועגן דעם. ס'איז גאָר־נישט געווען וואָס צו דערציילן.

דער לייטענאַנט שמייכלט :

— האָסט מיך געוואָלט פאַרהיטן ?

נאָר אַז ער פּאַסט אַזוי אויף דעם ענין, איגנאָרירנדיק איר איידעלע באַנעמונג, טוט עס דער פרוי וויי און זי זאָגט :

— יאָ, איך האָב דיך געוואָלט פאַרהיטן. דעם מיידל מאַרסיליעס גיין אַרויף און אַראָפּ די שטיגן באַנאַכט האָט ווייזט אויס ניט גוט געשטימט מיט איר.

שטילשווייגן.

— איך דיינק, אַז דאָס מיידל מאַרסיליע וואָלט געווען געקאָנט גאַנץ גוט אויסקומען אָן דעם דאָקטאָר, — זאָגט דער לייטענאַנט. — נאָר דאָן, פאַרשטייט זיך, וואָלסטו ניט געווען געהאַט קיין גע־לעגנהייט צו אָפּשפּילן מיר אַ סצענע.

— אַ סצענע — איך ? ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט ווי גלייכ־גילטיק איך בין דאָ צו אַלץ חוץ מיין קליינעם מאָריטץ. האָסט גע־ענדיקט ?

די פרוי האָט פאַרלאָזט דעם טיש.

IV

אַ שיפל איז געקומען צעשוואומען, אַ ווייס, אַכט־רודערדיק שיפל מיט אַ קאַיוטע אין הינטער־טייל, מיט פיר מענער, וואָס האָבן גערודערט. אַזוי ווי עס איז געווען אַ פיינער, ווארימער פרילינג טאָג האָבן די פיר מענער גערודערט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל. נאָר זייער פּאַסאַזשיר האָט געמוזט זיין אינווייניק אין דער קאַיוטע, ווייל אים האָט מען ניט אָנגעזען. דאָס שיפל האָט זיך אָפּגעשטעלט אַביסל אַרויפצו העכער באַם ברעג, לעבן דער ציגעלניע.

פון דער קאַיוטע איז אַרויסגעקראָכן אַ גרויסער פעטער מאַן אָנגעטון אין אַ פוטער און אין שווערע קליידער. ס'איז ניט געווען דער דאָקטאָר, אויך ניט דער אַלטער קאָלדעווין, אויך איז דאָס שיפל געווען אַן אומבאַקאַנטס, אַזוי אַז עס האָט געמוזט אודאי קומען פון ערגעץ ווייט. דער מאַן איז אַרויס פון שיפל, געזאָגט עטלאַכע ווער־טער צו דער מאַנשאַפט און זיך געלאָזט גיין מיטן ברעג אַרויפצו. צוויי פון די מענער זיינען אים נאָכגעגאַנגען.

אויפן גאַנצן וועג אַרויף זיינען מענטשן אַרויס פון זייערע הייזער און געשטאַנען און געקוקט אויף דעם אומגעוויינלאַך בילד. ס'האָט אויסגעזען, אַז דעם מאַן איז געוואָרן צו הייס, ער האָט אויס־געטון זיין פוטערנעם מאַנטל און אים געגעבן איינעם פון זיינע מענער צו טראָגן. ער האָט געהאַט אַזעלכע ברייטע פּלייצעס, די פאַלעס פון זיין ראָק האָבן זיך אַרויסגערוקט ביי יעדן טראַט, וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט אויך גאָרניט געשפּאַנט אַזוי גיך: ער האָט זיך אָפט אָפּגעשטעלט און צוגעלייגט זיין האַנט צום האַרץ. און אַזוי זיינען זיי געגאַנגען ווייטער און ווייטער; אפשר איז זייער וועג געווען צום וואַסערפאַל. לסוף זיינען זיי פאַרשוואונדן אין וואַלד.

און איצט האָבן זיך מענטשן אַ לאָז געטון אַראָפּ צום שיפל אויסצוגעפינען אַלעס וועגן דעם; ליידיקגייער זיינען אַראָפּגעגאַנגען. לאַרס מאַנילסען איז אַראָפּ געגאַנגען, און אַ סך קינדער פון די הייזער האָבן נאָכגעפאָלגט ניט ווייט הינטער אים. די שיפסלייט האָבן גוט געוואוסט וואָס די מענטשן ווילן און זיי האָבן אָנגענומען דעם געהעריקן שטעל; זיי האָבן פאַרשטאַנען ביז צום סוף די וויכ־טיקייט וואָס עס גיט זיי צו דאָס באַזיצן אַ סוד.

— זייט געגריסט! — זאָגט לאַרס מאַנילסען, כאַטש לויטן

מנהג נאָך, האָבן זיי אים געדאַרפט באַגריסן פריער, זיי זייענדיק די געסט.

— זייט געגריסט! איז אַלץ וואָס זיי ענטפערן.

— מיר האָבן שיינע טעג.

— עס איז וואַרים אויפן וואַסער.

אַ ווײַלע רײדן זיי וועגן דעם: איז ניט געוועזן ווינטיק און איז דער ווינט ניט געקומען פון מזרח־זײַט? די שיפּסלײַט זײַנען אָפּ־געהיט מיט זייערע ענטפערס.

— ס'איז אַ גרויס אַכט־רודערדיק שיפל, — זאָגט לאַרס. איז עס אײַערס?

די מענער שפּייען אויס און האַלטן זיך גרויס.

— ניט גענוג גליקלאַך פאַר דעם, ענטפערן זיי.

— פון וואַנעט קומט איר?

אַ פּויזע, אַן אײַנדרוקספולע פּויזע. די קינדער זײַנען אַלע גוואַלדיק אויפמערקזאַם.

— מיר קומען פון איטערליא.

— כ'האָב אַזוי געדיינקט.

ער גייט צו נעענטער צום שיפל און באַטראַכט עס, נאָר געפינט אויס, אַז ער קאָן עס ניט; אויף די רודערס און אויף די אַנדערע זאַכן איז אויסגעקריצט איין אות אָדער צוויי.

נאָך אַצינד קערן אפשר די מענער דיינקען, אַז דער ענין רוקט זיך צו פּאַמעלאַך, אַז זייער שטעל שרעקט אפשר אָט דעם היגן אײַנ־וואוינער אָפּ, און ער וועט אַוועקגיין און זיי איבערלאָזן אַליין מיט זייער ניט אויפגעדעקטן סוד; זיי גיבן נאָך אַ ביסל, און איינער פון זיי זאָגט:

— ניין, דאָס שיפל איז ניט אונדזערס.

— ניין, ווייט פון דעם, — זאָגט דער צווייטער.

און פון איצט אָן רײדן שוין אַמייסטנס די צוויי שיפּסלײַט אַזוי, אַז לאַרס דאַרף שוין ניט שטעלן קיין סך פראַגן מער. זיי וואַגן ווייטער טריט נאָך טריט, איינער היט דעם צווייטן, איינער וואָגט מער פונם צווייטן, נאָר ער קאָנטראָלירט זיך אין צייט:

— ווײַל מיר זײַנע בלויז אָנגעשטעלט צום פירן דאָס שיפל.

— אַזוי? וועמען זשע פירט איר?

פּויזע, הם. אַצינד גייט ער שוין צו גיך!

— דעם אייגנטימער פונם שיפל, — ענטפערט איינער.

דער צווייטער וואָס איז געשטאַנען ווי טרעטנדיק אויף דער־נער, גיט צו:

— יאָ, ער האָט געקויפט דאָס שיפל נאָר צוליב אָט דער רייזע.

— ארויסגענומען דאָס געלט און באַצאָלט פאַר דעם גלייך אויפן אָרט נאָר צוליב דערדאָזיקער רייזע.

די מענער האָב געקוקט אויף לאַרס מאַנילסען. די קינדער זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף די מענער און זיך צוגעהערט, צוגעהערט.

נאָר לאַרס זאָגט בלויז:

— אויב אַזוי דיינק איך, אַז עס דאַרף זיין זייער אַ וויכטיקע רייזע.

ער האָט שוין איינמאָל געפרעגט ווער דער פרעמדער איז און ניט באַקומען קיין ענטפער; לאָזט ער עס אַצינד צורו. ס'איז אויסער צווייפל, אַז אויך דאָס וועט ער זיך דערוויסן אין צייט.

— וואָס שייך דער רייזע, קאָן איך גאָרנישט ניט זאָגן וועגן דעם, — ענטפערט איינער פון די מענער.

— ער איז ערגעץ באַם טייך אַרויפצו, — באַמערקט דער צווייטער.

פויזע. ס'איז געווען וואונדערלאַך צו זען ווי איינדרוקספול און פיל סודותדיק אָט די פויזע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין.

לאַרס באַטראַכט דאָס שיפל לאַנג און גענוי, רעדט מיט די פרעמדע וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, וועגן פרילינג, וועגן הערינג פון לאַנגאַ, וועגן אַן אַלטמאָדיש שיפל, וואָס איז אַמאָל אין אַ שטורם פאַרטראָגן געוואָרן פון איטערליאַ אַהער. דאָס שיפל איז אַגב אורחא, געווען הענריקסענס, דער סוחר פון אוטוואיער.

מיט אַ נויג פון די קעפ ווייזן די מענער, אַז זיי קאָנען הענ־ריקסענען און אויך זיין מסחר.

— נישט אים פירט איר, דיינק איך, — פרעגט לאַרס.

— ניין.

לאַרס איז ווייזט אוים געוואָרן מיד. ער שפייט אוים, פאַרלייגט די הענט אויף אַהינטער און בלייבט שטיין אַ ווײַלע שטיל. מיטאַמאָל טוט ער אַ זאָג, זיך מאַכנדיק ווי אָט גלייך גייט ער אַוועק:

— יאָ, ס'איז אַ גרוים אַכט־רודערדיק שיפל; ס'וואָלט מיך ניט געאַרט ווען עס וואָלט געווען מיינס! נאָר אָט שטיי איך און פטר אייער צייט.

די מענער קוקן זיך ארום מיט אָפענע אויגן.

— איר פּטרט ניט אונדזער צייט, — ענטפערט איינער.

— ניין, ניין, פאַרקערט, — ענטפערט איינער.

און אַצינד רעכענען די מענער אויס, אַז אויב זיי אַנטפּלעקן ניט דעם סוד איצט קאָנען נאָך די אַנדערע צוויי מענער, וואָס זיינען געגאַנגען אַרויפצו מיט'ן טייך, באַלד אָנקומען און זיי וועלן אים אַנטפּלעקן; קאָן דען ניט איינער, למשל, לייכט געפינען עפּעס אַ תירוץ פאַר אַריינגיין אין איינעם פון די שטיבלאַך, בעטן אַ טרונק וואַסער און דאַן דערציילן וועמעס פוטער ער טראָגט!

דערפאַר פרעגט איינער פון די פּרעמדע:

— אויב אַזוי הייסט עס איז דער מאַן וועמען מיר פירן ניט באַקאַנט אין אייערע מקומות?

— ניין, — ענטפערט לאַרס און גלאָצט מיט די אויגן.

די קינדער גלאָצן אויך.

— ניין, איך האָב עס באַמערקט, — זאָגט דער צווייטער פּרעמדער, זיך אַריינמישנדיק, און אויסגעזען האָט ער ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף הייסע קוילן. — עס וועט אייך אָבער איבעראַשן צו הערן, — גיט ער צו.

לאַרס האָט זיך שוין קוים געקאָנט איינהאַלטן. חוץ דעם איז דאָס פּאַרדראָסיקסטע געווען דאָס, וואָס זיין שכן, בערטל פון סאַנ־וויקאַ, איז געוואָרן מיד וואַרטנדיק, און אויך ער האָט זיך אומשליאַ־ענדיק געלאָזט דורך די פעלדער אַראָפּ אַהערצו.

— נו, אויב אַזוי, איז עס ניט דער באַצירק־ריכטער? פרעגט לאַרס.

— ניין, — האָבן די מענער געענטפערט.

— איך בין אָבער זיכער, אַז ער איז עפּעס אַ מאַכער, זייענדיק אַזוי פעט?

— יאָ, — האָבן די מענער געענטפערט, — ער איז אַ גרויסער מאַן.

לאַרס האָט צוגעוואַרט אַ רגע, דערנאָך האָט ער ענדלאַך געטראַכט, אַז ער וועט שוין גיין. מחמת בערטל איז שוין געווען נאָענט, און ער האָט ניט געהאַט קיין חשק צו טיילן זיך מיטן סוד מיט אים.

— אַ גוטן טאָג אייך! — זאָגט לאַרס.

— און דאָך איז ער ניט מער און ניט ווייניקער ווי איינער

פון אונדזער געמיינדע, וואָלט איך כמעט ווי געמעגט זאָגן, — זעצט פאָר איינער פון די פרעמדע.

דער צווייטער פרעמדער האַלט אונטער:

— איך קאָן אים אָנרופן אַ חבר אונדזערער פון קינדווייז אָן.

— נו, גוט, — זאָגט לאַרס.

— יאָ, דאָס קאָנען מיר זאָגן אָן ליגן. הגם ער איז ניט געבוי פון אונדזער געגנט — פאַראַן עטלאַכע באַצירקן צווישן אונדז, נאָר — מיר קאָנען אַ סך פון זיינע לאַנדסלייט. ער איז געווען אַוועק פון דאַנען דרייסיק יאָר.

דער צווייטער פרעמדער פילט זיך אַרויסגעשטופּט פון שמועס; באַשליסנדיק גוטצומאַכן זיין הינטערשטעליקייט מאַכט ער אַ גע־וואַגטן שריט:

— ער איז אַוועק פון דער היים ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. ער איז אויסגעווען אין אַ סך פאַרשיידענע פרעמדע לענדער און ער איז געווען אין אויסטראַליאַ און איז געווען אין אַמעריקאַ. דאָן האָט ער חתונה געהאַט און זיך געמאַכט אַ גרויס געשעפט. דערנאָך האָט ער אַנטדעקט גאָלד.

פון איצט אָן זיינען די שיפּלייט געלאָפן ביידע גלייך מיט דערזועלבער שנעלקייט און פאַרזיכטיק געהיט איינער דעם צווייטנס יעדעס וואָרט.

— וואַרט נאָר, דו כאַפּסט אַזוי שנעל, יאָן, — זאָגט איינער פון זיי, מיט פאַרדראָס, מאַכנדיק אָן אויסבעסערונג צו זיין חברס רייד; — ער איז אויך געווען אין כינע!

— יאָ, וואו איז ער ניט געווען? — זאָגט דער צווייטער. — ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַ דעק פון אַ שיף עטלאַכע טעג — איך געדענק ניט אין וואָסער לאַנד ער איז דאַן געווען.

— דאָס איז געווען דאַן ווען ער האָט זיך געלאָזט אויפן ים, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגל. איך רעד אָבער איצט פון זיינע שפּעטערע יאָרן.

— דאַרפסט זיך ניט באַמיען צו דערציילן מיר וועגן דעם. איך ווייס עס פונקט אַזוי גוט ווי דו, ער איז געווען אויף אַ דעק פון אַ שיף אַ סך טעג; פרעג אים און דו וועסט הערן. מאָדנע ווי איך קאָן ניט געדענקען וואו עס איז געווען.

— ס'איז געווען אין אַן אומבאַוואוסט לאַנד. נאָר ער האָט חתונה געהאַט אין מעקסיקאַ.

— וואָס זשע, מיינסט, אַז איך ווייס עס נישט?
— ווי אַזוי הייסט ער? — פרעגט לאַרס מאַנילסען.
— ער הייסט —
— האַלמענגראַא! — כאַפּט אויס דער צווייטער.
— ער איז עס דער טאָביאַס, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין היים, — איילט זיך דער ערשטער צו דערקלערן. — האָט איר ניט געהערט וועגן אַ אינגל, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דער וועלט אַריין און געוואָרן אַ קיניג?

איצט איז דער סוד אַנטפּלעקט.

לאַרס מאַנילסען כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און גלאָצט מיט די אויגן. ווער האָט עס דען ניט געהערט פון טאָביאַס, דאָס פישער אינגל פון אַ קליינעם גרויען אינדזל אין איטערליא, דאָס אינגל, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין לאַנד מיט דורות צוריק, געוואָרן אַ קיניג ערגעץ וואו, דערהויבן געוואָרן בא גאָט און בא לייט, און קיינמאָל ניט צוריקגעקומען מער! און איצט איז ער געווען דאָ!

די קינדער האָבן אויך געהערט די לעגענדע. זיי זיינען געשטאַנען דאָרטן און זיך צוגעהערט מיט אָפענע מיילער צו די מענער.

— וואָס! ער, טאָביאַס! — זאָגט לאַרס מאַנילסען. — און זיין פאָטער, דאַכט זיך מיר, האָט אויך געהייסן טאָביאַס?

— ניין, זיין פאָטער איז טויט, — ענטפערט יאָן. — זיין מוטער איז שוין אויך טויט, נאָר מ'זאָגט, אַז ער האָט אַ שוועסטער, וואָס וואוינט אין בערגען.

— יאָ, זיין פאָטער האָט געהייסן טאָביאַס, — זאָגט דער צווייטער שיפער מיט איבערציינגונג, אויסבעסערנדיק נאָכאַמאָל זיין חברס רייד. — נאָר יעדנפאַלס רופט ער זיך האַלמענגראַא איצט און ווייטער גאָרניט.

— גרויסער גאָט! — זאָגט לאַרס.

ער קוקט אַריבער צו בערטלען, וואָס איז שוין אומפאַרמיידלאַך זייער נאָענט איצט. לאַרס האָט נאָך אַלץ צייט צו פרעגן די וויכטיקסטע פראַגן, און די שיפלייט ענטפערן איבעריילנדיק איינער דעם צווייטן.

— איז ער פאַרהייראַט? האָט ער זיין ווייב מיט זיך?

— ניין, זי איז ניט מיט אים. זי איז איבערגעבליבן אין אַ פרעמד לאַנד.

— יא, זי האָט ער איבערגעלאָזט אין ווייטע פּרעמדע מקומות.
— איך שטעל זיך פאָר, אַז זי מוז זיין אַן אײדעלע פרוי. ווי אַזוי הייסט זי ?
— דאָס ווייס איך ניט, נאָר זי איז —
— זי איז טויט, — זאָגט דער צווייטער מאַן און מאַכט אַ סוף צום ענין.
— גאָט באַהיט ! זי איז טויט ? האָט ער ניט קיין קינדער ?
— ער האָט צוויי קינדער, נאָך גאָר קליינע, אַ אינגל מיט אַ מיידל.
— דאַרפסט ניט ריידן אַזוי וועגן זיי, יאָ, אַז זיי זיינען אַזוי קליין, ווייל דאָס מיידל איז שוין אַ גרויסע.
— יא, אמת ! אָבער דאָס אינגל איז אַ קליינס. אָט דאָס זאָג איך.
דאָ קומט אָן בערטל, לאַרס באַווייזט צו פרעגן אין דער לעצטער רגע :
— וואו זיינען זיינע קינדער ? ווי אַזוי הייסן זיי ? וואָס טוט ער דאַרטן לעבן טייך אַרויפצו ?
— ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט בלויז אַ קוק טון אויפן אָרט.
— ער האָט עס מיר אויך געזאָגט.
די שיפּלייט האָבן דאָס איבערגעחזרט עטלאָכע מאָל מיט אַנדערע ווערטער איינשטימענדיק ביידע יעדעס מאָל.
— ער גייט אָנגעטאָן גרויסאַרטיק, — זאָגט לאַרס.
די מענער שאָקלען צו מיט די קעפּ אויף יאָ.
— יא, ער פאַרמאָגט אויך פוטערנע און סאַמעטענע מאַנטלען געווג.
— ער זאָגט, אַז ער פּרירט אין אונדזער קאַלט לאַנד און ער קאָן זיך גאָרניט אָנוואַרימען דאָ.
בערטל באַגריסט זיך ניט מיט קיינעם, נאָר הערט זיך בלויז איין. און ער האָט די לענגסטע אויערן.
— וועגן וועמען רעדט איר עס ? — פרעגט ער.
די שיפלייט ענטפערן ניט, נאָר זיי זעצן פאָר צו דערציילן לאַרסן וועגן דער עשירות פון דעם קיניג, וועגן די אַסיגנאַציעס מיט וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר דעם שיפל, וועגן זיין געלטטייסטער.

— גרויסער גאָט ! — זאָגט לאַרס מאַנילסען.

— איר פירט אימיצן ? פרעגט בערטל.

די שיפּליים קוקן אים אָן פון אויבן אראָפּ, שפּייען אויס, און ענטפערן יאָ, זיי פירן אימיצן. נאָכדעם דרייען זיי זיך צוריק אום צו לאַרסן און ריידן און שאָקלען מיט די קעפּ און טראַכטן און דערציילן ווייטער וועגן דעם רייכן מאַן.

— יאָ, מ׳מעג זאָגן, אַז איך און יאַן זיינען שטיקלאַך גאַרנישטן קעגן אים. און דאָך זיינען מיר אויפגעוואַקסן צוזאַמען לעבן זעלבן ים.

— יאָ, אַזוי גייט עס אויף דער וועלט, — איז יאַן מסכים.

בערטל ווענדט זיך צו לאַרסן איצט און פרעגט.

— וועגן וועמען ריידן זיי עס ?

נאָר לאַרס האָט ניט קיין צייט, קיין רגע ניט; ער הערט ניט, ווייזט אויס, בערטלס פראַגע; און זאָגט פּלוצלונג :

— נו, איך בין זיכער, אַז איך האָב אייך שוין גענוג געשטערט.

און מיט די ווערטער גייט ער אַוועק.

און איצט איז עס בערטלס רייע אַרויסצוקריגן דעם סוד. ווי ער ברענט עס פון נייגעריקייט, און ווי די צוויי שיפּליים מאַטערן אים !

צוערשט האָט זיך לאַרס געשפּאַנט מיט זיין געוויינלאַכן גאַנג איבער די פעלדער, ער האָט זיך געשעמט צו לויפן. נאָר בים־לאַכווייז האָט זיך זיין טראָט פאַרגיכערט און האַלבוועגס האָט ער זיך פאַרנומען צו אַל יאַהאַנס שטיבל; דאָס איז געווען דער שנעל־סטער וועג. לאַרס האַלט ביים פּלאַצן, ער איז פול מיט געהיימניסן. ער ווייסט מער פון יעדן איינעם פון די איינוואוינער אין די שטיב־לאַך אויפן וועג אַרויפצו; אויב ער וועט זיין שפּאַרעוודיק מיטן סוד קאָן ער זיין אַ וויכטיקער מענטש ביז שפּעט אין טאָג אַריין. שוין זעט ער ווי עטלאַכע פרויען לעבן אַל יאַהאַנס שטיבל וואַרטן אויף אים.

נאָר ווען לאַרס קומט אָן און ווייזט זיך אַרויס, אַז די קינדער זיינען אים פאַרלאָפן דעם וועג, די נימעסע קינדער פון זיין אייגענעם און שכנישע הייזער, די לאַנג־אויערדיקע, אָפּגעריסענע חברה און זיין אייגענער לאַרס, דער גרויסער, אומגעלומפּערטער גולם, צוזאַמען מיט זיי. און אַצינד זיינען דיזעלבע קינדער געגאַנגען פון הויז צו הויז און קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן עסק, און זיין זון האָט זיי גע־פירט. אַ פיינער עסק !

אַל יאַהאַן האָט אָנגעטראָפן לאַרסן און געפרעגט.

— ווען האָבן זיי עס געבראַכט אויף דער שיף ? — און ווען לאַרס האָט געוואָלט אָננעמען אַ מיסטעריעזן טאָן, האָט אַל יאַהאַן אַן חכמות גלייך אַרויסגעזאָגט : איז עס טאַקע אמת, אַז ס׳איז טאַביאַס אַליין, וואָס איז אַוועק און געוואָרן אַ קיניג ?

* * *

אַ פּאָר שעה שפּעטער איז שוין לעבן ווייסן שיפל געשטאַנען אַ גאַנצער עולם; די מענטשן זיינען געווען אַנטשלאָסן צו כאַפּן אַ קוק אויפן קיניג פונם כישוף־מעשהלע ווען ער וועט צוריק אַרויף אויף דער שיף. די פרויען האָבן אפילו זיך אויסגעפּוצט און אָנגעטון שאַלן; צווישן זיי איז אויך געווען דאַוועדאַנאַ דאָס ווילדע און רויט־האָריקע מיידל, אַזאַ גרויסע און יונגע,אַז אפילו אַ קיניג מעג קוקן אויף איר.

אַ ! זיי זיינען אָבער אַלע געבליבן אַנטוישט !

ווען די דריי וואַנדערער זיינען צוריקגעגאַנגען פונם וואַסער־פאַל האָבן די צוויי שיפליַיט מיטן פוטער זיך טאַקע צוריקגעקערט צום שיפל, נאָר דער הער אַליין האָט זיך פאַרקירעוועט מיטן הויפּט־וועג צום פריצישן הויף אין זעגלפאַס, צום לייטענאַנטס הויז. און פון זיין אויסזען האָט מען ניט געקאָנט באַשטימען אויף זיכער צי האָט ער ניט קיין געשעפטן דאָרטן.

ער איז ניט געווען קיין לייכטער, שנעלער גייער, האָט עס באַ אים געדויערט לענגער; זיין הוט האָט ער געטראָגן אין דער האַנט. דער מאַן האָט אויסגעזען ווייט פון זיין ראָמאַנטיש; ער האָט גע־טראָגן נייע קליידער מיט אַ שווערער גאָלדענער קייט אויפן האַלדז. ווייטער האָט ער אויסגעזען ווי יעדער אַנדערער געוויינלאַכער מענטש; געהאַט אַ בלייך פּנים מיט שאַרפע געזיכטסציגן, אַ פולע באָרד, אַ גלייכע נאָז, און אַ סך קנייטשן אַרום די אויגן. ער האָט געדאַרפט זיין אין די הויכע פערציקער. אויף זיין רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ קליין, איינפאַך גאָלדן פינגערל. און געהאַט אַ גע־דיכטן קאָפּ האָר. זיין פעטקייט האָט זיך באַגרעניצט אויף זיין בויך. וועלכער האָט אויסגעזען אומגעזונט גראָב; זיינע פאַלקעס און פּיס זיינען געווען דין.

צוקומענדיק צום פריצישן הויז האָט ער זיך אַרומגעקוקט און אויסגעקליבן דעם הינטערשטן אַריינגאַנג דורך דער קיך. כאָטש עס זיינען געווען צוויי אַריינגאַנגען מיט שטיינערנע טרעפּ אין פראָנט

פון הויז. ער האָט זיך געגריסט מיט אַ מיידל, וואָס ער האָט אָנ־געטראָפן, געפרעגט צי הער האַלמסען איז אין דער היים און איר געגעבן זיין וויזיט קאַרט.

דער לייטענאַנט איז אַרויסגעקומען און געשטאַנען שטיל אַ רגע. דער פרעמדער האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט:

— איך ווייס ניט צי איך מעג מיר דערלויבן אייך אויסצודריקן מיין אַכטונג. איך וועל עס גוט פאַרשטיין אויב איר וועט זאָגן ניין.

דאָס איז געווען געזאָגט עניוותדיק. דער פרעמדער האָט אויך אויסגעקליבן זיין אָרט צו שטיין הינטער די קיך־פענצטער.

— הער האַלמענגראַא?

— טאַביאַס האַלמענגראַא. כ'האָב אַמאָל געהערט צו איטערליא.

— איך האָב אַ סך געהערט וועגן אייך, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט.

— איך האָב אויך אַ סך זיך אָנגעהערט וועגן אייך און אייער־ריקע, — האָט דער מאַן געזאָגט. — וועגן אייער פאָטער און די אבות פונם זעגלפאַס גוט. כ'האָב געוואָלט בלויז קומען און אַ קוק טון אויפן פּלאַץ. איך בין געווען באַם טייך אַרויפצו.

— קומט אַריין, — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט און לסוף אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אינם לייטענאַנטס צימערן און זיך אַוועקגעזעצט.

אָט דער פרעמדער, דער דאָזיקער האַלמענגראַאַ, האָט, ווייזט אויס, בכיון אָפּגעמאַכט בא זיך צו האַלטן זיך באַשיידן אין דעמ־דאָזיקן פיינעם הויז. ער איז געזעסן שטיל אַ לענגערע צייט און צום סוף געזאָגט:

— איך זיץ און טראַכט וואו איך געפין זיך. אין מיין קינדהייט איז זעגלפאַס געווען דאָס גרעסטע אָרט וועגן וועלכן מיר האָבן געהערט אין איטערליא. איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט חלומען, אַז איך וועל אַמאָל זיצן אין דעם צימער.

דער לייטענאַנט האָט געענטפערט:

— איר האָט זיכער געחלומט אַ סך גרעסערע חלומות, אָן ספק — און ס'איז אייך געלונגען זיי צו פאַרווירקלאַכן אויך.

— אַ, יאַ, יאַ, — זאָגט האַלמענגראַא פאַרזיכטיק.

— אַ גרויסער קאָנטראַסט צו אונדז היימזיצערס.

— ס'איז מיר געלונגען, צווישן אנדערע זאכן, צו רואינירן מיין געזונט.

— אזוי ? איר פילט זיך ניט געזונט ?

— יא ! און איך בין שוין געווען אין א סך פלעצער צו ערהוילן זיך, נאר —

דעם לייטענאנט איז דער מאן געווען געפעלן און ער האט געמאכט אויף אים אן איינדרוק. יארן לאנג האט ער געהערט וועגן דעמדאזיקן לעגענדארן העלד; זיין רום האט אפילו אריינגעדרונגען אינם לייטענאנטס חדרים אין זעגלפאס, און אצינד איז ער געזעסן דארטן דער קיניג טאביאס, אזוי נאטירלאך און אלטעגלאך ווי א מענטש פון א גאנץ יאר.

דער לייטענאנט האט אנגעקלונגען.

— ווי א שטייגער ווען איר פרואווט נאכאמאל צו לעבן דא אין דער היים ? — האט ער געפרעגט.

— איך האב געקלערט וועגן דעם.

— א שטיק צייט יערנפאלס ?

— יא, ס'איז אבער ניט אזוי גרינג, איך האב געוויסע פאר־בינדונגען דארטן.

די הויז־פירערן איז אריינגעקומען.

— מיט וואס מעג איך אייך מכבד זיין ?

האלמענגראא האט געראנקט און וויל מער ניט ווי א גלאז מילך.

— ווייטער גארנישט ?

— א דאנק, בלויז א גלאז מילך.

מ'האט געבראכט מילך.

—יא, ס'איז אמת, איך וואלט געוואלט פרואוון נאכאמאל לעבן דא, אין דערהיים, — זעצט פאר האלמענגראא, — כ'האב אבער אייגנטום אין מעקסיקא. כ'האב דארטן געוואוינט און איך האב דארטן געוויסע אינטערעסן, ניט קיין זייער וויכטיקע, נאר אז איך זאל זיין אוועק פון זיי וועלן זיי ווערן נאך ווייניקער וויכטיק.

— געשעפטלאכע אינטערעסן ?

— א פאר קליינע און גרעסערע אינדוסטריעלע עסקים, אביסל לאנד אייגנטום, א מיל, א זעג־מיל — געשעפטן פון דעם מין.

— קאנט איר זיי ניט פארקויפן ?

— זיי זיינען, אזוי צו זאגן, צו ווערטפול פאר דעם. מיין ווייב

איז געשטאָרבן, נאָר איך האָב צוויי קינדער, איך האָב דאָרטן געלעבט.

דער עניז האָט זיך איצט אַרויסגעזען אין אַ נײַ ליכט. דער לייטענאַנט האָט גאַנץ וואויל זיך געקאָנט טראַכטן אַז אַט דער געהיימניספּולער מאַן דאַרף זיך ניט קימערן וועגן דער זייט פון דער פראַגע.

— אַ מענטש דאַרף אָבער אָפּהיטן זײַן געזונט, — האָט ער געזאָגט.

— אָפּהיטן עס. יאָ, דאָס איז אמת, איך בין אָבער אַזוי אַרײַנגעצויגן געוואָרן דאָרטן אין מײַן אַרבעט; איך האָב איבערגענומען די געשעפטן ווען זיי זײַנען געווען קליין און זיי אַנטוויקלט גאָר גרויס.

דער לייטענאַנט האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענצטער. האָט ער באַמערקט עפּעס אומגעוויינלאכס דאָרטן? האָט ער געזען דעם גאַנצן עולם, וואָס האָט זיך צענויפגעקליבן לעבן שיפל? ער איז געשטאַנען שטיל אַ ווײַלע — אפשר האָט אים הער האַלמענגראַאַ געהיט, אפשר ניט. דער לייטענאַנט האָט געזען ווי אַלע זײַנע מענטשן דרייען זיך אַרום לײדיק און טוען גאָרנישט לעבן ווײַסן אַכט־רודערדיק שיפל. פון דאַנט צו האַנט איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ גרויסע, לאַנגע זאַך; עס איז געווען דער פוטער. ער האָט זיך אומגעדרייט און, מיט כמעט פאַרמאַכטע אויגן, געפרעגט:

— דאָס קער אודאי זײַן אייער שיף דאָרטן?

האַלמענגראַאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגעקוקט:

— יאָ... וואָס פאַר אַ פײַנע לאַנדשאַפט איר האָט עס פון דאַנען: ים און גרויסע וועלדער, פעלדער און לאַנען. און דער טײַך אויך. און דער קלויסטער אַט דאָרטן.

די דאָזיקע רייד, אַרויסגעזאָגט פונם פרעמדן, האָבן ניט געקלונגען גאַנץ אמתדיק, ס'האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן גיכער אַרויסגעזאָגט געוואָרן כדי צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן דעם אייגנטימער. אויך האָט קיניג טאַביאַס ניט אויסגעוויזן צו זײַן קיין מבין אויף לאַנדשאַפטן — וואָס מ'האָט געקאָנט זען דורך די פענצטער איז מערסטנס געווען אָפענער ים און הוילע אינדזלען.

דער קליינער ווילאַטע איז אַרײַנגעקומען זאָגן, אַז מיטיג איז גרייט.

— גייט אריין! — האט דער לייטענאנט געזאגט און געעפנט די טיר פאר זיין גאסט.

אינם עס־צימער איז הער האלמענגראא פארגעשטעלט געווארן פאר דער באלעבאסטע פון הויז. זי איז געווען איבערראשט און עס ערווארטעט. אמת זי האט פון איר קינדהייט אן ניט געהערט קיין לעגענדעס וועגן דעמדאזיקן מאן, זי האט אבער געהערט ריידן וועגן אים א סך יארן פריער; און חוץ דעם האט איר די הויז־פירערן דערמאנט היינט וועגן אים און זי צוגעגרייט צו טרעפן אים.

זי האט זיך געהאלטן דורכאויס אזוי ווי א ליבנסווירדיקע באלעבאסטע דארף זיין.

הער האלמענגראא האט זיך צוריקגעקערט קיין נארוועגיען צוליב זיין געזונט, — האט דער לייטענאנט געמאלדן. — זיין געזונט האט זיך פארערגערט לעצטנס.

— דאן צווייפל איך צי מיר קאנען אים מכבד זיין מיט דעם, וואס ער באדארף? — האט זיין ווייב געזאגט. — אפשר האט ער א באשטימטע דיעטע?

האלמענגראא איז ניט געווען אויף קיין דיעטע. אפשר האט ער־זיך ארויסגעשטעלט פאר בעסער ווי ער איז געווען. זיין פנים, יעדנ־פאלס, האט ניט געוויזן קיין סימן פון ליידן. שטיל און אומבא־מערקט האט ער אריינגענומען א פיל אין מויל אריין און זי ארונ־טערגעשלונגען אן וואסער. די צווייטע פיל אבער איז אראפגעפאלן אויפן דיל און עס האט ניט אויסגעזען ווי דאס וואלט געווען געטון בכיון.

— איר קומט פון דער גרויסער וועלט, הער האלמענגראא, — האט די פרוי געזאגט.

זיך ארומקוקנדיק ארומן טיש האט ער געענטפערט:

— איך בין אריין אין דער גרויסער וועלט היינט, מאדאם. איך זיץ אינם עס־צימער פון זעגלפאס.

ס'איז ניט געווען שלעכט געמיינט — ווייל אויפן טיש איז געווען זילבער און וויין און בלומען, חוץ פיש און עוף און פיל אנדערע געשמאקע מאכלים. ס'האט באמת אויסגעזען ווי אמאל אין א יובל. איז דארטן באם טיש אין זעגלפאס געזעסן א גאסט, וואס האט געהאט א חוש פאר פיינע זיטן; דער באלעבאסטע פון הויז איז זיין האלטן זיך אויך געווען געפעלן ניט ווייניקער ווי איר מאן. ער האט גערעט אויף אן אנגענעמען אופן וועגן א סך זאכן און האט אויך

נעקאָנט, ווייזט אויס, פאַרברייננגען מיט קינדער. ווייל בעתן עסן איז אים אויך געלונגען צו פאַראינטערעסירן דעם קליינעם ווילאַטצן.

— ווי פילט איר זיך צוריק אין דער היים נאָך אזויפיל יאָרן ניט זיין דאָ ? — האָט די באַלעבאָסטע געפרעגט. — כ׳האָב געהערט, אז דרייסיק יאָר ?

— איך פיל זיך זייער מאָדנע, פאַרשטייט זיך, — האָט ער געענטפערט. — איך גיי אַרום איבערן אינדזל און דערקאָן די פעלזן און די זאַמדן פונם ים־ברעג, און הער זיך צו צום רויש פון ים. כאָטש מיין גאַנצע משפחה איז שוין דאָרטן מער ניטאָ — עטלאָכע זיינען טויט און דער לעצטער, וואָס לעבט נאָך, איז אוועק פון דאָרטן — דאָך איז עס אזוי מאָדנע, עס דוכט זיך מיר, אז ס׳איז גאָר ניט אזוי לאַנג צוריק ווי מיר זיינען געווען אַלע צוזאַמען דאָרטן. א האַלבער שלייפשטיין איז געלעגן אַרויסגעוואָרפן אויפן גראָז, ער ליגט נאָך אַלץ דאָרטן. צוויי קליינע סאָסנעס האָבן זיך אַרויסגעהויבן פונם באַרג שפּיץ, זיי שטייען נאָך דאָרטן אַלץ.

— איך האָב געהאַט דעמזעלבן געפיל ווען איך בין מיט עט־לאָכע יאָר צוריק געווען אויף א באַזוך אין דער היים אין מיין פאַר־טערם הויז אין האַנאָווער. — האָט געזאָגט פרוי האַלמסען. — אז ס׳איז גאָר ניט לאַנג זינט איך בין אין דער היים ניט געווען.

— מיינסט דאָס מאָל ווען איך בין געווען מיט דיר ? — האָט דער קליינער ווילאַטץ געפרעגט.

— יאָ, ליידער פאָרן מיר שוין ניט מער אַהין.

דער לייטענאַנט שאַרט עפּעס אומגעלומפּערט מיט די הענט אויף די קני; ער בייט איבער זיין פינגערל פון דער רעכטער אויף דער לינקער האַנט.

— איך געדענק אפילו ניט צי מיר האָבן געהאַט שפּאָס דאָרטן.

— זאָגט ווילאַטץ.

— שש ! ניין, טייערער, דו ביסט נאָך געווען א קליינער דאָן. געדענקסטו ניט ווי מ׳האָט דיך געלאָזט זיך שפּילן מיטן זיידנס ערן־שווערד ?

— ניין.

— איז פרוי האַלמסענס פאָטער אַן אָפיצער ? — פרעגט האַלמענגראַאַ.

— א פּאָלקאָווניק. זיין דערהויבונג האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם

ראַנג פּאָלקאָווניק. אַלצדינג האָט זיך אָפּגעשטעלט איצט אין דער היים, פאַרשטייט זיך.

— איך האָב געהערט וועגן די גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין האַנאָווער. — האָט האָלמענגראַא געזאָגט — איך בין דאָרטן קיינמאָל ניט געווען. עס איז אַ רייכע און שיינע געגנט.

— יאָ, אַ רייכע און שיינע געגנט.

— און פרוי האָלמסענס פאָטער האָט רעזיגנירט ?

— ניין, פּאָלקאָווניק מאָריטץ פאָן פלאָטאָ איז ניט געווען אַלט און האָט זיך אויסגעצייכנט. ער איז אָבער געווען איינער פון די, וואָס האָבן זיך געפילט צו אַלט אַריינצוטרעטן — ווי זאָל איך זאָגן — אין אויסלענדישער דינסט.

דער לייטענאַנט האָט געפרעגט :

— אָבער דאָס, וואָס איר האָט איצט געזען אין נאָרוועגיען, גיט עס אייך דעם איינדרוק פון פאָרשריט אין לאַנד אָדער פאַרקערט, הער האָלמענגראַא ?

— פאָרשריט. אויסדריקלאַכער פאָרשריט. אַלע לענדער מאַכן פאָרשריט. מענטשן וואוינען אין גרעסערע הייזער, זיי פאַרמאָגן מער גיטער, ס׳לעבט זיך זיי בעסער. און די באַפעלקערונג, ווי מיר ווייסן, האָט זיך אויך פאַרגרעסערט. דאָך האָב איך נאָך פילעס ניט געזען. איך בין אָנגעקומען מיט אַן ענגלישער שיף קיין טראָנדהיים און פון דאָרטן דרום צו האָב איך זיך איינגעשטעלט צו מאַכן די רייזע אויף אַ ברעג־שיף. יאָ, די סטאַטיסטיק ווייזט, אַז דאָס לאַנד מאַכט פאָרשריט.

— די סטאַטיסטיק ?

— איך מיין ,אורטיילנדיק נאָך די אָפיציעלע באַריכטן פון מאָסן און וואָגן האָט די פאָרמערונג פון דער באַפעלקערונג אַרויס־געוויזן אַביסל אַ גרעסערע אַנטוויקלונג, אַביסל מער מי. צי דאָס האָט געווירקט אויף די מענטשן, אַז זיי זאָלן זיין מער טיכטיק, דאָס ווייס איך ניט.

— דאָ אין צפון, דוכט זיך מיר, איז דער פּראָגרעס אַמווינ־ציקסטן מערקבאַר. אַ נייער דור איז אויסגעוואַקסן. נאָר ער איז ניט אוועק ווייטער פונם אַלטן; נייע מענטשן זיינען אויסגעוואַקסן נאָר זיי זיינען געראָטן אין די אַלטע; זיי דרייען זיך אום מיט די הענט אין די קעשענעס, זיי זיינען אמתע איינוואוינער פונם צפון־לאַנד.

— יא, זיי דרייען זיך אום מיט זייערע הענט אין די קעשענעס.

— חזרט איבער פרוי האַלמסען.

האַלמענגראַא האָט אָנגעהויבן צו שמייכלען זיך דערמאָנענדיק וועגן עפּעס אַ מחשבה, עפּעס אַ זכר, און פאַרגעזעצט :

— ווען איך האָב געוואָלט דינגען אַ שיף פאַר מיינע קליינע נסיעות האָב איך ניט געקאָנט קריגן. מ'האָט מיך געשיקט צו הענ־ריקסענען, דעם סוחר פון אויטוואַיער. ער האָט געהאַט אַן אַכט־רודערדיק שיפל מיט אַ קאַיוטע, וואָס איז קיינמאָל ניט באַנוצט געוואָרן, ער וועט עס אָבער ניט פאַרדינגען. „ווילט איר פאַרקויפן דאָס שיפל ? " האָב איך געפרעגט. ער האָט געמיינט, אַז איך שפּאַס און האָט געענטפערט יאָ, אויב ער וועט פאַר דעם קריגן צוויי הונ־דערט דאָלאַר. איז האָב איך ביי אים געקויפט דאָס שיפל.

פרוי האַלמסען האָט געשמייכלט און דער לייטענאַנט האָט גע־שמייכלט. האַלמענגראַא האָט פאַרגעזעצט :

— ווען איך האָב געזוכט שיפליים האָב איך ניט געקאָנט קריגן. זיי האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין הענריקסענס קראָם און אומגעגאַנגען פּוסט־און ־פּאַס אויף זיין האַפן מיט די הענט אין זייערע קעשענעס. זיי זיינען געווען גרייט צו פאָרן אויף דער שיף מיט זעגלען, עס איז אָבער ניט געווען קיין ווינט, און רודערן האָבן זיי ניט געוואָלט. איך האָב צוריק דערקאָנט מיינע לאַנדסלייט.

— האָט איר זיי ניט געלאָזט וויסן ווער איר זייט ? — פרעגט דער לייטענאַנט.

— איך האָב זיי געגעבן אָנצוהערענישן, נאָך מער ווי איך האָב געדענקט; נאָר זיי האָבן, ווייזט אויס, מיר ניט געגלויבט. דאַן האָב איך פּשוט אַרויסגעזאָגט, אַז זיי וואָלטן זיכער געוואָלט אַריבערפירן אַן אַלטן באַקאַנטן, וואָס קומט פונם אינדזל, אַז מיין נאָמען איז טאַביאַס; געדענקען זיי ניט דעם נאָמען ? נאָר זיי האָבן מיך באַ־קוקט פון אויבן אַראָפּ און ניט גערן מיר געגלויבט. איך האָב צוריק דערקאָנט מיינע לייט און בין אַהיים געגאַנגען, זיך אַרומגעוויקלט מיט אַ גאַנצער רייע שאַלן אַרום דער טאַליע כדי איך זאָל אויסזען פעט, אָנגעטון אַנדערע קליידער און אויפגעהאַנגען אָט די קייט אויפן האַלדז. איך האָב געוואוסט, אַז אויב עס איז פאַראַן עפּעס, וואָס קאָן מאַכן אַן איינדרוק אויף אַ נאָרדלענדער איז עס פעטקייט, גרויסאַרטיקע קליידער און פוץ. אינדרויסן איז געווען אַזוי וואַרים אַז איך האָב ניט געוואוסט ווי אַזוי איך וועל עס אויסהאַלטן.

נאָך דאָך האָב איך אויך אָנגעטון מיין פוטער. ווען איך בין אַרויס צו זיי אַזוי פאַרפּוצט, האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט אַנ־דערע אויגן און איך האָב געקראָגן מיינע שיפּליִיט.

דאָ האָבן אַלע געלאַכט. אַזאַ ביטערע שפּיצל!

— און איר גלויבט באמת, אַז אַ דאַנק דעם אומבייט אין די קליידער האָט איר געקראָגן די שיפּליִיט?

— איך בין זיכער אין דעם, מאַדאַם. ווי איר ווייסט האָבן די לייט זיך אָנגעהערט אַ סך וואונדער מעשיות וועגן מיר אַ סך יאָרן — אַז איך בין געוואָרן אַזוי איינפלוסרייך, אַז איך בין געוואָרן אַזוי רייך, אַז איך בין געוואָרן כמעט ווי אַ שני־למלך, דאַרף איך ניט אויסזען פעט און רייך דאָ? ווען איך בין אַרויסגעקומען אָנגעטון אין פוטער מיט דער גאָלדענער קייט, בין איך געווען טאַביאַס פונם אינדזל. בין געוואָרן גלייך אָנערקענט. כמעט אויף דעם זעלבן שטייגער טראָגט אַ נעגערשער קיניג, דער איינציקער פון זיין שבט, אַ קאָך־טאָפּ אויף זיין קאָפּ, כאָטש דער גאַנצער איבעריקער קער־פּער זיינער איז נאַקעט. מ'האָט צו טון מיט קינדער; די איינוואוי־נער פון צפון־לאַנד זיינען קינדער.

— איך שטעל זיך פאָר, אַז ס'האָט געדאַרפט זיין אַ גרויסע מהומה, ווען דער עולם האָט זיך דערוואוסט, ווער איר זייט?

— ס'איז מיר ניט געווען אָנגענעמען. פון אַלע זייטן זיינען געקומען מענטשן; זיי האָבן מיך געוואָלט זען; זיי זיינען געקומען מיט בלעכענע עמער און מיט זעק; זיי האָבן געבעטן נדבות און סואווענירס; אַלע האָבן געוואָלט עפּעס. איינציקע האָבן מיך גע־דענקט ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד. אַלע האָבן געקאָנט מיין שוועסטער, וועלכע איז געווען די לעצטע, וואָס האָט געלעבט אויפן אינדזל, און כמעט אַלע האָבן זיך עפּעס אָנגעקערט מיט איר און פאַלגלאָך אויך מיט מיר. איין פרוי האָט געבעטן צושטייער אויף אַ לויה, איינער האָט געבעטן געהילץ פאַר אַ שטאַל; אַ אינגל איז געקומען מיט זיין פאָטער, דאָס אינגל האָט מען געכאַפּט ביי אַ גנבה, און איך האָב אים געדאַרפט אויסלייזן — "

— עס איז אַלץ אַזוי — !

— יאָ, מאַדאַם, איר מעגט מיר גלויבן ווי פאַרנומען איך בין עס געווען דאָ. לסוף איז מיר דאָך געלונגען אָפּצושוואַכן די משוגעת: ס'איז געוואָרן באַוואוסט, אַז איך האָב גאָר ניט אַזאַ גרויסע אָפּענע האַנט, אַז איך האָב ניט מיטגענומען מיט זיך מער ווי איין מיליאָן

אין טייסמער, און מחמת דעם מוז איך זיך אביסל באַגרעניצן מיט מיינע מיטלען ביז מיין געהעריקער געלט־זאַפּאַס וועט אָנקומען: דאָס האָט זיך אַרומגעטראָגן אין פּופּציקערליי קלאַנגען, און יעדער קלאַנג מיט פיר שלעכטער. בקיצור — איך בין צוריק געווען אינם היימישן לאַנד — נים דאָס לאַנד פון אַרבעט און אינדוסטריע, נאָר דאָס לאַנד פון ראָמאַנטיק. איך האָב געפילט, אַז איך בין צוריק אין דער היים.

דער לייטענאַנט האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם און העפלאַך; ביים סוף האָט ער עטלאַכע מאָל אַ קוק געטון אויף האַלמענגראַאַס נײַגעבױטער קייט, האָט ער זי פריער ניט באַמערקט ? אָדער ס'איז אים איינגעפאַלן אַ חשד, אַז ס'איז ניט קיין גאָלד ? עס וואָלט זיך פונקט געפּאַסט פאַר דעם דאָזיקן קליינעם מאַן, וואָס איז געווען איבערגעטריבן פּינקטלעך אין אַלץ, צו באַקומען אַזאַ חשד און צוליב דעם אפשר אויך פילן ווייניקער אויפגעלעגט צו יענעם.

— האָבן מיר שוין געענדיקט — ? — האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט.

די פרוי איז געווען גוט געשטימט און מיטגעגאַנגען מיט די מענער אין גאָרטן־צימער. מ'האָט דערלאַנגט קאַווע; טייער, אַלט זילבער האָט ווידער געשיינט אין פרעמדנס אויג און דער ליקער איז געווען פון בעסטן סאָרט. די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אויף דערזעלבער לאַנדשאַפט.

דער קליינער ווילאַמץ האָט באַם בליק אויפן גאַנצן עולם וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אַרונטער לעבן ים, פאַרחידושט אויסגערופן:

— זעט נאָר !

זיין מוטער איז צוגעגאַנגען.

— וואָס פאַר אַ גרויסער עולם ! — האָט זי געזאָגט. — וואָס קאָן עס זיין ? — און זי האָט זיך ניט צוגעהערט צום וואַרנענדיקן טאָן פון איר מאַנס געזיכט : — זיי שטייען דאָרט און קוקן אויף הער האַלמענגראַאַס שיפל! — זיין פרוי האָט זיך אַמוזירט, און זי האָט געלאַכט : — הירקלאַך, זיי שטייען און קוקן אויף אייער שיפל, הער האַלמענגראַאַ, זיי וואַרטן אויף אייך ! איר וועט באַקומען אַ גרויסן קבלת פנים דאָרטן !

האַלמענגראַאַ איז צוגעקומען און אויך אַרויסגעקוקט, געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. נאָר ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם עולם און ניט וועגן דעם קבלת פנים ; ער האָט

ווידער באַוואונדערט די פּאַנאָראַמע, דעם פּליסנדיקן טייך, די לאַנד־שאַפֿט. ער האָט זיך אומגעדרייט צום לייטענאַנט און אויסגעדריקט די קאַפּשווינדלענדיקע אַמביציע זיך איינצושאַפֿן אַ שטיקל לאַנד ערגעץ דאָ אַרום.

דער לייטענאַנט האָט ניט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן זיין פּרוּוס העבערן רייכן וועגן דער גלאָרי פֿון זעגלפֿאַס, ער איז אָבער געווען פּאָזיטיוויסטיש ניט אַנצושטרייכן צופֿיל.

— האַלט איר עס פֿאַר אַזאַ פֿיין אָרט? — האָט ער געזאָגט.

— יאָ! — אָ, יאָ, איך האָב שפּאַצירט אַרויף ביז צום וואַסער־פֿאַל, — האָט האַלמענגראַאַ געזאָגט, — ס'איז אַ פּראַכטפֿולער וואַ־סערפֿאַל, אַ דערפֿרישנדער שפּאַציר. מיין קראַנקהייט, דוכט זיך מיר, הויבט מיך אָן צו פֿאַרלאָזן דאָ.

— איר דאַרפֿט וואוינען דאָ! — האָט די פֿרוי געזאָגט. — איר דאַרפֿט זיך זיכער אויסבויען אַ הויז און וואוינען דאָ! דאַן וועט איר געזונט ווערן!

האַלמענגראַאַ האָט געזאָגט:

— אויב לייטענאַנט האָלמסען וועט וועלן מיר פֿאַרקויפֿן אַ שטיקל ערד.

זיי האָבן אַלע געקוקט אויפֿן לייטענאַנט, אַ שאָטן פֿון איבעראַ־שונג איז אַדורך זיינע אַראַבישע געזיכטס־ציגן; ער האָט אָנגעבויגן זיין קאָפּ און געטראַכט.

— איך בין זיכער, אַז דאָס קאָן מען לייכט דורכפֿירן, — האָט די פֿרוי געזאָגט.

דער לייטענאַנט האָט מיט אַ שמייכל באַמערקט:

— מיין פֿרוי מאַכט אַן אויסנאַם מיט אייך, הער האַלמענגראַאַ. געוויינלאַך איז זי שטאַרק קעגן צושניידן זיך מיט אַ טייל פֿון זעגלפֿאַס.

— יאָ, קעגן אַ טייל פֿונם וואַלד. דאָס איז עפּעס אַנדערש, — האָט זיין פֿרוי אים אונטערבראָכן. — מיין פֿאָטער זאָגט אויך דאָס־זעלבע.

אָ, די דאָזיקע פֿרוי, די זינגערן און שפּילערן, וואָס זי איז געווען, איז ניט געווען קיין דייטשע ווירטין סתם אַזוי זיך. זי האָט פֿאַר־מאָגט געזונטן שכל, געהאַט אַ קאָפּ אויף זיך, זי האָט געהאַט אַן אָנונג וועגן דער וועלט.

— און איך מיין, אַז דו ביסט דער איין־און איינציקער נאָך

איצט, וואָס באַדויערט ניט וואָס דיין פאָטער — וואָס פערמעס און וואַלד זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין זיין צייט, — האָט זי צו־געגעבן.

זי האָט איבערגעטראָטן די גרעניץ.

— איך באַדויער נ י ט יענעם פאַרקויף ! — האָט דער לייטענאַנט געענטפערט.

פויזע. די פרוי האָט אויסגעגלייכט דעם קליינעם ווילאַטצעם האָר און געפּלאַפּלט מיט אים.

— אָ ! קיין וואַלד האָב איך ניט געמיינט, — האָט האַלמענ־גראַא געשאָקלט מיט זיין קאָפּ אויף ניין, ווי זייענדיק באַזיגט פון דעם געדאַנק, — איך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געקלערט וועגן דעם. בלוז אַ שטיקל ערד, וואו־ניט־איז וואו איך געפעלט, אַ קליין שטיקל לאַנד אַרויפצו העכער לעבן טייך —

דאָס האָט ניט געקלונגען אַזוי שלעכט. דאָ איז געווען אַ קראַנקער מענטש מיט אַ צוגיינגלאַכן פאַרלאַנג; מ׳האָט אפשר אויך געקאָנט פאַרדינען עפּעס געלט דערביי, און דאָס וואָלט ניט געווען אַזוי קרום. צו וואָס איז זיין פרוי גע(ו)עסן דאָרטן פונקט דאָן ? פאַרוואָס האָט זי זיי ניט איבערגעלאָזט אַליין ? האָט זי געטראַכט אַז ער האָט פאַרקויפט שטיקלאַך לאַנד ווייל ער האָט געדאַרפט עס טון ?

— נאַטירלאַך וועל איך ניט זיין קעגן אייער פאַרזוך צו ער־הוילן אייער געזונט דאָ, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט. — אויב איר האָט דאָס אין זינען ?

— איך מוז צוגעבן, אַז דאָס איז מיר איינגעפאַלן ערשט פריער — איך בין צוריקגעגאַנגען פונם שפּאַציר לעבן טייך, האָט האַלמענ־גראַא געזאָגט. — דער ריח פון סאָסנעס איז געווען אַזוי שטאַרק און גוט, אַז ס׳האָט זיך געאָטעמט פרייער. האָב איך געטראַכט, אַז ס׳וואָלט זיך געלוינט צו מאַכן אַ פּרואוו, און פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז דערביי פאַראַן עפּעס אַן אָנציאונג פאַר אַ מענטשן פון אַ קליין גרוי אינדזל צו וואוינען בשכנות אויפן זעגלפּאָס מאַיאַנטעס.

— האָט ער צוגעגעבן, שמייכלענדיק עניוותדיק.

איר מעגט זיין זיכער, אַז דער לייטענאַנט איז דאָרטן געזעסן און אַכטונג געגעבן אויף זיינע רייד און זיין אויסדרוק; ער האָט געפרעגט :

— זיינען ניטאָ קיין סאָסנע וועלדער אין מעקסיקאָ ?

און הער האלמענגראא האט, ניט צעגערנדיק געענטפערט:
— יא. נאר ניט דארט וואו איך וואוין.
מער איז גארנישט גערעדט געווארן וועגן דעם ענין. נאכדעם ווי הער האלמענגראא האט אפגעטרונקען זיין קאווע און נאך גע־זעסן א ווײלע, האט ער זיך מיט זיי געזעגנט און הארציק גע־דאנקט פאר דער ליבער אויפנאמע. — קומט צעגיין נאכאמאל! — האט די באלעבאסטע געזאגט.
דער לייטענאנט האט באפוילן מ'זאל אנזאטלען זיין פערד און ער האט אונטערגעפירט זיין גאסט מיטן וועג אראפ; ער איז ארויסגעפארן אויף א שפאציר.
נאר איצט האט עפעס פאסירט. דער עולם מענטשן לעבן ים האט געדולדיק געווארט אויף קיניג טאביאס ביז איצט; אין דער רגע אבער ווען ער האט זיך ענדלאך באוויזן, איז, צוערשט איינער, דערנאך נאך עטלאכע, און צום סוף אלע, פארשוואונדן אומבאמערקט דורך די פעלדער צוריק צו זיך אין די הייזער. עס איז געווען אזוי אומפארשטענדלאך, ווען מ'טראכט זיך אריין אין דעם, אזוי זינ־לאז: די גאנצע לאנגע צייט ווארטן ארויסגעווארפן! וואס האט געקאנט זיין די אורזאך דערפון? די גוטע פויערים און פאכטערס האבן ניט דערוואוסט, אז דער לייטענאנט זאל מיט אים מיטקומען. דער לייטענאנט אליין: נאר דארט איז ער געזעסן רייטנדיק אויף זיין פערד ווי שטענדיק, בעת קיניג טאביאס איז געגאנגען צופוס. און נאכמער, ווען זיין פוטער איז ארויסגעשיקט געווארן פאראויס. אין יענער צייט איז דער לייטענאנט געווען א מאן וואס ס'איז בעסער געווען ניט צו דערצארענען אים מיט וואס־ניט־איז; ער איז געווען אן איידלמאן דורך און דורך פון געבורט און לויט דער דערציאונג, און א מענטש האט ניט געקאנט שטיין אינמיטן פון זיין וועג און זיך מאכן ניט זענדיק, אז ער קומט אן.
— עס וואלט געווען רעכט ערגעץ וואו דארטן ארויפצו, פון יענער זייט טייך, — האט האלמענגראא געזאגט אנווייזנדיק מיט דער האנט.
— וואס מיינט איר? א, דאס שטיקל לאנד. יא, מיר קאנען, אן ספק, דורכקומען וועגן דעם, אין פאל —
— איך דאנק אייך. עס לוינט זיך צו מאכן א פארזוך. און וואס שייך דעם מקח, וועל איך עס איבערלאזן אינגאנצן צו אייך.
זיי זיינען נאך געגאנגען צוזאמען אביסל ווייטער ביז האל־

מענגראַ האָט זיך געדאַרפט פאַרדרייען מיטן וועג צום ים. ער האָט אַרונטערגענומען זיין הוט און האַרציק געדאַנקט דעם לייטענאַנט פאַרן אָנגענעמען טאָג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט. נאָכדעם האָבן זיך די צוויי מענער צעשיידט.

נאָר רייטנדיק ווייטער האָט דער לייטענאַנט געקלערט: איז דאָס געווען אַלץ, איז דאָס געווען די גאַנצע וואונדער־מעשה? אַ קראַנקער מאַן, וואָס האָט געוואָלט אַ שטיקל ערד פאַר אַ הויז, אפשר אַ שטיבל, אָדער עפּעס אַנדערש פון דעם מין. אַן אַלטעגלאַכער און באַשיידענער מענטש; ער האָט ניט געמאַכט קיין אומאָנגענעמען איינדרוק. זיינע טיש־מאַניערן זיינען געווען אויסגעצייכנט גוט.

V

ס'האָט אויסגעזען ווי דער לייטענאַנט איז נאָך אַלעמען געווען גערעכט; דאָס מיידל מאַרסיליע האָט זיך ניט גענויטיקט אין קיין דאָקטאָר. דאָס האָבן די אַנדערע בלויז געמאַכט אַזאַ גרויס וועזן ווען איר ניט פילן גוט און זי אַריינגעלעגט אין בעט אַריין. אויף מאָרגן איז זי ווידער געווען אויף אירע פיס, אויפגעראַמט דעם הערס צימער, צוגעהאָלפן וואַשן, אַריינגעשטעלט ליכט אין די היינגלייכטער און לייכטער איבערן גאַנצן הויז, גערייניקט טעפּ־כער, אַכטונג געבן אויף די אויוונס — מאַרסיליע איז געלאָפן אַרויף און אַראָפּ די שטיגן איבערן גאַנצן צפונדיקן פליגל פון הויז. און וואָס קאָן זי טון אין אָוונט חוץ ווידער אַרויפגיין אויף דעם הערס שטיגן?

דער לייטענאַנט ליגט אויסגעצויגן אויף אַ סאָפע און רויכערט.

מאַרסיליע פאַרנייגט זיך אין אַ קניקס — דאָס האָט זי איר באַלעבאָס אפשר אויסגעלערנט. עס איז געווען חנעוודיק געטון. ענטפערט ער איר צוריק מיט אַ פריינטלאַכן נייג פון קאָפּ. מאַרסיליע ווייסט פאַראויס וואָס זי האָט צו טון דאָ: זי טרעט צו נעענטער צו איר האַר און שטייט פאַר אים. דאָס איז אויך געטון מיט חן. אַ יונג מיידל איז אַ יונג מיידל; ווען זי רירט עפּעס אָן טוט זי עס חנעוודיק און צאַרט. זי קוקט אויף איינעם, און ניט אומזיסט. דער בליק דערציילט. אַ יונגער מיידלס בליק דערציילט אַלעמאָל.

מאַרסיליע נעמט דאָס בוך פונעם טיש. אירע הענט זיינען געווען פון דעם מין, וואָס קאָנען זיך בויגן אויף צוריק אַביסל, זיי זיינען אָבער געווען גרויס און אויפגעבלאָזן פון אַ סך וואַשן:

קיין אַנדערן האָבן זיך ניט אָנגעזען אויפֿן הינטערזייט פֿון אירע הענט.

— אפשר פֿילסטו זיך ניט גוט גענוג צו לייענען היינט אָוונט, — זאָגט דער לייטענאַנט, זיך אויפֿזעצנדיק כּדי צו קאָנען זי זען בעסער.

— אָ, יאָ, איך פֿיל זיך גוט, — ענטפֿערט מאַרסיליע מונטער.

זי זעצט זיך אַוועק אויף איר אָרט לעבן אַ ספּעציעלן וואַנט־לייכטער מיט צוויי ליכט. דאָן הויבט זי אָן צו לייענען, זיך רויט־לענדיק און אַ ביסל שעמעוודיק צוערשט. נאָר צוביסלאַכוויז בעסער און בעסער. באַ שווערע ווערטער קנייטשט זי דעם שטערן און ער־גערט זיך; ווען זי לייענט אַדורך אַ גרויס שטיק אָן שוועריקייטן לייטערט זיך איר פּנים אויס און זי באַרואיקט זיך צוריק. איר האָר האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אויף דער סאָפֿאַ, קלערנדיק אפֿשר אַז דאָס גיט אים דעם אויסזען פֿון אַ טערקישן פּאַשאַ. ער ליגט אַזוי, אַז ער קאָן נאָכפֿאָלגן די פֿאַרענדערונגען פֿונם אויסדרוק אויפֿן מיידלס פּנים, און דאָס ווייזט אויס געפֿעלט אים; ווען מאַרסיליע קנייטשט איר שטערן, פֿאַרקנייטשט ער אויך זיינעם אַמאָל אויס סימפּאַטיע צו איר. ער האָט ניט איינגעאָרדנט אַט די קורצע שעה פֿון לייענען אין דער הויך, אָן אָוונט איבער אָן אָוונט, כּדי אויסצופֿלער־נען מאַרסיליען לייענען; ער קאָרעגירט איר אַי איינמאָל ניט; אָן ספֿק, אַז ער טראַכט מן הסתם, אַז ס'לוינט ניט. ער פֿאַרפֿעלט אָבער ניט צו באַמערקן, אַז איר לייענען פֿאַרבעסערט זיך כּסדר, איז לערנט זי, ווייזט אויס, אַליין אין די צווישנצייטן. ער האָט גאַנץ פּשוט איינגעאָרדנט די שעה לייענען צוליב זיין אייגענעם פֿאַרגעניגן. ס'אַרע פּאַשאַ, ס'אַרע אַן ענאַאיסט!

ער איז שוין אָן ספֿק אַריבער די עלטער, וואָס ער זאָל קאָנען טראַכטן וועגן אַרויסרופֿן באַ אַ פּרוי פֿריינטשאַפֿט צו זיך; און אַזוי ווי ער קאָן זי ניט קריגן אין דעם הויז אויף קיין אַנדער אופֿן און ער קאָן זיך ניט באַגיין אָן דעם אינגאַנצן, קויפֿט ער זי יעדן צווייטן אָוונט באַ זיין דינסטמיידל, באַ אַ הויז־דינסט? ווייזט אויס אַזוי. אַ מענטש טוט דאָס בעסטע וואָס ער קאָן טון פֿאַר זיך אַליין.

— די מנהגים פֿון די טראַסיאַנער זיינען אין אַ סך הינזיכטן ענלאַך צו די טהראַציאַנישע, — לייענט מאַרסיליע אַרויס פֿון הע־ראָדאָטוסעס אָן איבערזעצונג, — חוץ יענע, וואָס זיינען נוגע ניי־

געבוירענע קינדער און געשטאָרבענע. אזוי איז ווען א קינד ווערט געבוירן רעכענען די קרובים, וואָס זיינען זיך צענויפגעקומען בא דער געלעגנהייט, אויס אַלע אומגליקן צו וועלכע א מענטש איז אונטערוואָרפן און פארטיפן זיך וועגן דעם בייזן מזל, וואָס דער־וואַרט, נויטיקערווייז, דעם קינד אין זיין לעבן. אומגעקערט ווידער ווען איינער שטארבט, לאָזן זיי זיך וואוילגיין בעת זיי פארטרויען אים אָן דער ערד און פרייען זיך, וואָס ער איז געווען אזוי גליקלאַך צו ווערן אויסגעלייזט פון אזויפיל צרות.

זי לייענט ווייטער, אז „די אַנדערע טראַציאָנער האָבן א מנהג צו פארקויפן זייערע קינדער מיטן באַדינג, אז זיי טאָרן ניט פאר־בלייבן אינם לאַנד. וועגן זייערע טעכטער קימערן זיי זיך ניט, מיט זייערע ווייבער אָבער זיינען זיי פארקערט, זייער שטרייִנג, גיבן אויף זיי שטריינג אכטונג און קויפן זיי אָפּ פאר גרויסע פרייזן פון זייערע עלטערן. זיי באַצייכענען זיך אַליין מיט צייכנס און סמנים און האַלטן עס פאר א באַווייז פון איידעלער אָפּשטאַמונג ; דער יעניקער, וואָס איז ניט אזוי באַצייכנט אויף אים קוקט מען ווי אויף איינעם פון א נידעריקערער אָפּשטאַמונג. קיין זאַך איז ביי זיי ניט אזוי אָנגעלעגט ווי דאָס ארומגיין ליידיק, ניטאָ בא זיי קיין ערווירדיקערעס פון מלחמה און רויב, און קיין זאַך פאראַכטן זיי ניט אזוי שטארק ווי ערד־ארבייט. דאָס זיינען זייערע אייגנטימלאַכע מנהגים —

די צייט פארגייט, מארסיליע לייענט ווייטער, דער לייטענאַנט אַמוזירט זיך. ווען־ניט־ווען קוקט ער זיך אַרום אין צימער; אויף דער קעגנאַיבערדיקער · וואַנט הייננט א גרויסער שפּיגל אין דאָס צימ אפשר צו זיין אויפמערקזאַמקייט. מעגלאַך אז עס איז די הינטער־זייט פונם מיידלס קאָפּ, וואָס ער וויל זען, אפשר גע־פעלט דאָס גאָר דעם פּאַשאַ. אָדער אפשר איז עס גאָר עפּעס אַנדערש? האָט אים אָנגעפאַנגען קלאָר צו ווערן, אז דער גאַנצער עסק, דעם מיידלס לייענען, און דאָס לייענען העראָדאָטוסן, איז קאָמיש און מאַכט אים אַליין לעכערלאַך ? באין אופן ניט. קיין שום זאַך, מיט וואָס ע ר האָט זיך פארנומען קאָן ניט זיין לעכערלאַך. אזא מחשבה איז אים ניט אדורך. ער אַמוזירט זיך, זיינע אויגן וואַנדערן אהין און אהער, און ער פינטלט מיט זיי רואיק און פריינטלאַך.

דאָ, אין דעם צימער, האָט ער צענויפגעקליבן דעם קינדס א סך קליינִיקייטן, וועלכע דער קליינער ווילאַטע איז אריבערגעוואַקסן :

דאָ איז זיין סאַמע ערשטע דינינקע פאַר שיך פון גרינעם מאַראָקאָ־לעדער, אַ שמאַטע־ליאַלקע, קלאַפּער־געצייג, פּילקעס, שפּולקעס, סאַסנע שישקעס. אַ קאַרטאָנענער אלף־בית האָט זיך זיין אָרט אויף דער וואַנט גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ קאָסטבאַר בילד. האָבנדיק דאָס פאַר זיינע אויגן און אַ יונג מיידל, וואָס זאָל לייענען איינ־דערהויך פאַר אים, דאַרף אַ מאַן אין זיין עלטער זיכער זיין צו־פרידן.

אָדער אפשר ניט?

דער פּאַשאַ הויבט זיך אויף און מאַרסיליע פאַרמאַכט דאָס בוך; ער וויל אַן אומבייט, אָן ספק. מאַרסיליע לייגט צוריק דאָס בוך אויף זיין אָרט און נעמט אַרויס אַ סאַלאָן־שפּיל, און דאָס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ שאַך־ברעט און פיגורן. וואָס פאַר אַ צייט־פאַרטרייב פאַר אַ ווילאַטע האַלמסען! דאָן זעצן זיי זיך אַוועק שפּילן.

נאָר אַצינד ווערט דאָס מיידל מאַרסיליע נאָך מער שעמעוודיק. דער לייטענאַנט איז אַזאַ מייסטער בײַ דער שפּיל, ער מאַכט זיינע צוגן ניט טראַכטנדיק קיין איין רגע אפילו, און בשעת ער וואַרט אויף אירן אַ צוג זיצט ער און קוקט אויף איר. אַפּט מאָל איז אָן אָוונט ווען זיי האָבן געשפּילט און זי האָט צופעליק אויפגעהויבן אירע אויגן האָט זי זיך אָנגעטראָפן מיט זיינע. נו, איז דאָס געווען ווירדיק פאַר אַ ווילאַטע האַלמסען?

זיי שפּילן אַ פּאָר מאָל און ער לאָזט זי געווינען. וואָס פאַר אַ משונה׳דיק, ענג פעלד פאַר זיין גייסטיק לעבן, אַזאַ באַשעפטיקונג!

— „אויב דו מאַכסט דעם צוג וועל איך געווינען!" — זאָגט ער. זי כאַפּט זיך און וויל דעם צוג צוריק נעמען, זייערע הענט רירן זיך אָן, זייערע אָטעמס מישן זיך צענויף; זיי פאַרענדיקן די שפּיל, נאָר ער איז שוין זיכער ניט דערזעלבער וואָס פריער, ער אָטעמט שווער. עטלאַכע פיגורן זיינע פאַלן אַראָפּ אויפן דיל לעבן אים און זי בויגט זיך אָן זיי אויפצוהויבן, איצט — איצט, מיט דעם מאָד־נעם אַראָבער בליק אויף זיין פּנים, — וואָס אַ שטייגער ווען דער טיש וואָלט זיך איבערגעקערט?

— אַ דאַנק, דאָס וועט זיין גענוג! — זאָגט ער, זיך אויפ־הויבנדיק.

זי נעמט צענויף די זאַכן און לייגט זיי צוריק אַוועק אויף זייערע ערטער; זי גייט צו דער טיר און מאַכט אַ קניקס.

— אָ, יאָ, — זאָגט ער. — הם ! ווען דאָווערדאַנאָ וועט מאָרגן קומען זאָג איר וואָס זי האָט צו טון.

— יאָ.

— ברייננ זי אַהער און וויז איר וואָס צו טון.

— יאָ.

— דאָס איז אַלץ.

דאָס איז געווען דער לעצטער אָונט פאַר מאַרסיליען.

נאָר פיל מאָל האָבן די דינסטן צווישן זיך אין קיך געשמועסט וועגן די דאָזיקע לייען־אָונטן אינם לייטענאַנטס קאַבינעט.

— וואָס, אום הימלס ווילן, מוזן זיי עס דאַרטן ? — זאָגט די הויז־פירערן. — אַזאַ מאָדנע נייגונג !

אָ, יענע הויז־פירערן — זי איז אַליין פול מיט מאָדנע נייגונגען און ווען זי מאַכט אַ געוואָגטע באַמערקונג דאַרף זי אויס־קרימען איר מויל אײַנצוהאַלטן איר געלעכטער. זי קומט פונם מערב־לאַנד, און איז „ א י ב ע ר " צוואַנציק יאָר אַלט, און איר נאָמען איז יאָמפרו קריסטינאַ סאָלוועסן. נאָר גאָט זאָל איר העלפן אויב דער לייטענאַנט זאָל אַמאָל דערהערן איינע פון אירע געוואָגטע באַמערקונגען !

— איר מיינט, אַז זיי זיצן און קוקן זיך אָן איינס דאָס צווייטע?

— זאָגט זי.

— מאַרסיליע זאָגט, אַז זי לייענט אינדערהויך פון אַ בוך אַרויס.

— ענטפערט איינע פון די קאַמער־מיידלאַך.

— זי לייענט ?

— אַזוי זאָגט זי.

דער הויז־פאַרוואַלטערנס מויל קרימט זיך אויס בעת זי זאָגט :

— אוודאי לייענען זיי. זיי ליגן אויס און לייגן צענויף זייערע קעפּ צוזאַמען.

— כאַ־כאַ־כאַ ! — אַלע מיידלאַך קייכן פון געלעכטער, זיך צוהאַלטנדיק מיט די הענט די מיילער.

* * *

אַזוי ווי עס איז אַ זומער־פאַרנאַכט און די זון שיינט נאָך, גייט דער לייטענאַנט ווידער אַרויס, וואַנדערט אום, קוקט זיך אַרום. און ווײַל ער איז די פאַרקערפּערונג פון דער אָרדנונג דאָ, קוקט ער אַרויף ניט נאָר צו זיינע אייגענע פענצטער נאָר אויך צו זיין פרויס — זיי זיינען אָפן, שטימען קאָנען זיך פונקט הערן פון אינעווייניק

ארויס, זיין פרוי רעדט צו אימיצן. זינט ער איז די פארקערפערונג פון דער אָרדנונג דאָ, וואָלט געווען בעסער ווען זיין פרוי וואָלט ניט געווען גערעדט אַזוי הויך צום דאָקטאָר.

— אָבער דאָס מיידל איז דאָרטן ווידער ? — זאָגט זי.

און דער דאָקטאָר ענטפערט :

— ווידער דאָרטן ? אויב אַזוי האָב איך געמוזט איבערטרייבן אַביסל די געפאַר — כדי איך זאָל קאָנען נאָכאַמאָל קומען היינט אַהער.

דער לייטענאַנט גייט אַרונטער מיטן וועג אין גאָרטן. דאָרטן שטייט אַ פאָנטאַן, וואָס זיין פאָטער האָט אָוועקגעשטעלט. דער שפּריץ וואַסער הויבט זיך אויף אין דער לופטן און גלאַנצט אינם זונשיין ווי אַן אויסגעבויגן, שמאָלן קלינגל. ער קוקט אַריבער דעם גרויסן גאָרטן, אַראָפּ אַריבער די פעלדער, ביז צום ים. אַ פרעמד שיפל מיט איר מאַנשאַפט שטייט לעבן וואַל ; ס'איז, אָן ספק, דעם דאָקטאָרס שיפל. אַ שיין שימערירט אויפן גלאַטן און בלייערנעם פיאָרד. אַלעם איז שטיל ווי פאַר אַ דונער־שטורם, ווייט אַוועקצו אַנטקעגן די בערג הייגגט אַ טונקעלער וואָלקן, פיאָלעט באַצוימט מיט אַ ברייטן זוים גאָלד. עס זעט אויס ווי וועלנדיק איבערקערן אַ גאָלדענעם אונטערשלאַק אויף דער דרויסנדיקער זייט.

דער לייטענאַנט גייט צו ביז דער גאָרטן־וואַנט ; ער הערט טריט הינטער זיך, נאָר דרייט זיך ניט אום. זינט ער איז די פאַרקערפערונג פון דער אָרדנונג דאָ פאַרשליסט ער דעם גאָרטן־טויער און נעמט אַרויס דעם שליסל פונם שלאָס.

— היי ! — שרייט אימיצער הינטער אים. — פאַרשליסט ניט. איין רגע —

צו אַ ווילאַטע האָלמסען שרייט מען ניט „היי !". דער לייטענאַנט גייט צוריק פאַמעלאַך.

— אַנטשולדיקט מיר, לייטענאַנט. איך האָב באַזוכט דעם פּאַציענט, דאָס דינסטמיידל, — זאָגט דער דאָקטאָר. אַזוי ווי דער לייטענאַנט קוקט בלויז אויף אים, נעמט יענער אַרונטער זיין הוט און זאָגט : — גוטן אָוונט. דאָס מיידל האָט זיך גיך ערהוילט, — זאָגט ער.

— יאָ, זי גייט שוין ווידער אַרום. זי איז געזונט, — ענטפערט דער לייטענאַנט.

— יאָ.

— יאָ.

זיי קוקן זיך אָן. דער לייטענאַנט הויבט אָן צו שמייכלען.

— אַנטשולדיקט מיר, — זאָגט דער דאָקטאָר; — ווילט איר זיין אַזוי גוט און מיך אַרויסלאָזן? — אַזוי ווי דער לייטענאַנט מאַכט ניט קיין שום באַוועגונג אויף צו עפענען דעם טויער פרעגט ער האַלב אין שפּאַס און האַלב אין שרעק: — צי זאָל ער אַריבערקריכן די וואַנט?

— אויב עס איז אייך נאָר באַקוועם, — ענטפערט דער לייטענאַנט.

— באַקוועם?

— ווייל אויב עס איז ניט וועל איך אייך אַריבערוואַרפן.

דער לייטענאַנט איז וואַרשיינלאַך געווען אויסער זיך. ער האָט פאַרקלעמט דעם גרויסן שליסל אין האַנט אַזוי, אַז זיינע געלענקען זיינען געוואָרן וויים. דער דאָקטאָר האָט געקוקט אַרויף און אַראָפּ אויף דער וואַנט, געגעבן נאָך איין אומזיכערן בליק אויפן לייטענאַנט און געטון אַ שפּרונג. אַזאַ שטילער אָוונט, אַזאַ פּראַכטפול וועטער פאַר קריכן אויף אַ וואַנט!

ווען דער לייטענאַנט האָט זיך אַביסל שפּעטער באַרואיקט און געגאַנגען צוריק צום הויז, באַגעגנט אים זיין פרוי לעבן אַריינגאַנג. זיין פרוי, אַדעלהייד, שטייט דאָרטן לעבן דער טיר. ער האָט גאָרניט געהאַט קעגן איר שטיין לעבן דער טיר, ער האָט זי באַגריסט. זאָל זיין אַזוי, דאָ קאָן זי אפשר זען דעם מאַן, וואָס האָט צום לעצטן מאָל זיך געגויגט צו מאַרסיליען! אויפן פּנים איז בא אים געווען אַ פריינטלאַכער און הערשערישער אויסדרוק.

נאָר זי האָט עס שלעכט אויסגעטייטשט און געזאָגט:

— איך האָב געוואַרט אויף דיר, נאָר דו ביסט ניט געווען. דו האָסט אַרומשפּאַצירט.

ער האָט געענטפערט:

— דו האָסט ניט די געוואוינהייט צו וואַרטן אויף מיר אין אָוונט; אַזאַ זאַך איז דיר פרעמד. האָסטו געוואַרט אויף מיר אין אַזאַ שפּעטער שעה? ווילסט אַריינגיין?

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען.

— איך האָב געוואַרט אויף דיר כּדי צו פרעגן דיך, וואָס פאַר אַ סאָרט נאַר איז עס דער דאָקטאָר, וואָס דו האָסט אַרונטערגעבראַכט אַהער?

— דער דאָקטאָר ? איך קאָן אים ניט. ער איז דער באַצירק דאָקטאָר ; ער איז געווען דיין דאָקטאָר צען יאָר.

— צען יאָר, אָבער ניט מער.

— פאַרוואָס ? איך קאָן אים ניט, דו אָבער קאָנסט אים געוויס? אַל ריאיס — ס'איז אפשר ניטאָ קיין סך וואָס צו זאָגן וועגן אים. זיין שוועסטער אָבער, שאַרלאָט העלענאַ, וועלכע האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אונגאַרישן מאַגנאַט ראַדוואַני האָט, דוכט זיך מיר, געהאַט אַן אויסערגעוויינלאַך מזל. האָט ער דיר גאָרניט דערציילט וועגן איר ?

— דו פאַרורעדסט מיר די ציין.

— איך דערצייל דיר בלויז וואָס איך ווייס. איך האָב זיך ניט געקימערט אויסצוגעפינען מער וועגן דעם קליינלאַכן אומוויסנדן זעלבסט-צופרידענעם מענטשן.

— יאָ, דו פאַררעדסט מיר בלויז די ציין, ווילאַטע, איך האָב דיך געוואָלט עפּעס בעטן, נאָר איצט אַז איך טראַכט וועגן דעם —

וואָס איז געשען מיט פרוי אדעלהייד ? זי איז געווען אַזוי צעדרודערט ; זי האָט פּלוצלונג פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום איר מאַנס האַלדז און געזאָגט :

— אָ, פאַרוואָס ביסטו אַזוי ? איך בעט דיך פאַרגיב מיר !

צו איר גרויסער איבעראַשונג האָט ער מער ניט געענטפערט איר אויף איר ליבשאַפט. ער איז דאָרטן געשטאַנען אַ שטייפער און וועקגעדרייט זיין קאָפּ.

דאַן האָט זי אים אָפּגעלאָזט און וואַקלענדיק זיך, אַראָפּגעזונקען אויף אַ שטול.

ס'איז זייער מעגלאַך, אַז זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס אַלעם האָט באַדייט, ניט באַגריפּט, אַז זי האָט אָנגעטון אַ שאָדן, וואָס מ'קאָן אים שוין ניט גוטמאַכן, אַז זיין געדולד האָט סוף כל סוף געפּלאַצט און אַנשטאָט דעם האָט עקשנות פאַרנומען דאָס אָרט.

זי האָט בלויז געפילט איר דערנידערונג.

— אויב אַזוי נאָך וואָס זשע ביסטו אַריינגעקומען ? — האָט זי געזאָגט.

— צו הערן וואָס דו האָסט געהאַט צו זאָגן, — האָט ער געענטפערט. — בלויז צוליב דעם.

אָ, איצט האָט ער געהאַט די אויבערהאַנט. און ער האָט זי באַנוצט. זי האָט עס געפילט און געענטפערט :

— איך האָב מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— דאָס מיינסטו זיכער ניט ?

— ווילכט וויסן וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן ? — האָט זי געפרעגט, זיך אויפהויבנדיק מיטאַמאָל. — דער דאָקטאָר — איך האָב דיך געוואָלט בעטן, אַז דו זאָלסט זאָגן אָט דעם פויער, אַז מיר נויטיקן זיך מער ניט אין זיין דינסט. איצט ווייסטו.

— הם ! — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט.

— נאָר איך שטעל מיר פאָר, אַז דו וועסט עס ניט טון.

— איך קאָן זיך ניט פאַרשטעלן, — האָט איר מאַן געענטפערט מיט אַן אונערטרעגלאַכער גרויסקייט, — איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן קיין מער אַנגענעמערן עסק.

נאָר זייענדיק אויפגערעגט פון זיין טאָן האָט זי אויסגערופן :

— דו וועסט עס אָבער ניט טון. איך בין זיכער, אַז ניט.

— דו רעדסט ווילד.

— איך קאָן דיך, — האָט זי אַן אויפגערעגטע ווייטער גערעדט. — דו רייטסט מיט אַ פאַמעלאַכן טראָט, דו וועסט זיך ניט איינשטעלן אין קיין געפאַר. דאָס איז דיינע אַן איינגעשאַפט, נאָר ווי דו ווילסט דיר. אַ גוטע נאַכט !

ער האָט אָנגעהאַלטן זיין בייזווילקע זעלבסטהערשונג אַזוי ווייט אויף צו זאָגן ווען זי האָט שוין דערגרייכט די טיר :

— באַם מיטיק מיט אַ פאָר טעג צוריק האָסטו דערמאָנט, אַז דו וואָלסט געוואָלט צוגרידן צו באַזוכן נאָכאַמאָל די היים פון דיין קינדהייט. פון מיין זייט האָב איך גאָרניט קעגן דעם — דאָס געלט וועט יעדנפאַלס זיין גרייט — איצט אַזוי ווי פריער.

פויזע.

— זייער גוט. אַ דאַנק.

אָט דער אָנבאָט פון איר מאַן האָט זי צעמישט און זי האָט פאַרלאָזט דאָס צימער מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און מיט גרויסע גיכע טרים, זי זאָל קאָנען וואָס גיכער זיין אַליין איידער זי פּלאַצט אויס אין אַ געוויין.

דער לייטענאַנט האָט אָבער צוריק איבערגעביטן זיין פינגערל פון דער לינקער האַנט אויף דער רעכטער.

VI

דער קליינער ווילאַטיז איז געוואַקסן הויך און געזונט — ער

איז שוין אַ גרויס אינגל; ער זינגט גוט און שפּילט פּיאַנאָ גוט, נאָר ער איז ווילד און איינגעשפּאַרט; עס איז שוין ניט אַזוי גרינג מער צו קאָנטראָלירן אים; ער טוט, ווי אים געפֿעלט און דרייט זיך אַרויס פֿון זיין מאַמעס לעקציעס.

זיין פֿאָטער האָט זיך שוין לאַנג געדאַגה'ט וועגן אים; דער געדאַנק וועגן נעמען אַ לערער פֿאַר אים, אַזאַ ווי ער אַליין האָט געהאַט אין זיין יוגנט, אַ פּריוואַטן לערער מיט אַביסל בוך־געלער־זאַמקייט און מער גאָרניט, איז אים געווען דערווידער. אַזאַ לערער פֿון ערגעץ אַ דאָרפֿישער געמיינדע וואָלט אַלעמאָל געווען אינעם זעגלפֿאַס הויז, ער וואָלט געגעסן מיט זיי בײַ איין טיש און וואָלט געווען איינער פֿון דער פֿאַמיליע; דעם גאַנצן טאָג וואָלט ער געווען אַ לערער, די נעכט וואָלט ער פֿאַרבראַכט אין פֿאָרזעצן זיין שטודירן צו ווערן אַ גלח אָדער אַן אַדוואָקאַט. דער לייטענאַנט האָט געקאָנט דעם טיפּ מענטש; ער האָט ניט געקאָנט רעדן מיט אַזעלכע מענטשן, זייער גאַנצער געדאַנקענגאַנג איז געווען אַן אַנדערער, זיי האָבן ניט פֿאַרמאָגט קיין געירשנטע קולטור — בלויז זיך דערוואָרבן בוך־געלערזאַמקייט.

דער לייטענאַנט האָט געקלערט וועגן ענגלאַנד. דאָס איז געווען דאָס לאַנד פֿאַר זיין זון, דאָס אמתע לאַנד פֿון אויסבילדונג, דאָס לאַנד פֿון עשירות. ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט אים אויסהאַלטן דאָרטן! געקאָנט אויסהאַלטן? האָט ער דען ניט אַוועקגעשיקט אויף זיינע הוצאות לאַרס מאַנילסענס גרויסן גולם קיין כרעמסאַ און אים דאָרטן אויסגעהאַלטן, און זיין אייגענער זון זאָל פֿוילן אין דער היים! און נאָכמער, זאָל ער, דער לייטענאַנט, זיין אַזוי ווייט הינ־טערשטעליק לגבי דעם אַלטן קאַלדעווין, וואָס האָט אין זיין צייט געשיקט זיין זון פֿרעדריק לערנען אין סעינט־סיר?

דער לייטענאַנט פֿאַרטראַכט זיך און פֿאַרטיפֿט זיך איבער דער פֿראַגע.

דער קליינער ווילאַטץ אָבער פֿאַרטראַכט זיך ניט. אַ גאַנץ יאָר האָט ער זיך געשפּילט מיט זיין שכן, יוליאוס, לאַרס מאַנילסענס צווייטער זון, און ביידע האָבן געהאַט געבענטשטע טעג צוזאַמען. דער קליינער ווילאַטץ האָט אַפֿילו אַרויפֿגעשלעפּט יוליאוסן דורך די הינטערשטע טרעפּ צו זיך אין צימער און אים געוויזן אַלערליי זאַכן און געמאָלן אין וואַסער פֿאַרבן צוזאַמען מיט אים. יוליאוס איז געווען

צו אים ניי און וואונדערלאך אין אַן אַ שיעור וועגן, און חוץ דעם, האָט יוליאוס ארויסגערופן צו זיך אַ גרויסן דרך ארץ מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ סך גרעסערע הענט און פיס — זיי האָבן זיך אמאָל געמאָסטן, פארשטייט זיך. פון פאָרנט לעבן ווילאַטצעס בעט איז געלעגן אַ שטיקל טעפּיך — „גיב אכטונג ! דו טרעטסט אויפן געוואַנט“ — האָט יוליאוס געזאָגט. „וואָס ?“ האָט ווילאַטץ געפרעגט איבערראשט. נאָר ווען ווילאַטץ האָט שפּעטער ווידער ארויפגעטראָטן אויפן טעפּיך האָט יוליאוס אים אויפגעהויבן, אים אויסגעטרייסלט און אים פארשפּרייט אויפן בעט. — „נאָך וואָס טוסטו עס ?“ — האָט ווילאַטץ געזאָגט. — „דו ווייסט, אַז דו האָסט ניט געדאַרפט זיין שלעכט און טרעטן אויף דעם“, האָט יוליאוס געזאָגט.

די צוויי חברים האָבן זיך גוט אויסגעשמירט מיט די פאַרבן און ווען ווילאַטץ האָט זיך ארומגעוואַשן דאָס פּנים און די הענט מיט קאַלט וואַסער, איז יוליאוס געשטאַנען און געקוקט אויף אים מיט רחמנות. — „ווּעסטו זיך ניט ארומוואַשן ?“ — האָט ווילאַטץ געזאָגט. „ניין, מיר מוזן זיך צואיילן איצט“, — האָט יוליאוס געזאָגט, — ווייל דער וואַסער־צופלוס קומט איצט אָן.

יוליאוס איז געווען נערוועז און געבעטן ווילאַטצן ארונטערגיין די טרעפּ שטיל ; אויב זיי טרעפן קיין אַנדערן ניט אָן קאָנען זיי אָבער אָנטרעפן דאַוועדראַגאָן, און דער אמת איז, אַז דאַוועדראַגאָ האָט געשלאָגן איר ברודער מער ווי איינמאָל אין דער היים. אויף יוליאוסעס ראָט דאַרף ווילאַטץ ארונטערגיין דער ערשטער, און אויב אַלץ איז אין אָרדנונג דאַרף ער אַ הוסט טון אינם דורכגאַנג הינטן. ווילאַטץ גייט. יוליאוס קערט זיך אום צוריק אין צימער און נעמט אַן אינדישע גומענע פּילקע, וואָס ער האָט געזען צווישן די אַנדערע זאַכן דאָרטן, טראַכטנדיק געוויס, אַז זיי וועלן זי באַנוצן אינדרויסן. דאַן הוסט ווילאַטץ און יוליאוס גנבעט זיך ארונטער.

דערנאָך זיינען זיי ארונטערגעלאָפן צום ים און געפונען שטערנפיש און מושעלן און וואַסער־שלויכן. און נאָכדעם האָבן זיי אויסגעבויט אַ שטיינערן הויז מיט אַ קי־שטאַל אויפן ים־ברעג און ארייגעלאָזט פי אינם שטאַל ; דאָס פי איז געווען אַלערליי מושעלן. די קי זיינען געווען געפארבט, אייניקע מיט פלעקן, אַנדערע מיט פּאַסן ; די פאַרב איז באַשטאַנען פון צעמאָלענעם ציגל און שפּייעכץ.

אַ, גאָט ! ווי פאַרטון זיי זיינען עס געווען אין דעם אַלעם, כאָטש זיי זיינען שוין ביידע געווען גרויסע אינגלאַך איצט.

דאַן איז יוליאוס געוואָרן הונגעריק און געוואָלט אַ היים גיין. זאָלן זיי זיך אָבער צעשיידן פּונקט איצט ווען זיי פאַרברייננגען די בעסטע צייט צוזאַמען ? ווילאַטש האָט זיך אַ כאַפּ געטון, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן זיין מיטיק אין דער היים ; ווי אַזוי האָט ער אים געקאָנט געדענקען, אַז ער איז גאָרנישט געווען הונגעריק ? ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן איצט און אַלצאיינס. ער איז אַוועק מיט יוליאוסן צו אים אַ היים.

— אַזאַ גרויסן גאַסט, וואָס דו האָסט געבראַכט מיט זיך ! — זאָגט זיין מוטער צו יוליאוסן, — דו מוזסט אַריינקומען און זיך אוועקזעצן, ווילאַטש. קום, וועל איך דיר געבן עפּעס עסן, יוליאוס וואו זענט איר ביידע געווען ?

— אין בין געווען באַ ווילאַטשן אין דער היים, — ענטפערט יוליאוס.

— באַ ווילאַטשן אין דער היים ? ביסט אָבער זיכער ניט געווען אינוויייניק אין הויז ?

— איך בין ניט געווען ? מיר זיינען געזעסן און געמאָלן בילדער. פרעג נאָר ווילאַטשן אַליין !

— גרויסער גאָט ! — זאָגט זיין מוטער און איז שטאָלץ ווי יעדע פרוי. איר טאָכטער דאַווערדאַנאַ, האָט שוין געדינט אין הויף אין זעגלפּאַס און איצט איז אויך יוליאוס געווען אינווייניק אין הויז.

יוליאוס עסט מיט די הוילע הענט הערינג מיט קאַרטאָפליעס און איז אַ גרויסער מאַדים אויף דעם. ער דאַרף ניט קיין מעסער, ניט קיין גאָפּל. זיין טעלער איז פּלאַטשיק און אַ הילצערנער. אַלצ־דינג איז דאָ זייער אומגעוויינלאַך. ווילאַטש ווערט מיטאַמאָל שטאַרק הונגעריק.

— איר זעט אויס צו האָבן זייער גוטן הערינג מיט קאַרטאָפליעס, — זאָגט ער.

— יאַ, ניט צום פאַרזינדיקן ; ווען מיר וואָלטן נאָר אַלעמאָל געהאַט צו זאַט ! — ענטפערט די פרוי. — אוי, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט עפּעס מיט וואָס מכבד צו זיין ווילאַטשן ! דענקסטו, אַז דו וואָלסט געקאָנט פאַרדייען אַ שטיקל קאָרן־ברויט ? ניין ! איך שטעל מיר פאָר, אַז ניט.

—אָ, יאָ, איך וואָלט געקאָנט, דענק איך, — ענטפערט ווילאַטש. ווייל זיין הונגער איז שוין געווען גאָר שטאַרק.

די פרוי באַשמירט מיט פוטער אַ גראָב רייפטל ברויט. דערנאָך צעברעקלט זי מיט אַ פלאַש אַ שטיקל קאַנדל־צוקער און באַשפּרענקלט דאָס ברויט מיט דעם.

— נאַ דיר דאָס, אפשר וועסטו עס קאָנען פאַרדייען אַזוי ווי עס איז ?

ווילאַטש האָט געגעסן. ווילאַטש האָט נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבן ניט געגעסן קיין בעסער שטיקל ברויט מיט פוטער. ברויט מיט קימעל־קערנער און מיט צעברעקלטן קאַנדל־צוקער אויף זיך איז פאַר ווילאַטשן געווען אַן אומבאַוואוסטע נאַשעריי. ער וועט בעטן זיין מוטער זי זאָל עס אים געבן אין דער היים.

נאָכדעם זיינען די אינגלאַך ווידער אַרויס אינדרויסן און זיי האָבן זיך געשפּילט אין אַלערליי פרייליכע שפּילן. אַט דער יוליאוס איז געווען אַ ריכטיקער יאַט. אַן אמתע מציאה פאַר ווילאַטשן ; ער איז געווען זייער קלוג און געקאָנט מאַכן אַלערליי קונצן, און חוץ דעם האָט ער זיך געקאָנט שעלטן און געוואוסט אַזויפיל קללות. זיי זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון דער ציגעלניע און איצט האָבן זיי ניט געוואוסט ווי אַזוי צוריק אַרונטערצוקריכן. מ׳האָט געדאַרפט קריכן צוריקוועגס און אַנטאַפּן דעם וועג מיט זייערע פיס ; זיי האָבן דאָס עטלאַכע מאָל געפּרוּווט, נאָר אומזיסט, ביז ווילאַטש איז ענדלעך מיד געוואָרן און אַרונטערגעשפּרונגען. ער האָט זיך ניט צעקלאַפּט און העלדיש פאַרגעשלאָגן אונטערצוכאַפּן זיין חבר ווען יענער וועט שפּרינגען. נאָר יוליאוס וועט ניט שפּרינגען, ער איז שוין געווען גרייט דאָס צו טון עטלאַכע מאָל נאָר יעדעס מאָל עס אויפגעגעבן. — נישט ווייל איך האָב מורא, — האָט יוליאוס געזאָגט, נאָר איך קאָן זיך נאָך דערהרגענען ! — צום סוף האָט ער נאָכאַמאָל געפּרוּווט דעם ערשטן וועג, קריכנדיק ריקווערטס ; און ווען ער איז אַביסל אָפּגעקראָכן האָט ער געפרעגט : „ס׳איז נאָך ווייט ?“ — „ניין !“ — האָט ווילאַטש געענטפערט. — „שוין געבליבן זייער אַ קליינער שטח, טו זיך אַ לאָז אַראָפּ !“ — נאָר יוליאוס האָט נאָך געהאַנגען אַזוי אַ ווײַלע און זיך ניט געגעבן אַ לאָז אַראָפּ ; דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צוריק צו קריכן אויפן דאַך נאָר אויך דאָס אויפגעגעבן ; ער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן יעדע האָפנונג, אָנגעהויבן וויינען, און געזאָגט, אַז ער קאָן אַזוי

מער ניט היינגען. — „טו איין שפרונג נאָר! — האָט ווילאַטע אויסגעשריען. דאַן האָט יוליאוס פאַרמאַכט זיינע אויגן און געגעבן אַ שפרונג.

— נו, זעסט, אַז ס'איז גאָרנישט! — האָט ווילאַטע געזאָגט. יוליאוס האָט זיך אָבער גוט צעקלאַפּט אויף עטלאַכע ערטער און אַצינד אַז ער איז שוין געווען אויסער געפאַר איז ער געוואָרן אין כעס און געשאָלטן מיט בייזע קללות. — דו זע נאָר בעסער ווי איך האָב זיך צעקלאַפּט, — האָט יוליאוס געזאָגט, און געוויזן זיינע ביילן און געשווירן. — איך קאָן דיר זאָגן, אַז ס'איז געווען אַ גוואַלדיקע הויך צו שפּרינגען.

נאָר וואָס איז דאָס? די פּילקע איז אַרויסגעפאַלן פון יוליאוסעס קעשענע און איז דאָרטן געלעגן צווישן זיי.

— האָסטו אויך אַזאַ פּילקע ווי מיינע? — פרעגט ווילאַטע.

— אַ פּילקע? זי האָט דאָ געמוזט ליגן פון פריער, — ענטפערט יוליאוס, נאָר פלוצלונג פאַרטראַכט ער זיך וועגן דעם ענין בעסער און גיט צו, אַז ער האָט מיטגענומען די פּילקע, כדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו שפּילן.

דערנאָך שפּילן זיי מיט דער פּילקע, נאָכדעם כאַפּן זיי פּאַלאַק־פישלאַך, און דערנאָך שפּרינגען זיי אַרום ווי יונגע לאַשיקלאַך. דאָס פּלאַץ איז ברייט און דער הימעל איז הויך איבער זיי; זייערע געלעכטערן און געשרייען קלינגען אָפּ ווי דער רוף פון מעווען. דאַן ווערט די פּילקע פאַרלאָרן, אינם גראָז, צווישן די שטיינער, מ'ווייסט ניט ווי אַזוי. זיי זוכן און זוכן; ניין, די פּילקע זעט מען ניט. איז קאָן מען גאָר ניט העלפן און זיי הערן אויף זי זוכן.

און איצט קומט אַרויס פון איינעם פון די שכנישע שטיבלאַך דער קליינער גאָטפרעד און לאָזט זיך צו זיי. ער האָט גאַנץ זיכער געהערט וועגן דער גרויסאַרטיקער געזעלשאַפט מיט וועלכער יוליאוס פאַרברייינגט און צוגעקומען שטיל און שעמעוודיק אויך אַנטייל צו נעמען. — „אָט גייט גאָטפרעד“, — האָט יוליאוס אַ מורמל געטון אויפשפּרינגענדיק פון זיין אָרט; — לאָמיר אַנטלויפן. — זיינען זיי אַוועקגעלאָפן. און גאָטפרעד איז געבליבן אַזוי איבערראַשט פון דעם, אַז ער איז שוין ווייטער ניט געגאַנגען נאָר אָנגעהויבן צו רייסן גראָז, און צום סוף זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און פאַרגעזעצט רייסן דאָס גראָז.

— פאַרוואָס זאָלן מיר אַנטלויפן? — פרעגט ווילאַטע.

— גוט, איכ'ל דיר זאָגן, — האָט יוליאוס געענטפערט. — אויב עס איז פאַראַן אימיצער, וואָס איך וויל מיט אים גאָרנישט האָבן וואָס צו טון, איז עס אָט דער גאָטפּרעד. דאָס איז אַלץ, וואָס איך זאָג דיר.

ווילאַטץ האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען נאָר גאָטפּרעד איז פאַר אים געוואָרן אַלץ מער אינטערעסאַנט.

— זיין מוטער גנבעט צו די אייער פון די ים־פויגל.

נאָר אַפילו דאָס האָט גאָטפּרעדן ניט געמאַכט וויניקער אינ־טערעסאַנט; ס'האָט זיך געשפּירט עפּעס אַ מיסטעריעזע צוציאונגס־קראַפט צו אַ אינגל, וואָס האָט אַזאַ מאַמע. כדי אָפּצוציען די אויפ־מערקזאַמקייט פון גאָטפּרעדן זאָגט יוליאוס:

— וואָס דיינקסטו געשעט אין זייערע מוטערס קערפּערס צו אַלע לעמעלאַך, וואָס ווערן ניט געבוירן?

דאָס צעטומלט ווילאַטצן אינגאַנצן. ער איז נאָך קיינמאָל ניט געזעסן מיט אַזאַ אָפן מויל ווי איצט.

נאָכדעם זאָגט יוליאוס:

— נו, ווען אַ שאָף געבערט ניט קיין לעמעלאַך, פוילן די לע־מעלאַך באַ איר אין בויך.

— אַזוי! — זאָגט ווילאַטץ; — זיי פוילן?

— יאָ. מיר האָבן געהאַט אַ שאָף, וואָס מיט איר האָט אַזוי געטראָפן. — זע נאָר, גיב נאָר אַ קוק אויף גאָטפּרעדן; ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד. צו וואָס זיצט ער דאָרט דער קליינער טייוול?

נאָר איצט דערזעט ער עפּעס אַנדערש, אַ רייטער אויפן מיטן וועג, דער לייטענאַנט.

— אָט רייט דיין פאָטער! — מורמלט ער אַרויס. און ניט טראַכטנדיק קיין סך פאַרשווינדט ער.

ווילאַטץ האָט זיך דערזען שטייענדיק איינער אַליין, אַפילו גאָטפּרעד, וואָס איז געווען ווייט אַהינטער, האָט געזען דעם לייטענאַנט און האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט איינגעשרומפּן און געוואָרן קלענער ווי פריער. האָט ווילאַטץ ניט געהאַט קיין ברירה — ער מוז גיין פאַראויס און אַנטקעגן זיין פאָטער.

— דו ביסט עס? — זאָגט זיין פאָטער און האַלט איין זיין פערד, — האָסט פאַרגעסן אַן דיין מיטיק היינט. מיט וועמען האָסטו זיך געשפּילט?

— מיט יוליאוסן.

— מיט יוליאוסן?

— יוליאוס. איך ווייס ניט ווער ער איז. ער איז פון יענעם שטיבל דאָרטן, — זאָגט ווילאַטע אָנווייזנדיק מיט דער האַנט.

— גיי אַהיים און בעט פאַרגעבונג ביי דיין מאַמען, — זאָגט זיין פאָטער און רייט ווייטער.

VII

מיט אַ וואָך שפּעטער קומט צעפּאָרן קאַלדעווין מיט זיין ווייב און זון; זיי זיינען גרויבע לייט און זיי קריגן אַ וואַרעמע אויפנאַם אין זעגלפּאַס. דער יונגער קאַלדעווין, פרעדריק, איז איצט געווען אַ מאַן פון איבער פערציק, אַ פאַרהייראַטער און געוואוינט אין איינער פון די שטעט אויפן מערבדיקן ים־ברעג; ער איז געווען אַ סוחר און אויך דער פראַנצויזישער וויצע־קאָנסול. וועגן פרעד־ריק קאַלדעווין האָט מען געהאַט אַ גוטע מיינונג. ער איז געווען אַזאַ גוטמוטיקער און געגאַנגען עלעגאַנט געקליידט; די האָר פלעגט ער פאַרקאַמען מיט אַ שרונט און געטראָגן רינגען אויף די פינגער. מיט אַ יאָר פריער האָט אים באַזונדערס אָפּגעגליקט. אַ פראַנצויזישע שיף איז געבראַכט געוואָרן צו זיין האַפן אַ באַשעדיקטע און חוץ דעם וואָס ער האָט אָפּגעקויפט דעם גאַנצן טראַנספּאָרט סחורה פון דער שיף און געמאַכט אַ גרויסן ריוח אויף איר, האָט ער זיך דער־וואָרבן אַ היבשן נאָמען צוליב די אונטערהאַלטן, וואָס ער האָט געמאַכט לכבוד די פראַנצויזן. די געסט זיינען געקומען מאַסקירט און ס'זיינען דאָרטן געווען בלויע הייזלן און פייערווערק; די קעל־נערינס האָבן געטראָגן קורצע קליידלאַך און דער שטאָטישער אָר־קעסטער האָט געשפּילט הינטער די פענצטער. נאָכן אונטערהאַלט פאַר די אָפיצערן, האָט די שיף־מאַנשאַפט געהאַט אירן; דער קאָנ־סול האָט נים געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן קיינעם; אַפילו אַ נעגער פון אַלזשיר, וועלכער איז געווען צווישן דער מאַנשאַפט, האָט זיך באַטייליקט.

פרעדריק קאַלדעווין איז געווען גאַנץ וויליק צו דערציילן וועגן דער פּאַסירונג פון יענער צייט; יאָ, זיי האָבן געהאַט שוין איינמאָל אַ צייט, און די פרעמדע זיינען געווען פריילאַכע לעבע־יונגען. זיין לערנען זיך אין סעינט־סיר האָט זיך אָפּגעצאָלט.

— און מערקווירדיק, — זאָגט פרעדריק קאָלדעווין, — מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט איינע פון די קעלנערינס חתונה געהאַט מיט אַ סטאָליער. ס'איז מיר ערשט איצט איינגעפאַלן.

— איז עס דען אַזוי מאָדנע?

— אָ, ניין. נאָר היינטיקס יאָר האָט זי באַשאַנקען איר מאַן מיט אַ קינד, אַ מולאַט.

פויזע.

— איך פאַרשטיי ניט, — זאָגט פרוי האָלמסען.

— ניין, קיינער פאַרשטייט עס ניט, ענטפערט פרעדריק קאָל־דעווין. אונדזער דאָקטאָר פאַרשטייט עס אויך ניט.

— מיר האָבן אויך געהאַט אַ גאַסט, — שלאָגט דער לייטענאַנט אים איבער די רייד. — אדעלהייד וועט אייך דערציילן וועגן אים. אַנטשולדיקט מיר אויף אַ רגע.

און מיט דעם פאַרלאָזט דער לייטענאַנט דאָס צימער.

ער גייט אַרויס אויפן הויף; דאָס מיידל דאָווערדאָנאַ שטייט דאָרטן, און ער זאָגט איר:

— דו ביסט ניט געקומען נעכטן אין אָוונט; האָסטו פאַר־געסן?

— ניין, די מאַדאַם האָט מיך ערגעץ אַוועקגעשיקט?

— וואוהין?

— צום שוסטער.

— גערעכט, איצט געדענק איך. איך האָב אַליין אָנגעזאָגט, אַז מ'זאָל דיך שיקן צום שוסטער. מ'האָט געדאַרפט פאַריכטן די שטיוול.

— ניין, די מאַדאַם האָט געהייסן זיי בלויז אָפּפּוצן.

— יאָ, און זיי אָפּפּוצן. אָפּפּוצן אויך.

און מיט דעם איז ער אַוועקגעגאַנגען. ס'קאָן זיין אַז ער האָט נאָר ניט געהאַט צוליב וואָס אַרויסצוגיין פון צימער נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען סיי ווי, ער האָט געהאַט אַזויפיל וועגן וואָס צו טראַכטן. דער לייטענאַנט טראָגט היינט זיין בעסטע אוניפאָרם אום אָנצוטון כבוד זיינע געסט, איז גייט ער ניט אַריין אין דער קי־שטאַל אָדער אין דער פערד־שטאַל נאָר ער גייט אַריין אין דעם שייער וואו ער זוכט זיך אויס אַ טונקלען ווינקל און בלייבט דאָרט שטיין אַ לענגערע ווײַלע. ער איז גאַרניט פאַרזאָרגט, פאַרקערט; ווי ער שטייט אַזוי דאָרטן, טוט ער אַ צופרידענעם נייג מיטן קאָפּ. —

אַפּפּוצן אויך — חזרט ער איבער און רייבט זיך די מאָגערע הענט. איידער ער קערט זיך אום צוריק בייט ער אום זיין רינג אויף דער לינקער האַנט, כדי ער זאָל געדענקען עפּעס.

דאַווערדאָנאַ שטייט נאָך אַלץ אויפן הויף, און פאַרבייגייענדיק לעבן איר זאָגט איר דער לייטענאַנט:

— האָסטו צוריקגעבראַכט די שטיוול מיט זיך?

— ניין, — ענטפערט דאַווערדאָנאַ, — איך האָב זיי בלויז איבערגעלאָזט דאָרטן.

און דער לייטענאַנט נייגט אויפסניי דעם קאָפּ און זעט אויס צו זיין נאָך מער צופרידן.

ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען אין זאַל אַריין איז יעדערער געזעסן פאַרטיפט אין זיינע אייגענע געדאַנקען; דער קאָנסול איז געווען דער לעצטער פריער צו ריידן און איצט רעדט ער ווידער:

— כ'האָב געהערט, אַז קיניג טאַביאַס האָט אייך באַזוכט און אַז ער וויל דאָ קויפן באָדן. דאָס איז גוט, פאַרקויפט אים לאַנד.

דעם לייטענאַנטס ענטפער איז געווען קורץ; ער האָט בלויז געזאָגט:

— מיר האָבן געטראַכט — אַדעלהייד און איך — חוץ דעם איז ער אַ קראַנקער מענטש. נאָר איר האָט דאָך מן הסתם אויך געהערט וועגן אים?

די אַלטע פרוי קאַלדעווין שאָקלט מיטן קאָפּ און ענטפערט:

— יאָ, איך זאָל עס דענקען אַביסל.

—מיר האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים, — זאָגט דער קאָנסול. — דער פאָטער מיט דער מוטער אויף איין זייט און פרוי אַדעלהייד און איך אויף דער צווייטער; און איך בין זיכער אַז דער קליינער ווילאַטץ איז אויך אויף אונדזער זייט, וואָס זאָגסטו, ווי־לאַטץ? יאָ, איך האָב געוואוסט, אַז יאָ. נו, אויב אַזוי וועלן מיר פאַרקויפן דעם באָדן.

דער אַלטער קאַלדעווין איז געזעסן טיף פאַרטראַכט; ער איז געווען אַ לאַנגזאַמער מענטש און ניט ליב געהאַט קיין שום ענ־דערונגען. ווען פרוי האָלמסען האָט דערציילט וועגן דעם קיניג, וועגן אַט דעם קיניג טאַביאַס, וואָס האָט זיך געוואָלט באַזעצן דאָ בשכנות מיטן פריץ פונם הויף האָט ער פעפּט געקוקט פאַר זיך און זיי גע־וואָרנט, זיי געוואָרנט קעגן דעם פאַרקויף: — ניין, טוט עס ניט!
— האָט ער געזאָגט. — טוט עס אויף קיין פאַל ניט!

איצט האָט ער נאָכאמאָל איבערגעחזרט זיין ווארנונג:

— אויב איר וועט אזוי האַלטן אין פאַרקויפן און פאַרקויפן וואָס זשע וועט בלייבן פון זעגלפּאָס? פאַרשטייט זיך, אז ס'וועט נאָך בלייבן גענוג, איבערגענוג, — האָט ער זיך צוגעאײַלט צוצוגעבן, אָבער באַם סוף — איך נעם אָן, אז דער לעצטער ווילאַטץ האַלמסען איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן.

— איצט זיינען אַנדערע, מאָדערנע צייטן, פּאַטער, — זאָגט דער קאָנסול. — אָט די גרויסע גיטער באַצאָלן זיך ניט, זיי ברייִנגען נאָר אויס זייער אייגנטימער. עס מאַכט ניט אויס פאַר יענע, וואָס האָבן אָן אָנגעזאַמעלטן קאַפּיטאַל פון פריער אויף וועלכן זיי קאָנען זיך שטיצן.

— איך האָב ניט געהאַט קיין גרויסן אָנגעזאַמעלטן קאַפּיטאַל.

— ענטפערט זיין פּאַטער. — וואָס איך האָב געזאָלט האָבן איז אוועק מיטן ווינט אין די שלעכטע יאָרן און אין דער מלחמה. אָבער בלויז צוליב דער סיבה —

— אָ, יאָ, פּאַטער, אָ, יאָ, איר האָט געהאַט אַ סך. און זייט דאָן האָט איר גערירשנט —

די אַלטע פרוי קאַלדעווין גיט אַ קוק אויף איר זון און שטעלט אים אָפּ.

— אָבער בלויז צוליב דער סיבה וועל איך זיך ניט צעשיידן מיט קיין אַקער לאַנד פון מיין מעסיק גוט; ניין, איך וועל עס ניט טון.

— אָבער, פּאַטער, איר טוט דאָך גאָר ניט מיט דעם.

— ניין, מעגלאַך, אז ניט. אָ, ניין, איך טו גאָרנישט מיט דעם. מוז אַ מענטש פאַרדינען פון יעדער זאַך? — פרעגט דער אַלטער מאַן. — ווען מיר וואָלטן אָבער פאַרקלענערט אונדזערע גרענעצן איצט, דיין מוטער און איך, ווען מיר וואָלטן געהאַלטן אין פאַר־קויפן און קריגן געלט פאַר דעם, נו, וואָלטן מיר גאָרנישט געהאַט אויף וואָס צו קוקן חוץ אויף די עטלאַכע מטבעות — קיינע ברייטע לענדערייען. און צו וועמען וואָלטן די מענטשן געהאַט צו גיין ווען עפּעס וואָלט געטראָפן אויב זיי וואָלטן מער ניט געהאַט דיין מוטער און מיך? אָט, היינטיקן פרילינג האָט הענריק — דו קאָנסט אים — פאַרלוירן זיין קו. אַ גוטע קו, וואָס האָט זיך געקעלבט. הענריק, וועמען דו האָסט איבערגעטויפט, געדענקסטו?

— איך געדענק אים. איז וואָס?

— ניין — דאָס אַליץ, — זאָגט דער אַלטער קאַלדעווין. — ער איז געקומען צו דיין מוטער —

פּויזע. אַזוי ווי ער זאָגט מער גאָרנישט רופט זיך אָן פרוי קאַלדעווין:

— יאָ. און איך בין געגאַנגען צו דיין פאָטער.

פּויזע.

— אָבער, — אַרגומענטירט דער קאָנסול לאַבנדיק, — עס וואָלט דאָך געווען דאָסזעלבע ווען דו וואָלסט אים געגעבן געלט אָדער אַ נייע קו.

— ניין, ניין, — ענטפערן ביידע אַלטע, שאָקלענדיק מיט די קעפּ, — ער וואָלט געווען צעטאַכליעוועט דאָס געלט.

צו פאַרגלעטען דעם ענין זאָגט דער לייטענאַנט:

— אין איצטיקן פאַל איז עס ניט קיין פראַגע וועגן קיין זייער גרויסן פאַרקויף; מיר האָבן אים צוגעזאָגט זיך צו מישב זיין וועגן אַ שטיקל ערד געגנוג פאַר אַ שטיבל; און מעגלאַך, אַז ס'וועט גאָרניט אַרויסקומען דערפון, אַדעלהייד און איך האָבן גערעדט מיט דעם מאַן וועגן דעם; ער איז אַ פאַרשטענדיקער און באַשיידענער מענטש.

— איך מוז צוגעבן, אַז ער איז מיר געפעלן, — זאָגט זיין פרוי.

— און הוץ דעם איז ער קראַנק און געוואָלט פּרואוון די לופט אינם סאָסנע־וואַלד.

מיט דעם האָט זיך דער שמועס פאַרענדיקט און יעדער איז געזעסן און געטראַכט. נאָר דער קליינער ווילאַטץ, וועלכער האָט ליב געהאַט ענדערונגען בעסער ווי וואָס־ניט־איז עפּעס אַנדערש איז אַוועק אין זאַל אַריין און געשפּילט אויף דער אַלטמאָדישער פּיאַנאָ.

— בום — בומבום — בומבו, — דער קאָנסול האָט אונטערגע־כאַפּט די מעלאָדיע.— אַגב אורחא האָט יענער העגריק ניט געהאַט קיין טאַטן, נאָר זיין מאַמע האָט געהייסן ליסבעט און מ'האָט דעם זון גערופן ליסבעט־העגריק. האָב איך אים איבערגעטויפט העגרי פון ליסבעט.

* * *

דאָס טעגלאַכע לעבן אין זעגלפאָס איז זיך געגאַנגען רואיק און מאַנאָטאָן. פרעדריק קאַלדעווין האָט עס געקאָנט דורך און דורך: עס איז ניט געווען לויט זיין געשמאַק נאָך, נאָר ער האָט געטון דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקאָנט און ס'איז אים געלונגען טיילווייז צו

פארברייננגען נישקשהדיק די צייט. ער און דער לייטענאנט זיינען געווען באפריינדעט נאך פון אינגלווייז אן, און אין משך פון די יארן איז די באלעבאסטע פונם הויז אויך געווארן זיין פריינט. ער האט געשמועסט און געפייפט און געזונגען איבערן הויז און אויס־געטרונקען א פלאש, צוויי, מיטן לייטענאנט אין די אוונטן; אפילו מיט דער הויז־פירערן, יאמפרו סאלוועסן, פלעגט ער כאפן א שמועס אמאל דורכן אפענעם פענצטער אין שפייז־צימער.

— יאמפרו סאלוועסן, ס'איז טאקע אמת, אז איך האב אייך אפגעגעבן שלום זינט איך בין אנגעקומען אהער. איך האב אבער קיינמאל ניט געהאט די געלעגנהייט אויסצורײדן מיט אייך אן ערנסט ווארט.

— אן ערנסט ווארט, הײנטיקס יאר אויך ? — פרעגט יאמפרו סאלוועסן לאכנדיק.

דער קאנסול שאקלט מיט זיין קאפ :

— איך מיין עס באמת ערנסט הײנטיקס יאר. און איך בין געקומען צו מאכן א סוף צו דעם.

— איר האט עס געטאן לעצטן יאר אויך, כא־כא־כא !

— איך שרייב לידער וועגן אירע ברעמען און אירע אויגן. „מיין אוצר זיינען אירע אויגן" זינג איך — ניין, ווי גייט עס דארטן ? ווען איר וואלט נאר געוואוסט וואס איך זאג וועגן אירע אויגן ! יאמפרו סאלוועסן, איז עס, הייסט עס, טאקע אמת, אז איר זענט א כלה געווארן פאר אן אנדערן, זינט איך בין דא געווען פאראיארן?

— נו, וואס האב איך געקאנט טון ? — זאגט יאמפרו סאלוועסן, ניט אפשטייענדיק פון אים, און פארציענדיק איר מויל. — איר האט מיך פארלאזט, קאנסול.

— איך ? ווי דערלאזט אייך אייער הארץ צו זיין אזוי אומ־געטריי ? דערפאר שרייב איך : „אירע אויגן איז איר עשירות, זי קויפט מיט זיי אונטער אלע מענער.

— פע ; קאנסול !

— קאן עס אייך דען פארוואונדערן אויב איך בין אראפ פון זינען ? דריי יאר זיך געפייניקט און דערנאך קום איך צעגיין און געפין אויס אז איר האט שוין געגעבן אייער ווארט אן אנדערן. א, הלואי וואלט איך אייך קיינמאל ניט געווען אנגעזען — אדער ווי זאגט שעקספיר ? איר האט א סך פארוואס ערב צו זיין.

— יא, איר קוקט אויס מאגער און אפגעצערט !

— נאָר אַזוי זענט איר פרויען. איך האָב געטראָפן אַ מאַן אויף מיין רייזע אין דרום — גאָט ווייס צי איז ער ניט געווען אַ פּאַסטאָר ערגעץ וואו. איז ער געזעסן לעבן זיין ווייבס טויטן־בעט, האָט ער דערציילט, און זיינע דריי זין זיינען געווען לעבן אים. האָט ער צוויי באַטראַכט פאַר זיינע אייגענע — זיי זיינען געווען געראָטן אין אים, האָט ער געדענקט — דעם אינגסטן אָבער, דער קלענסטער און שוואַכסטער, האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן. דאַן האָט זיין ווייב געזאָגט: „ער איז דיין זון!" און דער מאַן איז אַנידערגעפאַלן ווי אַן אונטערגעשאָסענער. אַ צייט שפּעטער קומט ער צו זיך און פרעגט: „און די אַנדערע ניט?" זיין ווייב ענטפערט ניט. „און די אַנדערע ניט — די אַנדערע ניט? הערסט?" חזרט ער איבער. נאָר זיין ווייב איז געווען טויט.

דער קאָנסול און יאַמפּרו סאַלוועסן קוקן זיך איבער.

— הו! — האָט זי געזאָגט און אַ ציטער געטון.

— שטעלט זיך פאַר אויף יענעם מאַנס אָרט, יאַמפּרו סאַלוועסן: זיין גאַנץ לעבן וועט ער אַרומגיין און ניט אויפהערן פרעגן: „די אַנדערע ניט?" ער וועט קיינמאָל ניט קריגן קיין ענטפער.

פויזע.

— ברענגט דעם מאַן אַהערצו און איך וועל אים ענטפערן! — האָט פּלוצים יאַמפּרו סאַלוועסן אַרויסגעזאָגט מונטער. — די מוטער האָט נאַטירלאַך זיך געשראָקן פאַרן לעצטן קינד און דערפאַר זאָגט זי — זי האָט געהאַלטן באַם שטאַרבן און זי האָט געוואָלט העלפן דעם אינגסטן — איר מוזט געדענקען, אַז ער איז געווען דער קלענסטער, אָרים קינד, און חוץ דעם איז ער שוין געווען אונטער אַ חשד. אויף מיין לעבן האָב איך נאָך אַזוינס ניט געהערט! און דעריבער זאָגט זי —

דער קאָנסול וואַרט.

— זי האָט עס בלויז געטון כדי צו העלפן אַביסל דעם אינגסטן.

— רופט אויס יאַמפּרו סאַלוועסן. — קאָנט איר עס ניט פאַרשטיין?

דער קאָנסול נייגט מיטן קאָפּ, ער גיט זיך אונטער איר גוט־האַרציקער אמונה:

— פּונקט דאָסזעלבע האָב איך געזאָגט צום מאַן: „רעדט ניט קיין סך". האָב איך צו אים געזאָגט —

— כאַ־כאַ־כאַ! יאַ, איר האָט עס וואויל געמעגט זאָגן. ער האָט שוין געהאַט זיין ענטפער דאַן! — יאַמפּרו סאַלוועסן ווערט

שענער און זי פארדרויטלט זיך פון דורכאויס גוטהארציקער אמונה.

דער קאנסול טרעט צוריק נאכמער. ער איז אפשר אוועק אביסל צו וויט, און אצינד וויל ער עס גוטמאכן:

— פונקט דאסזעלבע וואס איך האב געזאגט צום מאן, כמעט דיזעלבע רייד ווי אייערע. כמעט ווארט אין ווארט. און דאס פירט מיך צום געדאנק ווי גוט מיר וואלטן זיך געפאסט איינער צום צווייטן, יאמפרו סאלוועסן, ווען איר וואלט נאר ניט געווען מיך אזוי פאראטן. און אצינד וועל איך שוין אלעמאל ארומגיין איינער אליין און פרעגן: „אויב אזוי, וואס איז דאס לעבן? וואס צום טייוול, איז דאס לעבן?

— איך הויב טאקע אן צו גלויבן, אז איר גייט אראפ פון זינען, — רופט אוים די הויז־פירערן מיט א געלעכטער. — הו! איך לאך אזוי שטארק אז מיין הארבאנד פאלט אזש ארונטער.

— זאגט זי אויסגלייכנדיק איר הארבאנד און פוצנדיק זיך אביסל, — איז עס גוט אזוי?

— א, יא, גאנץ גוט, ענטפערט דער קאנסול. — ווען איר שטרעקט אוים אייערע ארעמס אט אזוי און גיט מיר אזא גוטע גע־לעגנהייט —

— נו, מיין טייערער קאנסול, ק א נ ט איר ניט זיין אמאל ערנסט?

— וואס פאר א פראכטפולע טאליע איר האט! איך וואלט באמת געדארפט אריינקומען און אייך אויפהויבן אויף מיינע הענט.

און דער טייוול ווייסט אים צי האט ער טאקע ניט בדעה געהאט אריינצוגיין צו איר, ווייל די הויז־פירערן האט בלויז געזאגט:

— יא, דאס וואלט געווען א פיינע זאך! וואס א שטייגער ווען די מאדאם וואלט אנגעקומען!

נאר ער איז נאכאלעמען געבליבן שטיין פון יענער זייט און פארענדיקט דעם שמועס מיט עטלאכע גוט־באטראכטע פראזן. יאמפרו סאלוועסן האט זיך נאכגעפרעגט אויף זיין פרוי און קינ־דער. וועלן זיי מער קיינמאל ניט קומען נאכאמאל קיין זעגלפאס?

* * *

אבער די מערסטע צייט האט דער קאנסול גערעדט מיט פרוי אדעלהייד. ער האט איר דערציילט שפאסיקע מעשיות און פאסי־רונגען, וואס זיינען זיך מיט אים פארלאפן פאר דער צייט. וואס

ער איז דאָ ניט געווען; ער איז געווען העפלעך און זי פיין אונטער־האַלטן. דער פרוים שטימונגען זיינען געוואָרן געהויבענער און זי האָט זיך אָנגעהויבן אָנטון וואָס ווייטער מיט מער געשמאַק — פרעדריק קאַלדעווין אַליין איז געווען אַזאַ פריילאַכער און עלעגאַנ־טער און זיינע רייד האָבן ניט געקלונגען ווי פּלוידעריי און פּוסטע קאָמפּלימענטן; אויף קיין פאַל ניט: ער האָט אויסגעדריקט מיי־נונגען און אַנטוויקלט אַ לעבנס פילאָזאָפיע — אַ פילאָזאָפיע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם געדאַנק, אַז אַ מענטש מוז מיטגייז מיט דער צייט.

פרוי אַרעלהייד איז געווען אָנגענעם צו זיצן און הערן אים ריידן. זי איז געווען אולטראַ־דייטשיש אין יענער צייט, און דער קאָנסול פרעדריק האָט געהאַלטן מיט די פראַנצויזן, נאָר פונ־דעסטוועגן —

— פאַרוואָס רעדט איר אַלעמאָל וועגן דער פראַנצויזיש־דייטשער מלחמה? — פלעגט זי פרעגן. — עס זיינען דאָך גאָר די דייטשן, וואָס זינגן, דאַרף זיין די דייטש־פראַנצויזישע מלחמה.

— יאָ, — ענטפערט דער קאָנסול. — די פּריסן געווינען.

— די טעווטאָנען. זיינען מיר דען ניט אַלע טעווטאָנען?

— יאָ, אַחוץ די פראַנצויזן. אָבער טייערע פרוי אַדעלהייד, לאָמיר ניט ריידן וועגן דעם איצט. נעכטן האָב איך געהערט דיווילדע שוואַנען גוגערן ווייט אַוועק; רגעסווייז האָט זיך געהערט אַ טרומייטערן פון אַ צאָל שוואַנען צוזאַמען און עס האָט געקלונגען ווי אַ כאָר. דער קלאַנג איז געווען אַזאַ צאַרטער און אין דערזעלבער צייט אַזוי ווילד, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט העלפן און געטראַכט פון אייך.

— איר האָט זיך ניט געקאָנט העלפן? — זאָגט פרוי אַרעלהייד.

איר פאַרשטייט, זי איז באַין אופן ניט געווען קיין קאַלטע פרוי און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַמבעסטן ווען זי האָט געשפּילט און געזונגען פאַר אימיצן, וואָס זי האָט געוואָלט; ווייל דאַן פלעגט זי פאַרוואַרפן איר קאָפּ און געלאָזט איר וואַרימקייט זיך אויס־דריקן אין איר ליד. דער קאָנסול פרעדריק האָט זי געקאָנט אַ היפּש ביסל און איר זינגען האָט, אָן צווייפל, געקלונגען אים אין די אויערן; ער האָט זי געבעטן זינגען נאָכאַמאָל.

— שפּעטער אַביסל, — האָט זי געזאָגט. היינט אָוונט אויב איר ווילט.

— אויב איר ווילט !

— איר דאַרפט מיר אָבער ניט דאַנקען אַזוי ווי איר טוט עס אַלעמאָל. איך דאַרף גאָר דאַנקען אייך.

פרוי אַדעלהייד איז געזעסן זייער שטיל נאָך די ווערטער און ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו באַהאַלטן זיך בעת ס'האָט איר אַ שפּאַר געטון דאָס בלוט אין פּנים און די רויטקייט האָט זיך ביס־לאַכווייז פאַרשפּרייט איבער דעם.

אַ שטילשווייגן האָט נאָכגעפאָלגט. עס האָט זיך אויפגעדוכט אַזוי ווי אַ תּפילה האָט געקלונגען אין זייערע אויערן. דער קאָנסיל פּרעדריק איז געזעסן שטיל: אַט דער פרייליכער יונג, דער קאַ־טאָוועסטרייבער איז געזעסן שטיל און געקוקט אויפן דיל. און אויף זיין פּנים האָט זיך ניט אָנגעזען קיין איין מינע ניט פון אַ זיגער, קיין שמייכל ניט, בלויז אַן אויסדרוק פון טיפן מיטגעפיל.

דאַן האָט די פרוי זיך אויפגעשטעלט און אים פאַרלאָזט.

יעדער איינער פון אונדז האָט זיך זיין מזל און פרוי אַדעלהייד האָט, בלי ספק, זיך געהאַט אירן. און אָט דאָס איז עס פאַרוואָס זי האָט געהאַט אַ שליסל צו איר טיר, פאַרוואָס זי האָט פאַרטריבן פון איר הויז אַן אומפאַרזיכטיקן דאָקטאָר, פאַרוואָס זי האָט געפירט אַ טאָגבוך.

VIII

ווען דער קאָנסול פרעדריק האָט געטרונקען און געפּלוידערט מיטן לייטענאַנט שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָבן קיין דיסקוסיעס ניט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן. האָט דער קאָנסול ניט געהאַט זיין לעבנס־פילאָזאָפיע ? ער האָט געהאַט ; ווען ער איז אָבער געזעסן אין אַן אַלטן גרויסאַרטיקן, פּרעכטיקן הויף־זאַל פול מיט טייערע ירושה־זאַכן, און געדויכערט סיגאַרן און געטרונקען ווייַן פון ווענעצי־אַנישע גלעזער, און פאַרבראַכט מיט אַ גוטן פריינט, וואָס ער קאָן נאָך פון קינדוווייז אָן, האָט אַן אויסטויש פון מיינונגען, אַזעלכע אָן וועלכע ער האָט זיך געמוזט אַמאָל באַגיין אָן זיי אַ גאַנץ יאָר צייט אין זיין פישער־שטעטל — דאַן פלעגט ער זיך אַריינלאָזן אין אַ גאַנץ אַנדער לעבן פון דעם וואָס ער האָט געוויינלאַך געפירט. און אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן, פאַרשטייט איר מיך, איז אים געווען זייער שווער אַנצוהאַלטן אָדער לאָזן פאַלן זיין פילאָ־זאָפיע, נאָר וואָס האָט ער געזאָלט טון ? וואָס, איבערטרייבן, נקמה

נעמען פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געמוזט אַרונטערשלינגען אינם משך פונם יאָר, אַרויסקומען מיט די באַשרענקטע, שמאָל־קעפּיקע בליקן אויפן לעבן, איבערחזרן מיט באַטאָנונג דיזעלבע קליינבירגערלאַכע מיינונגען, וואָס ער האָט געהערט אין דערהיים בײַטאָג און בײַנאַכט — וואָס דען האָט מען געזאָלט טון! זיינע עלטערן האָבן אַמאָל בדעה געהאַט צו מאַכן אַ דיפּלאָמאַט פון אים; און מחמת דעם האָבן זיי אים געמאַכט פאַר אַזאַ קענער פון פראַנצויזיש — ער וועט זיך פאַרשווערן, אַז זיין זון, אַנטאָן בערנאַרד קאַלדעוויין, זאָל אויך ניט אַריינטרעטן אין דער דיפּלאָמאַטיע! וואָס האָט מען עס עפּעס געערדט וועגן אָט דעם ירושה־אינסטינקט, אַ בלויע שאַטירונג אינם בלוט? אַלטווארג, חלומות — לאָזן זיי אַלע גיין צום טייוול!

אַ קו פאַר העגרי פון ליסבעט? ניין אַ דאַנק אייך, מיין הער. אָט איז געלט, מזומן געלט, איר וועט אָבער דאַרפן אָפּאַרבעטן פאַר דעם אויף מיין האָפן און איר זאָלט מיר ערב זיין פאַר אייער שטיבל! דעם גוטבאַזיצער איז גוט, די מלחמה האָט ניט אַוועקגענומען זיינע גיטער פון אים, אויך ניט זיינע סאָפעס און ניט זיינע שפּיגלען. אַפילו זיינע אויוונס שטייען נאָך דאָרטן; אייניקע זיינען באַצירט מיט זילבער, אַנדערע מיט ברייטע באַגילדעטע פריזן. די מלחמה האָט ניט פאַרנומען די צוויי הונדערט באַרג־שאָף, די שיף־הייזער מיט די שיפן און זייער אויסשטאַטונג; ס'פאַרבלייבט נאָך איבער גענוג אויף אַ גרויסן מאַיאָנטעק אַפילו ווען אַ מלחמה טראָגט זיך איבער אים אַדורך. און אויפן ערגסטן פאַל קאָן מען עס איבערלעבן. וואַרט נאָר אויס, וואַרט צו אַביסל, ס'זיינען דאָ אָפּגעשפּאַרטע באַהאַלטענע הילפס־מיטלען — אין עטלאַכע יאָר אַרום שטעלט מען זיך צוריק אויף די פיס און מען שטייט שוין גלייך. דאַן שטאַרבט דער שווער; געבענטשט זאָל זיין זיין נשמה, ער האָט אָפּגעשטאַמט פונם זעלבן אַלטן, שטאָלצן שטאַנד; ער איז אויך געווען אַמאָל אַ יורד, נאָר זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס. און וואָס דערנאָך? דער גוטבאַזיצער ירשנט זיין באָדן — ירשנט אים. אָרימער אַלטער שווער. געבענטשט זאָל זיין זיין נשמה נאָכאַמאָל. ס'איז גוט. די אַנדערע, די אַרבעטער, די סוחרים, די טאָג אַרבעטער, קריצן מיט די ציין איינער אויפן אַנדערן און קריגן זיך אַרום. אַזוי איז דאָס לעבן. זיי קריגן זיך אַרום איבערן אַלטן גוט־באַזיצער. זיי קריגן זיך אַרום איבער אים, וואָס באַזיצט עפּעס, זיי קריגן זיך אַרום איבער זיינע פאַרמעגנס.

דער אַלטער גוט־באַזצער איז דער ביין, די אַנדערע זיינען די הינט. נאָר וואָס טוט דער ביין ? ווען הינט רייסן זיך איבערן ביין, טוט דער ביין גאָרנישט נאָר ער ליגט זיך בלויז דאָרטן, נעמט ניט קיין אָנטייל, מישט זיך ניט אַריין אין דער רייסעריי. אַ, אים איז גוט. אָבער אַלע איבעריקע מוזן מיטגיין מיט דער צייט.

וואָס שייך דעם קאָנסול פּרעדריק — אַ, האָט ער וואָרשיינלאַך. געהאַט אָפּטע באַאומרואיקנדיקע עראינערונגען וועגן זיינע ירושה־אינסטינקטן ; נאָר צום טייוול די חלומות, דאָ האָט ער אָבער זיך געהאַלטן ביי זיין פילאָזאָפיע אָדער זי געלאָזט פאַלן : צייטנווייז ווערט ער מער אויפגערעגט ווי ער דאַרף זיין : פאַרוואָס ? קאָן ער ניט צוימען זיינע חלומות ? זיין פריינט, דער לייטענאַנט, רעדט זיכער ניט קיין סך צו קאָנען אים אויפרעגן ; ער איז קאַרג אויף רייד הגם ער האַלט זיך פעסט באַ זיין אַנטקעגנזעצטער מיינונג וואָס גאָרניט קאָן אים באַוועגן צו בייטן זי. צו וואָס זשע נעמען זיך די מי צו אַרגומענטירן מיט אים יאָר־איין־יאָר־אויס און ווערן אַזוי אויפגערעגט. פּרעדריק קאָלדעווין האָט אפשר גענומען אַ שלעכטע שטעלונג אין דעמדראַזיקן לעבן און איצט האָט ער אַנגעווענדעט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט אום ניט צו בלייבן אַליין, אַנגעווענדעט אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט מיטצושלעפּן אַנדערע מיט זיך ? איין גאָט ווייסט.

— איך גיי אַזוי ווייט, אַז איך וועל לאָזן מיינע טעכטער חתונה האָבן מיט וועמען נאָר זיי ווילן אַליין — האָט ער געזאָגט, — טעאַ איז אַלט אַכטצן יאָר און זי איז שוין געווען כמעט ווי פאַרקנסט צו אַ געהילפ־שטייערמאַן אויף אַ שיף ; וואָס זאָגסטו אויף דעם ? „דאָס אָבער" האָב איך געזאָגט, „גייט שוין אַביסל צו ווייט". געוויס, זי האָט עס אַליין אויך פאַרשטאַנען. „ווילאַטע האַלמסען און פרוי־אַדעלהייד זיינען דיינע טויפ־עלטערן", האָב איך איר געזאָגט : „דו מוזסט האָבן כאָטש אַ ש ט י ק ל איינזעעניש". זי האָט עס איינגעזען. „יעדער אַנדערן וועמען דו ווילסט נאָר אַליין, חוץ אים". האָב איך געזאָגט. „הויב אָן דעם קאַמף ! איך וועל זיך ניט אַריינמישן!" גערדאַ האָט נאָך גענוג צייט. זי איז ערשט אינגאַנצן פופצען יאָר אַלט. גאָט איז אַן עדות, מיר פאַרקערן מיט די פיינסטע לייט אין אונדזער שטעטל. אַ שיין פּנים וואָלט עס געהאַט ווען מיר וואָלטן עס ניט געטון. די אַלע באַאַמטע, למשל. דעם באַצירק־ריכטערס משפּחה זיינען מענטשן מיט קולטור, און מיין ווייבס אַ גע־

שוועסטערקינד איז א געריכטס־אדוואקאט. דערנאך קומט דעם פאסטארס פאמיליע, און מיינע קאלעגן אין דער האנדלס־וועלט. ווען א מענטש געוואוינט זיך צו צו דעם לעבן איז עס באמת אי־בערראשנד צו זען וויפיל באפרידיקונג ער געפינט אין דעם ; איך וואלט זיך ניט געביטן מיט קיינעם ניט.

דער לייטענאנט האט זיך צוגעהערט, ווי זיין שטייגער איז גע־ווען. מיטן קאפ איינגעבויגן, איצט האט ער ארויפגעקוקט און געזאגט :

— שוין גלייכער דעם שיפ־געהילף.

— וואס מיינסטו ? ..

— זאג מארגאריטען — ווען מען דו רופסט טעא — זאג איר אין מיין נאמען, אז שוין גלייכער דעם שיפ־געהילף.

דער קאנסול שמייכלט אביסל אומרואיק :

— דו מיינסט כדי צו פארגיכערן דעם אונטערגאנג פון די קאלדעוויינס.

— צו פארהינדערן אים, מיין טייערער קאנסול. אפשר פאר־מיידן אים אינגאנצן. א מאטראס האט פיל געלעגנהייטן, ער פארט ארום און זעט אויס א וועלט, ער קאן ווערן א קאפיטאן. דאסזעלבע אויך מיט א סאלדאט ; ברעכט אויס א מלחמה קאן ער זיך דערדינען צו א הויכן ראנג. א מאטראס און א סאלדאט זיינען ניט אזוי אויס־געשפילט אינם המון ווי באאמטע.

איצט איז געקומען די צייט פארן קאנסול צו פארטיידיקן אדער לאזן פאלן זיין פילאזאפיע :

— דו וועסט מיר מוחל זיין ; נאר לעבנדיק דא אין זעגלפאם קריגסטו א פאלשן באגריף, — האט ער געזאגט. — ווען דו וואלסט געלעבט אין איינקלאנג מיט דער צייט וואלסטו געוואוסט, אז מיינונגען האבן זיך געביטן פון זינט יענער צייט ווען מיר זיינען נאך געווען אינגלאך. אין אונדזער איצטיקער צייט איז די ביורא־קראטיע געווארן דער אדעל־שטאנד. קיין אנדערן האבן מיר ניט.

— די רעגירונגס־באאמטע — גלויב מיר, אז ס'איז ניטא וואס זיי מקנא צו זיין. זון נאך פאטער, דור נאך דור, ביורא שרייבער און איבערשרייבער. רעקרוטירט פון דארפישע שקצים, וואס „שטייגען אין דער וועלט". נאר גיכער בלייבן זיי הינטערשטעליק, אנשטאט גוטע פישער און ערד־ארבעטער ווערן זיי ביורא־שרייבער און גלחים. נאר גענוג וועגן דעם. עס זעט אויס צו זיין א געזעץ, אז א

באמטער מוז אויסהאדעווען א באמטן — פארוואס ? און גיט מען א קוק אויף זיי — וואס טרעפט מען ? גארנישט חוץ מיטלמעסיקע פייאיקייטן און אומאנטוויקלטע ווילנסקראפט ; דער טריאומף פונם פלאכקאפ. דורכשניטלאכע ערלאכקייט און טיכטיקייט אין זייערע אייגענע דעפארטאמענטן, דאס יא! אבער אויסערגעוויינלאכע פייאיקייטן, גרויסקייט ? ניין ! זון נאך פאטער, דור נאך דור אלץ דאסזעלבע. דאס גאנצע אין יענעם וועלטל איז : די זין זאלן זיין באאמטע, די טעכטער זאלן חתונה האבן מיט באאמטע, מעג עס אפילו זיין ניט מער ווי א דאקטאר אדער א גלח. דאס דאזיקע געזעץ שליסט אויס יעטוועדע אומרעגלמעסיקייט, אויז זייער שטייף און באנעמט זיך אומרחמנותדיק מיט די אמטלאכע מינים. ניטא קיין ארט אין אים פאר דער שפיל פון צופאל, קיין דונער־שטיין פאלט קיינמאל ניט אראפ ; דער פאטער האט אנגעהויבן מיט ווערן א שרייבערל, מוז דער זון טון דאסזעלבע ; און דאס הייסט בא זיי דערווערבן זיך קולטור. איך, פון מיין זייט, האב מער הנאה פון שמועסן מיט מיינע ארבעטער איידער מיט אונדזערע באאמטע. נאר וואס שייך דעם, — האט דער לייטענאנט צוגעגעבן, — פיר איך קיין שמועסן מיט קיינעם ניט.

— ניין, דו ביסט אזוי שטאלץ, — האט דער קאנסול געזאגט מיט פארדראס. — מיר, אנדערע, מעגן קויפן און פארקויפן, ריידן און דינגען זיך.

— שטאלץ ? — האט דער לייטענאנט אויסגעשריען מיט א פלוצלונגדיקן אויסברוך פון זיין אלטן טעמפעראמענט. — איך האף, אז איך בין שטאלץ. וואס איך פיל גאבער איז עקל — פארשטייסטו ? — עקל. זיי מאכן מיך טויט־קראנק מיט זייערע רייד, דער ריכטער און דער דאקטאר און דער בישאף. לעבנדיק דא אין איינזאמקייט. בין איך אוועק ווייטער פון זיי, האב זיי איבערגעלאזט ווייט אהינטער. זיי ווארעמען זיך אין זייער אייגענער נישטיקייט, זיי שטופן זיך פאראויס און דיינקען אז זיי קאנען אנטייל נעמען אין א געשפרעד — לאז איך זיי. זיי שעמען זיך ניט צו גיין מיט פארריסענע קעפ אין דער הויך ; איך בויג איין מיינעם, איך בין קיינמאל ניט ערשעפט פון קוקן אויף דער ערד, אויפן גראז און אויף די שטיינער ; ניין. איך בין קיינמאל ניט ערשעפט פונם גראז און די שטיינער. און דא קומען די זין פון שרייבערלאך און ווייסן, אז נאך א רעגן שיינט אויף די זון ; זיי שטייען מיט אויסגעגלייכטע קעפ און פראקלאמירן עס,

שרייען עס מיר אריין אין די אויערן. אפשר האָסטו עס קיינמאָל ניט גענדאַרפט דולדן? זיי קאָנען לייענען און שרייבן, אַ זאַך, וואָס פלעגט זיין די אַרבעט בלויז פון אונטערגעאָרדנטע אין פאַרגאַנגענע צייטן, און דאַרף זיין דאָסזעלבע איצט. אַ מענטש קאָן לעבן אויף קולטור, אַ מענטש קאָן אָבער ניט לעבן מיט דער בלויזער פיאַיקייט צו לייענען און שרייבן; אַ מענטש קאָן ניט לעבן אויף שול־געלערזאַמקייט — כאָטש געוויסע מענטשן קאָנען מאַכן אַ לעבן דערפון. כדי צו לעבן אויף קולטור מוזט איר, צום אַלעם ערשטן, זיין געבוירן צו עשירות און לוקסוס, וואָס גייט איבער בירושה פאַר אַ סך דורות; זיך איבערקלייבן פון פראָסטע אומשטאַנדן און פולשטענדיקער אָרימקייט אין אַן אָפּיציעלער וואוינונג איז נאָך פון קנאַפּער ווערט. עשירות און לוקסוס פון עטלאַכע דורות איז נויטיק אויף צו פאָרמירן די יסודות פון דעם כאַראַקטער, וואָס גיט אַ מענטשן פערזענלאַכקייט. זאָל אַזוינער לעבן אויף קולטור. די באַאַמטע — מוחל! מיין פריינט, קאָנסטו ניט זען מיט דיינע אייגענע אויגן, ווי דום זיי זיינען, מעגן זיי זיין ווי ניצלאַך און פּיאַיק זיך צוצופּאַסן? באַטראַכט נאָר ווי אַזוי זיי ווערן דערהויבן צו אַ העכערן ראַנג — איז אין דעם פאַראַן וואָסער־ניט־איז אומפאַרמיידלאַכקייט, וואָסער־ניט־איז אומרעגלמעסיקייט? האָסטו אַמאָל געהערט וועגן דערהויבן אַ באַאַמטן אויפן חשבון פון זיינע גרויסע קוואַליטעטן? ווי קאָן עס מעגלאַך זיין אויפן חשבון פון אַזוינס, וואָס איז ניט בנמצא? מ׳ווערט דערהויבן צו אַ העכערן ראַנג צוליב עלטער, לאַנגער דינסט, און שולגעלערזאַמקייט. אָט דאָס אַלעם איז יאָ פאַראַן. קיין דערהויבונג צו אַ העכערן ראַנג קאָן אויך ניט געגעבן ווערן זיי אויף קיין אַנדער אופן — איך זאָג ניט, אַז עס קאָן געגעבן ווערן — זיי דאַרפן ווערן אויסגעריסן פון אַ גאָרטן פון פלאַכקעפּיקייט און געשטעלט צום אַלטעגלאַכן געברויך. אַזוי איז עס אין אַלע לענדער, אַזוי איז עס אויך בא אונדז. דערפאַר זאָג איך: שוין גלייכער דער שיפ־געהילף.

— אַנטשולדיק מיר, — ענטפערט דער קאָנסול; — איך זאָג, ניט דעם שיפ־געהילף.

— יאָ, צוליב דעם —

— איך זאָג „ניט דעם שיפ־געהילף“ צוליב דעם, וואָס איך וויל טעאָן ניט לאָזן אריינפאַלן, אומבאַרעכנטערהייט, אין אַ ניט גלייכער הייראַט.

אַ, ווי אַנטציקנד באַנאַל דער מענטש איז עס געווען!
פויזע. דער לייטענאַנט זיצט מיט אַ אָפן מויל.
— זיינען מיינע רייד אַזוי אומבאַגרייפלאַך? איך זאָג: „גלייכער דעם שיף־געהילף" האָב איך דיר ניט באַוויזן, אַז דער אַנדערער איז ערגער?
— ער האָט אפילו קיין היים ניט; זיין פאָטער איז אַ פליטן־טרייבער אויפן וואַסער. אַזוי, אַז פאַקטיש איז ער ניט מער ווי אַ פשוטער מאַטראָס.
— אַ מענטש קאָן לעבן אויף דער נאַטור אויך. דער באַאַמטער קאָן ניט לעבן אויף קיין קולטור, וואָס ער באַזיצט ניט און קאָן ניט באַזיצן, זינט קולטור איז ניט קיין טייל פון שול־געלערזאַמקייט; דער שיף־געהילף קאָן לעבן אויף דער נאַטור. דו קאָנסט אויסזעצן, אַז דער שיף־געהילף איז שוין ניט מער קיין פאַרדאָרבענע נאַטור; פון די צוויי אָבער איז ער דער, וואָס איז נעענטער צו דער נאַטור, אַזוי, אַז ער וועט זיין דער מער דערטרעגלאַכער פון די צוויי. גיב עס איבער מאַרגאַריטען, מיט מיין גרוס.
— דו מוזט מיר מוחל זיין, דאָס קאָן איך ניט טון. און עס וואָלט פאַראורזאַכט דעם טויט פון איר מוטער. מיין ווייבס משפחה געהערט צו די וואָס האָבן געשטיגן אין דער וועלט.
— צום באַאַמטנטום? דאַן זיינען זיי געבליבן הינטערשטעליק. איר געשוועסטערקינד איז אַ געריכטס־אַדוואָקאַט און דאָס מאַכט אייך יעדן טאָג צום דענקען אַז דאָס איז עפּעס; — דו ווייסט טיף אין האַרצן באַ זיך, אַז עס איז ניט. דו האָסט אַרויסגעזאָגט עטלאַכע פיינע זאַכן היינט אָוונט! ער פאַרמאָגט אפילו ניט קיין היים? און ווען ער וואָלט אַרויסגעקומען פון אַ געריכטס־אַדוואָקאַטס פאַמיליע וואָלט ער פאַרמאָגט אַ היים! זענט איר אַלע חסר דעה? וואו איז דער דונערשטיין, דער ווילדער בליאַסק פון עפּעס ווייט צוריק אינם מענטשן־מין, וואָס וואָלט אים צוגעגעבן עפּעס וואָס־ניט־איז פאַר אַ ווערט היינט־צו־טאָג. דאָס באַאַמטנטום ווייסט נאָר פון איין אומרעגלמעסיקייט, פון איינאָונאיינציקער, און דאָס איז חתונה האָבן מיט אימיצן, וואָס איז „נידעריקער" פון זיי. דאָס איז זייער דונערשטיין, זיי האָבן אפילו ניט קיין קוואַליפיקאַציעס פאַר עפּעס אַנדערש, זיי זיינען געבוירן אין פלאַכקייט, פאַר דער פלאַכקייט.
הער: ס'איז דאָ געווען אַ דאָקטאָר; האָט מען אים געבראַכט אַהער אין הויז אַריין, מ'איז דאָ געווען קראַנק; ער איז געווען דער־

פארן אין דאקטאריע. איז ער אריינגעקומען, טאקע אין אט דעמזעלבן צימער; ער האט גארנישט ניט פארשטאנען נאר זיך געמאכט ווי קיין זאך האט אים ניט איבערראשט. ער האט געקוקט אויף אט יענעם שטול, געמיינט, אז ס׳איז צום זיצן אויף אים, און ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף אים. ער האט זיך גענדארפט אוועקזעצן אויפן דיל און נעמען דעם שטול אויף זיין שוים. ער האט באקוקט די ווענט. ער האט געהערט פון זיינע חברים דאקטוירים, אז בילדער זיינען זאכן, וואס מ׳קוקט אויף זיי; האט ער געקוקט אויף אפ־ראדיטאן דארטן, אויף דעם גרופן בילד, אויף דעם בילד „ציימן פון יאר", אויף די הענגלייכטער מיט די גלעזערנע באצירונגען, ער האט געקוקט אויף אלץ — ער האט ניט ארונטערגעלאזט זיינע אויגן, ער האט ניט צענויפגעלעגט זיינע הענט — ער הייסט, דוכט זיך מיר, אל ריאים.

— זיין שוועסטער איז א גרעפין אין אונגארן — וואס זאגסטו אויף דעם!

— אט דער פאקט קאן מעגלאך זיין ניט איינגאנצן אומוויכטיק

— פאר איר אפשטאם נאך איר אמאל. וואס שייך איר ברודער אבער, קאן עס אמהעכסטנס ארויסברייגגען סנאביזם.

דער קאנסול טרינקט אויס ביזן דעק זיין גלאז און גרייט זיך ארויסצוטרעטן קעגן זיין פרייגט, צו מאכן א סוף פון אים, א, ווי ער וועט אים איבערוועלטיקן מיט די אלע באנאליטעטן, וואס ער האט זיך זיי אויסגעלערנט אויף אויסווייניק אין זיין אייגענער היים אין זיין אייגן שטעטל

— היינט אונטה א ס ט ו ארויסגעזאגט עטלעכע פיינע זאכן! דו גייסט ארום דא אין זעגלפאס און ביסט זיך א געזעץ פאר זיך אליין און פאר אנדערע, מען ווידערשפרעכט דיר אמאל אין א יובל — דאס איז ווען איך קום אהער. איצט אבער ז א ל ס ט ו באקומען דיין ענטפער. איך וועל ריידן מיט דיר גאנץ לאגיש און צוערשט פרעגן דיך צי דו קאנסט מיין אויסגעצייכנט שטעטל? ניין, אויב אזוי קאנסטו אויך ניט באממענען. באממען איז א באלעבאס פון א הויז און האט א זון, וואס שטודירט: מיט אנדערע ווערטער, ער איז א פאטער, וואס וויל זען זיינע קינדער זאלן שטייגן אין דער וועלט. איך וועל זיך באנוצן מיט א פאר פון אט דעם מאנס געזונטע און גערעכטע באאבאכטונגען. באממען וואלט צו דיר געזאגט: „לויט אייער מיינונג נאך, הייסט עס, איז ער

דאָס בעסטע צו פאַראורזאַכן אומרעגלמעסיקייטן אינם מעטשן־מין ?" און נאָכדעם וואָלט באַממען דיך באַטראַכט.

דער לייטענאַנט שמייכלט :

— באַממען גלויבט ניט אין דעם. קינסטלאַך פאַראורזאַכטע אומרעגלמעסיקייטן ? ניין, הער באַממען, ווייל דער יחיד וועט בלייבן דערזעלבער וואָס פריער. אַ סך עשירות און טראַדיציע האָט געמוזט דורכגיין דורך אייערע עלטערן און אור־עלטערן איידער אייער שטודירנדיקער זון קאָן ווערן עפּעס אַנדערש חוץ אַ באַאַמטן. דאָס איז איין תנאי, דער ערשטער, און איר האָט געמוזט ווייטער אַנהאַלטן דאָס עשירות. איר האָט געמוזט, אויף דעם סמך, אַנטוויקלען אַזעלכע איינגנשאַפטן, וואָס אונטערשיידן אייך פון דעם ביוראָ־שרייבער מיט זיין געוויינלאַכער אויסשטאַטונג —

דאָ קומט אַריין די הויז־פירערן מיט אַ וויזיט־קאַרטל און זאָגט :

— ער בעט צו זען דעם הער לייטענאַנט.

— אַזוי שפּעט ? — ער לייענט איבער דאָס קאַרטל, כמורעט דאָס פּנים, איז זיך מישב אַ רגע, און זאָגט : — אַנטשולדיק מיר, פּרעדריק, איך האָב נאָך געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן, נאָר —

— יאָ, זע דו זאָלסט עס ניט פאַרגעסן. איך וועל נאָך אויך עפּעס האָבן וואָס צו זאָגן ווען דו וועסט צוריק אַריינקומען, מעגסט זיין זיכער אין דעם.

דער לייטענאַנט גייט אַרויס און מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער קערט ער זיך אום צוריק פּונקט ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַרויסגעפּטרט דעם גאַסט.

— אַ מאָדנע האַנדלונג ! — האָט ער געזאָגט קוקנדיק אויפן זייגער. — ביסטו אונטערן איינדרוק, אַז אַדעלהייד וואָלט געווען וויליק צו פאַרקויפן דאָס שטיקל ערד ?

— יאָ, — ענטפערט דער קאָנסול איבעראַשט. — וואָס איז דען ?

— דער מאַן איז איצט דאָ, ער וואַרט אינדרויסן, ער זעט אויס צו זיין נייגעריק צו שליסן דעם עסק היינט אָוונט.

דער לייטענאַנט האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער אַביסל צעטומעלט.

— איך בין ניט געוואוינט צו שטערן אַדעלהיידן אַזוי שפּעט — ס'הייסט, איך — נישט אַן אַ גוטער אורזאַך. זי קער נאָך ניט שלאָפן.

איר פענצטער איז געווען אָפן, איז ווען דו וואָלסט אַנגעקלאַפּט און געפרעגט —

— זאָל איך ריידן מיט פרוי אדעלהייד ?

— אויב דו ווילסט זיין אַזוי גוט. דו ביסט לעבעדיקער, פריי־לאַכער פון מיר ; עס פעלט איר אוים פריילאַכקייט דאָ, און איך בין ניט קיין פריילאַכער. הער מיך אוים, איידער דו גייסט : וועסט ניט לייגן איר קיין שטיינער אויפן וועג אויב זי זאָל אפשר, אזוי ווי איך, דענקען, אַז מיר קאָנען פארקויפן דאָס שטיקל ערד.

דער קאָנסול גייט.

דער לייטענאַנט בלייבט שטיין אויף זיין אָרט, ער קוקט אוים געערגערט. ס'איז אָן ספק, אַז אָט דער הער האַלמענגראַא איז אים ניט צום האַרצן. וואָסער צייט ער האָט עס אויסגעקליבן צו קומען קיין זעגלפאָס ! דענקט ער אַז דער פּריץ פונם זעגלפאָס־הויף איז אַזוי שטאַרק געענגט אין געלט ?

דער קאָנסול קערט זיך אום און גיט איבער : — יאָ, פרוי אדעלהייד — זי האָט ניט קעגן דעם.

— נו, אויב אַזוי, ווילסטו מיר טון נאָך אַ גרויסע טובה און ריידן מיטן מאַן ? זיי מיר מוחל פאַר בעטן דיך דאָס צו טון.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. זאָל איך האַנדלען אין דיין נאָמען?

— יאָ, אַ דאַנק — מאָרגן. דערקלער דעם מענטשן, אַז ס'איז נאַכט איצט.

— איך האָב גאָרנישט קעגן דעם צו טרעפן זיך מיט אָט דעם קיניג און צו גיין מיט אים צום שטיקל לאַנד גלייך איצט. מיר געשעפטסלייט אנערקענען ניט קיין נאַכט, עס וועט דיר ניט שטערן אין גאָרנישט.

— טו ווי דו ווילסט. סיי־ווי וועט מיך זייער פאַרדריסן צו האָבן באַליידיקט דיינע עלטערן דורך אָט דער פאַרהאַנדלונג.

— איך נעם אויף זיך די אחריות. איך האָב זיך געמוזט קעגנ־שטעלן קעגן זייערע פאַרלאַנגען מיין גאַנצן לעבן ; צווישן אַנדערע זאַכן האָבן זיי געוואָלט אַז איך זאָל אריינטרעטן אין דער דיפּ־לאָמאַטיע, נאָר —

* * *

שפּעטער צו אין דער נאַכט באַאומרואיקט דער קאָנסול ווידער די פרוי אדעלהייד. דער קיניג האָט געוואָלט דאָס לאַנד אויף דער

אנדערער זייט טייך. ער האט געוואלט עטלאכע פערטל אקער לאנד לעבן וואסער ארויפצו ; ער וועט גוט באצאלן.

און נאך אמאל וועקט דער קאנסול אויף די פרוי אדעלהייד. נאר אצינד איז שוין באגינען ; דער קיניג וויל א האלבן טייך, גלייך ארויפצו ביז די בערג, און אויך א העלפט פון דער בארג אזורע. צו וואס ער האט גענדארפט אזויפיל וואסער איז געווען א מיסטעריע !

* * *

אינדערפרי ביים אנבייסן האט פרעדריק קאלדעווין געפעלט : ער איז נאך ניט ארונטערגעקומען פון זיין צימער. פרעדריק קאלדעווין האט אומגעוואנדערט די גאנצע נאכט ארויף און אראפ איבערן מערבדיקן ברעג טייך מיטן הער האלמענגראא און זיינע מענטשן. זיי זיינען געווען אזוי ווייט ווי ביז צו דער אזורע. איצט זיצן זיי רואיק באם קאנסול אין צימער און מאכן אויס דעם קאנטראקט. נאר דעם אלטן קאלדעווין מיט זיין פרוי דארף מען שוינען אזוי לאנג ווי נאר מעגלאך : „פרעדריק וועט באלד אנקומען. לאמיר זיך זעצן עסן“.

און נאכן אנבייסן נעמט מען די צוויי אלטע לייט ארום אויף א שפאציר איבער די פעלדער און לאנקעס, כדי די צוויי געשעפטסלייט זאלן עסן אנבייסן אין רו.

— זע נאר, ווילאטע — וואס טוען זיי דארטן ארונטער ? — זאגט דער אלטער קאלדעווין אויפן וועג.

דער לייטענאנט האט שוין געהאט באמערקט, אז דארטן ארונטער שטייען מענטשן אויפן דאך פונם אלטן קלויסטער : און כאטש ער האט שוין געהאט געוואוסט די שפורן פון דער מיסטעריע, האט ער גארנישט געוואלט זאגן. — זיי רייסן ארונטער דאס ארט, דענק איך, — ענטפערט ער.

— ווער רייסט עס ארונטער ? איז עס פארקויפט ? לאמיר צוגיין אויסגעפינען.

— עס איז צו ווייט פאר אייך, מיין טייערער פריינט.

— לחלוטין ניט. לאמיר צוגיין און אויסגעפינען.

זיינען זיי צוגעגאנגען צום קלויסטער און דער אלטער קאלדעווין האט געהערט, אז דער קיניג, אט דער טאביאס האלמענגראא פון איטעראליא, האט אפגעקויפט דעם קלויסטער אזוי ווי ער איז געשטאנען און האט אים איצט פאנאנדערגעווארפן. צען ארבעטער האבן אויף דעם געארבעט. און אביסל שפעטער געפינט קאלדעווין

אויס, אז הער האַלמענגראַא האָט בדעה אויסצובויען אַ הויז פאַר זיך אַליין פון אָט דעם אַלטן קלויסטער. די אַרבעט ביים גראָבן דעם פונדאַמענט אַרויפצו העכער אויף דער מערב־זייט פונם טייך איז שוין אין פולן שוואונג. — „זע נאָר ווי ס׳גייט פאַר אַן עולם מענטשן!“

ווען דער אַלטער קאַלדעווין איז צוריקגעגאַנגען צום הויז איז ער געגאַנגען פּאַמעלאַכער ווי ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען. — ביסט טאַקע געווען געדעכט, ווילאַטע, ס׳איז געווען ווייטער ווי איך האָב געדענקט, — האָט ער געזאָגט און אָנגענומען דעם לייטענאַנטס אָרעם. — יאָ, ס׳איז ווירקלעך געווען ווייטער. זיי זיינען פיינע, ברייטע פעלדער אָט די דאָזיקע זעגלפאַס־פעלדער.

האַלב וועג באַרג־אַראָפּ האָבן זיי אָנגעטראָפן הער האַלמענגראַא. ער האָט זיי באַגריסט מיט דרך ארץ און געדאַנקט פאַר דער ליבער גאַסטפריינטלאַכקייט. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַנטשולדיקט פאַר קומען אַזוי שפּעט נעכטן; דער קאָנסול קאַלדעווין איז געווען אַזוי העכסט פריינטלאַך אויפצוזיין די גאַנצע נאַכט און אים אַרויסהעלפן.

דער לייטענאַנט איז געווען איבעראַשט צו זען, אַז ווען ער איז ניט געגאַנגען אַרומגעוויקלט מיט קיין שאַלן אַרום דער טאַליע איז אָט דער דאָזיקער האַלמענגראַא געווען אַ מאָגערער און שוואַכער מאַן. ער האָט ניט געקאָנט אויסמיידן ניט פאַרצושטעלן אים פאַרן אַלטן קאַלדעווין, נאָר ער איז עס איבערגעקומען גיך.

— יאָ, ווירקלאַך, אַזוי איז עס; די זעגלפאַס־פעלדער זיינען ברייטע פעלדער, — האָט דער אַלטער קאַלדעווין געזאָגט, אָפּאָטעמענדיק.—און איר פאַרמאָגט אַ גאַר פיינעם שטח יונגן וואַלד דאָרטן; דער קליינער ווילאַטע וועט זיין אַ רייכער מאַן מיט מאַכט. נו, לאָז מיך דיר דאַנקען פאַרן שפּאַציר; איך וועל גיין לייענען אַביסל אין מיין צימער איצט; איך האָב אַ רגילות צו לייענען אַביסל אין די אינדערפריען.

* * *

— צום אַלעם ערשטן, — האָט דער קאָנסול געזאָגט, — דאַרף איך דיר אָפּגעבן זיין דאַנק פאַר דיין גאַסטפריינטלאַכקייט.

— ער האָט עס געטון אַליין, — האָט געענטפערט דער לייטענאַנט.

— האָט ער זיך אויך אַנטשולדיקט פאַר נעכטן באַנאַכט? האָט ער געזאָגט פאַרוואָס ער איז געקומען אַזוי שפּעט? ער איז אַן

אויסערגעוויינלאך שארפזיכטיקער יונג, דער האלמענגראא, א גאון! ער האט עטלאכע צענדליג ארבעטער מיט זיך, און צאלט זיי פון עטלאכע שילינג ביז א דאלאר א טאג יעדערן; דאס באטרעפט א סך געלט, דענקט האלמענגראא, דארף מען טון דאס בעסטע וואס מען קען! נוצט ער אויס די נאכט אויף דורכצופירן דעם עסק און אויסקלייבן דאס ארט, און זעקס אזייגער היינט אינדערפרי שטעלט ער אוועק די חברה ארבעטן. וואס זאגסטו צו דעם? קיין איין שעה צייט איז ניט פארלוירן.

— אזא גרינטלאכע שפארזאמקייט איז מיר דערווידער. טוט מיר לייד צו זאגן. — ענטפערט דער לייטענאנט. — אפשר וואלט איך בעסער אנגעהויבן — אזוי ווי מיין פארשטארבענער פאטער — צו זוכן מיין זיידנס אוצר, — האט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל.

— נו, איך בין ניט אזוי זיכער אז זיין שפארזאמקייט איז אזוי גרינטלאך, — זאגט דער קאנסול; וועגן דעם קענסטו אורטיילן אליין. אט איז דער קאנטראקט.

דער לייטענאנט לייענט אים ניט; ער זיצט בלויז און האלט אים.

— דער עיקר איז, אז אדעלהייד זאל נאר ניט האבן וואס אויס־צוזעצן קעגן דעם אפמאך.

— פרוי אדעלהייד איז גאנץ צופרידן.

— אגב אורחא, איך האב נאר וואס גערעדט מיט דיין פאטער. איך בין זיכער, אז ער שטויסט זיך אן וואס עס קומט דא פאר; ער איז אוועק צו זיך אין צימער שטארק באטריבט.

— ווילסטו ניט איבערלייענען דעם קאנטראקט?

— יא, גלייך. איך דאנק דיר פאר דער גרויסער טובה, וואס דו האסט מיר געטון.

פרעדריק קאלדעווין זיצט שטיל א ווילע, דערנאך זאגט ער:

— דאס איז א פיינער אופן עם אזוי אויפצונעמען!

— וואס? מיין ליבער פרעדריק, זיי מיר מוחל אויב איך האב געזאגט עפעס —

— דאס איז א פיינער אויפן עם אזוי אויפצונעמען: איז דאס איינציקע וואס ארט דיך, הייסט עס, איז אז פרוי אדעלהייד זאל ניט האבן וואס אויסצוזעצן קעגן דעם אפמאך? איך וואלט דיר געוואלט געבן א פאר איינפאכע ענטפערס אויף דעם, וואס דו האסט געזאגט נעכטן און היינט. דאס איז אלץ זייער גוט פאר

דיר און פאר מיין פאטער צו ריידן אזוי, פאר דיר אנצונעמען אזא שטעלונג צו אן עסק; איך האב געדארפט טון זאכן אנדערש אין מיין לעבן. דו נויטיקסט זיך ניט אין קיין געלט, דו האסט קיינמאל ניט געפילט קיין מאנגעל אין דעם. דו קאנסט עס לייכט אויסגעבן, איך האב עס געדארפט פארדינען. פארשטייסטו, ווילאטש — פאר־דינען עס?

— איך האב זיך אפט גענויטיקט אין געלט, — זאגט דער לייטענאנט באאומרואיקט.

— דו? איך בין זיכער, אז קיינמאל ניט.

— איך האב געהאט שווערע הוצאות.

— האסטו אבער דען ניט קיין באהאלטענע מיטלען אויף וואס זיך צו שטיצן, האסטו ניט קיין אומדערשעפלאכע אוצרות אונטער דער ערד?

— הלואי וואלט איך געהאט!

— מיין פאטער האט.

— ווירקלאך. נו, איך האב ניט. איז דיין פאטער האט יא? מאדנע. נאר אין דער אמתן האב איך זיך א סך מאל געוואונדערט וואו ער האט עס אלץ גענומען.

— איך וועל דיר דערציילן איצט, אלס ענטפער אויף א פאר פון די פראגן, וואס מיר האבן דיסקוטירט: ער נעמט עס בא מיר.

דער לייטענאנט דיינקט אפשר, אז ער האט ניט גוט געהערט, דערפון נעמט זיך זיין פוסטער בליק.

— ער האט עס גענומען בא מיר אין משך פון א צוויי צענדליק יאר צוריק. ווען ניט דאס וואלט ער געווען באנקראט.

פויזע. די צוויי מענער זיצן עטלאכע מינוט און טראכטן, טראכטן.

— מיספארשטיי ניט מיין אפנהארציקייט, — זאגט דער קאנ־סול. — כ'האב דאס דערמאנט בלויז אלס בארעכטיקונג פאר זיך אליין. איך בין ניט אינגאנצן בלינד צו דער גרויסקייט פון זיין א גרויסער גוט־באזיצער ווי מיין פאטער, עס איז אבער א גרויסקייט, וואס איז טויט. גרויס, אבער טויט און פארגאנגען, די נייע צייט האט עס געלאזט הינטער זיך.

— יא, די נייע צייט האט אונדז געלאזט הינטער זיך. — זאגט דער לייטענאנט פארטראכט.

— פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ניט אין זינען דיך. דו האָסט אינגאַנצן אַנדערע הילפסמיטלען דאָ.

— זיי זיינען אויסגעשעפּט.

— זיי זיינען ניט אויסגעשעפּט. ס'איז ווי איך האָב זיך גענומען די פרייהייט צו זאָגן נעכטן אָוונט, ס'פאַרבלייבט נאָך אַלץ איבער גענוג אויף אַ גרויסן מאַיאָנטעק אַפילו ווען אַ מלחמה טראָגט זיך אַדורך אים. אויסגעשעפּט —! דער קאָנסול לאַכט, אָדער כדי צו שטאַרקן זיין פּריינט, אָדער צוליב אַן אַנדער אורזאַך. — „אַ שטייגער, למשל, ווען איך וואָלט געוואָלט אָפּקויפן דיין טייך?"

— דעם טייך?

— אַ האַלבן טייך, אַ האַלבן וואַסערפאַל און אַ העלפט פון דער אָזערע — אַ שטייגער ווען איך וואָלט געווען אַ האַלבצעדרייטער פּריץ, וואָס קויפט אָפּ טייכן וואַסערן און האָט קיינמאָל ניט גענוג וואַסערן — וויפיל וואָלסטו גענומען פאַר זיי?

דער לייטענאַנט שמייכלט.

— איך בין ערנסט. אַ האַלבן טייך צוזאַמען מיטן וואַסערפאַל און מיט דער אָזערע?

— נעם זיך דעם טייך אויב דו ווילסט אים. קאָנסט זיך אים נעמען.

— איך האָב אים פאַרקויפט נעכטן באַנאַכט.

— ווירקלאַך? נו, איך שטעל מיר פאָר וואָס דו האָסט גע־קראָגן פאַר אים.

— נו, מילא! איך וואָלט געוואָלט הערן דיין פּרייז כדי איך זאָל זען וואָס פאַר אַ מציאה איך האָב דאָ פאַרהאַנדלט. אויך דעם מקח פונם לאַנד. עס איז ניט קיין קליין שטיקל. ער האָט ניט געוואָלט קיין באַגרעניצט שטיקל לאַנד, האָט ער געזאָגט. דעם גאַנצן שטח פון דעם ים אָן אין דער לענג פון דעם מערב ברעג פונם טייך אַרויף ביז צום אָרט פאַרן הויז, פיר הונדערט איילן טיף, און צוויי מאָל אַזויפיל אויפן ים פראָנט, צוליב דעם דאָרטיקן באַזונדערן אויסלייג פונם לאַנד.

פּויזע.

— נישט ווייל איך וויל חלילה אונטערשאַצן דיין גרויסע טובה.

— האָט דער לייטענאַנט געזאָגט, — נאָר אָפּן גערעדט, האָסטו, זעט אויס, פאַרקויפט דעם באָדן און דאָס וואַסער פון זעגלפּאַס אַן אַ וועלכן־עס־איז גרויסן נוצן פאַר מיר. דער מקח? ער קאָן זיך האָבן

דעם טייך. מיין זעג־מיל, מיין וואסער־מיל און מיין ציגעלניע קאַנען שטיין געשלאָסן אָדער ארבעטן פונקט דאָסזעלבע אויף מיין זייט. שטעל איך מיר באַר?

— יא.

— דאַן קאַן ער מיט פארגעניגן האָבן דעם טייך. יענער פּאַס ערד אָבער פיר הונדערט איילן טיף איז לאַנד. ניט קיין ווערטפול לאַנד, ניט קיין וואלד; אין דער לענג פונם טייך־ברעג זיינען דאָרטן דאָ בלויז ווערבע־וועלדלאַך און פּאַשע־ערד אָדער שטייניקער באָדן. ס'איז אָבער לאַנד. איז מוז איך קריגן עפּעס פאַר דעם.

— וויפל?

— וויפל? מיין ליבער פרעדריק, אויף יעדן פאַל וועט עס ניט זיין גענוג אויף צו ברענגען פיל נוצן. צו דעם איז נויטיק א גרויסע סומע. אלצדינג גייט דאָ בארג אראָפּ; דעם קליינעם ווילאַטץ דארף מען שיקן לערנען אין אויסלאַנד, ס'זיינען דאָ טעגלאכע הוצאות, די פעלדער זיינען פארנאכלעסיקט. צוויי טויזנט דאָלאר איז אפשר צופיל? איין טויזנט דאָלאר? איך וויים אליין ניט.

— ווילסטו לייענען דעם קאָנטראקט?

— יא, א דאנק, גלייך.

— צו באלייכטן דיר דעם כאראקטער פון דער פארהאנדלונג, וועל איך דיר דערציילן ווי אזוי איך האָב פארקויפט דעם טייך. האָלמענגראָא זאָגט, אז ער האָט א קליינע וואסערמיל אין אן אנדער טייל וועלט. אויב ער באזעצט זיך דאָ מוז ער אויך דאָ האָבן עפּעס פון דעמזעלבן מין בדי צו האָבן ארום וואָס צו פּטרן זיין צייט, דארף ער האָבן א האלבן טייך. איך בין א סוחר, ענטפער איך: „דאָס וועט אייך קאָסטן טייער". „וויפל?" פרעגט ער. איך טראכט עס איבער; איך האָב פארקויפט א סך זאכן, אָבער קיינמאָל ניט קיין טייכן. „מיין פריינט, דער לייטענאנט, איז ניט דער מענטש, וואָס זאָל וועלן פארקויפן זיין טייך", זאָג איך. „— ווען איינער וואָלט געקומען און פאר דעם אים געבאָטן דריי אָדער פיר טויזנט דאָלאר, וואָלט ער בלויז געשמייכלט", זאָג איך.

— ביסטו פון זינען אראָפּ? דריי אָדער פיר טויזנט!

— הער זשע נאָר ווייטער. הער האָלמענגראָא איז א וואונדער־לאכער מענטש. ער ענטפערט בלויז, אז אודאי ווייסט ער ניט די ווערט פון טייכן אין די מקומות, עס געפעלט אים אָבער דער גרויסער, פיינער טייך, און דער וואסערפאָל און די אָזערע, און ער האָט זיך

אויך מישב געווען וועגן דעם ענין און עס אפגעשאצט אויפן באזיס פון אינטערנאציאנאלע פרייזן. און ער דענקט, אז ער קאן געבן זעקס טויזנט דאלאר פארן טייך אויב ער וועט קריגן דעם באדן אויך.

א טויט שטילשווייגן.

— ער האט דיך געמאכט צום נאר, — זאגט דער לייטענאנט.

— יעדנפאלס איז עס פארשריבן אינם קאנטראקט איצט.

גאלדענע אויסזיכטן וואכן אויף פאר ווילאטע האלמסענעו, ער פילט זיך מאדנע מאכטלאז זיך קעגנשטעלן זיי, ער פילט, אז אלץ גליטשט זיך; ער צענעמט דעם קאנטראקט, לייגט אים ווידער צענויף, דערנאך מיטאמאל צעשמייכלט ער זיך און פרעגט מיט ציטערנדיקע ליפן:

— אבער אפשר — איז דאס בלויז דער קאנטראקט, ניט קיין געלט — ?

— איך מוז נאכאמאל ארויסווייזן מיין דרך ארץ פאר אט דעם מערקווירדיקן מענטשן טאביאס האלמענגראא, — זאגט דער קאנסול.

— ער האט באצאלט מזומן אויפן ארט.

— ער האט באצאלט ?

אצינד איז פרעדריק קאלדעווין אודאי שטאלץ ? ער צעשפיליעט זיין ראק און נעמט ארויס פון די קעשענעס דאס געלט, די ריזיקע סומע געלט.

— דאס איז פארן טייך, — זאגט ער; — און דאס, פארן באדן לעבן טייך, ארום און ארום אכט טויזנט דאלאר. הער האלמענגראא האט איינגעוויליקט צו געבן אזויפיל, האט ער געזאגט, צוליב דער גרויסארטיקער לאנדשאפט. צייל עס איבער; איך האב עס שוין איבערגעקוקט; ס'איז ריכטיק. פפ־ו, אזוי פיל לייכטער געווארן פאר מיינע קעשענעס !

יא, אודאי; פרעדריק קאלדעווין מעג זיך וואויל פילן שטאלץ !

וואס שייך דעם לייטענאנט, איז ער געווען כמעט אוים מענטש; ער איז געווען איבערוועלטיקט; ער האט געמאכט מיט די ליפן ניט ארויסברייענגעדיק קיין איין ווארט ניט. דאן האט דער דאזיקער משונה'דיקער מענטש פלוצלונג איבערגעריסן די אנגעשטריינגטקייט פון זיינע נערוון דורך א מאדנער האנדלונג: ער האט פארווארפן די הענט אהינטער זיך און צוריק איבערגעביטן דאס פינגערל פון

דער לינקער אויף דער רעכטער האַנט; ער האָט עס געטראָגן אויף זיין לינקער האַנט אַ גאַנצע וואָך צייט.

— אגב, — האָט ער אויסגלייכנדיק זיך געזאָגט, — דו ביסט אויף געווען אַ גאַנצע נאַכט; גיי לייג זיך שלאָפן איצט.

IX

האַלמענגראַאַ שטעלט זיך אַרבעטן מיט שטאַרקע כחות; ער האָט זיך זיין אויפזעער איבער די סטאָליאַרעס און זיין אויפזעער איבער די מויערער; וואו נאָר מען קאָן קריגן אַ פערד דינגט ער עס און באַצאָלט גוט פאַר דעם; ער צאָלט אָבער ניט פון טאָג נאָר פון יעדער פור משא. עס ווייזט זיך אַרויס אַז דער אַלטער קלויסטער איז געבויט פון טייער געהילץ צווישן די רעשטאַוואַניעס.

די גאַנצע געגנט איז געוואָרן אויפגערודערט, צום בעסערן און צום ערגערן. זעגלפאָס איז געוואָרן אַ מיטלפונקט פאַר אַרבעט; אומעטום האָט זיך גערעשט; אויפרייסן אויף די בערג־רוקנס, פורן אויף די וועגן אַהין און אַהער. ברעג־שיפלאַך האָבן געבראַכט צו־פירן געהילץ און עסנוואַרג, אויוונס, וואַנט־שפּאַליער, מעבל, זעק און קעסטלאַך און גרויסע קאַסטנס; שווערן זיינען געקומען און זיך נאָכגעפרעגט אויף אַרבעט.

האַלמאַנגראַאַ האָט געוואוינט אינם פּריצישן הויז. — „דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלאַכע זאַך, — האָט דער לייטענאַנט גע־זאָגט. „דאָס איז נאָך איין ביישפּיל פון אייער גרויסער גוטסקייט“, — האָט האַלמענגראַאַ געזאָגט. די אויפזעער האָבן אויך געוואוינט אינם פּריצישן הויז; יעדערער פון זיי האָט זיך געהאַט זיין צימער אינם דינערשאַפט־פליגל. אַרום און אַרום, אין די הייזלאַך און שטיב־לאַך, זיינען מענטשן געוואָרן רייך דורך געבן נאַכטלעגער צו אַרבע־טער פאַר פיר סענט אַ נאַכט.

אַזוי לאַנג ווי די קאָלדעווינס זיינען געווען אין זעגלפאָס, איז קיין איין טאָג ניט אַריבער אַז דער אַלטער פריץ און זיין פרוי זאָלן ניט גיין שפּאַצירן אויפן וועג אין מזרח־זייט — אין מזרח־זייט איבער די זעגלפאָס־גיטער, קוקנדיק אויף די לאָנקעס, אויף די קאָרנ־פעלדער און אויף דעם וואַלד. „זעגלפאָס נעמט אַרום אַ גרויסן שטח לאַנד!“ זאָגט דער אַלטער יעדן טאָג, און זיין פרוי דערמאָנט אים קיינמאָל ניט, אַז ער האָט דאָס שוין געזאָגט פריער. נאָר זי ענטפערט

יעדעס מאָל: — יאָ, עס װעט אודאי אַזוי אויס; איך האָב ניט גע־װאוסט אַז דער מאַיאַנטעק איז אַזוי גרויס.

האַלמענגראַא האָט אָנגעהאַלטן זיין שטעל אַלס אַן אויפֿזעעכער און גוטמוטיקער מענטש. װען דער קאָנסול פֿרעדריק האָט אים געזאָגט, אַז דאָס אַלטע פּאָרל איז געװען געערגערט איבערן פֿאַרקויף פֿונם לאַנד, האָט ער געפּרואװט זיי איבערבעטן און מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף זיי; ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט װען זיי פֿלעגן אַריינקומען און געבליבן שטיין ביז זיי האָבן זיך געזעצט; ער האָט זיך ניט אַרויפֿגעצװאונגען אויף זיי נאָר אויסגעװאַרט די בעס־טע געלעגנהייט צו ריידן צו זיי. אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן זיי און זיי אויסדערציילט אַביסל פֿון זיין פֿאַמיליע־לעבן: אַז זיין װייב איז געשטאָרבן אין מעקסיקאָ, אַז ער האָט גע־װאַרט אויפֿן פֿרילינג צו קאָנען אַריבערברענגען זיינע קינדער אַהער. ער װעט דאַן פֿאָרן נאָך זיי און זיי אַליין ברענגען. האַלמענגראַא האָט זיך פֿיל מאָל אַנטשולדיקט פֿאַר דער גאַנצער אומאָרדנונג, װאָס ער האָט פֿאַראורזאַכט אין זעגלפֿאָס מיט זיין קומען אַהער; ער האָט געהאָפֿט, אַז זיי װעלן באַלד שוין האָבן איבערגעקומען דאָס ערגסטע מחמת ער האָט אָנגעשטעלט אַ סך אַרבעטער. „און דאַן װעט איר װידער הנאה האָבן פֿון דער רו און שטילקייט אין זעגל־פֿאָס", האָט ער פֿאַרענדיקט.

— װאָס שייך אונדז, — האָט דער אַלטער קאַלדעװין גע־ענטפֿערט, — אַרט עס אונדז ניט שטאַרק; מיר פֿאָרן אינגיכן אַװעק. איך מוז אָבער זאָגן, — גיט ער צו מיט אַ שמייכל, — איך בין ניט מקנא די, װאָס בלייבן דאָ.

זיין פֿרוי פֿרואװט פֿאַרגלעטן און זאָגט:

— װען מען גיט נאָר אַ טראַכט װעגן דעם אַלעס, װאָס איר האָט דאָ אויפֿגעטאָן אין אַזאַ קורצער צייט! מתנות בעל־מלאכות ביי דער אַרבעט. און שיפֿן מיט סחורה קומען אָן. און אַלערליי זאַכן.

— דאָס איז נאָך אַ זאַך פֿאַר װעלכער איך דאַרף דאַנקען דעם לייטענאַנט און זיין פֿרוי; — האָט געענטפֿערט האַלמענגראַא. — פֿאַרלאָזנדיק זיך אויף זייער ערשטן האַלבן צוזאָג מיט עטלאַכע װאָכן צוריק האָב איך געקאָנט אַלעם צוגרייטן פֿון פֿריער.

— דאַנקען גאָט, דאַן איז דער גאַנצער עסק נאָך אַלעמען, ניט פֿרעדריקס שולד! — האָבן די אַלטע לייט זיך אודאי געקלערט;

עס איז זיי אראפּ אַ משא פון קאָפּ, איין זאָרג ווייניקער. דער אַלטער קאַלדעווין האָט געפרעגט :

— מיר זעען פון אונדזער פענצטער אויפן ערשטן עטאַזש, אַז איר האָט אַרונטערגעריסן דעם קלויסטער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. מן הסתם האָט איר אים אָפּגעקויפט ? אָ, מיספאַרשטייט מיך נים —" גיט ער צו אַביסל צעמישט.

— איך פאַרשטיי גאַנץ גוט. יאָ, איך האָב געקויפט דעם קלויסטער, — ענטפערט הער האַלמענגראַא. — עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז אין אים פאַראַן טייער געהילץ, וואָס איז דויערהאַפטיקער פון געוויינלעך געהילץ. איך האָב בדעה פון דעם אויסצובויען אַ הויז פאַר זיך אַיצטער.

קאַלדעווין האָט זיך דערמאָנט אַן עטלאַכע מעשיות וועגן דעם אַלטן קלויסטער : ער איז אויסגעבויט געוואָרן ווען זיין פאָטער איז נאָך געווען אַ קינד ; דאַמאָלסט איז געווען געהילץ אינם צפון־לאַנד. — אָ, קלעצער, וואָס צוויי מענטשן האָבן זיי קוים געקאָנט אַרומנעמען מיט זייערע ביידנס הענט ! נאָר דאַנקען גאָט, ס'איז נאָך פאַראַן גוט געהילץ דאָ אין זעגלפּאָס.

— אַן ספק.

— אַן אומגעהויער גרויסער שטח וואַלד, מיילן לאַנג אפשר. מיינסטו נים אַזוי, שאַרלאָט ?

—יאָ, איך האָב אַלעמאָל אַזוי געהערט, — זאָגט זיין פרוי.

— און אויך גוטער יונגער וואַלד איז דאָ פאַראַן : דער קליינער ווילאַטץ וועט זיין אַ רייכער מאַן. ווי געזאָגט, הער האַלמענגראַא, מיר זעען פון אונדזערע פענצטער, אַז מען אַרבעט אויך אַרונטערצו לעבן ים ; דאָס זיינען מן הסתם אויך אייערע בעלי־מלאכות, שטעל איך זיך פאָר ?

— יאָ, דאָס זיינען מויערער. איך בוי אַ געפלאַסטערטן האַפן אַרויס צו טיפער אין וואַסער אַריין.

— כדי די פישער־שיפלאַך זאָלן זיך קאָנען האַלטן באַ דער זייט, מן הסתם ?

— יאָ, און גרעסערע שיפן אויך — דאַמפּ־שיפן, פראַכט־שיפן. איך האָב בדעה געהאַט, צווישן אַנדערע זאַכן, אויפצושטעלן אַ וואַסער־מיל דאָ אויף אַ גרעסערן פאַרנעם. עס ווענדט זיך אויב איך וועל האָבן אַן אויסזיכט אויף הילף.

— אודאי. און דאַן וועט איר מאָלן מעל ? יאָ, אָבער די מענטשן

האָבן זייערע האַנט־מילכלאַך, זיי מאָלן מיט זייערע האַנט־מילכלאַך, מיר האָבן אַ מיל בײַ אונדז, זי אַרבעט; מיר וואָלטן געקאָנט מאָלן אַ סך מער ווי מיר מאָלן.

— אָבער איר קויפט געוויס אייער קאָרן ערגעץ־אַנדערש־וואו, מיין הער?

— יאָ, אין בערגען. איך ברייננג אים צופירן אין פישער שיפלאַך אַהיים. און דערנאָך צעמאָלן מיר אים. דאָס פיינערע מעל אָבער קויפן מיר. אונדזער מיל קאָן ניט זיפּן דאָס מעל.

— מיין פּלאַן איז געווען צו ברייננגען דעם קאָרן אַהער פון די לענדער וואו עס וואַקסט קאָרן.

— אַזוי! נו, מיר האָבן דאָס קיינמאָל ניט געטון. מיינע עלטערן האָבן עס ניט געטון. און דיינע עלטערן, שאַרלאָט?

— אונדז האָבן דעם קאָרן געבראַכט צופירן די ברעג־שיפלאַך. און דאָס פיינערע מעל און גרויפּן און ווייצן־מעל האָבן אונדז אויך געבראַכט די פישער־שיפלאַך.

— איר זעט! — זאָגט דער אַלטער קאַלדעווין, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— ס'איז זייער מיגלאַך, אַז דאָס איז געווען דער בעסטער אופן.

— יאָ, אודאי! אַצינד ווילט איר אָנהויבן מאָלן מעל, וואָס זשע אָבער וועלן די מענטשן טון מיט זייערע האַנט־מילכלאַך? זיי וועלען זיך צעפּאַלן אין שטיקלאַך.

— ניט יעדער איינער אָבער פאַרמאָגט דאָך אַ האַנט־מילכל. און מעל מוזן זיי האָבן.

— אין אַזאַ פאַל מאָלן מיר עס פאַר זיי. די וואָס פאַרמאָגן ניט קיין האַנט־מילכלאַך מאָלן בײַ די, וואָס האָבן יאָ, אַזוי זיינען מיר זיך נוהג. אַזוי האָבן אונדזערע עלטערן געטון.

— מיין פּלאַן איז אַזאַ, אַז אויב איך ברייננג דעם קאָרן אַהער דירעקט פון די לענדער וואו ער וואַקסט, דאַרף ער ניט דורכגיין די הענט פון פאַרמיטלער אין בערגען, און וואָס צוליב דעם קאָסט ער טייערער.

— וועט עס ניט אויסמאַכן דאָסזעלבע? צי איר ברייננגט אים דירעקט אַהער, צו די בערגענער פאַרמיטלער ברייננגען אים דירעקט אַהער, וועט זיכער ניט זיין קיין חילוק.

— איך וועל קאָנקורירן מיט זיי. איך וועל עס מאַכן ביליגער. ווען נויטיק וועל איך פאַרקויפן ביליקער ווי די בערגענער.

— אָ, אזוי, — האָט קאַלדעווין געזאָגט.

— דאָס ברײנגען פון בערגען קאָסט עפּעס, פאַרשטײט זיך: דאָס װעלן די היגע אײנשפּאַרן קױפנדיק דאָ.

— זײ שפּאָרן זיך דאָס אײן סײ־װי, מיר ברײנגען צופירן דאָס מעל אַהער אין פישער שיפלאַך.

— אָבער ניט יעדער אײנער פאַרמאָגט דאָך אַ שיפל?

— נײן. אָבער מיר, װאָס פאַרמאָגן, ברײנגען גענוג פאַר אַלע־מען. אַט אזוי זײנען מיר זיך נוהג; אזוי האָבן אונדזערע עלטערן געטון.

— יאָ, אָבער אנטשולדיקט מיר, — זאָגט האַלמענגראַא לאַכנדיק, — עס קאָסט דאָך א י י ך יעדנפאַלס, עפּעס צו ברײנגען דעם קאָרן אַהער פאַר יעדן אײנעם?

— אָ, װען אַלץ װאָלט געקאָסט נאָר אַזױפיל! — ענטפערט קאַלדעווין. — זאָלן די פישער־שיפלאַך זיך צוריקקערן אַהײם מיט זאַמד און שטײנער באַלאַסט? זײ פירן פיש קײן בערגען און דאַרפן זיך צוריקקערן אַהײם; זאָלן זײ שװימען מיט זאַמד און שטײנער באַלאַסט און ניט פירן קײן פראַכט? נײן, נײן, איר מוזט מיר אנטשולדיקן, די פישער־שיפלאַך קאָנען דאָס ניט טון, זײ קאָנען זיך ניט צוריקקערן מיט זאַמד און שטײנער משא.

פרוי קאַלדעווין זיצט און קוקט אויף איר מאַן. ס'איז געװען װאונדערלאַך צו זען איר פאַרהערונג, די באַװאונדערונג איז אירע אַלטע אויגן. ניט זי און ניט איר מאַן האָבן אײנגעזען, אַז אַט דאָס דאָזיקע ברײנגען צופירן שפּײַז־זאַפּאַסן אויפן גוט־באַזיצערס פישער־שיפלאַך אין געװען אַן איבערבלײַבאַכץ פון אַן אָפּשטאַרבנדי־קער צײַט.

* * *

דערנאָך זײנען די קאַלדעװינס אװעקגעפאָרן צוריק אַהײם.

נאָר אײדער דאָס האָט געטראָפן האָט דער לײטענאַנט זיך געהאַלטן אַן עצה מיטן קאָנסול װעגן אַ שול פאַר װילאַטצן. — אַ שול פאַר מענטשן,— האָט דער לײטענאַנט געזאָגט, — אַ שול, װאָס גיט אירע תלמידים בילדונג, פאַרשטײט זיך, אָבער אויך אַ גוטע דערציאונג, ברײטע קולטור, און װאָס ראַפינירט דעם מענטשן — אַ שול, װאָס פּאַסט זיך פאַר אַ װילאַטץ האַלמסען. — װאָס דענקט פרעדריק װעגן ענגלאַנד. — גוט; די שול, װאָס דו װילסט איז די הערראָ־שול, — האָט דער קאָנסול געענטפערט. ער האָט די שול גע־

קאַנט דורך זיינע געשעפטס־פאַרבינדונגען. קסאַווייער מור וואָלט גע־קאַנט אַכטונג געבן אויף ווילאַטצן. דער קאָנסול האָט גלייך געשריבן וועגן דעם צו קסאַווייער מורן און אים צוגעגרייט.

פרעדריק קאָלדעווין האָט אויך ניט פאַרגעסן צו כאַפּן אַ לעצטן לעבעדיקן שמועס מיט דער הויז־פּירערן, יאַמפּרו סאַלוועסן, איידער ער איז אַפּגעפאָרן.

— אָ, גאָט! ווי איר האָט מיך איבערגעשראָקן, הער קאָנסול! דאָס שטייט איר דאָרטן? — זאָגט די יאַמפּרו, ריידנדיק דורכן פענצטער פונם שפּייז־קאַמער.

— איך בין דאָ געשטאַנען און געקוקט אויף אייך; ווייזט מיר אָן דעם מענטשן, וואָס וואָלט זיך געקאָנט העלפן און ניט טון אַזוי.

— כאַ־כאַ! איר הויבט שוין ווידער אָן!

— איך דאַרף אַוועקפאָרן, די לעצטע שעה וועט פאַר מיר באַלד שלאָגן, איך בין געקומען מאַכן אַ סוף צו דעם.

— כאַ־כאַ!

— לאַכט ניט. דאָס הייסט באַליידיקן מיינע געפילן ווען איך פאָרדין עס ניט. נאָר איך האָב מער גאָרניט צו זאָגן. ווען איר זענט געוואָרן אַ כלה פאַר אַנאַנדערן מיט עטלאַכע יאָר צוריק, איז עס געוואָרן דער סוף פאַר מיר. אַצינד האָב איך ברעה צו באַגיין די טאַט; איך וויל זיך נאָר באַראַטן מיט אייך, וועגן דער פאָרם. כלאָראָפאָרם איז אַ גוט מיטל, אַ יאָ?

— איך הויב טאַקע באמת אָן צו גלויבן, אַז איר זענט משוגע, הער קאָנסול! כאַ־כאַ־כאַ! איר מאַכט מיך אַזוי צום לאַכן ביז איך ווייס ניט ווי אַזוי איך זע אויס, — זאָגט יאַמפּרו סאַלוועסן, זיך איינהאַלטנדיק פון געלעכטער.

— לאַכן אין אַזאַ מאָמענט קאָן מיינען איינס פון די ביידע: אָדער איר לאַכט זיך גלאַט אַזוי, וואָס דאָס וואָלט געווען ניט שיין פון אייך, אָדער איר לאַכט כדי ניט צו וויינען.

— יאָ, — זאָגט יאַמפּרו סאַלוועסן, — איך לאַך כדי ניט צו וויינען.

— אַ דאַנק! — שיסט אויס דער קאָנסול. אָט דאָס האָב איך געמיינט מיט מאַכן אַ סוף צו דעם. ס'איז ניט דער בעסטער סוף, ניט דער ערהאַבנסטער, נאָר, אונטער אַלע אומשטאַנדן, דער פּאַ־סיקסטער סוף. איז עפּעס אַ געפיל הייסט עס רירט זיך יאָ בא אייך אין אָט דער פאַטאַלער שטונדע; איך דאַנק אייער גוט האַרץ פאַר

דעם; מיין פארביטערונג איז פארביי; איך וועל שוין קאנען אוועק־זעצן זיך און רואיק נאכטראכטן וועגן מיינע זכרונות.

— א, מיין טייערער; אבער ארימער מענטש, וואס פאר א צוקונפט עס שטייט אייך פאר!

— מיין איינציקע האפנונג איז אז איך וועל זיין גליקלאכער אין מיינע שפעטערדיקע יארן.

— כא־כא! — לאכט יאמפרו סאלוועסן אויף צו להכעיס זיך אליין. — אויף אז אמתן איר ד א ר פ ט נ י ט שטיין דארטן און וויצלען זיך וועגן אזוינע זאכן.

— ווען איך וועל ליגן אויפן לעצטן פון מיינע טויזנט און דריי הונדערט בעטן אויף דער וועלט וועל איך טראכטן וועגן אייך. צווייפלט איר צו איך וועל גערענקען?

— א, ניין!

— וואס וועט איר טון?

— איך וועל זיצן אט דא אינם שפייז־קאמער און אויפן העכסטן קול קלאגן יענעם טאג — צי עס וועט זיין באנאכט?

— ס'וועט זיין באנאכט — אין דער טויטער שטילקייט פון דער נאכט.

— דאס איז א שאד. ווייל דאן וועל איך מורא האבן, אום ניט אויפצואוועקן קיין מענטשן.

— פרוי, פרוי, טרייבסטו שפאס מיט א נשמה, וואס האלט באם אויסגיין? יאמפרו סאלוועסן, גיט מיר אייער האנט.

— א, גאט, איך ווייס ניט צי — נו, ווארט אויס א רגע!

די הויז־פירערן ווישט זיך ענערגיש אפ די הענט.

— א דאנק, און איצט, יאמפרו סאלוועסן, זייט געזונט; זאל אייך גאט העלפן! דאס איז מיין וואונטש.

— פארט געזונט, הער קאנסול; און נאכאמאל א דאנק אייך פאר אייער ליבשאפט היינטיקס יאר.

דער קאנסול גייט אוועק, נאר קערט זיך אום.

— אגב אורחא, איך האב געטראפן א מאן אויף דער שיף ווען איך בין געפארן אהער —

— דעם גייסטלעכן? איר האט עס מיר דערציילט.

— איז ער געווען א גייסטלעכער? אודאי ניט.

— איר האט מיר דערציילט א מעשה וועגן א גייסטלעכן.

— ער האָט זיכער ניט געקאָנט זיין קיין גייסטלעכער ? האָב איך אייך דערציילט א מעשה ? איך געדענק ניט.

— וועגן אַ גלח מיט דריי זין.

— אָ, ניין ! איך האָב אייך ניט דערציילט יענע מעשה. איר האָט זי געמוזט הערן פון דעם מאַן צו וועמען איר זענט פארקנסט : איך בין זיכער, אַז ס'איז אַ שרעקלאכע מעשה. דריי זין — אומגע־זעצלאכע, פארשטייט זיך.

— אָ, גאָט ! הער קאָנסול, איר דאַרפט ב א מ ת ניט מאַכן מיך אזוי צום לאַכן — קווינטשעט יאַמפרו סאַלוועסן.

— ווי איר פרויען שפּילט זיך מיט אונדז מענער ! — זאָגט דער קאָנסול. — איך האָב אָנגעטראָפן אַ מאַן אויף דער שיף, וואָס האָט אויך געהאַט עפּעס צו זאָגן וועגן דעם ענין. ער האָט געהאַט דאָס פאַטעטישסטע, דאָס טרויעריקסטע פּנים, וואָס איך האָב ווען־ניט־איז געזען, און איר קאָנט באַלד טרעפן וואָס ס'איז געווען דער מער. אַ פרוי האָט אים רואינירט. ווי אַזוי ס'האָט געטראָפן ? „נו", האָט ער געזאָגט „זי האָט מיך אָנגעשטאָפּט מיט ליגנס, זי האָט געזאָגט, אַז איך בין געווען דער איינאונאיינציקער, נאָר דערנאָך האָב איך אויסגעפונען, אַז איך בין געווען אַ צווייטנס נאָכפאָלגער", האָט ער געזאָגט. האָב איך, פרעדריק קאָלדעווין, געענטפערט אזוי דעליקאַט ווי נאָר מעגלאַך : „אויב אַזוי האָט איר געמוזט לײדן אַ סך ?" „אָ, יאָ," האָט ער געזאָגט, „איך האָב שרעקלאַך געליטן, ס'איז אָבער געווען אַ געוויסע באַפרידיקונג פאַר מיר ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז איך בין געווען דער פאָרגייענגער פאַר אַ דריטן". „גאָט אין הימל". האָב איך, פרעדריק קאָלדעווין, געזאָגט, אַ פּאַטש טוענדיק מיט די הענט, „איז זי געווען אַן אמתער האָטעל פאַר ליבהאָבער ?" „אַ האָטעל ?" האָט ער געזאָגט און געטראַכט אַ ווײלע. „אַ רעטונגס אַנשטאַלט איז דאָס וואָרט, וואָס איך וואָלט באַנוצט", האָט ער געזאָגט. „מיר האָבן זי אַלע געליבט און זי האָט געעפנט אַ רעטונגס אַנשטאַלט פאַר אונדז".

באַ די ווערטער גרייט זיך דער קאָנסול אַוועק צו גיין.

— ס'איז פּונקט גוט וואָס איר גייט שוין אַוועק. — זאָגט יאַמפרו סאַלוועסן. — ווייטער ווייס איך ניט וואָס איך וואָלט געטון. כאַ־כאַ־כאַ, דאָס איז אַן אומגעהויערער שפּאַס, — האָט זי געזאָגט.

— וואָס !

— יאָ, איך זאָג עס אייך אָפנהאַרציק. נאָר דער אמת איז, אַז

מען שרעקט זיך אביסל אלעמאל פאר דעם, וואס איך קאן איינפאלן צו דערציילן, הער קאנסול.

— נאך מער ווי פון דעם וואס אייער געליבטער קאן דערציילן ?

— מיין געליבטער ?

— דערמאנט זיך אן דעם גלח מיט די דריי געזעצלאכע קינדער.

— כא־כא־כא ! ניין, אויף אן אמתן ! איך וועל מיט אייך מער ניטריידן.

— א גוטן טאג ; יאמפרו סאלוועסן.

— א גוטן טאג. איך האף, אז מיר וועלן אייך זען נאכאמאל איבעראיאר.

* * *

איז דאס טעגלאכע לעבן אין זעגלפאס רואיק און מאנאטאן ? ניט איצט ; דאס איז א זאך פון דער פארגאנגענהייט. האלמענגראא האט דאס אלץ געענדערט. אט די אלע מענטשן, די אלע פערד, די לידער פון די בעלי־מלאכות, די קנאלן פון די אויפרייסן, די אר־בעטס־געזאנגען פון די פישער־שיפלאך — דאס אלץ האט געלאזט א באאומרואיקנדיקן און וואולגארן איינדרוק אויפן פארנעמען פריצישן הויף. נאר דער לייטענאנט האט זיך אפשר געטרייסט מיטן געדאנק, אז אין די שטעט קאן א מענטש אנהאלטן זיין ווירדע אפילו אין סאמע מיטן טומל. יא, אבער אפילו דארטן קאן א מענטש אמ־בעסטן אנהאלטן זיין ווירדע אין רואיקע געגנטן. זע ! א סך פון זיינע אייגענע פויערים און פערד ארבעטן אומעטום אויף די פעל־דער, ארבעטן ביים שניט און זאמלען אים איין ; אין פריערדיקע יארן, אונטער דער אופזיכט פון זיין הויפט מענטש, מארטין, זיינען זיי געוועזן אן ארמיי, וואס מ'האט געקאנט זיין שטאלץ מיט איר — איצט האבן זיי זיך פארלוירן אין דער גרויסער צאל פרעמדע.

איר קאנט אבער ניט קריגן עפעס פאר גארניט !

דעם טאג נאך די קאלדעווינס אפפארן טרעפט דער לייטע־נאנט אן דאס מיידל דאווערדאנא און ער זאגט צו איר :

— מיר וועלן אונטערברעכן די לייען־אוונטן. מיר וועלן מער ניט לייענען.

דאווערדאנא ווערט בלייך און דערשראקן און זאגט :

— איך האב ניט פארגעסן נעכטן אוונט ; נאר די באלעבאסטע האט מיך געשיקט נאך די שיך.

א צופרידענער בליק לויפט דורך איבערן לייטענאַנטס געזיכט און ער ענטפערט:

— דאָס האָב איך דיך געשיקט. מיר ווילן מער ניט לייענען ציִיטווייליק.

ווען דער לייטענאַנט האַלט שוין באַם אוועקגיין זאָגט דאַ־וווערדאַנאַ:

— בין איך — אָפּגעזאָגט?

— ניין, — ענטפערט ער. — אָפּגעזאָגט? דו ביסט אַ נוצלאָך מיידל; די הויז־פירערן דאַרף דיך האָבן.

דעם לייטענאַנטס אַ גוט וואָרט האָט מען געהאַלטן טייער; דאַוווערדאַנאַ פאַרשעמט זיך מיט פאַרגעניגן און ניט זיך אונטער זיין באַשלום.

דער לייטענאַנט איז געגאַנגען ווייטער. די לאַגע איז פאַר־העלטניסמעסיק געווען אַ דערטרעגלאַכע; ער האָט געהאַט געלט אויף וואָס זיך צו שטיצן, אַ גרויסע סומע געלט איינגעלעגט אין טראַנדהיים; ער האָט זיך געפילט אַביסל פרייער איצט; ער האָט שוין ניט איבערגעביטן זיין רינגל אַזוי אָפט ווי פריער. אַדעלהייד וואָלט געקאָנט פאָרן אויף אַ באַזוך אין איר היימלאַנד איצט; אויף וואָס האָט זי געוואַרט?

דעם אמת זאָגנדיק איז ער ניט געווען זייער נייגעריק, אַז אַדעלהייד זאָל פאָרן; צוליב געוויסע אורזאַכן פלעגט זי זיך שטענדיק אומקערן צוריק פון איר היים אין האַנאָווער אַביסל ווייניקער פריינט־לאַך און מער גדלות'דיק; ער, פון זיין זייט, האָט אָפּגעבראָכן אַלע פאַרבינדונגען מיט דערזעלבער היים. מ'האָט געקאָנט געפינען אַ געוויסן זכות אויף אַדעלהיידן. איז איר פאָטער ניט געווען אַן האַ־נאָווערער גענעראַל וועמען ס'איז געווען אָנגעצייכנט פונם שיקזאַל זיך צוריקצוציען פון דער דינסט באַם ראַנג פון אַ פּאַלקאָווניק צוליבן מאַנגל אין אַן האַנאָווער? און איז זי ניט געווען זיין טאָכטער, וואָס האָט זיך באַגראָבן אַ לעבעדיקע אין נאָרוועגיען, אינם צפון לאַנד, אין אַ טויטער וועלט?

— איך האָב געקלערט, — זאָגט צו איר דער לייטענאַנט, — ווילאַטץ ווערט פאַרווילדעט דאָ אין דער היים, ער האָט זיך אָנגע־הויבן אויסצולערנען מיאוסע ווערטער און צו שעלטן; איך מיין, אַז מען דאַרף אים ערגעץ אוועק שיקן?

— איך וועל ניט זיין איבעראַשט אויב ער האָט זיך אויסגע־

לערנט די מיאוסע ווערטער פון דאוועדאנאן און איר ברודער, — ענטפערט זיין פרוי. — וואס שייך זיין אוועקפארן ערגעץ, ווייס איך ניט.

— דאווערדאנא ? — זאגט דער לייטענאנט, מיט א צופרי־דענעם בליק נאכאמאל. — אגב קאן דאווערדאנא זיין אינגאנצן אונטערן רשות פון דער הויז־פירערן פון איצט אן.

— וועט זי דיך מער ניט באדינען ?

— ניין, זי האט איבערגעהאנגען אויף אנאנדער ארט דעם אלף־בית.

— וואסער אלף־בית ?

— דעם קינדס. אפשר געדענקסטו אים ניט, איך האב אים אבער געהאלטן פון יענער צייט אן ווען ווילאטע איז נאך געווען קליין. ער הענגט בא מיר אויף דער וואנט וואו איך קאן אים זען, א גרויסער אלף־בית אויף א קארטאן. זי האט אים איבערגעהאנגען אויף אנאנדער ארט.

בא די ווערטער האט א קליינער שמייכל זיך צעלייגט איבער זיין פרוים פנים, און דער לייטענאנט אליין האט געשמייכלט, ער איז געווען אזוי צופרידן אויף דעם מאמענט.

— א נארישקייט מיינע, — האט ער געזאגט ; — ווען ווילאטע וועט אוועקפארן וויל איך האבן א פאר קלייניקייטן זיינע, וואס זאלן מיך דערמאנען אן אים. איך האב געטראכט, אויב דו זאלסט פארן אויף דיין באזוך אהיים אין דער זעלבער צייט, וואלסטו גע־קאנט מיטנעמען דאס אינגל מיט זיך.

— וואוהין וועט ווילאטע פארן ?

— דו ביסט א דייטשקע, פארשטייט זיך, — ענטפערט דער לייטענאנט, פילנדיק זיין מאכט, אבער — קיין ענגלאנד, וואס דענקסטו ? קיין הערא ; פרעדריק האט דארטן באקאנטע. קיין ענגלאנד, נאטירלאך.

— זאל איך פארן קיין האנאווער ?

— דורך הערא וועט ליידער זיין אנגעלעגט א סך וועג. אויב עס זאל אבער אנהאלטן א גוטער וועטער דארף אזא רייזע ניט זיין קיין אומאנגענעמער איבערבייט ; עס וואלט דיר געטון גוטס. קאנסט דיר מיטנעמען דיינע דינסט מיידלאך מיט זיך.

גאר פלוצלונג האט זיך דערוועקט א חשד אין איר, זי איז צוגעגאנגען צום פענצטער און געשטאנען דארטן און ארויסגעקוקט.

שטייענדיק אזוי דאָרטן האָט זי נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטון, נאָר דאָס מאָל איז עס געווען אַ פּוסטער שמייכל.

— וואָס דענקסטו וועגן דעם ?

— יאָ, אפשר, — האָט זי געענטפערט.

— ס'ווייזט אויס, אַז עס געפעלט דיר ניט.

— איז עס דורכאויס נויטיק, אַז ווילאַטע זאָל אַוועקפאָרן ?

— דו ווייסט, אַז ער פאַרברענגט כמעט זיין גאַנצע צייט אין די שטיבלאַך פון די בעלי־מלאכות און ווען ער קומט אַהיים טוט ער גאָרנישט נאָר ער שפּילט אויף דער פּיאַנאָ.

— וואָלסטו ניט געקאָנט אויספירן אַריינצונעמען אַ לערער אין הויז אַריין ? — האָט זי געפרעגט.

— ווען ס'וואָלט קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען.

— איך פאָר ניט קיין האַנאָווער.

פּויזע.

— ניין ? — האָט ער געענטפערט.

זי האָט זיך אויסגעדרייט אין זיין זייט און געזאָגט :

— איז אַזוי, הייסט עס, איז עס. איך הייב אָן צו פאַרשטיין ! וואָס האָט עס באַדייט איצט ? ער איז געווען געערגערט פון איר פאַראַכטלאַכער שטעלונג ; האָט ער זיך ניט אַרויסגעוויזן פאַרן שלום מאַכער ביז דער העכסטער שטופע ? עס האָט אים געערגערט זי אַנצולערנען פאַר איר נאַרישקייט, ער האָט אָבער גוט געוואוסט אַז ס'איז אומזיסטע מי, איז ער געבליבן שטיל.

— דו האָסט געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס, — האָט זי געזאָגט. אָבער איך דענק אַז עס איז ביטרע און אומווירדיק פון דיר.

— אַ פיינע שפּראַך !

— מילא. דאָס איז וואָס איך דענק וועגן דיר.

— הייסט עס, אַז איך בין ביטרע און אומווירדיק אַצינד אויך ? דאָך ווערסטו מיך שוין קיינמאָל ניט אויסבעסערן דורך אויסרעכענען מיינע חסרונות. מיינע חסרונות — איך מוז צוגעבן, אַז איך האָב פאַרלוירן דעם אינטערעס אין זיי.

— און איך מוז צוגעבן, — ענטפערט זי, — אַז אַמאָל, לאַנג צוריק, וואָלט איך, יעדנפאַלס, קיינמאָל דאָס ניט געווען געגלויבט אויף דיר.

— דו דאַרפסט עס ניט זאָגן ; ס'איז יעדנפאַלס ניט קלוג פון

דיר. זעסטו ניט, אַז דו האָסט אַליין דערנידעריקט דיין אייגענע אָפּשאַצונג ?

— אָ, נאַרישקייטן, איך בין געווען אַ קינד.

— אַ קינד ? דינט דיר גוט דיין זכרון ?

— איך בין געווען אַ קינד.

יאָ, איצט איז עס געווען אַן אָפענע מלחמה, און זי האָט ניט געקלערט וועגן האָבן איינזעעניש מיט אים, נאָר בלויז פון אָנפאַלן אויף אים שטאַרק, אָנפאַלן היציק. מיט אויפגעהויבענע ברעמען, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָט זי געקוקט אויף אים אין דער קרים אָן אַ זייט — מיט אַ ! וואָס פאַר אַן אומגלויבלאַכער פאַראַכטונג.

— דו האָסט מיך געוואָלט באַרואיקן דורך באַפרייען זי פון באַדינען דיך, און דערנאָך האָב איך געזאָלט אַוועקפאָרן, איך דאַנק דיר.

ער האָט שוין געהערט אַ סך אומפאַרנינפטיקע רייד פון איר אין זיינער צייט. איצט אָבער האָט עס אויסגעזען ווי ער וואָלט נאָך קיינמאָל ניט האָבן געהערט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים האָבן מער באַפרידיקט ווי איר איצטיק רעדן, שוין ניט צו זאָגן קיין פאַרגעניגן. ער האָט געהאַלטן באַ צוגיין צו איר און איר זאָגן עפּעס, פאַרזיכערן איר עפּעס, גאָט ווייסט וואָס ; נאָר זי האָט עס ניט דערוואַרט פון אים, און אים ניט געגעבן קיין צייט עס צו טון.

— איך דאַנק דיר ! — האָט זי איבערגעחזרט, און אים פאַרלאָזט.

ער האָט אודאי נאָך אַלץ געקאָנט זי באַוועגן, אַז זי זאָל אים אויסהערן. ער האָט געקאָנט זאָגן : — איך בין געווען אַזוי ווייט פון דעם געדאַנק צו וועלן דיך באַרואיקן, אַז איך האָב גאָר אינגאַנצן ניט געקלערט, אַז דו וועסט פאָדערן אַ פאַרזיכערונג אין דער ריכטונג ! — דעם גאַנצן טאָג האָט ער געזוכט אַ געלעגנהייט ; נאָר זי האָט באַין אופן ניט געלאָזט זיך איבערבעטן, זי האָט אים אויסגעמיטן ; און צום סוף איז זי אַרויסגעגאַנגען צו האַלמענגראַאַס אַרבעטער און געקוקט ווי זיי אַרבעטן. באַם נאַכטמאַלצייט האָט ער גאָר ניט געקאָנט זאָגן צוליב האַלמענגראַאַס אַנוועזנהייט, און ווען זי איז אַוועק צו זיך אין צימער אויף איבער נאַכט איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט געדאַרפט זיין אַביסל מער ריידעוודיקער אויפן מאָמענט ; אָט דאָס איז עס געווען.

שפּעט אין אָוונט גייט ער אַרויס אינדרויסן. איר פּענצטער שטייט אָפן ווי אַלעמאָל, ער הערט זי אַרומשפּאַנען אינווייניק; אַ פלוצלונגדיקער אימפּולס כאַפּט אים אַרום און ער פרעגט שטיל־שטיל:

— איז דיין טיר פאַרשלאָסן, אַדעלהייד? איך האָב נאָר געוואָלט —

— יאָ, איך בין אין בעט, — האָט זי געענטפערט.

* * *

דער לייטענאַנט האָט ווידער אַרויסגעריטן אויפן צווייטן אינדערפרי. פאַר דער צייט וואָס די קאַלדעווינס זיינען דאָ געווען צו גאַסט זיינען זיינע רייט־שפּאַצירן געווען אונטערבראָכן; איז אים געווען אַ פאַרגעניגן צו וויגן זיך ווידעראַמאָל אינם זאָטל און אַריבערקוקן ווייט איבער לאַנד און ים. — האַלט זשע זיך גוט, שוואַרצער! ביסט געשטאַנען ליידיק אַזוי לאַנג, דו ביסט אויסער זיך!

דער לייטענאַנט רייט אַרונטער מיטן הויפּט וועג; דאָס פערד איז פול מיט לעבן און שפּרינגט שטאָלץ אונטער. ניט ווייט אַרונטער הערט ער אַ געשריי: „היט זיך!" דער לייטענאַנט פאַרט ווייטער: ער איז ניט דער מענטש, וואָס זאָל זיך אָפּשטעלן אויף זיין וועג; שרייען צו אים איז בכלל ניט דער פּאַסיקער אופן.

עס דערהערט זיך אַן אויפרייס. מיט אַ גרויסן קנאַל.

די צווייטע רגע איז אַנגעלאָדן מיט אומגליק; אַ קאַנוואַולסיע לויפט דורך דעם פערד, עס גיט אַ שפּרונג, טוט זיך אַ בייג אַן אויף אַ זייט אומוואָרפנדיק דעם רייטער פון זיין גלייכגעוויכט אַזוי, אַז ער הענגט אַרונטער אויף איין זייט, און טוט זיך אַ לאָז מיטן וועג אַראָפּ, אַז די ערד ציטערט אַזש אונטערן פערדס קלויען. און ווייטער און ווייטער יאָגן זיי אַזוי, פאַרביי שטיבלאַך און פערמעס, ביז מען זעט זיי מער ניט אַן. דער רייטער הייננגט אַרונטער אַלץ נידעריקער און נידעריקער אויפן פערדס זייט, דאָס זאָטל גליטשט זיך אַהין און צוריק, עס איז אַפּראַגע פון רגעס איצטער — אָט!

עס איז אַ קריטישער מאָמענט. דער רייטער האַלט איין פוס פאַרוואָרפן איבערן פערדס רוקן, דער צווייטער איז אונטער זיין בויך: ער איז שטייף ווי אַ שטעקן, זיין קערפּער שטאַרצט גלייך אַרויס פונם פערדס זייט זיך רייסנדיק פאַראויס. — דאַן גיט ער זיך ווי אַ כאַפּ אָן אָן דעם פערדס האַלדז, אָן זיין גריווע; ס'איז געווען אַזוי ווי אַ שטאָלענער שטאַנג מיט האַטשיקעס וואָלט אַרויסגעפלויגן און

זיך געטון אַ כאַפּ אָן. אין דער זעלבער רגע האָט זיך דאָס זאָטל איינגאַנצן אַרונטערגעגליטשט און דאָס פערד האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אינם געשפּאַן; באַם צווייטן קאָנוואולסיוון שפּרונג איז עס אַנידערגעפאַלן.

וואָס! נאָך אַלץ נישט גענוג! ער שטעלט זיך מיט מאַטערניש אויף די פאָדערפיס און פאַלט ווידער, הויבט זיך אונטער און פאַלט נאָכאַמאָל אַנידער, פאַרשקעט מיט דער נאָז, טרייסלט זיך, וואַרפט מיטן קאָפּ. דער לייטענאַנט האָט ענדלאַך אַרויסגעשלעפּט זיין פוס פון אונטערן פערד און קאָן קריכן זיין קאָפּ; דאַן בינדט ער זיך אויס און נעמט אַרונטער די שווערד און מאַכט זיין קריגס־פערד זיך שטעלן אויף די פיס.

אויפן וועג צוריק אַהיים זיצט ער צוריק אויפן פערד און רייט מיט זיין געוויינלאַכן טראָט ווי אַלעמאָל. ער טרעפט אָן מענטשן לויפן אים אַנטקעגן; זיין אייגענער מענטש, מאַרטין, אומבאַקאַנטע טאָג־אַרבעטער און אויפזעער, האַלמענגראַא אַליין, אַלע מיט גרויס נייגיר. האַלמענגראַאַן פאַרדריסט עס שטאַרק און ער טאַדלט זיך אַליין: — אַט די אויפרייסן, דאָס שרעקלאַכע קנאַלן! האָט איר זיך באמת ניט פאַרוואונדעט? און דאָס פערד?

דער לייטענאַנט זעט ווי זיין פרוי איילט זיך אים אַנטקעגן, און וועלנדיק זי טרעפן, איינצושפּאָרן איר וועג, שטעלט ער זיך ניט אָפּ לעבן די נייגעריקע מענטשן נאָר ענטפערט זיי אין קורצן.

— האָט דאָס פערד זיך דערשראָקן? ווי אַזוי — ביסטו אַרונטערגעפאַלן? — האָט זי גיך געפרעגט. — האָסטו זיך צעקלאַפּט?

— איך בין ניט אַרונטערגעפאַלן, — ענטפערט ער.

— טאַקע ניט? ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווען דאָס וואָלט חלילה געווען אַ שלעכטער פאַל! און דו האָסט זיך ניט צעקלאַפּט?

— איך האָב זיך ניט צעקלאַפּט, — ענטפערט ער.

ער האָט אויפגעכאַפּט פונם טאָן פון איר שטימע אַז, בעת זי איז באמת געווען צופרידן וואָס ער לעבט נאָך, האָט זי געקלערט אפשר איז ער ניט געפאָרן גענוג פאָרזיכטיק, ניט געריטן פאָרזיכטיק מיט אַ שפּאַציר־טראָט ווי ער איז געוואוינט!

— און דאָס פערד? — האָט זי געפרעגט. — איך הער, אַז ס'האָט זיך דערשראָקן פאַרן אויפרייס? איך פאַרשטיי עס ניט; האָסטו ניט געהאַלטן פעסט די לייצעס? אָן אויפרייס איז אַ זאַ געוויינלאַכע זאַך.

— יא, אַ גאַנץ געוויינלאַכע זאַך.

— יא, אודאי, אָן אויפּרייס איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט ! נאָר פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף קאָנען רייטן, און דו ביסט נאָך אַן אַלטער קאַוואַלעריסט אויך.

— יא, אגב אורחא, — זאָגט ער. גלייך ווי ער וואָלט געהאַט געטראַכט וועגן גאָר עפּעס אַנדערש, — אַז דו וועסט אַרויספאָרן רייטן זאָלסטו זיך היטן פאַר די אויפּרייסן. זיי וועלן אָנהאַלטן אַ שטיקל צייט איצט. אַמאָל זיינען פאַראַן גאָר שטאַרקע. די פעלזן־אויפּרייסן, מיין איך.

— איך שרעק זיך אינגאַנצן ניט פאַר די אויפּרייסן, — האָט זי צוריק געענטפערט. — אָן איינפאַל אַביסל ! — זי האָט געגלעט זיין פערד און געדעדט צו אים : — ווי נאַריש עס איז פון דיין זייט ! אַ שטייגער ווען דו וואָלסט געווען אין אַ מלחמה און ניט געקאָנט פאַר־טראָגן קיין שיסעריי !

— ווייל איך טראַכט פון דעם, — זאָגט דער לייטענאַנט, — פון היינט איבערמאָרגן פאַר איך און ווילאַטע קיין ענגלאַנד. וועסט אפשר זיין אַזוי גוט און איינפּאַקן זיינע זאַכן.

צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט זיך צערעמאָניען מיט אַדעל־היידן ? צוליב גאָרנישט ! און ער האָט ניט בדעה געהאַט עס אָנצו־האַלטן לענגער.

אין אָוונט האָט ער זיך געזעגנט באַ זיך אין צימער און זיך אַמוזירט מיט שפּילן אין קאָרטן אַ פּאַסיאַנס, אַליין אַזוי ווי אַן אַלטע דאַמע. דאָווערדאַנאַ איז מער ניט געקומען צו לייענען פאַר אים. ער האָט געדאַרפט עפּעס האָבן וואָס זאָל פאַרנעמען איר אָרט, וואָס זאָל אויספילן זיין צייט ; איז פאַרוואָס ניט קיין פּאַסיאַנס, אַן אומשולדיקער דאַמען־צייטפאַרטרייב ? אינדערפרי האָט ער ווידער אַרויסגעריטן ערוואַרטנדיק צו הערן אַן אויפּרייס אָדער צוויי. נאָר ס'איז געווען שטיל ; ער האָט געהערט די מויערער זינגען באַ דער אַרבעט אויפן האָפן ; דאָס איז געווען דער איינציקער קלאַנג. ניט דאָס האָט ער געוואָלט. ווען דאַסזעלביקע האָט אַזוי אָנגעהאַלטן עטלאַכע טעג האָט ער באַשלאָסן צו האָבן אַן איבעררייס. דעם גאַנצן טאָג האָט מען געהערט קנאַלן פון אויפּרייסן, נאָר ווען דער לייטענאַנט האָט אַרויסגעריטן אויף זיין שפּאַציר איז געווען שטיל. אימיצער מוז דאָ האַלטן וואַך. דאָס אויסערגעוויינטלאַכסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס עס איז געוואָרן שטיל פון דער רגע

אַז ווען ער האָט באַפוילן אַנצוזאָטלען זיין פערד, ניט פונקט דאַן ווען ער האָט געריטן אַרונטער דעם בארג. וואָס האָט דאָס אַלץ באַדייט?

איין אינדערפרי ווי ער שטייט אַזוי לעבן זיין אָפענעם פענצטער באַמערקט ער ווי די מינען־אַרבעטער הויבן אָן צו בויערן. ער זעט זיי בויערן טיפער און טיפער, באַנוצנדיק אַלץ לענגערע און לענגערע עגבערס ביז זיי זיינען ענדלאַך פאַרטיק. ער איז בכיון פאַרבליבן אין הויז כדי ער זאָל ציען דעם פולן נוצן פון אַט דעם גרויסן אויפרייס; אַצינד באַפעלט ער מען זאָל אָנזאָטלען זיין פערד. אין משך פון דער ווייטערדיקער אַרבעט, בעתן אַרויסנעמען די ערד פונם דורכגעבויערטן לאָך און אים אָנלאָדן מיט פולווער, היטן די אַרבעטער כסדר דאָס פריצישע הויז; לסוף גיט איינער אַ צייכן מיט זיין האַנט צו די אַנדערע. פון ערגעץ וואו האָט געמוזט קומען אַ סיגנאַל; דער לייטענאַנט שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער און באַקוקט זיין הויז פון אויבן ביז אַרונטער. וואָס איז דאָס? אַ טוך, אַ ווייסער האַנטוך הייגנט אויף איינעם פון אַדעלהיידס פענצטער, עס הענגט אויף דער זון, צום טריקענען זיך געוויס; דער ווינט בלאָזט אויף אים לייכט.

דער לייטענאַנט גייט אַרויס, אונטערזוכט פאַרזיכטיק דאָס זאָטל און דעם צוים, פאַרציט שטייפער דעם זאָטל־גורט אויף נאָך אַ לעכל און זעצט זיך אויף. פאָרנדיק מיטן וועג אַרונטער קוקט ער אַרויף צום האַנטוך; ער הענגט נאָך אַלץ דאָרטן. האָט אַדעלהייד אָפּגעמאַכט מיט האַלמענגראַאַן, אַז איר מאַן ווילאָטש האַלמסען קאָן ניט רייטן אויף אַ כערד און מען דאַרף אים פאַרהיטן פון די אויפרייסן־קנאַלן? אַז ער ווערט נערוועז פון יעדער זאַך, וואָס גייט ווייטער פון אַ שפּאַציר־טראַט?

ער רייט אַרונטער מיטן וועג, ער באַמערקט, אַז אַלץ איז גרייט צום אָנצינדן דעם פולווער הינטער דער ערד, נאָר די מענטשן זיינען איצט פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. ער פאָרט צו גלייך צו זיי און גיט אַ באַפעל:

— צינדט אָן!

און דער לייטענאַנט איז געווען אַ מענטש, וועמעס וואָרט מ'האָט ניט געקאָנט אַזוי לייכט ניט אויסצופאָלגן! די אַרבעטער זיינען אַוועק צו דער שאַכט. דער אויפזעער איז צוגעקומען און געפרעגט?

— זאָלן זיי אָנצינדן ?

— יאָ.

— מיר האָבן געדענקט — איר פאַרשטייט, דאָס פערד וועט ניט בײַשטײן דעם פײַער.

מ'דאַרף עס אויסלערנען צו קאָנען בײַשטײן.

שטײף און פאַרעקשנט זיצט ער, דער לײטענאַנט, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַ נאַרישער אופן פון לערנען אַ פערד בײַ־צושטײן פײַער ; נאָר דאָ זיצט ער.

— היט זיך ! — שרײַען די אַרבעטער.

— יעדנפאַלס וואָלט איר ניט געדאַרפט שטײן דאָ, מײַן האַר, — זאָגט דער אויפזעער.

— איר שטײט דאָך דאָ אַלײן, שטײט איר ניט ?

— מיט מיר איז אַנאַנדער מעשה. איך קאָן אָפּשפּרינגען אַן אַ זײַט און ניט שטײן אין וועג.

— מיר וועלן אויך ניט שטײן אין וועג, ניט געזאָרגט, — ענט־פערט צוריק דער לײטענאַנט שמײכלענדיק. דאָס שוועבעלע הויבט אָן צו רויכערן און די אַרבעטער פאַרדעקן עס.

דאָס פערד דערשמעקט דעם רויך און ווערט אומרואיק, עס פאַרדעכטיקט, אַז עפּעס וועט באַלד געשען ; דער לײטענאַנט גלעט אים מיט זײַן בײַטשל און רעדט צו אים. אַזוי ווי עס זײַנען פאַראַן אַ סך צושויער ווײַזט ער זיך אַרויס, אפשר, פאַר מער זעלבסט־באַהערשט ווי ער איז אין דער אמתן, נאָר מ'זעט, אַז ער דריקט שטאַרקער צו די שטײג־ביגלען צום פערדס בויך, גלײַך ווי אַט דאָס־אָ זאָל אים קאָנען ראַטעווען ווען נויטיק. ער האַלט אין אײן גלעטן זײַן פערד און רײדן צו אים.

ער איז נאָך געווען מיט דעם פאַרנומען ווען דער קראַך האָט זיך דערהערט. די צווײטע רגע איז געווען אַ צוטומעלטע : דאָס פערד האָט אַ שפּרונג געטון אין דער לופטן, זיך געוואָרפן אויף אַלע זײַטן, געבריקעט מיט די פיס, און זיך אַ לאָז געטון מיט אַ מוראַ־דיקן שפּרינגען איבער דעם פעלזיקן גרינט. אָבער דאָס מאָל איז אויף זײַן רוקן געזעסן אַ רײַטער, וואָס וועט ניט אַראָפּגײן, און צו וועלן אים אַראָפּוואַרפן איז געווען אַן אומזיסטע מי. באַלד איז דאָס ווילדע שפּרינגען איבערגעגאַנגען אין אַ שווערן, נאָר רעגל־מעסיקן, געצוימטן גאַלאָפּ, באַרג אַרויף צו צום וועג, און וואָס נעענטער זײַ זײַנען געקומען צום וועג איז דאָס פערד געלאָפן אַלץ

לאנגזאמער און לאַנגזאַמער, און זיי זיינען אַרויף אויפן וועג געזונט און שטאַרק. דאָן האָבן זיי זיך פאַרנומען רעכטס און פאַרשוואונדן אין אַ וואָלקן שטויב.

* * *

עס איז זונטיק.

דער קליינער ווילאַטע גייט אַרום איבער די שטיבלאַך זיך געזעגענען מיט זיינע חברים און קריגט כבוד און רום בשעת מעשה ; פאַרט ער דען ניט קיין ע נ ג ל א נ ד, אין דער גרויסער וועלט אַריין, און קומט ניט מער צוריק ? דער קליינער אָרימער גאַטפּרעד. איז, אמת, ניט געווען זיין טאָג־טעגלאַכער חבר, נאָר אפילו אים פאַרגעסט ער ניט ; ניין, ער שענקט אים אפילו אַ מתנה צוויי קליניקייטן, וואָס קאָנען זיין אַ טרייסט דעם אָרימען גאַטפּרעדן אין די שפּעטערדיקע יאָרן ; אַ פּייפל אין דער פאָרם פון אַ האָן און איינס פון פרוי אַדעלהיידס קעמעלאַך, וואָס ס׳איז בא אים געווען אויסגעבראָכן עטלאַכע ציינדלאַך.

דערנאָך גייט ווילאַטע אַריין אין לאַרס מעניל סענס הייזל. ער האָט מיטגעבראַכט פאַר יוליאוסן אַ פערד אויף רעדלאַך און אַ גאַנץ קעסטעלע פול מיט פאַרשיידענערליי אַנטיקן. יוליאוס האָט אַריינגעקוקט אינם קעסטעלע און געזאָגט :

— דער האָן איז ניטאָ ?

— גאָטפּרעד האָט דעם האָן.

— ער האָט אים ? אויב אַזוי האָט ער מן הסתם געקראָגן דאָס פאַרב־קעסטל אויך ?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ זיצן דאָרטן און פרעגן פראַגן ? — זאָגט יוליאוסעס מוטער. — דו זאָגסט אפילו ניט קיין דאַנק פאַר דעם, וואָס דו האָסט געקראָגן ! איך האָב עס געזאָגט פריער און זאָג עס נאָכאַמאָל : ביסט פונקט אַזוי שלעכט ווי אַלעמאָל, דו טראָל *) איינער !

נו, מילא, דאַנקט יוליאוס ווילאַטען פאַר זיינע מתנות און ווילאַטע שעמט זיך אַזש, וואָס זיי זיינען אַזוי אָרים.

דערנאָך נעמט יוליאוסעס מוטער אַראָפּ אַ בריוו פון אונטערן באַלקן און בעט ווילאַטען ער זאָל אים איבערלייענען פאַר איר; ס׳איז

---

*) איז דער סקאַנדינאַווישער מיטאָלאָגיע, אַ מין שד, וואָס האַלט זיך פרייינטלאַך צו מענטשן — ש ש

פון לאַרסן, פונם סעמינאַר. אַזוי ווי עס איז זונטיק ליגט דער אַלטער לאַרס מאַנילסען אויפן בעט און שלאָפט, און זיין פרוי וועקט אים אויף און זאָגט אים, אַז ענדלאַך וועלן זיי וויסן וואָס עס שטייט געשריבן אינעם בריוו.

— טייערע עלטערן! — האָט ווילאַטע אָנגעפאַנגען.

— ווען איז ער געשריבן געוואָרן? — האָט לאַרס געפרעגט.

ווילאַטע לייענט איבער דעם דאַטום.

— אַזוי! אַ גאַנצער חודש צייט ביז ער איז אָנגעקומען.

— אַ גאַנצע וואָך צייט איז ער געלעגן אויפן באַלקן, — זאָגט זיין ווייב.

דער בריוו האָט דערציילט וועגן דער נסיעה קיין טראָמסאָ און וועגן דער שטאָט און וועגן דעם לעבן דאָרטן; די אַלע הייזער, די אַלע שיפן באַם ים, טויזנטער און טויזנטער מענטשן אויף די גאַסן. ס'איז געווען אַ לאַנגער בריוו געשריבן פון אַ געוויינלאַך חדר־אינגל. און וואָס שייך דעם עסן האָט מען זיי געגעבן ערשט־קלאַסיקע שפּייז יעדן טאָג, נאָר ניט גענוג רייפטלאַך קאָרנברויט. און ווי אַזוי די אַנדערע סעמינאַריסטן האָבן אים אָפּגעטון שפּיצלאַך איז געווען אַ פאַרברעכן און אַ שאַנדע; אָבער ע ר, זייער זון, האָט אמונה אין גאָט.

— וואָלט איך נאָר געווען דאָרטן! — זאָגט לאַרס פונם בעט אַרויס.

— וואָס דענקסטו וואָלסטו געטון? — פרעגט זיין ווייב.

— הערסטו דען ניט, אַז זיי פאַרהונגערן אים צום טויט?

ווייטער האָט דער בריוו דערציילט וועגן זייערע למודים, און ביכער זיינען דאָרטן דאָ אָן אַ שיעור וועגן אַלצדינג, און אַ קלאַס־צימער, וואָס איז גרעסער פונם קלויסטער אין זעגלפאָס, חוץ אַ באַזונדער הויז וואָס איז ניט פאַר קיין שום אַנדער זאַך ווי נאָר פאַר אַרומשפּרינגען און גימנאַסטישע איבונגען. — אָבער אַלעם גייט גוט, אייער זון איז פעסט אינעם גלויבן, וואָס קיינער קאָן אים פון אים ניט אָוועקנעמען. אויפן סוף, האַרציקע גרוסן אַלעמען אין דער היים און דאָווערדאַנאַן אין פריצישן הויף.

ווען ווילאַטע איז אַוועקגעגאַנגען איז יוליאוס אַרויס נאָך אים; זיי ביידע האָבן געהאַט וועגן אַזויפיל צו ריידן; נאָר ווילאַטע איז געווען שלעכט געשטימט און נידערשלאָגן.

— נו, דו מוזסט מיר זיכער שרייבן, — זאָגט יוליאוס.

— יאָ, דו קאָנסט דאָך אָבער ניט לייענען.
— אָ, יאָ, אויב דו וועסט שרייבן מיט געדרוקטע אותיות.
ווילאַטע זאָגט צו צו שרייבן געדרוקטע בריוו.
— יאָ, דו דאַרפסט אַזוי טון.
— וואָס איז עס פאַר אַ צעריסענע פּילקע, וואָס ליגט דאָרטן ?
— פרעגט ווילאַטע.
— אַ פּילקע ? אָ, דאָס איז יענע, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן. איך בין דאַן צוריקגעגאַנגען און געזוכט ביז איך האָב זי געפונען, נאָר זי האָט ניט געטויגט. נאַ זע אַליין ווי זי טויג ניט —

X

דער הערבסט פאַרגייט.

האַלמענגראַאַ האָט אונטערגעאײלט זײַנע אַרבעטער מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און געדעקט דעם דאָך אויף זײַן הויז. אַצינד אַרבעטן אינם גרויסן בנין נאָר סטאָליאַרעס און מאָליערס. אויפן זעלבן שטייגער האָט ער אויך געהאַט פאַרטיק די ים־וואַנט פונם האַפן און אָנגעהויבן אָפּצורייניקן אַ שטיק באָדן פאַר אַ שפּייכלער ; דאָס בויערן און אויפרייסן איז אָנגעגאַנגען אָן אָן אויפהער — יעדער נייער טאָג האָט געזען דעם סוף פון אַנאַנדערן גרויסן פעלזשטיין.

עס איז אָבער געווען שווער פאַר זײַן גרויסער צאָל אַרבעטער צו באַזאָרגען זיך מיט אַ כסדרדיקן זאַפּאַס עסנוואַרג, און אין איינעם אַ טאָג, נאָכן לייטענאַנטס צוריקקער פון ענגלאַנד, איז האַלמענגראַאַ צוגעגאַנגען צו אים און אים געפרעגט, אויף אַן העפלאַכן און פריינט־לאַכן אופן, צו וואָלט ער געהאַט עפּעס אויסצוזעצן קעגן אַ קרעמער וואָס זאָל אויפשטעלן אַ קראָם אַרונטערצו לעבן ים. ס'איז פאַר אים געווען וויכטיק, אַז אַ קראָם זאָל זיך עפענען דאָ אויפן אָרט ; זײַן האַלבע מאה אַרבעטער האָט יעדע וואָך געדאַרפט מאַכן אַ לאַנגע רייזע אויף צו קריגן שפּייז, טאַבאַק, קאַווע און קליידער ; זיי האָבן פאַרלוירן אַ סך צייט דערביי, און אייניקע זײַנען צוריקגעקומען שיכור פון דעם וועג.

וואָס דער לייטענאַנט וואָלט אודאי בעסער גערן געווען וואָלט אפשר געווען נאָר איינאַנצן צו זען די אַלע פרעמדע זיך גיין פון זעגלפּאָס, האַלמענגראַאַ אָבער האָט געהאַט אַ זעלטענעם פריינטלאַכן שטייגער פון פאַרלייגן אים עפּעס. און דער לייטענאַנט האָט עס געמאַכט פאַר זײַן פּרינציפּ מסכים צו זײַן צו זײַנע אַלע פאַרלאַנגען.

— גוט, אָבער, — האָט ער געענטפּערט, — פון וואָס וועט דער קרעמער לעבן נאָכדעם ווי אייער גאַנצע בוי אַרבעט וועט זיין פאַר־טיק און די אַרבעטער וועלן זיך צעפאָרן ?

— ס'איז אמת, — האָט האַלמענגראַא געזאָגט, — אַז דאַן וועט זיין אַ קלענערע נאָכפראַגע אויף שפּייז ; איך האָב געטראַכט וועגן דעם. אָבער ערשטנס וועל איך נאָך אָנהאַלטן די אַלע אַרבעטער אַ לאַנגע צייט —

— וואָס האָט איר בדעה ווייטער צו בויען ?

— די מיל וועגן וועלכער איך האָב אייך דערציילט, מיין הער.

— און דערנאָך ?

— דערנאָך מוז איך אויסלעגן אַ וועג אַרויף צו ביז דער מיל.

— נו, דאָס איז פאַר דער באַלדיקער צוקונפט. און נאָכדעם ?

— נאָכדעם וועל איך דאַרפן האָבן אַ צאָל שטענדיקע אַרבעטער פאַר מיין געשעפט. זיי קאָנען זיין מענטשן מיט פאַמיליעס : ס'איז מעגלאַך, אַז ס'זאָלן זיין אַ סך מער ווי מיר קאָנען איצט פאָר־אויסזען.

— עס זעט אויס ווי עס זאָל זיך ענדיקן מיט אויפבויען אַ גאַנץ שטעטל דאָ, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט.

— ס'איז גאַנץ אמת, אַז איך האָב אייער אָרט דאָ געמאַכט מער טומלדיק ווי עס איז געווען פריער, אַ גאַנצע שטאָט אָבער וועל איך אויף אייך ניט ברענגען. יאָ, האָט איר ניט אַ טראַכט געטון, מיין הער, ווי גוט צוגעפּאַסט דאָס אָרט דאָ איז פאַר פאַרברייטערטן מסחר און אינדוסטריע ? עס האָט אַ ריינעם וואַסער ברעג, טיף וואַסער האַרט ביים ברעג, געהילץ אין די וועלדער, אַ טייך, אַ וואַסערפאַל. אַ געדיכטלאַך באַזעצט הויך־לאַנד, פעלדער און לאַנען, גרויסע שטרעקעס פּאַשע־לאַנד בא די ברעגן —

— מיין זיידע וואָלט דאָס אַלעם געוועזן געדאַרפט הערן : ער איז געוועזן אַזאַ ענערגישער. אָבער וואָס שייך דער קראָם, וואו זאָל זי זיך געפינען ?

— לעבן ים, אויף מיין קליין שטיקל באָדן דאָרטן אַרונטער.

דער לייטענאַנט קוקט אים אָן :

— בעט איר בא מיר דערלויבניש צו בויען אויף אייער איי־גענער ערד ?

האַלמענגראַא פאַרנייגט זיך העפלאַך און ענטפערט :

— איך מוז צוגעבן, אַז איך האָב עס ניט געוואָלט טון איידער

איך פרעג אייך. און חוץ דעם האָב איך געוואוסט, אַז אויב איר וואָלט געהאַט עפּעס אויסצוזעצן קעגן, וואָלט עס געווען אַזוי גוט באַגרינדעט, אַז איך וואָלט געווען געצוואונגען אויפצוגעבן דעם פּלאַן אינגאַנצן.

— איך האָב גאָרניט וואָס אויסצוזעצן קעגן.

— איך דאַנק אייך.

— און — עס פאַלט מיר איין — אַזוי ווי איר האָט בדעה אויסצר־בויען אַ גרויסן שפּייכלער דאָרטן אַרונטערצו און איר וועט אפשר דאַרפן האָבן פאַר אים דעם גאַנצן באָדן, וואָס איר האָט דאָרטן. קאָן די קראָם פּונקט אַזוי גוט אָוועקגעשטעלט ווערן בײַ דער זייט אויף מײַן באָדן. ס'איז דאָרטן סײַ־ווי ניטאָ עפּעס אַנדערש ווי נאָר שטיינער.

— איך בין אייך שולדיק אַ גאָר גרויסן דאַנק פאַר שליכטן דעם עסק אויף דעם שטייגער, מײַן הער. אַ יערלעך דירה־געלט וועט גע־צאָלט ווערן פאַרן באָדן. אויסער דעם צווייפל איך ניט, אַז איר ווייזט אַרויס אייער פּאַראַווויזיכט אין דערלויבן צו בויען אויף די ברעגן פון אייערע גיטער —

— פילט איר זיך גוט דאָ ? האָט זיך אייער געזונט פאַר־בעסערט ?

— אַ טויזנט דאַנקען אייך ; דער היינטיקער זומער איז געווען אַ ברכה פאַר מיר !

— איך בין זייער צופרידן פון דעם, — זאָגט דער לייטענאַנט...

האָלמענגראָא האָט ניט פאַרלוירן קיין איבעריקע צייט דורכ־צופירן דעם גאַנצן עסק ; ער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט שכל און גענוג געלט און אויפגעשטעלט בנינים פון שטיין און האָלץ. איר וועט באַמערקן, אַז ער האָט שוין מער ניט געדאַרפט האָבן קיין פּוטערנעם מאַנטל אָדער אַ דיקן בויך כדי צו מאַכן אַן איינדרוק אויף מענטשן ; און אפילו זײַן גאָלדענע קייט האָט אויסגעוויזן צו באַלעסטיקן אים בעת ער האָט געגעסן בײַ האָלמסענס טיש, אַזוי אַז ער פלעגט אָפט פאַרשפּיליען זײַן ראָק איבער דער קייט. ניין, וואָס עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף מענטשן איצט איז געווען זײַן פולער געלט־שראַנק אין די שבת־צו־נאַכטן ווען ער האָט אויסגע־צאָלט זײַנע אַרבעטער די שכירות. און אייניקע פון זײַנע מענטשן האָבן אָן ספק, באַגריפן זײַנע גרויסע געשעפטס־פייאיקייטן, און זיי רעספּעקטירט.

די צייט איז זיך געגאנגען; דער האפן און די קראם זיינען געווען פארטיק און דער קרעמער איז אנגעקומען מיט זיינע סחורות. ער איז געווען א פויער פון א דארף אויפן ים־ברעג; זיין נאמען איז געווען פער און ער האט זיך אונטערגעחתמעט פ. יענסען אויב ער האט געקאנט קריגן אימיצן, וואס זאל עס אנשרייבן פאר אים — ער אליין האט ניט געקאנט שרייבן. ער איז געווען אן אומוויסנדער, פראסטער מענטש, נאר אין איין זאך האט ער זיך אויסגעצייכנט: אין קארגשאפט און אין קאנען קלייבן א גראשן צו א גראשן אז זיי אוועקלעגן. ער האט באפרידיקט די פאדערונגען פון דעם ארט; ער האט געהאנדלט פארזיכטיק און געהאלטן נאר די סחורות, אין וועלכע די ארבעטער האבן זיך גענויטיקט. ער האט אכטונג געגעבן ניט צו שפרינגען אזוי הויך אז ער זאל זיך ניט קאנען שטעלן צוריק אויף די פיס. מ'האט אים גערופן פער דער קרעמער; ער איז געווען א שטארקער, העל־רויטער מאן מיט א פראסטן פויערשן פנים און מיט אויגן, וואס האבן גארניט פארזען. ער איז געגאנגען פראסט געקליידט און זיך באנומען גראב, און דאך האט ער מיט מענטשן זיך געהאלטן פונדערווייטנס, אפילו מיט זיין ווייב, אפילו מיט זיינע קינדער; אינם לעבן האבן אים אינטערעסירט נאר צוויי זאכן: זיין גראשן און זיין געשעפט. די ביידע זיינען געווען זיין פילאזאפיע און זיין אמונה, זיי זיינען קיינמאל ניט ארויס פון זיינע מחשבות; און אפילו ווען ער האט באנוצט די לענג־מאס אדער די וואגשאל האט מען אים אפט געקאנט כאפן בא די הענט וועלנדיק מאכן א קליינעם עקסטרא ריוח. עלטערן האבן זייערע קינדער ניט גערן געשיקט אין זיין קראם, נאר ווען מ'האט זיך ניט געקאנט העלפן האט מען דעם קליינווארג אנגעזאגט צו האלטן אן אויג אויף אים.

האלמענגראא האט דעמדאזיקן מאן מיטגעבראכט מיט זיך פון איטערליא ווייל ער איז געווען זיין פרוים א ווייטער קרוב. אבער האלמענגראא האט אים נאר געוויזן וואו ער קאן אויפשטעלן זיין קראם און ווייטער גארניט געהאט וואס צו טון מיט איר און אויך ניט ווי אזוי זי איז אנגעפירט געווארן — קרעמעריי איז ניט געווען זיין זאך.

— איך הער, — האט האלמענגראא געזאגט, — אז מען גע־טרויעט אייך דא ניט זייער שטארק, פער.

— ניין? — האט ער געזאגט.

— ניין. מ'באַקלאָגט זיך, אַז איר גיט ניט קיין ריכטיקן אויס־גאַב און אַז איר מעסט ניט אָפּ ריכטיק.

— אָט איז די לעגנמאָס ! — האָט פּער געזאָגט.

האַלמענגראַא האָט זי אונטערזוכט, זי צוריק אָוועקגעלעגט, און געזאָגט :

— מ'קומט צו מיין אויפזעער זיך באַקלאָגן. בערטל פון סאַג־וויקאַ האָט אַ קליין אינגל וואָס הייסט גאָטפּרעד.

— ער שליאַיעט זיך דאָ אַרום יעדן טאָג.

— בערטל האָט אים געשיקט נאָך קאַווע. ער האָט געקראָגן זיין קאַווע אין אַ טיכל און אהיים געגאַנגען. איז עס אַזוי געווען ?

— יאָ, אַ פערטל פונט קאַווע.

— בערטל האָט אָבער געדאַרפט צוריק קומען אַליין און אי־בערוועגן נאָכאַמאָל די קאַווע.

— אָט דאָס איז עס טאַקע וואָס איך זאָג אַלעמאָל, — האָט פּער געזאָגט, — פאַרוואָס קויפן זיי ניט קיין האַלב פונט און ניט ניט קיין פערטל ?

— אָבער אַפילו אַ פערטל פונט טאָר ניט זיין ווייניקער ווי אַ פערטל פונט.

— אָבער וויפיל איז פאַראַן אין אַ פערטל פונט קאַווע, קאָנט איר מיר דאָס זאָגן ? — פרעגט פּער. — אַ פערטל פונט איז אַ גאָר־ניט ווען מ'לעגט עס אַריין אין אַ טיכל. איך וואָלט עס געקאָנט אַריינ־לעגן אין מיין אויג.

— ער האָט געקראָגן צו ווייניק קאַווע ; איר האָט אים געגעבן אַ פאַלשע וואָג.

— עס איז פונקט אַזוי מעגלאַך, אַז ער האָט געהאַט אַ לאָך אין טיכל. ווי אַזוי קאָן איך וויסן ?

— איר האָט עס אָבער געדאַרפט איבערוועגן נאָכאַמאָל פאַר בערטלען.

— איך האָב אים צוגעגעבן נאָך אַ קליין ביסל. איך האָב עס געטון פון גוטסקייט וועגן.

האַלמענגראַא האָט געזאָגט :

— גיט ניט די מענטשן קיין אורזאַך צו באַקלאָגן זיך אויף איך, פּער.

ער האָט אים געדאַרפט אויסריידן נאָכאַמאָל שפּעטער, נאָך ס'האָט ווייניק וואָס געהאָלפן ; דער גוטער פּער דער קרעמער האָט

זיך אַליין ניט געקאָנט אויסהיילן און מענטשן האָבן אים קיינמאָל ניט געטרויט. ער איז אָבער געווען דער איינציקער קרעמער, און אויב מען האָט אים גוט געהיט און געהאַלטן די אויגן וואַך האָט מען מיט אים געקאָנט אויסקומען. מאָדנער, נאַרישער פּער! ער האָט, אָן ספק, געגלויבט, אַז ער וועט לעבן אייביק, און דערפאַר איז ער געווען אַזוי גייציק און קיינמאָל ניט געהאַט גענוג!

— איך האָב באַקומען אַ ביטע פון איינעם אַ פּ. יענסען, וואָס האַלט עפּעס אַ קראָם דאָרטן אַרונטער לעבן ים, — רופט זיך אָפּ דער לייטענאַנט צו האַלמענגראַאַן. וואָס פאַר אַ תהום צווישן אים און אַ פּ. יענסען! ווי אויסדריקלאַך מיטן בלויזן טאָן פון זיין ריידן ער האָט עס געקאָנט מבטל זיין אַ פּ. יענסען! דאָס האָט ניט געקאָנט שאַטן; פּאַרקערט עס איז געווען פּונקט דער פּאַסיקער טאָן בשעת אַדעלהייד איז דאָרטן געזעסן און זיך צוגעהערט.

— דאָס איז דער קרעמער, — ענטפערט האַלמענגראַאַ. — האָט ער זיך געווענדט — ? —האַלמענגראַאַ איז געווען שטאַרק איבעראַשט.

— שריפטלאַך. ער וויל אויפשטעלן אַ טאַנצזאַל, אַ טאַנצשטיבל, אָדער וואָס עס זאָל ניט זיין.

— נו, נו! פּער דער קרעמער! — רופט אויס האַלמענגראַאַ שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— עס וואָלט אים געקאָנט עפּעס צוגעבן צו זיין לייזונג ווען אַזוי פיל אַרבעטער זיינען דאָ דאָ, שרייבט ער.

— הם. איר, מיין הער, האָט פאַרשטייט זיך, ניט — ?

— ניין. איך האָב אים ניט געענטפערט, — זאָגט דער לייטענאַנט שמייכלענדיק מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט ווי אַ פּ. יענסען וואָלט געווען אומבאַדייטנדער פון אַ פליג.

— פאַרשטייט זיך, אַז ניט. איך וועל, אויב איר וועט מיר דערלויבן, כאַפּן אַ קליינעם שמועס מיטן גוטן קרעמער פּער. איך האָב שטאַרק מורא, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות ווען איך האָב דעם מאַן אַריבערגעבראַכט אַהער. דער אמת איז, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט מיינער אַ קרובה, אַ ווייטער קרובה, אַ צווייט שוועסטערקינד אָדער עפּעס ענלאַכס, אַנדערש וואָלט איך אפילו ניט געווען געקלערט וועגן אים. איצט מוז איך ווירקלאַך זען פּטור צו ווערן פון אים ווידער אַמאָל.

דער לייטענאַנט האָט זיך צוגעהערט צו דעם אַלעם אָן אינטערעס, אפשר האָט ער עס גאָר אפילו ניט געהערט; ער איז בלויז

געזעסן אזוי לעבן טיש, און האבנדיק געענדיקט זיין נאכטמאלצייט, נאכגעטראכט און געפינטלט מיט די אויגן. זיין פרוי האט אים העפלאכקייט וועגן געפרעגט:

— האט ער א פאמיליע?

— יא, א גאנץ גרויסע פאמיליע, זין און טעכטער.

— און אפשר גייט אים ניט גוט?

— א, יא! נישקשה; עס גייט אים גאנץ גוט.

נאך וועטשערע איז דער ליטענאנט אוועק צו זיך אין צימער. אך, דער קליינער ווילאטץ, דער שטיפער, איז ניטא; קיינער פרעגט ניט קיין זעלטענע, קינדישע פראגן איצט, קיינער זינגט ניט; די פיאנא שטייט שטום אינם זאל. נאר ווילאטץ מאכט פארשריט אין ענגלאנד; ער דערווערבט זיך די גוטע מעלות פון אן איידלמאן; ער שרייבט, אז ער האט זיך אויסגעלערנט שווימען און באקסען (שלאגן מיט די פויסטן) ער שפילט אויף א גרויסארטיקער פיאנא אויכעט, און גייט אין שול אחוץ. די בריוו פון ווילאטצן זיינען געווען זיין פאטערס פארגעניגן — ער האט קיינמאל ניט געהיט אזוי די פאסט ווי איצטער. ווי ער האט אפגעמאכט מיט ווילאטצן איידער ער איז אפגעפארן זיינען די בריוו אלעמאל געווען אדרע־סירט צו זיין מוטער, כדי זי זאל זיי לייענען צוערשט; און זי איז אלעמאל געווען אזוי גוט אויף צו עפענען די בריוו גלייך ווי זיי זיינען אנגעקומען און זיי לייענען אינדערהויך צו איר מאן, א זאך פאר וועלכער ער איז איר געווען זייער דאנקבאר. כדי זי זאל זיך ניט פילן פארפליכטעט דאס אלעמאל צו טון האט ער איינמאל ארויפגעשיקט די הויז־פירערן, אז זי זאל אריינטארגן צו זיין פרוי אירע בריוו, נאר אדעלהייד האט גלייך געשיקט אים זאגן:

— דו האסט ניט באמערקט, אז ס'איז דא א בריוו פון ווילאטצן היינט —

— א, ווירקלאך! פון ווילאטצן! א דאנק.

דער בריוו האט געלויטעט, אז ער האט זיך געלערנט די שפראך צוביסלאך און אז ער קאן שוין אביסל לייענען טראץ די פרעמדע ווערטער און דעם רוימישן שריפט. אמאל בענקט ער נאך דיר, טייערע מאמע, ווייל אין דער ענגלישער שפראך זיינען פאראן פערציק טויזנט ווערטער און ער האט מורא, אז ער וועט זיך זיי קיינמאל ניט אויסלערנען. ס'איז ניטא קיין שניי דא אין ענגלאנד, נאר ס'איז סיי־ווי קאלט און אומעטיק, און זיין פענצטער איז אפן

אַ גאַנצע נאַכט כדי צו פאַרהאַרטעווען אים. ער האָט אַ נייעם טאַנצלערער, ווייל דער אַלטער האָט געזאָגט, אַז די מוסקולן פון זיין געלענק זיינען צופיל צעצויגן; אָבער מיסטער קסאַוויער מור האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט געווען גוט גענוג. צום סוף, זאָל די מאַמע איבערגעבן זיין ליבע צום פּאַפּאַ און אים דערמאַנען וויפל שפּאַס זיי האָבן געהאַט אויף זייער רייזע קיין ענגלאַנד.

— אַ גרויסן דאַנק, הם.

ארויסגייענדיק האָט זי אים פאַרהאַלטן, זאָגנדיק :

— דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל, אַז ער דערמאָנט דיר וועגן דער רייזע קיין ענגלאַנד.

— יאָ, ער האָט געזען אַזויפיל, וואָס איז אים געווען ניי און פרעמד.

— אַ רייזע, וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון איר.

— האָסטו חרטה אויף איר ? — האָט ער איבעראַשט געפרעגט.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, זיך לאָזנדיק צום פענצטער.

פויזע. זי האָט פאָרטגעזעצט :

— ווען איך וואָלט דיך געבעטן נאָכאַמאָל, געבעטן דיך איצט — איך קאָן עס ניט פאַרטראָגן ; ער איז בּאַ פרעמדע, אַליין ; ווער איז מיסטער מור ? — האָט זי געפרעגט, זיך אויסדרייענדיק צו אים.

— וואָס שייך דעם, בין איך זיכער, אַז דו קאָנסט זיין גאַנץ רואיק, נאָר —

— זיין פענצטער איז אָפן באַנאַכט — זיי צעמישן אים זיין מח אויך. ס'שטעקט קיין זין ניט אין אויסלערנען פערציק טויזנט ווערטער ; איין טויזנט איז גענוג.

— איך גלויב, אַז דו ביסט גערעכט.

— איך האָב אינגאַנצן ניט געוואָלט פאָרן קיין האַנאָווער, נאָר צו אים; כ'האָב חרטה געהאַט יעדן טאָג פון זינט ער איז אוועקגעפאָרן. איך האָב ניט געוואָלט פאָרן אהיים, ווייט פון דעם —

— ווען עס וואָלט ניט געווען ווינטער —, האָט ער אָנגעהויבן.

— וואָלסטו מיך געלאָזט פאָרן ?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, דאָס הייסט — מיספאַרשטיי מיך ניט — נאָר פאַרשטייט זיך, אויב דו ווילסט עס —

— אַ דאַנק, ווילאַטץ. אויב אַזוי וועל איך פאָרן, איך בין אַזוי צופרידן.

אצינד האָט ער זי געקאָנט ארומדרייען אויף זיין פינגער, גע־קאָנט זי אריינגעמען אין זיינע אָרעמס און זי אַרויסטראָגן פונם צי־מער און זי אריינברענגען צוריק, און זי וואָלט אַלץ זיך געקלאַמערט אָן אים, און וואָלט גאָרניט באַמערקט אויב ער וואָלט זי אַ זעץ געטון קעגן דער טיר. אפשר האָט ער דערוואַרט אַז אויסברוך פון איר, און ער איז געשטאַנען אויף זיין וואַך.

— נו — איך האַלט דיך אָפּ פון לייענען דיינע אַנדערע בריוו, — האָט ער געזאָגט און זיך פאַרנייגט ווי אויף אַוועקצוגיין.

— ווילאַטץ!

— איך מוז אַרויסגיין און אַראַנזשירן וועגן דיין רייזע. דו וועסט פאָרן גלייך?

— יאָ, איך דאַנק דיר. אָבער ווילאַטץ —, האָט זי געזאָגט, און צוגעגאַנגען נאָענט צו אים. זי איז זיכער געווען גענוג אונטערטעניק און איר קאָפּ איז געווען איינגעבויגן. דאָן, ווי זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזען זיין אויסדרוק, האָט זי געוואוסט, אַז ס'איז נוצ־לאָז, אַז ס'איז צו שפּעט; אומבאַוועגלעכער שטומער באַשלוס איז געווען אָנגעשריבן אויף דעם פאַרעקשנטן אַראַבער־פּנים.

דאָן האָט ער געטראָפן אין סאַמע אויג. ענדלאַך האָט ער גע־האַט די אויבערהאַנט פולשטענדיק. פונקט אַזוי ווי פריער האָט זי געהאַט די אויבערהאַנט פאַר יאָרן — אצינד האָט ער געטראָפן אין סאַמע אויג.

— ניין, ס'איז מער גאָרנישט ניטאָ — פון דעם מין.

האָט ער אָבער ניט באַנוצט זיך מיט זיין טריאומף אָביסל צו פרי? ער האָט געדאַרפט קאָנען אַדעלהיידן בעסער; זי איז ניט אַנידערגעפאַלן און געשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אָן דיל. פאַרקערט, זי האָט זיך גלייך באַהערשט און געזאָגט מיט גרויס זעלבסט־ווירדע:

— פון דעם מין? איך האָב גאָר בלויז געטראַכט וועגן בעטן בא דיר אַ פעלצל — אַ קליין פעלצל פאַר ווילאַטצן — צו איך זאָל אים קויפן אַזאַ.

פויזע.

— זיכער, — האָט ער געענטפערט. — אַ דאַנק פאַר דערמאָנען מיך וועגן דעם. אויב עס איז אָנגענומען פאַר קינדער צו טראָגן פוטערנע מאַנטלען אין ענגלאַנד.

— ניין, מעגלאַך אַז ניט. איך ווייס ניט. עס מאַכט ניט אויס.

— איך האָב ניט קעגן דעם. פרעג זיך נאָך. יעדנפאַלס פאַרדינט דיין מאַמעס האַרץ אַ שבת.

עס האָט כמעט אויסגעזען ווי זי וואָלט האָבן פאַרלוירן דעם גאַנצן אינטערעס אין דער רייזע איצט, אין די הכנות, אין דעם מאַרשרוט און אין אַלצדינג; אפשר איז דאָס געווען מער ניט ווי אַן עקספּערימענט, אַ מיטל אויף ווייבער צו מאַכן איר מאַן, געבן אים אַ געלעגנהייט צו באַגיין זיך מילד מיט אירע אומבאַשטענדיקע שטימונגען. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז, אין דער לעצטער רגע, האָט זי אויפגעגעבן איר רייזע קיין ענגלאַנד, וואָס האָט פּלוצלונג אָנגענומען אַזאַ פאָרם, נאָר, ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, איז עס געווען האַלמענגראַא, וועלכער האָט צוריק אויפגעלעבט איר פאַרלאַנג און איר צוגעגעבן מוט. באַם מיטיק האָט האַלמענגראַא געזאָגט:

— איך פאָר אויך אַוועק. מיינע קינדער ערוואַרטן מיך שוין.

— איר, אָבער, שטעל איך מיר פאָר, האָט צו פאָרן ווייטער?

— קיין מעקסיקאָ. אין די קאָרדילעראָס.

— איך טראַכט, ווען איך וואָלט געקאָנט פאָרן מיט אייך צוזאַמען ביז ענגלאַנד!

— דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע ערע פאַר מיר.

ביידע, פרוי אַדעלהייד און דער לייטענאַנט קוקן אויף אים.

— פאַרשטיי איך אייך ריכטיק? ווען קאָנט איר אַרויספאָרן?

— פרעגט די פרוי.

— ווען איר וועט באַפעלן, מאַדאַם, — ענטפערט האַלמענגראַאַ מיט אַ פאַרנייגונג.

— איך, איך האָב קיינמאָל — ! — רופט אויס די פרוי איבערראַשט. — קאָנט איר פאָרן גלייך?

— אין אַ פּאָר שעה אַרום, מיט פאַרגעניגן.

— וואָס פאַר אַ וואונדערלאַכער גוטער מזל!

— איך וועל טון דאָס בעסטע צו קאָנען אייך דינען, מאַדאַם.

דער לייטענאַנט פרעגט:

— קאָנט איר אַוועקפאָרן און איבערלאָזן אַלע אייערע מענטשן?

— איך וואָלט עס פריער אָדער שפּעטער געדאַרפט טון סיי־ווי. און חוץ דעם האָב איך אויפזעער, וואָס פּאַסן אויף אַלץ אויף.

— אָבער איך האָב אייך פאַרשטאַנען, אַז אייערע קינדער קאָנען ניט קומען פריער פון פרילינג?

— איך וועל זיי ניט ברענגען פריער פון פרילינג. איך האָב אָבער אַ סך צו ערליידיקן און אויסצוגלייכן אין מעקסיקאָ. נו, ניט גאָר קיין סך, פאַרשטייט זיך, נאָר אַביסל, עטלאַכע זאַכן; איך דאַרף האָבן די גאַנצע צייט, וואָס איכ'ל קאָנען שפּאָרן. איך האָב עטלאַכע פאַבריקן צו פאַרקויפן, אַ פּאָר פאַבריקן, און אַביסל אייגנטום. ניט קיין סך אַרום און אַרום, נאָר פאַרשטייט זיך, אַז ס'געדויערט צייט ביז יעדע זאַך ווערט איינגעשטעלט.

— נו, אויב איר קאָנט מיטפאָרן מיט מיר קיין ענגלאַנד אָן שוועריקייטן פאַר אייך, וואָלט איך אייך געווען זייער דאַנקבאַר, — זאָגט פרוי האַלמסען אָפּנהאַרציק.

דער לייטענאַנט שאָקלט צו מיטן קאָפּ צושטימענדיק:

— אויב איר איילט זיך נאָר ניט צוליב מיין פרוי?

— באַין אופן ניט.

— ווען ניט צוליב דעם וואָלט איר אפשר געפאָרן ערשט אין עטלאַכע חדשים אַרום?

— אַזוי האָב איך בדעה געהאַט צו ערשט. איצט אָבער שרייבן מיר מיינע קינדער, אַז זיי דערוואַרטן מיך שוין.

— עס קוקט אויס, אַדעלהייד, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט. — ווי דו זאָלסט טאַקע אויסנוצן הער האַלמענגראַאַס געזעלשאַפט און אויסערגעוויינלאַכע רייזע־דערפאַרונג אויפן וועג. און דאַן וועסטו קיין שוועריקייטן ניט האָבן.

— ניין, איך וועל קיין שוועריקייטן ניט האָבן.

* * *

די גאַנצע צייט, וואָס פרוי אַדעלהייד איז געווען אַוועקגעפאָרן האָט זי דעם לייטענאַנט ניט אויסגעפעלט; ער איז געוואָרן לעבע־דיקער פיזיש און גייסטיק און געווען מער אַקטיוו ווי פריער. — ס'איז אויסערגעוויינלאַך! — האָט געזאָגט די הויז־פירערן, יאָמפּרו כאַלוואָסן. מ'האָט אים געזען אויף די וועגן רייטנדיק און צופוס, ער האָט געהאַט צו ערליידיקן געשעפטן מיט די פּויערים און שכנים, ער האָט פאַרזעגלאַך אַליין אָנגעוויזן די ערטער אין וואַלד וואו מ'זאָל אויסהאַקן האָלץ אויפן ווינטער הייִנטיקס יאָר — אַ זאַך וואָס ער האָט שוין ניט געטון עטלאַכע יאָר — און ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז אַלע פורן און וועגענער זאָלן זיין גרייט צו פרילינג צו. וואָס האָט אויך באַדייט דאָס, וואָס ער איז אומגעגאַנגען מיט אַ צעשפּיליעטער אונטערפּאַרם, מיט זיינע גראָבע פינגער אַריינגעשטעקט אין די קאַמזויל־

קעשענעס און אונטערגעברומט ניגונים ? אפשר האָט ער זיך אַליין געוואונדערט אויף זיין אייגענער ענערגיע, און כדי ניט צו ציען קיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיך, אַז ער איז איצט פרייליכער ווי פריער, האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע באַפעלן שטיל, וואָס דאָס האָט, אַנב., ניט געשטערט, אַז זיי זאָלן ווערן אויסגעפאָלגט גלייך. איז אַ משא אַרונטערגענומען געוואָרן פון אים? יענע נידערשלאָגנע שטימונגען, וואו זיינען זיי אַהינגעקומען ? חוץ די אויסערלעכע סמנים פון וואוילזיין, אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט איצט פאַרמאָגט געלט אין זיינע קעשענעס, האָט דער לייטענאַנט אין אַלע הינזיכטן איצט אויסגעזען צו זיין אַ פרייערער מענטש — ער איז ניט אומגעגאַנגען אַזויפיל מיט אַן אַרונטערגעבויגענעם קאָפּ נאָכטראַכטנדיק וועגן דעם שטויב פון זיינע וועגן.

און אין די אָוונטן איז ער שוין מער ניט געלעגן אויסגעצויגן אויף דער סאָפאַ ווי אַ פּאַשאַ לאָזנדיק דאָווערדאָנאָן, אַנטקעגן איבער אים אין דער צווייטער זייט צימער, אַז זי זאָל אַרויסרופן אין זיין האַרץ כוואַליעס מיט געפילן, ניין — קיין איין כוואַליע מער, קיין איין קנייטש ניט. ס'איז געווען על־פי־טעות וואָס אין איינעם אַן אָוונט האָט ער אָנגעטראָפן דאָס רויט־האָריקע מיידל אינם דורכגאַנג, און זי איז געשטאַנען לעבן דער וואַנט פונקט דאָרטן וואו זיין ראַק האָט געהאַנגען, און ער האָט געמיינט, אַז זי איז עס דער ראַק: — וואָס — דאָס ביסטו, מיין קינד ? ס'איז אַזוי פינצטער דאָ ... ער איז צוריק אַוועק צו זיך אין צימער און מיט ציטערנדיקע הענט אָנגעגאָסן און אויסגעטרונקען אַ באַרואיקנדיק גלאָז וואַסער. דערנאָך, נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעשפּאַנט דאָס צימער עטלעכע מאָל, האָט ער זיך געזעצט שפּילן זיין אומענדלעכע פּאַסיאַנס־שפּיל.

איז ער אָבער צוריק אַריינגעפאַלן אין זיין אַלטער, נידערשלאָגענער שטימונג ווען זיין פרוי איז, שפּעט אין פרילינג, צוריקגעקומען ? ניין, דאָס ניט ; ער האָט געהאַט אָנגעהויבן אונטערצוברומען און אונטערצוזינגען צו זיך אַליין און ניט געקאָנט אפשר אויפהערן מיטאַמאָל. האָט ער זיך ווייטער אונטערגעברומט חדשים לאַנג, גלייך ווי גאַרנישט וואָלט געטראָפן צו קאָנען אים שטערן אין דעם; אודאי, ער האָט עס ווייטער געטון פונקט אַזוי ווי ער האָט עס געטון פריער פאַר זיין פרויס צוריקקער — דער דאָזיקער מענטש האָט קיינמאָל ניט געטון קיין האַלבע אַרבעטן. האָט ער עס געטון כדי צו פאַרבלענדן די אויגן די מענטשן אין זעגלפּאָס ?

— איך הער דיך אַמאָל אונטערברומען אַ ניגון ? — האָט זיין
פרוי געזאָגט.

— יאַ ? ס'טוט מיר לייד, — האָט ער געענטפערט. — אַ
שלעכטע געוואוינהייט. איכ'ל פּרואוון זיך באַפרייען פון איר.

— צו וואָס ?

— ווייל עס פּאַסט זיך מער פאַר דיר, וואָס קאָן זינגען גוט.
אַז דו זאָלסט זינגען און איך זאָל שווייגן שטיל.

—דו זינגסט ניט שלעכט.

— איך זינג בלויז פאַר מיין אייגענעם פאַרגעניגן וועגן דורכ־
אויס, אַזוי אַז עס שוידערט מיך אַזש פונם געדאַנק, אַז דו האָסט מיך
אונטערגעהערט.

— עס איז אַ גוטע זאַך, אַז אימיצער זאָל זינגען אין דעם הויז.

— האָט זי געזאָגט.

— זינט ווילאַמץ איז אוועקגעפאָרן, — האָט ער געענטפערט, —
ביסטו געבליבן די איינציקע דאָ, וואָס קאָן זינגען, אַדעלהייד. דו
זינגסט אָבער ניט.

וואָס האָט מען געקאָנט זאָגן ? נאָך אַ פּויזע האָט זי ווידער
אָנגעהויבן : — אויף דער רייזע האָב איך געזען פאַרהייראַטע פּאָר־
לאַך, וואָס האָבן צו מיר אויסגעזען זייער מאָדנע, כמעט אומגע־
ווײנלאַך.

— אַזוי ?

— יאָ, ס'איז געווען אויסערגעוויינלאַך.

— דו מאַכסט מיך נייגעריק.

— יאָ ? זיי זיינען געווען פאַרהייראַטע פּאָרלאַך. און דאָך
פלעגן זיי איין טאָג שמייכלען איינער צום צווייטן ; זיי זיינען געווען
גליקלאַך צוזאַמען, זיי האָבן זיך אַפילו געקושט, געזעגנט איינער
צום צווייטן, און זיך געוואונטשן איינער דעם צווייטן אַ גוטע
נאַכט.

—און דעם צווייטן טאָג ?

האָבן זיי געטון דאָסזעלבע.

— מערקווירדיק. וואָס פאַר אַ פאַרהייראַטע מענטשן זיינען
דאָס געווען ?

— זיי זיינען געווען אַלע גלייך.

פּויזע. דער לייטענאַנט איז געכאַפּט געוואָרן אומדערוואַרטעט:

ער האט געפילט ווי ער וואלט נאכאמאל געהאנגען אויף א זייט לעבן א פערד. זיין ווייב האט ווייטער גערעדט:

— איך האב זיי געזען בעת איך בין געווען אויף דער רייזע; איך האב דיר אזויפיל צו דאנקען, ווילאטע, פאר געבן מיר די גע־לעגנהייט צו זען זיי.

דער לייטענאנט האט זיך פארנויגט און געזאגט:

— וואס נאך?

— מער גארנישט, — האט זי געענטפערט. — זיי זיינען געווען פארהייראטע מענטשן, זיי האבן זיך ליב געהאט, זיי זיינען געווען גליקלאך.

— הם. אויב איך פארשטיי דיך ריכטיק, ארעלהייד, האסטו אין זינען, אז איך זאל זיך אפלערנען פון יענע פארהייראטע פארלאך?

— ביידע, דו און איך; איך האב געטראכט, אז מיר וואלטן ביידע זיך געקאנט א קליין ביסעלע אפלערנען פון זיי. איך וויים נים —

— דו וועסט מיר מוחל זיין וואס איך נעם אט דעם קליינעם שטול אויף א רגע, — האט דער לייטענאנט געזאגט, זיך אוועק־זעצנדיק. — איך וויל ניט ארייננגיין אין קיין איינצלהייטן, אבער עס װעט ווירקלאך אוים ווי דו וואלסט געוואלט, אז אונדזערע בא־ציאונגען זאלן זיין אביסל אנדערש?

— איך האב עס געוואלט נאך פריער פאר יענעם טאג; גע־דענקסטו ניט? דו האסט מיך אבער צוריקגעשטויסן?

— ס'איז געווען טרויעריק.

— ס'האט שוין ניט געקאנט זיין טרויעריקער, — האט זיין ווייב געזאגט מיט טרערן אין די אויגן. — און איך האב זיך ניט געקאנט העלפן ניט צו זיין טיף באליידיקט פון דעם. אבער עס קאן זיך פארהיילן.

ווי עס ווייזט אוים האט אט א דער פארעקשנטער מאן געדארפט איינהאלטן זיין אימפולס כדי זיך ארויסצואווייזן אומקאנטראלירבאר שלעכט נאכאמאל, ווייל זיין שמייכל איז געווען א פארקרימטער און זיין שטערן איז געווען באגאסן מיט א קאלטן שוויים. נאר ער האט זי בלויז געפרעגט, אז זי זאל נאכטראכטן וועגן דעם וואס זי האט געזאגט.

— האב איך דיך צוריקגעשטויסן?

— וואָס פאַר אַ פראַגע! ניין? האָסטו צוויי מאָל זיך ניט אָנטזאָגט אויסצוהערן מיך? האָסטו ניט געזאָגט, אַז ס'האָט גענומען אַ סוף צו אונדזערע באַציאונגען?

פויזע.

— הם. איך וועל דיך ניט נעמען אויף קיין קרייץ־פאַרהער. אָבער בין איך עס געווען דער, וואָס האָט פאַרשלאָסן מיין טיר יאָר־איין יאָר אויס?

— מיין גאָט! ניין! איך האָב עס געטון. האָב איך דיך ניט געבעטן, אַז דו זאָלסט מיר פאַרגעבן יעדעס מאָל? דו האָסט מיר אויך פאַרגעבן יעדעס מאָל, נאָר איך זע, אַז דו האָסט מיר ניט מוחל געווען. און אַצינד ווייס איך ניט וואו איך האַלט.

עס האָט אויסגעזען ווי דער לייטענאַנט איז מיטאַמאָל פּלוצלונג געוואָרן אינגאַנצן צעטומלט; ער האָט זיך אויסגעבויגן פאָראויס און נעגלאָצט מיט די אויגן אויף איר, ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט קיין איין וואָרט ניט האָבן פאַרשטאַנען. איז עס געווען נאַרישקייט פון איר זייט אָדער ביטערקייט, וואָס האָט זי באַוואויגען צו ריידן אַזוי; האָט זי געוואָלט אים פאַרדרייען אַ קאָפּ?

— איך ווייס זייער גוט, אַז איך בין געגאַנגען צו ווייט דאָן, — האָט זי ווייטער גערעדט, — איך האָב ניט געווען גענאַרפט דיך באַשטראָפן אַזוי לאַנג. אַך, איך זע עס איין איצט און ס'פאַרדריסט מיך.

— צום אַלעם ערשטן, מיספאַרשטייסטו ניט אַמאָל דיין שטע־לונג ווען דו רעדסט וועגן באַשטראָפן מיך? פאַרוואָס האָסטו צו באַשטראָפן מיך?

— נו, דו זעעסט —. הייסט עס, אַז איך האָב דיך ניט געקאָנט באַשטראָפן, איאָ? אפילו ניט אויף מיין אייגענעם מאַיאָנטעק?

— האָסטו אַן אייגענעם מאַיאָנטעק?

— אַך, וואָס פאַר אַ האָר־שפּאַלטעריי!... און איצט איז זי אַרויסגעטראָטן מיט אַ לאַנגער רעדע, וואָס זי האָט זי ,מעגלאַך, איבערגעחזרט באַ זיך אין געדאַנק יאָרן לאַנג, און וואָס האָט, איצט אין איר אויפרעגונג, אָנגענומען אַ מאָדנע גראָבע ווענדונג. אירע ווערטער זיינען אַרויסגעקומען שטאַרק און דירעקט — אַזוי ניט ענלאַך צו איר. — ווי אַזוי ביסטו געקומען — צו מיר? ווי דו וואָלסט געהאַט אַ רעכט אויף דעם, ווי מ'וואָלט דיר ניט געטאָרט אָנטזאָגן! דאָס איז געווען דער אָנפאַנג. אויב אין צימער איז געווען

אַן אומאָרדנונג, אויב איך אַליין בין ניט געווען צוגעגרייט, אויב איך בין געזעסן און אַרויסגעקוקט צום ים, אויב איך האָב וועגן עפּעס טיף נאָכגעטראַכט, אויב עס איז ניט געווען קיין אָרט פאַר דיר ווייל ס׳זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן זאַכן אויף די שטולן — ס׳איז געווען בלויז איין אָדער צוויי מאָל, וואָס איך האָב אַליין אָנגעלעגט זאַכן אויף די שטולן, כדי אָפּהאַלטן דיך פון אַוועקזעצן זיך. און איך האָב די זאַכן צוגענומען גלייך, האָב איך עס ניט געטון? בין איך ניט אויפגעשפּרונגען פון מיין אָרט און ריין געמאַכט די שטולן? אָבער ביז איך בין פאַרטיק געוואָרן ביסטו שוין געווען אין כעס, דו האָסט געקוקט אויפן זייגער און זיך פאַרנויגט ווי אויף צו זאָגן, אַז דו קאָנסט ניט וואַרטן. דאָס האָט אויף מיר געווירקט ווי אַ קאַלטער שפּריץ און איך האָב ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו פאַרהאַלטן דיך — האָסט זיכער ניט ערוואַרט, אַז איך זאָל דיך בעטן דו זאָלסט בלייבן! און אַזוי ביסטו אַוועקגעגאַנגען. דערנאָך איז געקומען דאָס צווייטע מאָל. דו האָסט, אָן ספק, ערוואַרט, אַז איך זאָל אין דער צווישנצייט ניט טראַכטן וועגן קיין שום אַנדער זאַך ווי נאָר וועגן דעם ווי אַזוי צופרידן צו שטעלן דיך דאָס צווייטע מאָל — אַנטשולדיק מיר פאַר מיינע רייד — אָבער אין אַזאַ פאַל האָסטו געדאַרפט פּרוּוון צו פאַרדינען עס. דו אָבער ביסט אַריינגעקומען פונקט אַזוי ווי דאָס פריערדיקע מאָל, אַלעמאָל פונקט אַזוי ווי פריער. „שטער איך דיר נאָכאַמאָל?" פלעגסטו זאָגן; כאָטש דו האָסט גאָרניט געטראַכט אַז אַזאַ זאַך איז מעגלאַך. דו ביסט געווען ברוגז ווען עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז דו ביסט געקומען אין אַן אומבאַקוועמער צייט. איך האָב געקאָנט פונקט דאַן זיין פאַרנומען מיט עפּעס, איך האָב געקאָנט זיצן און אַריינשרייבן עפּעס אין אַ קליין טאָג־ביכל, וואָס איך האָב פיר, איך האָב געקאָנט זיצן אין אַ זומער־אָוונט און מאָלן — האָב איך וועגן קיין שום אַנדער זאַך אין דער וועלט ניט געזאָלט טראַכטן, נאָר וועגן האָבן אַלצדינג גרייט פאַר דיר? פאַרוואָס? איך בין לחלוטין ניט געווען צוגעוואוינט צו אַזאַ מין אָרט לעבן; איך בין געקומען פון אַ גרויסאַרטיק הויז און בין ניט געווען צוגעוואוינט צוצופּאַסן זיך צו וועמעס־ניט־איז באַקוועמלאַכקייט. און וואָס, וואָלט איך געוואָלט וויסן, וואָלסטו געווען געזאָגט אויב איך וואָלט געווען געקומען און דיר געשטערט לעבן דיינע אומענדלאַכע ביכער צו יעדער צייט ווען עס וואָלט זיך מיר פאַרגלוסט? אָט אַזוי איז עס געווען; איך זע דיך זיצן דאָרטן און

שמייכלען ; איך שטעל מיר פאר, אז דאס אלץ וואס איך האב דיר דא געזאגט באטראכסטו ווי בלויזע משוגעת. אזוי אבער איז עס געווען !

— איך וועל ניט שמייכלען.

— דו וועסט ניט שמייכלען ? דאן בין איך זיכער, אז דו וועסט טון עפעס אנדערש, וואס זאל מיך פארשעמען — ס'איז איינס און דאס זעלבע. א, מיין גאט, מיר האבן קיינמאל ניט געטארט — איך מיין, ס'איז א שאד, וואס איך בין אינגאנצן געקומען אהער !

א פויזע.

— דו שווייגסט ? איך שטעל מיר פאר, אז עס באדייט עפעס.

— ווילסטו, אז איך זאל ריידן ?

— ניין, רייד ניט, עס וועט נאר פירן צו ווייטערע קריגערייען. ניין, איך האב אבער געטראכט, אז דו וואלסט געקאנט זאגן עפעס — עטלאכע ווערטער צו פארזיכערן מיך. באזיצסטו ניט קיין שום מענטשלאכע גוטסקייט ? איך וויים ניט צו וואס מיר זאלן זיך אלע־מאל קריגן ; די מענער און פרויען, וואס איך האב געזען אויף דער רייזע זיינען שטענדיק געווען גוטע פריינט. און איצט האב איך אנ־געבאטן צו מאכן שלום און דריקן זיך די הענט, זיכער קאנסטו מיר נאכגעבן האלב ? איך האב צוויי מאל געמאכט א פארזוך איינצו־שטעלן בעסערע באציאונגען צווישן אונדז ; איך האב דיך געבעטן, שטארק, — געוויינט —

צי דערפאר וואס ער האט איצט אויפגעכאפט עטלאכע פאר־שטענדיקע פעדים פון איר רעדע אדער דערפאר וואס ער איז געווען מיד פון קעמפן האט דער לייטענאנט פשוט געזאגט :

— ס'איז צו שפעט, ארעלהייד.

— יא, דו האסט בא זיך אפגעמאכט וועגן דעם אין אזא און אזא דאטום. איך האב ניט געוואוסט, אז דו האסט אזוי באשלאסן בא זיך ווען דו ביסט צו מיר געקומען דאס לעצטע מאל — האסט געקאנט זאגן, אז ס'איז געווען דאס לעצטע מאל, האסט מיך געקאנט וואר־רענען. פארוואס האסטו מיך ניט געווארנט ? ווען דו וואלסט עס געווען געטון וואלט איך געווען געהאנדלט אנדערש, איך וואלט געווען בעסער געטראכט וועגן דעם גלייך אויפן ארט און געבעטן מחילה בא דיר. נאר ניין, דו האסט גארניט געזאגט. דו האסט צו זיך געזאגט, אז ס'איז דאס לעצטע מאל, אבער מיר האסטו עס ניט

געזאָגט. אָ! דאָס איז ניט יושרדיק געווען פון דיין זייט, גאָרניט יושרדיק פון דיר!

— דו פלעגסט אזוי אָפט זאָגן, אז דו קאָנסט מיך?

— יאָ, אזוי האָב איך געזאָגט. איך האָב אָבער ניט געגלויבט, אז ס'איז געווען דאָס לעצטע מאָל; דאָס איז פאַר מיר געווען אַן איבעראַשונג.

דער לייטענאַנט האָט נאָכגעטראַכט לאַנג און פּאַרזיכטיק און דאַן געזאָגט, ריידנדיק מיט פּשוטע און געציילטע ווערטער.

— איז כדי ניט צו מאַכן די דאָזיקע אונטערדרונג מער פּיינלאַך ווי זי איז שוין, לאָמיר אָפּלאָזן דעם ענין. אונדזערע באַציאונגען וועלן שוין קיינמאָל ניט זיין אַנדערש און דערפאַר קאָנען מיר פונקט אזוי גוט אָפּשטעלן די גאַנצע דיסקוסיע. ווען מיר וואָלטן געמאַכט שלום איצטער, אַדעלהייד, וואָלט דאָסזעלבע זיך איבערגעחזרט נאָך איידער די וואָך וואָלט אַריבער — איך רייד פון דערפאַרונג. דו וואָלסט מיך ווידער גענומען באַשטראָפן. מיר האָבן אויסגעבראַכט אַ סך פון אונדזערע בעסטע יאָרן אין שטיין אויף דער וואָך איינער קעגן צווייטן. דו האָסט אַנגעווענדט דיינע מיטלען צו מיר און איך האָב זיך געלאָזט דערצאָרנען פון זיי — איצט בין איך מיט אַמ דעם אַלעמען פאַרטיק. מיר ווערן ביידע עלטער, אונזער בליציט איז שוין אוועק; מיר קאָנען ניט מער שפּילן די ראָל פון קיין יונגע געליבטע. צוליב אונדזער ביידנס טובה וועגן דענק איך, אז דאָס וואָס איך זאָג איצט איז דאָס גלייכסטע.

— דאַן איז מער ניטאָ וואָס צו ריידן. דאַן — איז מער ניטאָ וואָס צו ריידן! — פרוי אַדעלהייד קלערט אַ רגע און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. פּלוצלונג טוט זי אַ זאָג: — ווערן עלטער? דו ביסט דער ערשטער, וואָס זאָגט עס מיר; אין משך פון דער גאַנצער רייזע לעצטן ווינטער האָב איך געהערט פונקט פאַרקערט. נאָר, ווי דו ווילסט: האָב ניט קיין פּאַראיבל פאַר זיין גראָב אויב עס געפעלט דיר אזוי.

דער לייטענאַנט האָט זיך אויפגעשטעלט.

— ווייסטו וואָס ס'האָט געטראָפן מיט מיר? — האָט זי געפרעגט, נאָך אַלץ געערגערט. — ווען מיין זון און איך זיינען געגאַנגען צוזאַמען האָט יעדער איינער אונדז גענומען פאַר אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

נאָר באַ די רייד האָט אַ בייזע שטימונג געמוזט אים באַהערשן, מחמת ער האָט געענטפערט סאַרקאַסטיש:

— אזוי גאר! איז ווילאטע שוין אזוי גרויס? און אזוי אויסגעוואקסן?

און מיט דעם איז דער לייטענאנט אוועק צוריק צו זיך אין צימער.

אט די קריגעריי איז פונקט אזוי ניט געווען די לעצטע ווי זי איז ניט געווען די ערשטע; אין לויף פון די יארן האט דער לייטענאנט מיט זיין פרוי געהאט א סך אויפרעגנדע קריגערייען. נאר זיין עקשנות האט יעדעס מאל געוואונען, ער האט קיינמאל ניט נאכגעגעבן אויף דאס מינדסטע. יעדנפאלס האט עס אים זיכער ניט פארשאפט קיין פארגעניגן זיין אומבויגזאמקייט; ער האט אלעמאל געקעמפט מיט זיך צו קאנען עס אנהאלטן; די דאזיקע פארעקשנטע און קאפריזנע ארעלהייד פון האנאווער האט, איינמאל פאר אלעמאל, פעבט באהערשט זיינע מחשבות און געפילן. אז ניט, צו וואס האט ער געדארפט זיך ארומטרייבן לעבן איר טיר אזויפיל יארן? און פארוואס, צום טייוול, האט ער זיך געדארפט פאראורטיילן צו זיין כונגדהאפט צוליב איר און לאזן צורו אלע פרויען אין דער געגנט? ער האט א סך מאל שוין געהאלטן בא מאכן א סוף צו זיינע ליידן דורך א כאפ טון זיין ווייב, זי צודריקן פעסט, און זי ארייננטראגן — ארייננטראגן זי מיטן גאנצן כח פון וואנזין אין איר צימער; יא, ער האט זיך פארגעשטעלט ווי ער טוט עס און הערט זיך אליין ארויסריידן שרעקלאכע ווערטער: „איכל דיך אויסלערנען — אויסלערנען צו האבן משוגעתן, מיין טייערע!" ער פלעגט זיצן אויף זיין סאפע און זיך דאס אלץ פארשטעלן; ער האט אפילו באוויזן זיך אנצונעמען מיט כח ווי אויף צו מאכן דעם שריט און זי אנכאפן — דאן פלעגן זיינע חלומות זיך איבעררייסן. ס'איז אים ניט געגאנגען אזוי ווי ער האט געוואלט; יא, אודאי, ער איז אבער נאך ניט געווען אנגעטראקן. א מענטש דארף באזיצן עס אין זיך צו קאנען זיין אביסל גרעסער פון זיין מזל. ער האט נאכגעטראכט וועגן די רעזולטאטן פון אזא ערשטער גוואלדטאט; עס וואלט געפירט צו אומאויפהערלאכע וידערהאלונגען, ווייל ארעלהייד וואלט אין גארנישט ניט נאכגעגעבן. האט ער, אויב אזוי, געלאזט מאכן איר לעבן פאר א שטענדיקן קאמף? ס'איז געווען אנאנדער אויסוועג, און עס האט געקאנט נאכגעפאלגט ווערן אן אומאנשטענדיגע גוואלדטאטן. פארהייראט לעבן מוז געלעבט ווערן מיט פאנטאזיע.

דער לייטענאנט האט געהאנדלט אזוי ווי ס'האט זיך געפאסט

פאר אים; ער איז געווען דער הערשער, ער האט באַזעסן די מאַכט צו נעמען דאָס געזעץ אין זיינע אייגענע הענט, און ער האָט עס ניט געטון. איז ער ניט געווען קיין אומגעווייגלאַכער מענטש! דער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין אים איז געווען דאָס, וואָס ער האָט אָנגענומען די שטעלונג ניט זייענדיק געבעטן אָדער געצוואונגען צו טון אַזוי — דאָס וואָלט געווען געהאַט אַ פּאַרקערטע ווירקונג, מעגט איר זיין זיכער. ער האָט אַליין פאַר זיך באַשטימט ווי ווייט זיין איבערמאַכט זאָל גיין — ביז צו דער ווייטסטער גרעניץ; זיין ווייב זאָל ער לאָזן צורו. דאָס איז געווען געהאַנדלט לויט דער לערע פון די הומאַניסטן.

די צייט איז געלאָפן; דער לייטענאַנט איז געוואָרן גרויער און גרויער; ער האָט פאַרבראַכט צווישן זיינע באַליבטע ביכער און געשפּילט פּאַסיאַנס אין די אָוונטן — אַ באַמתער אומווידריקער צייט פאַרטרייב פאַר אַ ווילאַטע האַלכסען! אַמאָל פלעגט ער זיך פּלוצ־לונג אויפהויבן און אַ צי טון דאָס שנירל פונם גלעקל ניט דאַרפנדיק אייגנטלאַך גאָרניט. דאַוועררדאַנאַ, זיין יונג דינסטמיידל, פלעגט אַריינקומען און מאַכן אַ קניקס. זי איז אָבער ניט אַריינגעקומען גלייך — ניט באַלד — ער האָט זי אַליין אויסגעלערנט, אַז זי זאָל זיך צוערשט אָפּוואַשן אירע הענט איידער זי איז אַריינגעקומען. צו וואָס? האָט ער געוואָלט געווינען צייט אויף צו באַרואיקן זיך? ווען דאַוועררדאַנאַ איז אַריינגעקומען פלעגט דער לייטענאַנט שטיין האַלטנדיק ביידע הענט אויפן טיש און פלעגט קוקן נאַרישעוואַטע אויף איר. ער האָט געהאַט אַ צעטומלטן בליק.

— דו האָסט גאָרנישט ניט אָנגערירט דאַ, הא? — זאָגט ער צוליב אַ תירוץ.

— ניין, — ענטפערט זי דערשראָקן.

אַ, ניין! זינט יענער פּאַסירונג מיטן אַלף־בית, וואָס זי האָט אים אויפגעהאַנגען אויף דער פאַרקערטער זייט, האָט דאַוועררדאַנאַ גאָרנישט ניט אָנגערירט פון די פאַרבאָטענע זאַכן אין דעם צימער.

— פאַרשטייסט, די אַלע זאַכן זיינען געווען ווילאַטצעס: איך באַהאַלט זיי. געדענקסטו ווילאַטצן?

— יאָ, ווי אַזוי קאָן איך אים ניט געדענקען?

— דאָס איז אמת. ער איז אין ענגלאַנד; ער וואַקסט שנעל, ער איז שוין אַזוי הויך ווי זיין מוטער. לאָמיר זען, ווי הייסטו?

— דאַוועררדאַנאַ.

— איך קאָן עס קיינמאָל ניט געדענקען. ביסט אָבער אַ גוט מיידל. דאָס אַלץ.

נאָר דאַוועדראַנאַ בלייבט נאָך אַלץ שטיין דאָרטן; זי האַלט עפּעס אין אירע הענט, נאָר זי וואַגט ניט צו דערלאַנגען עס.

— פאַרלאַנגסטו עפּעס פון מיר?

— ניין — יאָ, זייט אַזוי גוט, — זאָגט דאַוועדראַנאַ. — ס׳איז אַ בילד פון אונדזער לאַרסן. אויב איר ווילט עס געוואָלט אָנקוקן, מיין האַר. לאַרס וואָס לערנט אין סעמינאַר.

דער לייטענאַנט נעמט ניט דאָס בילד נאָר לעגט אַרויף זיין האַנט אויפן מיידלס און דריידט זי אַביסל; שטייענדיק אַזוי קוקט ער אויפן בילד, און זיין באַק איז נאָענט לעבן אירער. האָט ער עס געטון כדי צו זען צי זי האָט ריינע הענט? אָדער ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו האַלטן אַ מיידלשע האַנט אין זיינע?

— צו וואָס זאָל איך אָנקוקן דאָס בילד? — פרעגט ער.

— אָט דאָס האָב איך געזאָגט, — ענטפערט דאַוועדראַנאַ: אָבער דער טאַטע האָט מיר געהייסן עס מיטנעמען מיט זיך, און ער האָט מיר געהייסן דאַנקען אייך אַזויפיל, מיין האַר, אויף לאַרסעס חשבון.

אויפן בילד איז געשטאַנען דער בחור לאַרס אָנגעטון אין פיינע שטאָטישע קליידער און געטראָגן אַ גראָבע זייגער־קייט; אַ פיין־געקליידעטער פישער־יונג מיט אַ גראָב, פּראָסט פּנים.

דער לייטענאַנט ווייזט מיט אַ נויג פונם קאָפּ, אַז ער האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט.

— ער זעט אויס גרויסאַרטיק! — זאָגט דאָס מיידל. — ער האָט געליען די קליידער כדי צו קאָנען זיך פאָטאָגראַפירן אין זיי.

— ער האָט געליען די קליידער?

— יאָ, און דעם זייגער אויך, און דאָס רינגל, וואָס ער טראָגט אויף זיין פינגער — דאָס האָט ער אויך אַנטליען בא זיינעם אַ חבר. אַזוי שרייבט ער. ער קומט שוין באַלד אַהיים, לאַרס.

דער לייטענאַנט גיט נאָר אַ נויג מיטן קאָפּ צו ווייזן, אַז איצט האָט ער שוין געזען גאַנץ גענוג. ער לאָזט פּאַמעלאַך אָפּ דאַוועדראַנאַס האַנט און לאָזט זי גיין.

זיינער אַ פּראָטעזשע טאָר ניט אַנטלייען קיין קליידער כדי צו קאָנען זיך פאָטאָגראַפירן אין זיי: אַ סוף דאַרף צו דעם געמאַכט ווערן. אַ, ס׳זיינען אָבער געווען אַזויפיל זאַכן, וואָס דער לייטענאַנט

האט געדארפט מאכן אזא סוף צו זיי ! דא, אין דער היים, מיט ווילאטצן אין ענגלאנד, מיט דער דינערשאפט, דאס אינגל אין סעמינאר, די סוחרים אין בערגען — געלט איז פשוט צעשמאָלצן געוואָרן. דער לייטענאנט האט ווידער איבערגעביטן זיין רינגל פון דער רעכטער אויף דער לינקער האנט. ס'האט גאר קיין סוף ניט גענומען צו זיינע צרות. דאן, פארשטייט זיך, וועט ווילאטץ אמאָל קומען אהיים אויף זיין וואקאציע, ער איז שוין געווען א גאנצער מאן באלד ; א סך יאָרן האט מען אים שוין גערופן יונגער הער ווילאטין, ער האט זיך אויסגעלערנט צו רייטן אויף א פערד ; ס'איז אָבער ניט געווען קיין פערד פאר אים אין די שטאָלן ווען ער איז געקומען, און האט א פערד געקאנט געשאפן ווערן פאר אים ?...

ס'איז אביסל מאָדנע, דער לייטענאנט האט אנגעהויבן ארויסצוקוקן אויף האַלמענגראַאס צוריקקער ; ווי קומט עס ? מעגלאָדערפאר, וואס ער האט אים געבראכט אין באַרירונג מיט געלט און אים געוויזן א וועג ארויסצוקריכן פון אַלע שוועריקייטן. אין יענעם זומער אַוונט ווען הער האַלמענגראַא האט געלאַנדעט אינם האפן מיט זיינע צוויי קינדער און זיינע דינער, האט דער לייטענאַנט געפילט ווי זיין געמיט איז אביסל לייכטער געוואָרן, און ער האט אליין ארונטערגעריטן און זיי געבראכט צו זיך אין הויז אריין.

XI

גרויסע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אויפן זעגלפּאָס מאַיאַנטעק און אין דער גאנצער ארומיקער געגנט ; די מיל איז אויסגעבויט געוואָרן און אַנגעהויבן ארבעטן, אומעטום וואו מ'האָט זיך א קער געטון האט געזשומעט, האַלמענגראַא האט געהערשט אזוי ווי דער קיניג, וואָס ער איז געווען. נאָך וואס האָט מען געקלונגען אין די גלעקער א שעה צייט יעדן טאָג אין דעם קליינעם קלויסטער ? דער קיניג איז געלעגן טויט אין מאַלמאָ — הער האַלמענגראַאַ האט פאַרנומען זיין אָרט. מיט וואָס פאַראַ אימפּעט ער האט עס געטריבן די ארבעט און געמאכט, אז אַלצדינג זאָל זיך באַוועגן פאָרווערטס ! ווען דער האַפן איז געווען פארטיק און א גרויסע וואנט מיט מאָדנע אויסזעענדיקע הויב-מאַשינען איז אַרויסגעבויט געוואָרן פון אים, האָט ניט געדויערט לאַנג און א גרויסע דאַמפּשיף האָט געלאַנדעט אינם האפן ; זי איז געקומען פון ווייטע לענדער מיט קאָרן און געהאט אויסלענדישע מאַטראָסן אויף זיך, וואָס

האָבן אַרומשפּאַצירט אויפן ברעג מיט גלאַנציקע היטעלאַך אויף זייערע שוואַרצע קעפּ האָר און גערעדט אַ פרעמדע שפּראַך. ס׳איז אַלץ געווען ווי אַ צויבער מעשהלע, וואָס פּאַסט זיך פאַרן קיניג טאַביאַס. אַפילו פאַרן הויז־געזינט אין פּריצישן הויף איז עס געווען אַ גרויסע פּאַסירונג ווען זיי זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פונם ענגלישן קאַפּיטאַן, צוזאַמען מיט הער האַלמענגראַאַ, צו אַן אָוונט־סעודה אויף דער שיף און מ׳האָט זיי פאַרשווענדעריש־רייך און גרויסאַרטיק אונטערהאַלטן. האָט הער האַלמענגראַאַ געהאַט עפּעס צו טון מיט אָט דער סעודה? ער האָט, אום צו זיין זיכער, געהאַט אומעטום עפּעס צו טון. שפּעטער צו זיינען דער קאַפּיטאַן און די אָפיצערן איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ גרויסאַרטיקן מיטיק אינם פּריצישן הויף. דאָס זיינען געווען פייערלאַכע טעג.

און זיכער איז, אַז אָט די ענדערונגען האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פאַרשריט און גליק אין דער גאַנצער געגנט. אָט דער גאַנצער קאָרן, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעל האָט עס געמאַכט כמעט פאַר אוממעגלאַך, אַז עס זאָל זיין אַ מאַנגל אָדער אַ הונגער אין די מקומות; אויפן ערגסטן פאַל וואָלט מען געקאָנט גיין צום קיניג טאַביאַס און באָרגן, דערווייל אָבער האָט מען געקאָנט קריגן אַרבעט בײַ אים און פאַרדינען. ס׳איז געווען וואונדערלאַך צו זען וויפל מונטערער דאָס לעבן איז געוואָרן; צופעליקע טאָג־אַרבעטער האָבן געקאָנט זיך איינשאַפן אַזויפיל טאַבאַק וויפיל זיי האָבן נאָר געקאָנט קייען און פערמערס מיט פערד האָבן געפירט משאות פאַר דער מיל און פאַרדינט גענוג געלט אויף צו קאָנען אָפּצאָלן זייערע שטייערן און קויפן סחורות אין קראָם. ס׳איז קיין סוף ניט געווען צום פּראָגרעס און גליק. און הער האַלמענגראַאַ אליין האָט אויך אויסגעוויזן מצליח צו זיין; די לופט פון די סאָסנע־וועלדער און די אים צופרידנשטעלנדיקע אַרבעט האָבן אים אויסגעהיילט, און וואָס שייך ריוח, האָט אין דעם ניט געקאָנט זיין קיין געפאַר — ניט קיין אוממעגלאַכע געפאַר, אין דעם האָט מען געקאָנט זיכער זיין! ווי אַזוי האָט געקאָנט זיין אַ געפאַר? האָבן דען ניט די אָרטיקע קרעמער פון נאָענט און פון ווייט געשיקט זייערע פינף־רודערדיקע און אַכט־רודערדיקע שיפלאַך נאָך זעק מעל? און איז דען ניט דאָס געשעפט אַזוי גרויס געוואָרן, אַז אַ קאָנטאָר מיט אַ הויז האָט געדאַרפט אויסגעשטאַט ווערן פאַר אַ פאַרוואַלטער אויפן האַפן? אַ פּאָסט־ביוראָ איז איצט געעפנט געוואָרן אין זעגלפאָס, און זעגלפאָס איז געוואָרן

אַ האַפּן־מיטלפּונקט פאַר די וואַרסאַ־האַמבורג שיפן, וואָס זיינען אָנגעקומען יעדע דריי וואָכן פון צפון און פון דרום און געלאָדעט פּאָסט און סחורות און אָנגעלאָדן מעל פון דעם גאַנצן צפון־לאַנד. אמת, ס'איז געווען געגוג אַרבעט פאַר אַ פּאַרוואַלטער אויפן האַפן; ער האָט געהאַט צו טון מיט דער פּאָסט און מיטן באַקומען און איבערשיקן די אַלע סחורות; ער האָט געפירט די ביכער פון דער מיל. געשריבן אַלע בריוו, געהאַט די אויפזיכט איבער אַלע אַרבעטער אויפן האַפן, געהאַט דעם קאָנטראָל איבער דער וואָג און מאָס. ס'האָט ניט געדויערט לאַנג און ער האָט געדאַרפט האָבן אַ געהילף. אַזוי שטאַרק האָט זיך די אַרבעט פאַרגרעסערט. אַפילו פאַר דער קרעמער האָט פאַרמאָגט אַ גרויס געשעפט איצט, און דערהאַלטן קאַסטנס מיט פעסלאַך מיט יעדער שיף, און נאָך ניי־יאָר האָט ער געזאָלט קריגן אַ דערלויבניש אויף צו פאַרקויפן משקה, און דאַן וועט ער דערהאַלטן נאָך מער קאַסטנס און פעסלאַך — ווער האָט געקאָנט זען דעם סוף צו דעם אַלעמען?

נאָר הער האַלמענגראַא האָט געהאַט זיין אויג אויף יעדן איינעם און אויף אַלצדינג — ער איז געווען דער הערשנדער גייסט. ער האָט אויפגעטון אַזויפיל וויפל די אַלע איבעריקע צוזאַמען און דאָך קיינמאָל ניט אָפּגעווייכט פון זיין רואיקער און איבערלעג־טער און פריינטלאַכער אויפפירונג. ער האָט ניט ליב געהאַט מ'זאָל אים אָפּשטעלן אינמיטן וועג און פרעגן פראַגן אָבער ער פלעגט ענטפערן פאַרבייגייענדיק. דאָס האָט געווירקט אַ שטיק צייט, דער־נאָך האָט ער געדאַרפט ענדערן זיין שטייגער פון האַנדלען מיט מענטשן. זיי האָבן אים נאָכגעפאָלגט, געוואַרט אויף אים; אויב ער איז געשטאַנען און גערעדט מיטן לייטענאַנט פלעגן זיי זיך אַוועקשטעלן ניט ווייט פון זיי און אויסוואַרטן ביז ער האָט געענדיקט. און דאַן טשאַטעווען אויף אים. ער האָט זיך געדאַרפט אַליין צו־געוואוינען צו באַהאַנדלען זיי קורץ און שאַרף: — „גייט צום האַפן פּאַרוואַלטער!" „פרעגט דעם הויפּט מילנער!" ס'זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן און זיינען באַ־שטאַנען אויף זייערס: זיי זיינען געווען באַם האַפן־פּאַרוואַלטער, זיי האָבן געבעטן דעם הויפּט־מילנער, זיי האָבן געשפּריצט מיט פראַגן אויף אים, מיט אויסזעצונגען קעגן אים, — איז אַזוי אַרום הער האַלמענגראַא געווען געצוואונגען אָנצואווענדן אַ דריטן מעטאָד: צו איגנאָרירן אַלע פאַרלאַנגען און ניט צו ענטפערן קיינעם קיין

ווארט. ווען ער וואלט נאר געקאנט זיך אפלערנען פונם לייטענאנט די ריכטיקע האלטונג פאר אן אויבערהערשער! ע ר איז געווען ווייט פון זיין שטום, צו אים אבער האבן מענטשן זעלטן זיך געווענדט מיט ביטעס. קיינער האט ניט פארשטאנען בעסער ווי אזוי צו האלטן מענטשן אויף א דיסטאנץ ווי אט דער דאזיקער גרויסער און מעכטיקער לאנד־פריץ; ער האט געקאנט צופארן צו איינעם פון זיינע פעכטער און ריידן צו אים און אים געבן א באפעל, אבער דער פעכטער איז ניט געקומען צו א י ם אויף מארגן מיט עפעס אן אויסזעצונג קעגן.

— וואס ווילן די מענטשן האבן? — פרעגט דער לייטענאנט, רייטנדיק אויפן פערד ווי אלעמאל.

— איך שטעל מיר פאר, אז זיי ווילן ריידן צו מיר, — ענט־פערט האלמענגראא. — איך זע איינעם צווישן זיי, וואס לאזט מיך ניט צורו. ער איז א בעקער, וואס האט זיך אויסגעלערנט זיין מלאכה אין בערגען; ער וויל אויסבויען א בעקעריי דא. איך אנטזאג אים יעדן טאג נאר ער קומט צוריק ווידער. עס וועט מן הסתם זיך ענדיקן מיט דעם, וואס איכ'ל מוזן אים אפטיילן א ווינקל באדן דארטן ארונטערצו.

— האט איר עפעס פערזענלאך אויסצוזעצן קעגן זיין פארלאנג אויסצובויען א בעקעריי?

— פארקערט. מענטשלאך גערעדט וואלט עס געווען פאר מיין טובה ווענן. אבער —

— איר קאנט אים לאזן האבן א שטיקל פון מיין באדן, — זאגט דער לייטענאנט.

פויזע. דער האלמענגראא טראכט נאך און זאגט:

— איך האב יעדע אורזאך צו זיין דאנקבאר אייך פאר אט דער נייער פריינטלאכקייט; אבער איך וואלט ניט געדארפט אויסנוצן די געלעגנהייט. היינט איז עס איין זאך, מארגן אנאנדערע. איר וועט דאך קיין רו ניט האבן. — א ווײַלע שפעטער רעדט האלמענ־גראא ווייטער: — עס וואלט געווען עפעס אנדערש ווען איר וואלט מיר, פאר א געהעריקער סומע פארקויפט דעם גאנצן באדן אזוי ווייט ווי ביז צום ים־שפיץ.

דער לייטענאנט קוקט זיך ארום זיצנדיק אויפן פערד און טראכט.

— דאַן וואָלטן מיר אייך ניט געדאַרפט באַלעסטיקן כסדר מיט אַט דעם מין פראַגן.

— אויב אייך פעלט אויס בוי־באַדן פאַר דער פולשטענדיקער אַנטוויקלונג פון אייערע געשעפטן וועל איך, פאַרשטייט זיך, ניט שטיין אייך אין וועג דאָס צו באַוויליקן.

— איך שאַץ נאָכאַמאָל, מיין הער, אייער הויכמוטיקן און וואוילטעטיקן בליק אויף דער זאַך.

— האָט איר אין זינען געהאַט פונם האַפן אַריבער ביז צום ים־שפּיץ?

— יאָ. און אין דער טיף אַרויף ביז צו די פערמע־געביידעס. אַ סך ווילן זיך דאָ באַזעצן.

דער לייטענאַנט גרייט זיך אַוועקצורייטן און זאָגט:

— מיר וועלן נאָך אַ טראַכט טון. אַ! אגב, — שלאָגט ער זיך אַליין איבער, — דער בעקער וואַרט. איר קאָנט אויסמאַכן דעם קאָנטראַקט.

האַלמענגראַאַ פאַרנויגט זיך ביז אַראָפּ און דאַנקט אים:

— איך דאַנק אייך אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון אַ סך אַנדערע מענטשן. וועט איר איינוויליקן צו נעמען דעמזעלבן פּרייז פאַרן באָדן ווי פריער, הער לייטענאַנט?

דער פּרייז!... דער לייטענאַנט גיט זיך אַ ריר אַביסל; ס'האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט אים ערשט איצט צום ערשטן מאָל איינגעפאַלן צו פאַרבינדן געלט מיט אַט דער פאַרהאַנדלונג. אַמווינציקסטן עפּעס אַ באַדייטנדע סומע געלט. לויטן פּרייז, וואָס ער האָט באַקומען פאַרן באָדן, וואָס ער האָט פאַרקויפט דאָס פאַריקע מאָל וועט אים אַט דער גרויסער שטח ערד אַריינברענגען אַ גאַנץ גרויסע סומע געלט.

— איך נעם אָן אייער פּרייז, — האָט ער געזאָגט.

רייטנדיק אַזוי אויפן וועג צוריק צום הויז האָט ער פלוצלונג אַראָפּגעצויגן זיינע ביידע הענטשקעס, איבערגעביטן זיין רינגל פון דער לינקער אויף דער רעכטער האַנט און צוריק אָנגעטון די הענטשקעס. געראַטעוועט! האָט ער אפשר געקאָנט זיך קלערן. אָן אויסגעשטרעקטע האַנט מיט הילף אינם ריכטיקן מאָמענט!

אויך האַלמענגראַאַ האָט ניט אויסגעוויזן צו זיין אומצופרידן. גאַנץ להיפּוך זיין לעצטער רגילות האָט ער זיך באַפרייט פון די אַלע מענטשן, וואָס האָבן אים אָפּגעוואַרט, מיט אַ פּאָר אָנגענעמע ווער־

טער. „דער הויפּט מילנער וועט אייך מודיע זיין וועגן דעם". „הערט, אַז איר וועט געבן אַט דאָס צעטעלע דעם האָפּן־פּאַרוואַלטער וועט איר קריגן אַ זאַק מעל". ער האָט אָפּגעהאַלטן דעם בעקער פון בערגען און געהאַט אַ שמועס מיט אים.

בעת ער שטייט דאָרטן און שמועסט קומען צעלויפן צו אים אַ אינגל מיט אַ מיידל — דאָס זיינען זיינע קינדער — דאָס מיידל איז די גרעסערע. זי גייט אָנגעטון אין אַ געל קליידל, דאָס אינגל אין רויטע קליידער; ביידע קוקן אויס אויסלענדיש געבוירענע, ביידע האָבן אַ ברוינלאַכן אויסזען און ברוינע אויגן. זיי קוקן אויס ווי זיי וואָלטן געקומען פון יענער זייט ים: עפּעס קרעפּטיקס, באַרבאַרישעס אינם שניט פון זייערע נעזער, צוזאַמען מיט זייערע פולע ליפּן, גיט זיי צו אַן אויסלענדישן אויסזען. אָבער זיי זיינען קלוגע קינדער; זיי זיינען אָנגעקומען קיין זעגלפּאַס און ניט געקאָנט רעדן קיין אַנ־דער שפּראַך ווי נאָר שפּאַניש, און אין אַט דער קורצער צייט האָבן זיי זיך שוין אויסגעלערנט צו רעדן אַ גוט ביסל נאָרוועגיש; זיי זיינען שוין גרויסע, הויכע, געזונטע נאָרדלענדער, זיי שפּילן זיך און שרייען אַ גאַנצן טאָג. אַט קומט דאָס מיידל מאַריאַ, צולויפנדיק מיט אַ טומל, ווילד און פול מיט לעבן, און דאָס אינגל פעליקס נאָך איר, ביידע לויפן מיט זייער גאַנצן כח, מיט הוילע קעפּ שוואַרצע האָר און נידעריקע שטערנס.

זייער פאָטער שטרעקט אויס זיינע אָרעמס צו עמפּפאַנגען זיי. ער מעג זיין וואויל צופרידן פון זייער געזונט און ראָזע באַקן. — לאָזט מיך אַ קוק טון אויף אייך! — זאָגט ער אויף נאָרוועגיש, און זיי פאַרשטייען און שטייען שטיל אַ רגע און לאָזן זיך באַקוקן, און דערנאָך שלעפּן זיי אים מיט מיט זיך. — גאָט צו דאַנק! — טראַכט הער האָלמענגראָא; — זייער קומען קיין זעגלפּאָס האָט זיי ניט פאַרשאַדט! — און זיין מח איז באַרואיקט. אַלעס איז געגאַנגען גוט; ער האָט געמאַכט אַ גרויסן שריט, האָט איבערגעפירט זיך אַליין און זיינע קינדער פון זייער וויטער היים און זיך באַזעצט אין אַ נייער. צוליב וואָס האָט ער עס געטון? אפשר איז עס געווען דער רוף פון זיין בלוט, אפשר האָט אים אַ מענטשלעכע שוואַכקייט באַאיינפלוסט. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט שיינען אין די קאָרדילע־ראַס? נאָך זיין ווייבס טויט איז ער געבליבן איינער אַליין אַן איינ־זאַמער און אַ פרעמדער; ער האָט געהאַט געלט און מאַכט — אָבער קיינעם ניט פאַר וועמען ער זאָל זיך קאָנען אַרויסווייזן — ערגעץ

ווייט אוועק איז געווען אַ קליינער גרויער אינדזל, ער האָט געוואוסט וועגן אַ וואַסערפּאַל אינם צפונלאַנד — דאָרטן, אין דער היים, קאָן אַ מענטש שיינען.

ער און די קינדער גייען און פּלוידערן אויפן וועג אַרויף צום גרויסן הויז לעבן טייך ; ער האָט זיך שוין לאַנג איבערגעקליבן פונם לייטענאַנטס הויז און וואוינט איצט אין זיין אייגן הויז, נאָר ער קריגט מילך פונם הויף. צוערשט האָט ער געהאַט שוועריקייטן און ניט געקאָנט קריגן קיין דינסטן ווייל זיין הויז איז געווען געבויט פון די מאַטעריאַלן פונם קלויסטער: דאַרפן דאָ זיין שדים און גייסטער ; ס׳האָט זיכער זיך געהערט אַ ריח פון טויטע קערפּערס פון די ווענט אַרויס ! איז באַם אָנהויב, האָט ער געפּועלט באַם לייטענאַנט, אַז ער זאָל אים אָפּלאָזן אַ פּאָר פון זיינע אומצעליקע דינסטן אַז זיי זאָלן שלאָפן אינם נייעם הויז עטלאַכע קריטישע דאָנערשטיק באַנאַכטן. אַלעס איז געגאַנגען גוט, קיין גייסטער האָבן זיך ניט באַוויזן, און צום סוף חודש האָט האַלמענגראַא שוין געהאַט גענוג דינסטן ; צווישן זיי איז געווען מאַרסיליע, וואָס איז אַ געוויסע צייט געווען אַ קאַמער־מיידל אינם הויף און אַכטונג געגעבן אויפן לייטענאַנטס צימערן.

האַלמענגראַא האָט אַלצדינג איינגעשטעלט אין גוטער אָרדנונג; אפילו אַ גאָרטן איז אויסגעלעגט געוואָרן. זיין הויז איז געווען גרויס און האָט אים אָפּגעקאָסט אַ סך געלט ; ס׳איז געשטאַנען אינם וואַלד, און פון דאָנעט האָט זיך געהערט דער ווייטער זשום פון דער מיל, וואָס האָט געמאָלט באַטאָג און באַנאַכט. פרוי אירגענס, נאָכן מיידלשן נאָמען גילמיאַידן, אַן אַלמנה פון אַ געריכטס־אַדוואָ־קאַט אין איטעריאַ, האָט געפירט דאָס הויז פאַר אים.

* * *

די שיף „אָריאָן" דערנעענטערט זיך צום האַפן ; אויף איר פּאָרט דער יונגער הער ווילאַטץ ; זיין פּאַטער און מוטער, ביידע רייטנדיק אויף פערד, זיינען געקומען אים אָפּוואַרטן ; זיי קריכן אַראָפּ פון די פערד ; ער גיט איבער זיינע לייצעס צו איין דינער. זי אירע צו אַ צווייטן, גלייך ווי מאַן און ווייב וואָלטן געקומען פון פאַרשיידענע ערטער. אויך האַלמענגראַא און זיינע קינדער קומען אַרונטער צום האַפן צו באַגריסן דעם יונגען ווילאַטץ — אַ צייכן פון אויפמערקזאַמקייט צו זיינע עלטערן.

— דאָרטן פּאַכעט ער מיט אַ טיכל ! — זאָגט פרוי האַלמסען און פּאַכעט צוריק.

דער לייטענאַנט נעמט אויך אַרויס זיין טיכל.

ס'איז געווען אַ גאַנץ היפשער עולם אויפן האַפן. דער האַפן־פאַרוואַלטער איז דאָרטן געשטאַנען מיט פּאַפּירן אין די הענט און זיין געהילף האָט געהאַלטן דעם פּאָסט־זאַק ; זיי ביידע האָבן געגעבן די לעצטע באַפעלן צו זייערע מענטשן. פּער דער קרעמער האָט פאַרמאַכט זיין קראָם און זיך דערלויבט איינמאָל אַ צייטפאַרטרייב. קינדער פון אַלערליי עלטער זיינען געשטאַנען פאַרגאַפטע, קוקנדיק אויף דער שיף ; אין הינטערגרונט איז געשטאַנען לאַרס מאַנילסען מיט דער רויטער באָרד, אָפּגעריסן און נייגעריק. אַ פּאָר טריט ווייטער פון אים איז געשטאַנען זיין זון לאַרס, דער סטודענט, וועל־כער איז אַהיים געקומען מיט דער לעצטער שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין דרום, און געטראָגן אַ שטייף געקראָכמאַלעט העמד און לאַנגע האָר.

דאַן דרייט זיך די שיף אַביסעלע אויס און שווימט צו גיך צום ברעג.

דער יונגער ווילאַטץ שטייגט אָפּ אויפן ברעג און באַגריסט זיין פאָטער צוערשט כאָטש זיין מוטער שטייט נעענטער צו אים און איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געוויינט און געלאַכט צו אים. — ווי הויך דו ביסט ! ברוך הבא ! — זאָגט זיין פאָטער, זייענדיק שטאָלץ מיט אים, דייטלאַך שטאָלץ. דאַן נעמט דער זון אַרום די מוטער און גלעט זי און ענטפערט אויף אירע אַלע פראַגן. אַ, ער איז אויסגע־וואַקסן אַזוי גרויס, אַ גאַנצער מאַן כמעט, כמעט אַזוי הויך ווי זיין מוטער ! דער יונגער ווילאַטץ גייט צו צו האַלמענגראַאַן און גריסט זיך מיט אים און מיט זיינע קינדער — ער האַלט זיך אַזוי ענגליש. אַזוי העפלאַך און זיינע מאַניערן זיינען ווי פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן ! די פערד הויבן פּלוצלונג אָן צו הירזשען — וואָס עפּעס מיטאַמאָל ? דער לייטענאַנט קוקט אַריבער צו זיי, נאָר דאָרטן האָט וויזט אויס קיין אומגעווייגלאַכס גאָרניט פּאַסירט. — איך גלויב אויף אַן אמת, אַז מיין עלזאַ דערקאָנט דיך ווידער, ווילאַטץ ! — זאָגט זיין מוטער, לאַכנדיק גליקלאַך.

דער סעמינאַריסט איז צוגעקומען אַביסל נעענטער ; ער וואַרט אויף אַ געלעגנהייט און סאַלוטירט די פּריצים, און דער לייטענאַנט ענטפערט צוריק מיט אַ לייכטן נייג מיטן קאָפּ.

— דאָרטן, זע איך, שטייט לאָרס, — זאָגט ווילאַטע. — איך דערקאָן זיי אַלע; אָט איז יוליוּס אויך — פֿאָטער, איך דענק, אַז דו ביסט געוואָרן גרויער.

— דערנקסטו אַזוי? ס'איז אַזויפֿיל טומל דאָ. אַדעלהייד, ווילסטו שוין גיין?

זיי דרייען זיך אויס און זעען דריי רייט־פֿערד פֿאַר זיך. — וועמעס איז דאָס פֿרעמדע פֿערד? — זאָגט דער לייטענאַנט, ויך אַרומקוקנדיק איבעראַשט. הער האַלמענגראַא קומט צו און ענטפֿערט:

— איך האָף, יונגער הער ווילאַטע, אַז איר וועט עס ניט נעמען פֿאַר אומגוט — ס'איז בלויז אַ קליינע מתּנה פֿון מיר צו פֿייערן אייער אַהיים קומען.

וואָס פֿאַר אַ גרויסע און אַנגענעמע איבעראַשונג! ס'איז אַ מענטש דער האַלמענגראַא איז עס, אַ קיניג אין יעדן פּרט! אַ גלאַנציק, ברוין רייט־פֿערד, מיט פֿולער אויסשטאַטונג, פֿאַר דעם יונגען הער ווילאַטע! מיט די האַרציקסטע דאַנקען באַדאַנקט מען האַלמענגראַאן פֿון אַלע זייטן, און איין מאָל זעט ער דאָך אויס צו זיין אַביסל אומזיכער אין זיך אַליין, ווען פֿרוי האַלמסען טוט אויס איר הענטשקע און שטרעקט אים אויס איר האַנט צו באַדאַנקען אים.

— איך בין זייער צופֿרידן. געפֿעלט עס אייך טאַקע אויף אַן אמת, מאַדאַם? ס'איז ניטאָ פֿאַרוואָס צו דאַנקען מיר, אויף קיין פֿאַל ניט —

דאָס פֿערד ווערט באַטראַכט און געגלעט; ס'איז אַ שקאַפּע, פּופּצען הענט *) די לענג, איינגעבראָכן צום זאָטל, שלאַנק, פֿיינע קלויען. יאָ, אוודאי! מען מעג גראַטולירן הער האַלמענגראַאן פֿאַר מאַכן אַזאַ גוטן אויסוואַל. ער האָט זיך ניט געניטיקט אין נעמען עפּעס פֿאַר גאַרנישט; און אַזוי ווי ער האָט געוואוינט באַם לייטענאַנט אין הויז חדשים לאַנג ניט זייענדיק דערלויבט צו באַצאָלן דערפֿאַר, איז דער איינציקער אויסוועג פֿון דער פֿאַרלעגנהייט געווען, האָט ער זיך געקאָנט טראַכטן, אַרויסצוּוואַזן זיינע באַלעבאַטים קליינע אויפֿמערקזאַמקייטן פֿון אָט דעם מין, צו טון קלייניקייטן פֿאַר זיי.

— אָבער איך האָב זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז איר זענט אַ דערוואַקסענער מאַן, מיין יונגער הער ווילאַטע, — זאָגט ער מיט העפֿלאַכער איבערטרייבונג; — מען דאַרף פֿאַרלענגערן די שטייג־ביגלען.

דאַן האָבן מוטער און זון אוועקגעריטן צום הויף, אַ רייכע און פֿאַרנעמע פּאָר; אַפּילו פֿון דער שיף האָבן מענטשן זיי נאָכגעקוקט. דער לייטענאַנט האָט איבערגעגעבן זיין פֿערד צו האַלפּלאַפּ פּעטערן און צוריקגעגאַנגען מיט האַלמענגראַאַן צופֿוס.

— ווייסט איר עפּעס וועגן אָט דעם יונגענמאַן, וואָס גייט אונדז נאָך, הער לייטענאַנט? — זאָגט האַלמענגראַאַ.

דער לייטענאַנט דרייט זיך אום, שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט:

— ניין.

— ער איז אַ סעמינאַריסט. ער וויל אַז איך זאָל אים צונעמען אַלס לערער פֿאַר מיינע קינדער.

— אַזוי? ניין, איך קאָן אים ניט.

— מיינע קליינע אינדיאַנער, ווי איך רוף זיי, דאַרפֿן עפּעס לערנען. איך האָב געטראַכט, אַז אַ געוויסע גאַראַנטיע פֿאַר אים, האָב איך אין דעם, וואָס איר אינטערעסירט זיך מיט אים.

— ניין, איך האָב קיין אינטערעס ניט אין אים, חוץ דעם וואָס איך האַלט אים אויס אין סעמינאַר.

— ראָט איר מיך אים אויסצופּרוּוון?

— יאָ. אָ. יאָ! ער איז מן הסתם פּונקט אַזוי גוט ווי אימיצער אַנדערש פֿון דעמזעלבן מין.

האַלמענגראַאַ בייט איבער דעם געשפּרעך.

— האָט איר בדעה אַרונטערצוהאַקן געהילץ היינטיקס יאָר, הער לייטענאַנט?

— אפשר. איך דאַרף אַ טראַכט טון וועגן דעם.

— איך פֿרעג עס אַנטקעגן דעם, וואָס ס'זיינען פֿאַראַן מענטשן דאָ, וואָס זיינען נייגעריק צו שטעלן זיך בויען, נאָר ס'פֿעלט זיי אויס מאַטעריאַלן.

— ווירקלאַך? נו, פֿאַרשטייט זיך, די פּרייזן זיינען ניט שלעכט איצט. איך ווייס ניט צו מ'קאָן געווינען אַ סך דורך וואַרטן. מיר'ן קאָנען ריידן וועגן דעם ענין ברייטער.

— יאַ, אַ דאַנק. אפשר אין אַ וואָך אַרום?

— גוט, אין אַ וואָך אַרום. איך וועל זיך נאָכפֿרעגן.

די צוויי מענער האָבן זיך צעשיידט און יעדערער איז זיך אוועק זיין וועג. דער סעמינאַריסט איז נאָכגעגאַנגען האַלמענגראַאַן.

---

*) אַ לענגמאָס פֿון 34 צאָל — ווערט געברויכט בײַ מעסטן אַ פֿערד. — ש. ש.

ס'וואָלט געווען אפשר בעסער ווען דער לייטענאַנט זאָל זיך ניט געווען פאַרפּליכטן דאַמאָלסט צו פאַרקויפן געהילץ היינטיקס יאָר; ווייל, אין דער אמתן, האָט ער שוין ניט פאַרמאָגט מער קיין שווער ניט־געטשעסעט געהילץ, נאָר ס'זיינען נאָר געווען דאָרטן לאַנגע שטרעקעס מיט קליין געהילץ, אַזאַ וואָס איז געשיקט געוואָרן אין די שאַכטן קיין ענגלאַנד. ניין, דער לייטענאַנט האָט צופיל אומשפּאָרזאַם אויסגעהאַקט זיינע וועלדער; ווען ער וואָלט ניט געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן, וואָלט ער מיט צופרידנהייט גע־מאַכט אַ סוף צו דעם. וועלדער זיינען אַזאַ מין, וואָס פאָדערט אַ פאַרנינפטיקע באַהאַנדלונג.

* * *

דאָס הויזגעזינט פון די האַלמסענס האָט אויפגעלעבט מיטן קומען פון דעם זון פונם הויז אויף דעם קורצן באַזוך; דאָס פּלאַץ האָט מער ניט אויסגעזען אַזוי מרה־שחורה'דיק איצט, בּאַ די מאָל־צייטן האָט מען מער גערעדט איצטער; אין זאַל האָט זיך געהערט דער באַקאַנטער און פריינטלאַכער קלאַנג פון פּיאַנאָ־שפּילן. אין די טעגלאַכע שמועסן מיט ווילאַטצן איצט האָבן ביידע עלטערן ניט געקאָנט אויסמיידן זיך ניט אַריינצומישן און אַמאָל אַפילו זיך דורכוואַרפן מיט אַ פּאָר ווערטער איינער מיטן אַנדערן; ס'איז אויך געווען אומפאַרמיידלאַך, אַז מוטער און זון זאָלן זינגען און שפּילן איצט צו יעדער צייט, אַפילו בייטאָג ווען דער האַר פונם הויז איז געווען בּאַ זיך אין צימער און געקאָנט הערן אַלצדינג. נאָך אַן אי־בערלעבונג, וואָס ס'איז כדאי צו לעבן צוליב איר; אַדעלהייד האָט גאָרנישט ניט פאַרגעסן; איר שטימע איז געווען דיזעלבע ווי אַלע־מאָל, און ווי וואונדערלאַך איר שטימע האָט געקלונגען!

— קום, דו האָסט נאָך ניט געזען די בהמות, — זאָגט דער לייט־טענאַנט צו זיין זון.

זיי זיינען אַרוים צו די בהמות און זיך געזאַמט דאָרטן אַביסל. יאָ, די מאָדערנסטע איינאָרדנונגען אין די קי־שטאַלן זיינען געווען גרויסאַרטיק, און די נייע איינריכטונגען פון אַריינפירן די קאָרמע אין וואַגאָנדלאַך אויף רעלסן; די חזירים, די גרויסע חזיר'טעס, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אַזוי ווי מאָנסטער־חיות פון פאַרן מבול צווישן זייער קליינוואַרג; די עופות פון אַלערליי מינים: פּערל־

חינער, געלע קאַמף־העגער מיט שפּאָרנס ווי סימיטאַרן *) — יאָ, אודאי, אַלעס איז געווען אויפן פיינסטן אופן.

נאָר דער לייטענאַנט איז באַלד אַרויסגעגאַנגען ווידער; אַט דאָס באַזוכן די שטאַלן איז, ווייזט אויס, געווען ניט מער ווי אַ פאַרשטעלטער אויסרייד. ער האָט זיין זון אַריינגעפירט אין גאָרטן צו דער קליינער אַראַנזשעריע, וועלכע ער האָט ווי־ניט־איז פאַר־ריכט און זי פאַרהיט פון פאַנאַנדערפאַלן זיך.

— הער נאָר, — זאָגט ער, — עס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן דאָ עטלאַכע קליינע בלומען; רייס אויס אַ פּאָר פון זיי און שיינק זיי וועמען דו ווילסט. נעם אַט־די בלום. און אַט־די. יאָ, געוויס, אַט־די, וואָס דו האַלטסט — די איז די שענסטע פון אַלע. דו ביסט אַהיים געקומען און דו מעגסט זיי האָבן. אַט דאָ! דאָ איז אַ גאַנצער פּאַק — ווי אַזוי הייסן זיי?

— די־אָ זיינען רויזן.

— אפשר זיינען זיי רויזן. אַט וואַקסן זיי דאָ אַלע צוזאַ־מען, זיי דערמאָנען אָן אַ ליד, וואָס זאָגסטו? אָן אַזאַ, וואָס איר ביידע האָט געזונגען פריער. רייס זיי אויס אַלע. איך ווייס ניט, וועמען דו קאָנסט זיי געבן; טו מיט זיי וואָס דו ווילסט.

דער זון, פאַרשטייט זיך, האָט ניט ערגעץ־אַנדערש וואוהין זיי צו ברייגגען, ווי נאָר צו זיין מוטער אין אירע צימערן. זיין פאָ־טער שווייגט שטיל, ווען ער הערט דאָס, ער טוט אפילו ניט קיין קוועטש מיט די פּלייצעס, קיין קנייטש מיטן שטערן — ער ווייזט אַרויס זייער ווייניק אינטערעס אינם גאַנצן עסק און קוקט אויף זיין זייגערל. ער דערמאָנט זיך פּלוצלונג, אַז ער דאַרף צופּאָרן אַ קוק טאָן אין וואַלד, מוז ער גלייך גיין.

הם. יאָ, ס'איז אודאי געווען אַנגענעם צו האָבן דעם זון צוריק אין דער היים; אין הויז איז געווען פריילאַך, די טירן צווי־שען זיינע עלטערנס צימערן זיינען שוין מער ניט געווען געשלאָסן דעם גאַנצן טאָג. דער לייטענאַנט איז געווען שטאַלץ מיט זיין ווילאַטצן, כאָטש, הם, — אַ פּאָר זאַכן זיינען אים ניט געווען גע־פעלן אינם פאַרגאַנגענעם יאָר. זיין זון האָט זיך אַנטוויקלט אַביסל צו גיך, אורטיילנדיק לויט זיינע בריוו, און אַנגעפאַנגען זיך אונ־טערצו'חתמ'ען פאַרקירצט: וויל. פאַרוואָס? אין זיין לעצטן

*) סימיטאַר — אַזאַ קרומער טערקישער זעבל. — ש. ש

בריוו צו זיין מוטער, איז שוין געווען אפילו אונטערגעשריבן ביל.
— האָט עס געקלונגען דאָסזעלבע ווי דער גוטער אַלטער ווילאַטץ ?
און וועט זיך עס אפשר ענדיקן מיט בייטן דעם גאַנצן נאָמען אויף ביל האָלמס, אַ דורכשניטלאַכער נאָמען, אַזוי ווי יעדן איינעמס ?
דער לייטענאַנט איז געווען דער הויפּט פון דער דינאַסטיע פון ווי־לאַטץ האָלמסענס און ער וועט באַשטיין אויף דעם, כל־זמן ער לעבט.

דער יונגער ווילאַטץ האָט זיכער ניט געהאַט אין זינען צו פאַרמינדערן דעם פאַמיליען־נאָמען; ער איז בלויז געווען זייער יונג נאָך און זיך געפילט דורך־און־דורך ווי אַן ענגלענדער דער־וויל. און אָ, ווי גוט עס איז געווען צו זיין ווידער אין דער היים! צו זען יאַמפּרו סאַלוועסן און אַלע איבעריקע דינסטמייד־לאַך, וואָס האָבן פאַרוואָרפן זייערע הענט אוים איבערראַשונג אי־בער זיין גרויסן וואוקס; צו זען מאַרטינען, זיין פאָטער'ס הויפּט־מענטש, און די איבעריקע מענער, ווי זיי נעמען אַראָפּ זייערע היטלען פאַר אים און בלייבן שטום אוים בלויזן דרך־ארץ צו אים.
איז דאָס איינגל ניט געבוירן געוואָרן אין אַ ווייגאַכטן־נאַכט ?

דער יונגער ווילאַטץ האָט גערימן אויף די וועגן פאַרביי פויערשע שטיבלאַך, גערימן שנעל און דערנאָך גערימן פּאַמעלאַך פאַרביי זייערע טירן, און געזען פּנימער לעבן יעדן פענצטער, און קינדער אויף די שוועלן, וואָס האָבן געגלאָצט אויף אים. נאָך עטלאַכע טעג זיין אַליין, האָט אים אָט־די אָפּגעזונדערטקייט דער־עסן און ער האָט איבערגעלאָזט זיין פערד און געגאַנגען צופוס זיך זען מיט יוליאוסן.

יוליאוס איז אויך אונטערגעוואַקסן אביסל, נאָר הויפּטזאַכלאַך זיינע הענט און פיס, — וואָס פאַר אַ וואונדערלאַכע הענט ער האָט עס פאַרמאָגט! און חוץ דעם האָט יוליאוס פונקט דאַן אויסגעזען אַביסל מאָדנע—ער האָט אָפּגעשוירן זיינע ברעמען, כדי זיי זאָלן וואַק־סען מער געדיכט. דערזעענדיק ווילאַטצן, האָט ער זיך אויפגע־פירט אַזוי ווי אַן אַלטער חבר דאַרף זיך פירן און אויסגעשריען אין זיין מאַמעס אַנוועזנהייט:
— צום טייוו — דאָס ביסטו, ווילאַטץ ?
ווילאַטץ לאַכט און זאָגט: יאָ, דאָס בין איך!
ער מאַכט זיך עלטער ווי ער איז און רעדט מיט אַ טיפער קול, ווי ער האָט באמת געהאַט.

די פרוי שטויבט אָפּ מיט איר פאַרטוך אַ שטול פאַר אים און זאָגט:

— אַזאַ גרויסער גאַסט! איר מוזט זיין אַזוי גוט און זיך זעצן אַביסל, מיין הער.

יוליאוסעס קלענערע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך שטייען אין די ווינקלען שטום און קוקן אויפן פרעמדן. זיי האָבן אויך אונטערגעוואַקסן, אַזוי אַז זייערע קליידער זיינען צו ענג אויף זיי. יאָ, ווי גרויס זיי זיינען אונטערגעוואַקסן! דאָס לעצ־טע מאָל, ווען ער איז דאָ געווען, זיינען דאָ ניט געווען אַזעל־כע גרויסע קינדער.

— ס'איז א מחיה צו זען ווי הויך איר זענט אויסגע־וואַקסן, מיין הער, — זאָגט יוליאוסעס מוטער, — איך האָב אייך קוים דערקאָנט.

אָ, יאָ, א היפּש שטיק צייט איז אַריבער זינט איך בין דאָ געזעסן דאָס לעצטע מאָל, — ענטפערט ווילאַמץ צוריק מיט א טאָן פון אַ דערוואַקסענעם.

— יאָ, די צייט פליט! — שטייט ניט דאָרטן מיט אַזעל־כע צעשויבערטע קעפּ, — זאָגט זי צו די קלענערע קינדער, — גייט און ברייננגט אייך אין אָרדנונג!

יוליאוס שטרעקט אויס זיינע אָרעמס, געניצט ווי אַ גרוי־סער מאַן, און זאָגט:

— וואָס איך האָב געוואָלט פרעגן — קומסט אָן פון ענג־לאַנד?

— יאָ, פון ענגלאַנד, פון האַראָו.

— איך טראַכט ווען קריגן אַ שטעלע אויף אַ שיף און זיך לאָזן אויפן ים, — זאָגט יוליאוס.

— דו? — פרעגט זיין מוטער. — וואָלסט זיך געמעגט שעמען צו זאָגן אַזאַ ליגן.

— זאָג איך אַ ליגן? ווייל איך האָב עס ניט געזאָגט פריער? איך רעד ניט אַרום אַלעס, וואָס איך דיינק, קאָן איך דיר זאָגן.

— איכ'ל באַ דיר צונעמען דיינע הויזן און וועל דיך שלאָ־גען! — כטראַשעט אים זיין מאַמע בייזלאַך.

יוליאוסעס געזיכט בייט זיך; ער קוקט אויס נידער־

שלאָגן און גיט נאָך. ווען ער קומט צו זיך אביסל, ווענדט ער זיך צו ווילאַטצן ווידער:

— ביסטו געווען זעע־קראַנק אויפן וועג אהיים?

ווילאַטץ ענטפערט:

— ניין, איך האָב זיך געהאַלטן גאַנץ גוט. אַ סך מענטשן אָבער זיינען געווען קראַנק.

נאָר יוליאוס זעט, אז ער קאָן ניט ארויסקריגן פון אים עפּעס וויכטיקס דאָ אין שטיבל, — זיין מוטער איז אים צו־פּיל אין וועג. נעלינגט אים ארויסצובאַקומען ווילאַטצן אינ־דרויסן און ער פּילט זיך מיטאַמאָל באַפרייט.

— האָסט געהאַנדלט ווי אַ חזיר, ניט שרייבנדיק מיר קיין בריוו ווי דו האָסט פאַרשפּראָכן.

ווילאַטצן ערגערט זיין טאָן און ער פּרוווט זיך פאַר־טיידיקן. וואָס מיינט ער זיך אָט דער יוליאוס! האָט ער גע־ווען געדאַרפט אפשר, נאָך אַלעמען, צוקומען צום הייזל ריי־טנדיק?

— אפשר דיינקסטו, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין סך וואָס צו טאָן אין ענגלאַנד? — פרעגט ער.

— נו, מעגלאַך, אַז דו האָסט געהאַט, אָבער — אָבער וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן איז, אויב דו ווילסט זען ווי אַזוי איך האָב שוין געהאָרעוועט שווער היינטיקן זומער, איז קום אַהער, אָט־דאָ!

יוליאוס איז געגאַנגען פאָראויס און ווילאַטץ האָט נאָכ־געפאָלגט. זיי זיינען אריין אינם קליינעם שייער וואו ס׳האָט זיך געפונען די קאָרמע פאַר די ציגן. דאָרטן האָט יוליאוס אָנגעוויזן אויף אַ קופּע היי אינם ווינקל און געזאָגט:

— דאָס האָב איך אָנגעשניטן מיט אַ סערפּ אויף פאַר־לאָזט לאַנד.

— אָ, טאַקע?

— און עס אויסגעטריקנט און עס אהיים געבראַכט אויף מיינע פּלייצעס. ס׳איז שוין גאָרניט קיין שפּאַס געווען.

— ניין, אודאי ניט.

— וויפל היי, דיינקסטו, איז דאָרטן דאָ?

— אין דער קופּע?

— איך האָב עס אָנגעשניטן פאַר מיין אייגענער ציג, נאָר

ס'איז ווייט צופיל פאר איר. איך טראכט וועגן פארקויפן אביסל.

— אזוי ?

— ווען די פרייזן אויף היי וואלטן נאר געשטיגן. — איך האב דיך געזען רייטן; קאנסט רייטן ?

— צי איך קאן ? האסט דאך געזען, אז איך קאן.

— ס'איז א גארנישט סיי־ווי, — זאגט יוליאוס, — ווייל איך האב אפט געריטן. נו, איך דיינק, אז דו האסט מיר גע־קאנט שרייבן א בריוו, — רעדט ער ווייטער, פארמאכנדיק דעם שייער.

— וואלסט עס דאך ניט געווען געקאנט לייענען סיי־ווי. און איך האב ניט געהאט קיין צייט צו דרוקן.

יוליאוסן האט, ווייזט אויס, פארדראסן פאר פילן זיך אזויפיל נידעריקער פון ווילאטצן, איז כדי אויסצוגלייכן זיך מיט אים, זאגט ער:

— וואס שייך לייענען און שרייבן, קאן איך מיר לייכט העל־פען איצט. וואס זאגסטו אויף לארסן ?

ווילאטץ שווייגט שטיל.

— ווייל ער איז מיין אייגענער ברודער, — גיט יוליאוס צו, — און ער קאן א היפש ביסל מער פון דיר און פון מיר, קאן איך דיר זאגן !

— איך וועל זען, אויב איכ'ל קאנען אפשפארן צייט היינ־טיקן ווינטער אויף צו שרייבן צו דיר, — זאגט ווילאטץ מילד.

יוליאוס שלעפט ארויס פון זיין הויזן־קעשענע א לאנג שטיק קיי־טאבאק און וויל עס געבן ווילאטצן.

— ניין, א דאנק.

— וואס, דו קייעסט ניט ?

— ניין.

— נו, יא, איך ווארף עס דיר ניט אויס. איך אבער מוז זיך צוגעוואוינען צו טאבאק איידער איך פאר אוועק קיין לא־פאטען. ווייל אויב ניט, וועל איך קריגן פישער־וואונדן. דיר איז גוט, וואס דו דארפסט ניט אנקומען צום ים.

— האסט דאך אבער געזאגט, אז דו ווילסט עס.

— נו, וואס שייך פערד־רייטן, האט לארס זיך גענוג אנ־געזען מיט דעם אינ'ם סעמינאר. און זיי האבן געהאט א היל־

צערן פערד צו רייטן אויף אים; ווייל א לעבעדיק פערד וואלט עס ניט געוועז אויסגעהאלטן.

— א הילצערן פערד? יא, אבער איך האב דאך אן אמת׳דיק פערד, — זאגט ווילאטץ.

— יא, איז עס אבער דיין אייגנס?

— ס׳איז ניט מיינס? ווייסטו ניט, אז ס׳איז מיינס? ס׳איז מיין אייגן פערד.

— איך גלויב עס ניט, — ענטפערט יוליאוס קורץ און שפייט אויס.

ווילאטץ ווערט פלוצלונג רויט און אין כעס און זאגט:

— ביסט א חמור!

דאן בייט זיך יוליאוסעס פנים ווידער און ער האלט אויס דעם שטורם דורך שווייגן שטיל. צום סוף זאגט ער:

— יא, און לארס איז שוין באלד א דעקאן. ער וועט זיין דער לערער בא האלמענגראאן אין הויז. האסטו שוין געזען מאריאנען מיט פעליקסן?

— ניין, — ענטפערט ווילאטץ אפ קורץ, נאך אלץ ברוגז.

—א, יא, דו האסט שוין געזען; דו האסט זיי געזען, ווען דו ביסט אנגעקומען, זיי זיינען געווען באם האפן. זיי קאנען ניט רעדן, בלויז עטלאכע ווערטער, ווייל זיי קאנען נאר שפאניש. אייניקע דיינקען, אז זיי זיינען געצנדינער, נאר לארס זאגט, אז דאס איז א פארדאמטער ליגן.

— וואס מאכט גאטפרעד? — פרעגט ווילאטץ.

— גאטפרעד? איך וויים באמת ניט. — ווילאטץ, האסטו גארנישט אין דיינע קעשענעס, וואס דו וואלסט מיר געקאנט פארקויפן?

— ניין.

ווילאטץ נעמט ארויס פון זיין קעשענע א קליין מעסערל מיט א פערלמוטערן הענטל. יוליאוס באטראכט עס און פרעגט:

— ווילסט עס פארקויפן?

— ניין, צו וואס? — ענטפערט ווילאטץ.

— וויפל האסטו באצאלט פאר דעם?

— מ׳האט עס מיר געשיינקט.

— איך האָב מער ניט ווי אַ דריי־סענטיקע מטבעה; ווּעסטו נעמען פאַרן מעסערל אַזויפיל?

— ניין.

— נו, גוט, — זאָגט יוליאוס, — איך וועל דיר געבן פיר סענט אין געלט און דאָס איבעריקע אין היי.

— איך וועל ניט פאַרקויפן דאָס מעסערל, — ענטפערט ווילאַטש, אַריינלייגנדיק דאָס מעסערל צוריק אין קעשענע.

נאָך דעם האָט ער זיך געלאָזט אַוועקגיין. ניין! יוליאוס איז ניט געווען אַזוי אינטערעסאַנט ווי אַמאָל. אַפילו ניט געווען קיין אָנגענעמער קאָמפּאַניאָן; ווערנדיק עלטער, איז ער געוואָרן וואולגאַרער, געוואָרן איבערדריסיק מענטש. אָט האָט ער נאָכאַמאָל אַ שפּיי געטאָן. ווי עקלהאַפט.

— וואוהין גייסטו? גייסט צו גאָטפרעדן? — פרעגט יוליאוס.

— יאָ, איך האָב בדעה.

— ווען דו וואָלסט מיך געפאָלגט, וואָלסטו אַפילו ניט צוגעטראָטן נאָענט צו גאָטפרעדן. איך האָב מיט אים בכלל גאָרנישט וואָס צו טאָן.

— אַ!

— ניין, ער איז אַזאַ גנב. „ער גנבעט אַזוי פלינק ווי אַ פערד שפּרינגט", ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט. איך האָב פאַרלוירן איין זאַך נאָך דער צווייטער, און ווען איך האָב פאַרלוירן דריי אָדער פיר זאַכן, האָב איך זיך אויף אים איינמאָל אַרויפגעכאַפּט.

— האָסט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אים?

— גלייך אויף אים. האָסט דאַרטן געדאַרפט זיין, ווילאַטש. איך זאָג דיר, דו וואָלסט געווען געזען עפּעס שיינס.

— האָסט אים געשלאָגן?

— געשלאָגן? איך זאָל עס דיינקען אַביסל. נאָכדעם ערשט האָט ער זיך מודה געווען אין די אַלע שפּיצלאַך, וואָס ער האָט מיר אָפּגעטאָן. איך שווער דיר, אַז איך האָב געהערט אַזויפיל זאַכן פון זיין אייגן מויל, אַז איך וואָלט אים געוואָן געקאָנט איינזעצן אין תפיסה; נאָר איך האָב עס ניט געוואָלט טאָן.

ווילאַטש שטייט שטיל אַ ווײַלע. ווען ער וואָלט נאָר גע־

קאָנט פּטור ווערן פון יוליאוסן; יוליאוס האָט זיך געקלעפּט לעבן אים און מען האָט פון אים ניט געקאָנט פּטור ווערן אזוי גיך. זאָל ער אפשר גאָר אוועקגיין פון אים?

— נו, א גוטן טאָג, — האָט ער געזאָגט.

— אָ, דו גייסט שוין אוועק? — שרייט אים יוליאוס נאָך.

— ווילסטו ניט ארונטערגיין צום ברעג ים?

— ניין.

— ווילסטו ניט א קוק טאָן אויף מיין ציג?

יוליאוס באקומט ניט קיין ענטפער. ער שטייט א רגע און קוקט נאָך וואוהין ווילאַטץ גייט, און זעט, אז ער גייט גלייך אין דער ריכטונג פון גאָטפּרעדס היים, אז ער וועט דאָרטן זיין אין עטלאַכע מינוט ארום. יוליאוס קלייבט זיך א געשריי צו טאָן, נאָר פּלוצלונג באַדיינקט ער זיך, שפּייט אויס און גייט צוריק אריין אין הויז.

גאָטפרעד איז געוועזן מאָגער און געהאַט גרויסע אויגן אזוי ווי אַמאָל; ווילאַטץ האָט אים געטראָפן שטיין אויף דער שוועל. זיי באַגריסן זיך; נאָר אזוי ווי גאָטפרעד שעמט זיך פאַרן רייכן אינגל, ריידן זיי ניט קיין סך צווישן זיך. ניין, ער האָט ווייניק וואָס געקאָנט קריגן איצט פון די חברים אין דער היים. ווילאַטץ איז זיי אריבערגעוואַקסן, זיי געלאָזט אהינטער זיך; ער איז אין זיי אַלע אנטוישט געוואָרן. גאָטפרעד איז דאָך געוועזן דער בעסטער פון זיי אַלע, כאָטש ער איז געוועזן אזא מאָגע־רער און שטילער, אָבער ער דאַרף ניט שטיין אזוי אינמיטן און פאַרשטעלן דעם וועג, ווען א מענטש איז געקומען און קאָן ווען אריינגיין אינווייניק. גאָטפרעד האָט ניט פאַרשטאַנען אזוינע זאַכן.

— איך האָב זיך בלויז דורכשפּאַצירט אביסל, — זאָגט ווי־לאַטץ, — איך וועל מיך פון רייטן די גאַנצע צייט.

— מיר האָבן דיך געזען פאַרביי רייטן א סך מאָל, — ענט־פערט גאָטפרעד, צופרידן, וואָס ער קאָן עפּעס זאָגן.

— יאָ, איך שטעל מיר פאָר, אז איר האָט מיך געזען. ס'איז מיין אייגן פערד.

— יאָ.

— האָסטו עס געוואוסט? — פרעגט ווילאַטץ, — וייל

אויב אזוי איז געווען א שאד, וואס ער האט זיך באריממ מיט דעם.

— דיינקסטו, אז איך וואלט געקאנט קריגן א טרונק וואסער בא אייך ? פרעגט ווילאטץ און קוקט אריבער איבער גאטפרעדן אינם דורכגאנג.

— יא, אין קיך, — ענטפערט גאטפרעד, און פירט אים אהין.

ס'איז געווען א קויל־שווארצע לאך אן פענצטער אין א שטיבל, וואס האט זיך געפונען אין שכנות לעבן דער ציג־קאמער. דא האט מען ווילאטצן דערלאנגט וואסער אין א הילצערן קענדל; ס'איז געווען אויסערגעוויינלאך גראב צו קאנען טרינקען מיטן מויל פון דעם, און ער האט עס געהאלטן שטארק אומגעלומפערט און זיך פארגאסן — חוץ דעם איז ער ניט געווען שטארק דורשטיק איצט.

— זיינען דיינע עלטערן אין דער היים איצט ? — האט ער געפרעגט צוריקגייענדיק צום הייזל.

יא, גאטפרעדס מאמע איז געווען אין דער היים.

ס'איז געווען אומהעפלאך פון גאטפרעדן צו שטיין אינמיטן שוועל און פארשטעלן דעם אריינגאנג פאר אימיצן. ווילאטצן וואלט עס ניט געווען געארט, נאר אויף וויפל אים האט זיך געדיינקט, איז דארטן אין הייזל אמאל געווען א קליין מיידעלע. זי איז ניט געווען גאר קליין, און זי האט געהאט אויגן, וואס זי האט מיט זיי געקוקט בלויז ארונטער אויף דער ערד, נאר אזעלכע טונקל־בלויע אויגן.

גאטפרעדס מוטער איז ארויסגעקומען און באגריסט דעם פרעמדן און אים פארבעטן אריינצוקומען :

— איך האב געבעטן גאטפרעדן, אז ער זאל אייך פארהאלטן אינדרויסן, מיין הער, לאנג גענוג, כדי איך זאל קאנען אויסווישן דעם דיל, — האט זי געזאגט. — ס'איז ביי אונדז דא געווען אזא אומארדנונג.

ווילאטץ איז אריינגעגאנגען אינווייניק. דער דיל איז נעווען נאס, מ'האט אים נאר־וואס געוואשן. נאר אין צימער איז קיינער ניט געווען — בלויז דריי קליינע אינגלאך, איז דאס הייזל געווען פוסט פאר אים. ווילאטץ האט איר העפלאך אפ־

געזאָגט פון צוואווארטן אויף קאווע און צוריק ארויסגענומען גאָטפרעדן מיט זיך.

— קוים וואָס איך געדיינק זי, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איז דיין שוועסטער אין דער היים?

— פּאָלינאַ? יאָ, זי איז אָבער אַוועק אין קראָם.

— זי דאַרף זיין כמעט אַזוי הויך ווי דו, דוכט מיר.

— יאָ.

— איז עס אמת, אַז יוליאוס איז אויף דיר אָנגעפאַלן?

גאָטפרעד איז אַביסל צעמישט.

— ניין. ווען מיינסטו?

— ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אויף דיר אָנגעפאַלן און דיך געשלאָגן.

— יאָ. האָט ער דיר אָבער ניט געזאָגט ווען?

— ניין, ער האָט געזאָגט, אַז דו האָסט עפּעס צוגענומען בא אים.

— אָ, דאַמאָלסט, — זאָגט גאָטפרעד.

פּויזע. ווילאַטץ פאַרשטייט ניט און פרעגט:

— וואָס האָסטו בא אים צוגענומען?

— צוגענומען? גאָרנישט. איך האָב בלויז אַפּגענומען מיין האַרמאָניקע. ער האָט זי באַהאַלטן בא זיך אין דער היים.

— ער האָט דיך דאַן געשלאָגן?

— יאָ.

— ס'האָט דיר וויי געטאָן?

— ניין.

— האָט ער דיך אָפט געשלאָגן?

— אַ, יאָ; פון צייט צו צייט שלאָגט ער מיך.

ווילאַטץ הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך, נאָר ער פילט זיך ברוגז און ער זאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט אים זען פּרואוון מיך שלאָגן! האָסטו אָבער צוריקגעקראָגן די האַרמאָניקע?

— יאָ, אָבער איצט האָט ער זי ווידער בא מיר צוגענומען.

ווילאַטץ קוקט אים אָן:

— וועסטו אים לאָזן זי האַלטן בא זיך?

— נו, איך ווייס ניט. ניין, איכ'ל פרוואוון זי אפנעמען צוריק.

— זיכער דארפסטו בא אים זי ניט בעטן ווי א טובה.

— ער וויל צוויי סענט פאר איר.

— צוויי סענט פאר דיין אייגענער הארמאניקע?

— אזוי האט ער געזאגט.

פויזע. ווילאטע שטייט און באשליסט זיך אויף עפעס א גרויסער טאט:

— קום מיט מיר און מיר'ן צוגיין צו יוליאוסן! — זאגט ער.

גאטפרעד איז מער ווי צופרידן צו גיין און ווילאטע פילט זיך אלם מאן.

דער ענין איז געשליכטעט געווארן אין א רגע. יוליאוס האט געזען פון ווייטנס די צוויי בחורים אנקומען און זיי באגעגנט אויפן הויף מיט דער הארמאניקע אין האנט. ער האט זי גלייך אפגעגעבן און דערקלערט, אז ער האט זי צוגענומען בלויז אויף שפאס.

די צוויי בחורים גייען אוועק פון אט דעם יונג און פון זיין הויפט־טיר; גאטפרעד איז איבערפילט מיט הכנעה'דיקער פארערונג.

— האסט געזען, ווי גיך ער האט עס אפגעגעבן? — זאגט ער.

ווילאטע איז שטאלץ אויף זיין אויפטו.

— איך וואלט געוואלט זען ווי ער גיט עס ניט באלד אפ!

זיי שטייען דארטן אויפן וועג, מיטן געדאנק זיך צו צעגיין יעדערער צו זיך אהיים, נאר ס'איז ניטא וואס זיך צו איילן און שטארק אפט צוזאמען זיינען זיי אויך ניט. אפשר, אויב גאטפרעד זאל צואווארטן אביסל, וועט אפשר זיין שוועסטער אנקומען, און ער וועט האבן מיט וועמען צו גיין אהיים.

ווילאטע עפנט אויף זיין מעסערל און הויבט אן צו שניצן א צווייגל. גאטפרעד קוקט אויפן מעסערל, טראכטנדיק, אז ער וואלט עס געוואלט האלטן אין זיין האנט באטש א קליין ביסעלע, עס בלויז פילן. פלוצלונג פארמאכט ווילאטע דאס מעסערל און גיט עס אים, גאטפרעדן.

— נאדיר דאס מעסערל.

גאטפרעד האט נאך קיינמאל ניט איבערגעלעבט אזא זאך;

עס שווינדלט אים אין קאָפּ, ער קאָן עס ניט גלויבן. ער נעמט דאָס מעסערל און זאָגט:

— מעג איך עס האַלטן?

— איך שײַנק עס דיר. די קאָנסט עס האַלטן בײַ זיך נאָך מײַן אוועקגיין.

אַך! גאָטפּרעד האָט זיכער ניט געהאַט קיין באַגריף, מיט וואָס פֿאַר אַ סאָרט מענטש ער האָט צו טון; זײַנע אויגן זײַנען געוואָרן אומנאַטירלעך גרויס בשעת ער האָט שטאַמלענדיק געזאָגט:

— וואָגסטו אָבער עס אוועקצוגעבן? און וואָס אַ שטייגער אויב דײַן טאַטע וועט דיך פֿרעגן, וואו עס איז?

— ס'איז אָבער מײַן אייגן מעסערל! — שרײַט ווילאַטע אויס אַנטשלאָסן.

און איצט האָט גאָטפּרעד גוט אָפּגעווישט זײַן האַנט און אים געדריקט די האַנט אויס דאַנקבאַרקייט. ער איז שוין ניט געשטאַנען מער אויפֿן וועג, ער איז שוין געווען ווײַט אַוועק; ער האָט שוין ניט געהערט ווילאַטען זאָגן: זע, אָט קומט פּאַלינאַ! — אויך ווילאַטע איז ניט געווען ווײניקער גליקלעך: אַלץ איז געווען וואונדערבאַר און אַלץ נעענטער און נעענטער איז פּאַלינאַ געקומען.

ווילאַטע האָט זיך באַהערשט און געזאָגט:

— גאָטפּרעד, איך וועל זיך שוין באַלד דאַרפֿן אָנהויבן גאַלן.

גאָטפּרעד געפֿינט זיך אין אַ חלום, און פֿאַרחלומטערהייט ענטפֿערט ער:

— פֿאַרוואָס?

— פֿאַרוואָס? זעסטו דען אַליין ניט? — פֿרעגט ווילאַטע, זיך גלעטנדיק די באַקן.

— אָבער טוט עס ניט וויי?

— מ'קאָן זיך ניט העלפֿן. איך קאָן דאָך אַזוי ניט אַרומגיין.

אָט איז פּאַלינאַ. אַ דינע, אַ הויכע און אָנגעטאָן אין איר בעסטן שוואַרצן קלייד — ווײַל זי איז געגאַנגען אין קראָם אַרײַן — מיט אַ פּעקל פֿאַרבונדן אין אַ טיכל אין יעדער האַנט, מיט הילצערנע פּאַסטעלעך אויף די פֿיס, און מיט אויגן, וואָס זי באַנוצט זיי אויף קיין שום אַנדער זאַך ניט, ווי נאָר אויף צו קוקן אַרונטער אויף דער ערד.

וואָלט זי געווען אויסמאַרקירט צו האָבן איר רעכטע האַנט פֿרײַ אין צײַט, וואָלטן זיי געווען געקענט זיך דריקן די הענט, נאָר זי האָט

עס ניט אויסגערעכנט. איז שטייט זי בלויז דאָרטן; ווילאַטע זאָגט איר, פאַרבייגייענדיק, גאַט העלף און זי ענטפערט אים קוים. זיי האָבן ניט גערעדט איינער צום צווייטן און זי האָט געקוקט בלויז אויף איר ברודער.

— זע נאַר! — זאָגט גאַטפרעד און שטרעקט אויס דאָס מעסערל מיט אַ מאָדנע געלעכטערל. — ווער, דיינקסטו, האָט עס מיר געגעבן?

פאַלינא גיט אַ קוק אויף ווילאַטען און לאָזט דערנאָך צוריק אַרונטער די אויגן צו דער ערד.

— זאָלסט ניט לאָזן יוליאוסן עס צונעמען בא דיר, — וואָרנט אים ווילאַטע.

— דער טאַטע וועט עס פאַרשליסן, — ענטפערט גאַטפרעד.

דאַן וועסטו דאָך עס ניט קאָנען נוצן.

— אָ, יאָ, פון צייט צו צייט.

ווילאַטען דוכט זיך אויס, אַז דאָס מעסערל וועט ניט ווערן אויסגענוצט געהעריק, אויב זיי וועלן עס פאַרשליסן, און ער זאָגט:

— ניין, דו דאַרפסט עס טראָגן בא זיך יעדן טאָג. און אויב יוליאוס נעמט עס צו דאַן שרייב מיר גלייך אָן אַ בריוו קיין ענגלאַנד.

— יאָ.

וואָס וועט פאַלינא דיינקען וועגן אַזאַ מאַכט? נאָר פאַלינא האָט בלויז אַרויפגעקוקט צו אים בשעת ער האָט גערעדט און דערנאָך צוריק אַרונטערגעקוקט.

— עס האָט צוויי קלינגלאַך, — רעדט גאַטפרעד צו זיך אַליין, מיט אויגן, וואָס זיינען פאַרנומען בלויז מיטן מעסערל. — און עס האָט אַ האַטשיק אויך.

דער האַטשיק איז אויף צו פאַרשפּיליען הענטשקעס, — דערקלערט אים ווילאַטע. — אָבער איך האָב אַן אַנדער האַטשיק פאַר דעם. וואָס האָסטו געמאַכט די גאַנצע צייט? — פרעגט ער פאַלינאַן.

ניין, ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן. ס׳איז געווען נוצלאָז, ער האָט ניט געקאָנט קריגן קיין ענטפער; פאַלינא האָט בלויז אויפגעהויבן איינמאָל אירע אויגן, זיך פאַררויטלט און געענטפערט:

— נישקשה.

ס׳איז מער ניט געווען וואס צו ריידן, האט ווילאטש געזאגט א גוטן־טאג.

נאר דאן האבן ברודער און שוועסטער אנגעהויבן צו ריידן. ווי־לאטש האט געהערט זייערע שטימעס ווייט הינטער זיך, און ווען ער האט זיך אויסגעדרייט און געקוקט אויף צוריק, האט פאלינא געהאט אוועקגעלייגט אירע פעקלאך אויף דער ערד און געשטאנען און באטראכט צוזאמען מיט איר ברודער דאס מעסערל.

ניין ! ער האט מער גארנישט געהאט קיין געמיינשאפטלא־כעס מיט אט די אלטע חברים זיינע; פאלינא איז געווען אזוי ווי די אנדערע, און די אנדערע אזוי ווי זי. ווילאטש האט אפילו געהאט בדעה צו ריידן אביסל ענגליש צו זיי און צו געבן זיי א שטיקל באגריף וועגן דער שפראך, נאר ניין — ס׳איז געווען נוצ־לאז.

XII

— איך קלער צי וועלן די קאלדעווינס קומען היינטיקס יאר ?

— פלעגט פרוי אדעלהייד באמערקן. און ס׳איז געווען אוממעגלאך צו וויסן, צי ס׳האט איר שטארק אינטערעסירט דער ענטפער אדער ניט.

— ניין, — ענטפערט דער לייטענאנט, — די אלטע לייט זיי־נען געווען אזוי שטארק געערגערט פון די ענדערונגען, וואס זיינען דא פארגעקומען, אז ס׳איז צווייפלהאפט צי זיי וועלן נאכאמאל קומען אהער.

דער קאנסול פרעדעריק איז נים געווען דערמאנט.

אין משך פון די זומער־חדשים האט כמעט גארניט פאסירט, גארנים, חוץ דעם, וואס דאס איז שוין מער ניט געווען קיין נייס, אז זעגלפאס האט זיך ביסלאכוויים געענדערט און אלץ מער און מער איבערגעבויט געווארן. צוליב דעם האט פער דער קרעמער ניט געקאנט ווארטן ביז איבער ניי־יאר, ביז ער וועט קריגן די דער־לויבניש, נאר שוין גלייך אנגעהויבן צו פארקויפן פלעשער באהאל־טענערהייט, אזויפיל מענטשן האבן זיך נאכגעפרעגט אויף בראנפן. און אט דאס געשעפט האט גורם געווען, אז ס׳זאל זיין לעבעדיקער און פריילאכער אין די לאנגווייליקע זונטיק־אוונטן.

מענטשן האבן געבויט הייזער דא און דארט לעבן דעם שיף־האפן, אלצדינג האט זיך געזאמלט לעבן אים, אזוי, אז דער אונטער־

שטער טייל זענגלפּאַס האָט שוין אָנגעהויבן אויסזען ווי אַ קליין שטעטעלע מיט שטיבלאַך, וואו ניט לאַנג צוריק איז דאָרטן גאָר־נישט ניט געווען, חוץ זאַמדיקער ברעג מיט אַ פּאָר קעמערלאַך פאַר שיפלאַך. ס'איז געווען אויסער צווייפל, אַז מיט קיניג טאָביאַסעס אָנקומען אהער האָט דאָס לעבן דאָ אָנגענומען אינגאַנצן אַן אַנדער פאָרם פאַר די מענטשן דאָ. לאַרס מאַנילסענס שטיבל — האָבן זיך ניט באַוויזן קיין פאַרהענגלאַך אויף די פענצטער דאָרטן? ס'האָט אויסגעזען, ווי מ'האָט עס געקאָנט דערוואַרטן, אַז זיין זון, דער גראַ־דואירטער, האָט ניט געקאָנט פאַרליידן, אַז זיין היים זאָל זיין ניט פאַרהאַנגען מיט קיין פאַרהענגלאַך. און האָט מען פער דעם קרע־מער ניט געפרעגט אַלץ מער און מער פון יענעם טאָג אָן, ווי טייער עס קאָסטן פאַרהענגלאַך?

און ס'האָט זיך דערוועקט די פראַגע: האָט זיך געלוינט אַן אַנשטענדיקן מענטשן צו האַלטן אַ פערמע אין אַרענדע? ניין, אַ טויזנט מאָל ניין! מיט שטיקלאַך פעלדער, מיט אַ רעכט צו שניידן קאָרמע אויפן לאַנד, וואָס געפינט זיך אויסערהאַלב די גרע־ניצן, די מי פון ברייינגען צושלעפּן האָלץ צום הייצן אין ווינטער פון דער טיפעניש פון וואַלד —! ניין, ס'האָט זיך ניט געלוינט צו פירן אַזאַ לעבן איצט. ווייל, זאָלט איר מיר זיין געזונט, איר האָט געקאָנט באַקומען איצט פאַרטיק צעמאָלט מעל באַם האַפן — מעל. וואָס איז געווען דורכגעזיפּט און שניי־ווייס אַלס צוגאָב. ווען ניט די קאַרטאָפליעס, וואָלטן מענטשן געווען פונקט אַזוי צופרידן צו לאָזן שטיין די ערד אומבאַארבעט, און וואָלט עס ניט געווען צו־ליבן טראָפּן מילך, וואָס מ'האָט באַדאַרפט האָבן צו דער קאַווע, ווער וואָלט זיך עס געווען געקימערט וועגן צונויפשאַרן אין וואַלד אביסל קאָרמע פאַר דער ציג? אַזוי איז די לאַגע געווען. די טאָג־אַרבעטער, זיי האָבן עס געהאַט זייער צייט איצט! זיי האָבן גע־קראָגן אַרבעט באַ האַלמענגראַאַן און פון אים געקראָגן שכירות. שבת אָוונט האָבן זיי באַקומען אַ צעטל פונם אויפזעער, דאָס צעטל דערלאַנגט צום האַפן־פאַרוואַלטער און פון אים באַקומען מעל אָדער געלט, ווי זיי האָבן געוואָלט. אָט דאָס איז געווען אַ לעבן פאַר אַ מענטשן! ס'זיינען געווען אַרבעטער, וואָס האָבן אויף זיך גע־שלעפּט אַ חוב דורך קויפן זיך אַ פערד מיט אַ וואָגן און געפירט משאות פאַר דער מיל — פאַרוואָס ניט? אין אַ קורצער צייט אַרום וועלן זיי, אַן ספק, קאָנען אָפּצאָלן אי פאַרן פערד אי פאַרן

וואָגן, ווייל זיי האָבן גוט פאַרדינט און געקלונגען מיט געלט אין די קעשענעס בשעת זיי זיינען געשטאַנען באַ פערן אין קראָם. בכלל איז געלט, מזומן געלט, שוין מער ניט געווען קיין זעלטנהייט. דאָס זעלבע האָט מען אויך געקאָנט זען באַ די פערמערס אַרום און אַרום: זיי זיינען געוואָרן רייך פון אָט דעם פירן משאות. ס'איז געווען אַן אומגעהערטע זאַך; זיי האָבן זיך אפילו געקאָנט דערלויבן נאָך אַ טעפּעלע קאַווע נאָך וועטשערע, און אַרומגיין אינמיטן זומער אין גרויסאַרטיקע שטיוול. ס'האָט געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז דער באַצירק־דאָקטאָר, אָל ריאַיס, האָט אָנגעהויבן צו באַדויערן, וואָס ער האָט געקראָגן אַ פּאָסטן אין דרום — ער האָט געמאַכט אַזויפיל געלט די לעצטע עטלאַכע וואָכן, וואָס ער איז דאָ געווען. צום טייוול! — האָט אָל ריאַיס געזאָגט. — מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט דערלויבן צו רופן אַ דאָקטאָר צו אַ טיף־קראַנקהייט פריער, וועלן מיך אַרויסרופן איצט פערצן מייל ווייט, צוליב אַ געשוואָלענעם פינגער.

אויך דער נייער דאָקטאָר האָט זיך ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן. ס'איז גלייך געוואָרן אַ שטאַרקע נאָכפראַגע אויף אים און מען האָט אים גערופן גאַנץ פרי און שפּעט באַנאַכט; ס'איז געוואָרן אַ מאָדע אויסצופרואוון אים, און משונהדיק האָט אויסגעזען יענע פאַמיליע, וואָס האָט ניט געהאַט קיין איין קראַנקן באַ זיך אויף צו קאָנען רופן דעם נייעם דאָקטאָר. די וואָרזאָגער און אָפּשפּרעכער, וואָס מען פלעגט זיי פריער רופן צו קראַנקע, האָבן איצט דורכגעלעבט אַ שווערע צייט; אודאי, זיי האָבן אַזוי ווינציק פאַרדינט איצט, ס'איז געווען אַ רחמנות אויף זיי.

דער נייער דאָקטאָר האָט, אָן ספק, שוין לאַנג בדעה געהאַט צו באַזוכן די האָלמסענס אין זעגלפאָס, נאָר ער איז געווען צופיל פאַרנומען. ניט אוים מאַנגל אין העפלאַכקייט איז ער ניט געקומען זיי באַזוכן פריער, אַזוי האָט ער געזאָגט, ווען ער איז ענדלאַך אין איינעם אַ טאָג געקומען: „ניין, באמת, ניט אוים מאַנגל אין העפלאַכקייט!“

די באַלעבאָסטע פון הויז האָט אים אויפגענומען; זי איז געווען די, וואָס האָט שטענדיק אויפגענומען געסט; ווייל ס'האָט זי ניט געאַרט, ס'איז איר אפשר גאָר נאָך געווען אַביסל אָנגענעם, זי איז געווען אַזוי איינזאַם.

דער מאַן האָט געהייסן מיט ד'עם אומגלויבלאַכן נאָמען מוּאַוו *)

נאָר אַז מען האָט אַ קוק געטון אויף אים האָט מען געגלויבט. אַ טשיקאווע קליין דאָקטאָרל, גוט געקאָנט, אָן צווייפל, זיין פּראָפעסיע, און זיכער געהאַט אַ געניגנד קרענקלאַך פּנים אויף צו ליידן פון שלעכטער פאַרדייאונג; געהאַט אַן אויסגעמוטשעט פּנים פון שווערן לערנען, אַ גרויסע נאָז, לאַנגע, מיאוסע אויערן, און אַ קליין בערדל. מ׳האָט אים פאַרבעטן אַנטייל צו נעמען אין דער סעודה — ס׳איז היינט געווען אַ קליינע פייערונג, אַ געזעגענונגס־מיטיק פאַר דעם יונגען ווילאַטע, וואָס איז געפאָרן צוריק קיין ענגלאַנד ווידער.

דער פאָטער מיטן זון קומען אריין, ביידע אָנגעטון אין זייערע בעסטע קליידער איינער צוליבן צווייטנס כבוד וועגן. דער לייטענאַנט דריקט דעם דאָקטאָר די האַנט און מאַכט אַ פּאָר קאָנווענציאָנעלע באַמערקונגען. הער האַלמענגראַא קומט אריין מיט זיינע צוויי קינ־דער — די צוויי אינדיאַנער, ווי ער רופט זיי.

— אָרימע קינדער, פאַרוואָס רופט איר זיי אינדיאַנער? — זאָגט פרוי האַלמסען.

— מיינע קליינע אינדיאַנער, — ענטפערט צוריק האַלמענגראַא.

— אָ, עס אַרט זיי ניט, איר מעגט זיין זיכער, ווייל דאָס גיט זיי צו זייער אָפּשטאַמונג פון קואהטעמאָקן, וואָס איז ביז צו אַ געוויסער מאָס אמת.

— ווי קומט עס?

— עס פליסט אביסל אינדיאַניש בלוט אין זייערע אָדערן; זייער מוטער איז געווען אַ מולאַטקע.

— אויב אַזוי זיינען זיי קווינטראָנען,*) — זאָגט דער דאָקטאָר.

— ס׳איז זייער אינטערעסאַנט.

— סיי־ווי זענט איר פיינע קינדער, — זאָגט פרוי האַלמסען און נעמט זיי ביידן אַרום.

דער מיטיק האָט זיך ניט פאַרצויגן לאַנג; ווילאַטע מוז האָבן צייט אויף איבערצוטון זיך אין זיינע רייזע־קליידער, און די פּאָסט־שיף האָט געדאַרפט אָנקומען יעדע רגע. אַ מענטש איז אוועקגע־שטעלט געוואָרן אויף דער וואַך אינדערהויך צו געבן אַ סיגנאַל ווען די שיף וועט אָנקומען.

---

*) קווינטראָן — אַ קינד פון אַ ווייסן, וואָס האָט געהייראַט מיט אַ מו־לאַטקע. — ש. ש.

*) מואוז — מויז — ש. ש.

דער ליימענאנט הויבט אויף זיין גלאז און ווינטשט ווילאמצן „ער זאל פארן בשלום", און דאנקט אים פארן אנגענעמען זומער.

— יא, גאט זאל דיך בענטשן! — זאגט זיין מוטער; — און לערן זיך גוט ווייטער אין שול! האט דער פאפא דיר מיטגעגעבן געגוג געלט?

— יא, א דאנק.

— נו, איצטער גיי און טו זיך איבער.

דאקטאר מוווז האט גארנישט געזאגט. אין זיין אייגן הויז איז ער אפשר געווען א ליבהאבער פון וויין, ווייל נאכן טרינקן האט ער מיט אפשאצונג זיך פאסמאקעוועט די ליפן. ס'האט אויסגעקוקט ווי ער וואלט געווען אנטשלאסן ניט צו לאזן עס זאל אויף אים מאכן א איינדרוק — בא א ספעציעלער געלעגנהייט קאן יעדער איינער באווייזן צו האבן אזעלכע פיינע זאכן ווי די דא; ער האט שוין פארבראכט אין געזעלשאפט וואו מ'האט אפילו געטרונקען שאמ־פאניער־וויין. מיגלאך, אז דער דאקטאר האט געקראגן די אנצוהע־רעניש פון דער אינפארמאציע, וואס ער האט באקומען פון זיין פאר־געגנגער, דעם אומגליקלאכן אל ריאים; ס'איז אויך מיגלאך, אז זיין אפהאלט אין באזוכן דעם ליימענאנט איז געווען א איבערגעטראכטע גרינגשאצונג.

בעת מען האט סערווירט די קאווע האט פרוי האלמסען ווידער געדארפט אונטערהאלטן דעם שמועס. איר מאן איז, אן ספק, געווען נידערשלאגן, טראכטנדיק וועגן ווילאמצן. ער האט זיך צוגעהערט העפלאך צום שמועס, און ווען־ניט־ווען געוואלט עפעס זאגן, נאר זיך צוריקגעהאלטן. צום סוף איז ער בלויז געזעסן דארטן. איינער קאן זיין פעסט איבערצייגט דורך רייד, דער ליימענאנט אבער איז געווען פעסט איבערצייגט דורך שווייגן — אויפגענומען אלץ מיט שווייגן. ער איז ניט געווען אלעמאל אזוי שטארק פארנומען; עפעס מוז זיכער זיין דער מער מיט אים, וואס דאס זאל ניט זיין.

זיין פרוי האט געדארפט זיך סטארן אנצוהאלטן דעם געשפרעך:

— איר קומט פון צפון, דאקטאר?

— פון פינמארק, יא. מיר, באמטע, ווייסט איר דאך, הויבן אן דארטן.

— איר זענט געווען זייער שטארק פארנומען זינט איר זענט אנגעקומען אהערצו, דענק איך?

— זייער. באזונדערס דא, ארום זעגלפאס.

— דאָס איז דער רעזולטאַט פון הער האַלמענגראָאַס מעטיקייטן. ניט אַזוי הער האַלמענגראַאַ ?

נאָר דאָקטאָר מאַוז איז אַ לאַגיקער און ער דערהויבט זיך צו דער געלעגנהייט :

— כאַ־כאַ ; איך וויל האָפן אַז ניט. איך וויל האָפן, אַז הער האַלמענגראָאַס מעטיקייטן פירן ניט צו דער פאַרמערונג פון קראַנק־הייטן.

אַלע קוקן זיך איבער. הער האַלמענגראַאַ שמייכלט און ענט־פערט :

— דער דאָקטאָר פאַרגינט מיר ניט דער מאַדאַמס קאָמפּלימענט. דאָך קאָן ניט זיין קיין צווייפל, אַז אַזעלכע ארבעטן ווי מיינע פאָדערן אַ פאַרגרעסערטע מעדיצינישע אויפמערקזאַמקייט, הגם זיי באַ־זאָרגן אויך די מיטלען צו דעקן די קאָסטן דערפון. אַזוי איז עס אומעטום ; מער מענטשן קומען צו, און ס׳מוזן פאָרקומען מער אומ־גליקפאַלן. ס׳זיינען דאָ געפאַרן, וואָס די דאָרפישע באַפעלקערונג וואָס ניט זיך אָפּ מיט רואיקע באַשעפטיקונגען האָט קיינמאָל ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פון זיי ; אַ געוויכט־שטיק קאָן צודריקן אַ האַנט, אַ הויב־מאַשין קאָן ארויס פון קאָנטראָל, אַ מאַשין הענטל קאָן אָנהויבן זיך דרייען. אַל יאָהאַן האָט נעכטן געכאַפּט אַ קלאַפּ פון אַ מאַשין־העטנל.

— איך בין נאָר וואָס געווען בא אים, — זאָגט דער דאָקטאָר — ס׳איז ניט געפערלאַך, קיין אויספליסונג פון בלוט איז ניט פאָרגע־קומען ; ס׳איז בלויז וואָס מיר רופן אָן אַ צוקוועטשונג.

האַפנדיק, אַז די מענער פאַרברייינגען שוין גוט צוזאַמען איילט זיך פרוי האַלמסען ארויף צו איר זון אויף עטלאַכע מינוטן. אָרימע פרוי ! זי מעג זיין טרויעריק איבער דעם, וואָס זי פאַרלירט איר זון נאָכאַמאָל, און צוזאַמען מיט אים איר גאַנץ זינגען און שפּילן און ריידן.

ווען זי איז צוריק ארונטערגעקומען האָט געהערשט אַ שטיל־קייט ווידער. זי האָט מיטגעבראַכט עטלאַכע אילוסטרירטע ביכער מיט זיך.

— זעט, קינדער ! ווילאַטץ האָט אונדז אויסגעבאָרגט אָט די ביכער. און דו מוזסט עסן אַ שטיקל לעקאַך — שעם זיך ניט, מאַריאַן. יאָ, דו מוזסט פאַרזוכן ; און דו, פעליקס, נעם אָט דאָס שטיקל. אָט אַזוי !

— וועט ער שוין באַלד זיין פּאַרטיק ? — פרעגט דער לייטענאַנט.

— באַלד. אַ, ווען ער וואָלט נאָר ניט געדאַרפט פאַרן אַזוי ווייט. ס'איז דורכאויס אומנויטיק.

— נאָך אַלעמען איז עס גאַרניט אַזוי ווייט, מאַדאַם, פאַרזיכערט איר האַלמענגראַאַ. — מיט די איצטיקע פיינע, גרויסע שיפן וועט ער דאָרטן זיין אַרום זונטיק.

פרוי האַלמסען שמייכלט צו להכעסידיק :

— יאַ, און זונטיק איז פּונקט דער ריכטיקער טאָג אָנצוקומען קיין ענגלאַנד !

הער האַלמענגראַאַ שמייכלט אויך און איז מסכים : — יאַ, דער ענגלישער זונטיק איז ניט קיין פריילאַכער טאָג.

— פריילאַך ? איך וויים פון קיין איין זאַך ניט, וואָס זאָל דאָרטן זיין פריילאַך אין יענעם לאַנד.

— פרוי האַלמסען איז אַ דייטשקע, — זאָגט דאָקטאָר מואוז.

— יאַ, אַ דאַנק גאָט ! — ענטפערט זי, און זעט אויס ניט צו נעמען אין אַכט זיינע וויטערע באַמערקונגען.

בכלל איז אָט דער קליינער מאַן ניט געווען אַזוי איינשטימיק אין אַלץ ווי קליינע מענער זיינען עס אָפט. ער איז געזעסן און באַטראַכט די בילדער מיט אַ קריטיש אויג, אַזוי ווי ער וואָלט אויך געקומען פון אַ היים וואו עס זיינען געווען בילדער. וואָס האָט ער זיך געמראַכט ? פרוי האַלמסען האָט אָנגענומען אַ וואַזשנעם טאָן און געזאָגט :

— די ענגלישע היים איז מער האָטעל־מעסיק. איך בין געווען אין אַ סך הייזער און אומעטום געטראָפן דאָסזעלבע. די דינער טראָגן פאַראַדנע קליידער, מען דערלאַנגט צום טיש ווי אין אַ האָטעל, די פרויען לויפן אַוועק ביים סוף מאָלצייט. פאַר מיטיק האָבן זיי צווייערליי סיגנאַלן. דער ערשטער גלאָק איז אויף אָנצוזאָגן מען זאָל זיך גיין איבערטון און דערנאָך ווען דער מיטיק איז גרייט רופט דער צווייטער גלאָק. איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַביסל באַקאַנט מיט דער פירונג פון גרויסע, פאָרנעמע הייזער, נאָר —

— מיין פאָטער, — האָט דאָקטאָר מואוז געזאָגט, — איז געווען אויף אַ קאָנגרעס אין ענגלאַנד ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער אַדוואָקאַט. ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּלויבן פון זייער אַרט לעבן דאָרטן און פון די מענטשן.

— און אויסער דעם זיינען זיי אַן אוממוזיקאַליש פאָלק — האָט פרוי האַלמסען ווייטער גערעדט; — זיי דינגען מענטשן, וואָס זאָלן זינגען און שפּילן פאַר זיי אין זייערע היימען; זיי דינגען מענטשן, וואָס זאָלן זינגען אין די קלויסטערס.

דער דאָקטאָר באַמערקט:

— אַזאַ הויך קולטיווירט פאָלק גייט אפשר ניט קיין סך אין קלויסטער.

— וויפיל קאָסט אַן אָרגל? — פרעגט פּלוצלונג פרוי האַלמסען — זיי וועלן זיך באַלד שיר ניט צושלאָגן. — אַ קליינער אָרגל, אַ גאָר קליינער, מיט בלויז עטלאַכע רערן? ווען מיר וואָלטן נאָר געהאַט אַזאַ אָרגל דאָ בײַ אונדז אין קלויסטער!

— דאָס קאָן זיכער לייכט אויסגעפירט ווערן, — ענטפערט האַלמענגראַא. — און ווען איינער פון די לערער וואָלט געקאָנט שפּילן, וואָלט עס גאָר לייכט געקאָנט ווערן אויסגעפירט.

דער לייטענאַנט איז אריבערגעגאַנגען צום פענצטער אויף צו זען צי מ'האָט שוין געגעבן דעם סיגנאַל פאַר דער שיף. ווען ער איז צוריקגעקומען און זיך אַנידערגעזעצט איז זיין רינגל געווען איבערגעביטן אויף זיין לינקער האַנט. דערנאָך דענקנדיק אפשר, אַז אַדעלהייד האָט זיך שוין געגעבן אַנגעשטרענגט און וועלנדיק איר פאַרלייכטערן, האָט ער זי געבעטן ארויפצוגיין נאָכאַמאָל צו ווילאַטצען און זען וואָס ער טוט דאָרטן. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט האַלמענגראַאַן וועגן געשעפט:

— איך האָב אייך איינמאָל היינטיקן זומער געזאָגט, אַז איך האָב ניט מער קיין פּאַסיק געהילץ פאַר נייע בנינים. איך האָב נאָכאַמאָל באַזוכט מיינע וועלדער און איך דענק, אַז איך וועל דאָך לאָזן ארונטערהאַקן אביסל. נאָר ס'איז אפשר צו שפּעט פאַר אייך?

— ניין, באַין אופן ניט שפּעט; עס וועט מיר זייער צונוץ קומען. מיר וועלן זיך נאָך נויטיקן אין געהילץ אַ לענגערע צייט. וואָס פאַר אַ מאָס איז עס?

— אַ קליינע מאָס. פון זיבן ביז אַכט צאָל אויף צוואַנציק פיס.

— דאָס ווערט פאַררעכנט פאַר שווער געהילץ ערגעץ אַנדערש. ס'איז גוטער בוי־מאַטעריאַל. איך וועל עס קויפן צו יעדער צייט.

דער מאַן פון אינדערהויך אויף דער וואַך גיט אַ סיגנאַל — די שיף קומט אָן.

פרוי האלמסען איז ארונטערגעקומען מיט איר זון. ווילאמס איז געווען אנגעטון אין זיינע רייזע־קליידער און האט ווייניק גע־רעדט; זיי האבן זיך דערלויבט ארייגצוגיין אין זאל שפילן אביסל אויף דער פיאנא איידער זיי צעשיידן זיך. וואס פאר א ליד זיי האבן עסביידע געזונגען! א דועט ווי עס איז געווען די מאדע יע־נע צייט. די מוטער שוואן און איר קינד גיסן אוים זייערע הערצער פאר גאט!

— פרוי האלמסען קאן זינגען? — האט דער דאקטאר מואוז געזאגט, זיך צוהערנדיק צו דער מוזיק. — ס׳איז איטאליעניש?

ווען דער לייטענאנט איז געשטאנען אין קארידאר און אנגעטון זיינע הענטשקעס האט ער צוריק געהאט זיין רינגל אויף דער רעכ־טער האנט. אט דאס משונהדיקע בייטן דאס רינגל פון איין פינגער אויפן צווייטן האט זיכער ניט געהאט קיין שום באדייטונג אויב ער האט עס געטון אזוי אפט, יעדע עטלאכע מינוט; עס מוז זיין מער ניט ווי א געוואוינהייט, א שלעכטע געוואוינהייט.

זיי זיינען ארונטערגעגאנגען דעם בארג, אלע צופוס ׳פאר אן איבערבייט; ווילאמס גייט מיט דער קליינער חברה, וועלכע הויבן אן צו לויפן. איז נאך וואו ערגעץ געווען אזא קליינער טייוול ווי אט די מאריאן! דער דאקטאר און דער לייטענאנט קומען נאך די לעצטע; דער דאקטאר זאגט:

— איך הער אז זעגלפאס האט זיך א היפש ביסל געענדערט. זענט איר דורכאוים צופרידן מיט די ענדערונגען, הער לייטענאנט?

— א, דאס זענט איר, דאקטאר? יא, א דאנק, איך בין צופרידן. פון וואנעט זאגט איר קומט איר?

— פון דעם מזרח־טייל לאנד. וואס איז דען?

— ווייל ס׳האט מיך דערמאנט אן עטלאכע רעקרוטן וועלכע איך האב איינמושטירט.

— רעקרוטן?

— מיספארשטייט מיך ניט — זיי זיינען געווען פיינע, הויכע יונגען; ווען איר רעדט דערמאנט איר מיך אן זיי. ווי זאגט איר הייסט איר?

— מיין נאמען איז מואוז.

— מואוז.

דער דאקטאר קייט אביסל זיין בערדל און זאגט:

— און אייער נאמען איז האלמסען?

— יאָ.

— פאַן האַלמסען אפשר?

— ניין, בלויז האַלמסען.

ד צוויי מענער זיינען שוין כמעט געווען קוויט איצט איינער מיטן צווייטן, נאָר דער דאָקטאָר האָט אומגליקלאַכערווייזע אָנגע־פאַנגען צו לאַכן, מיט אַ גרינגשאַצנדיק געלעכטערל, און דער ליי־טענאַנט האָט זיך ניט געקאָנט העלפן און געקוקט אויף אים ער־שטוינט. אין זיין בליק איז געלעגן אַ נאַכלעסיקע פאַראַכטונג; ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך אביסל געוואונדערט אויפן דאָק־טאָר, נאָר עס געהאַלטן פאַר אונטער זיין ווירדע צו פרעגן די אורזאַך פון יענעמס געלעכטער.

ווילאַטע איז צוגעקומען צו זיין פאָטער און געזאָגט:

— ווערסט גוט אכטונג געבן אויף בעלאָן, איאָ?

— אָ, יאָ, מיין אינגל.

— ווער איז בעלאָ? — האָט דער דאָקטאָר אומפאַרשעמט געפרעגט.

— מיין פערד.

— אָ, מיין גאָט.

ווילאַטע האָט געקוקט אויפן דאָקטאָר מיט אביסל פון זיין פאָטערס שטוינען אין זיינע אויגן.

— מיין רייט־פערד, — האָט ווילאַטע אים דערקלערט.

— ווען איך בין געווען אין דיין עלטער, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — האָב איך שוין געקאָנט אַ היפש ביסל לאַטיין. אזוינע גרויסע אינגלאַך ווי דו דאַרפן זען, אַז זייערע עלטערן זאָלן זיין שטאָלץ מיט זיי, פאַרשטייסטו מיך.

און דער דאָקטאָר האָט אַ שאָקל געטון פאָטערלאַך מיטן קאָפּ צו ווילאַטען.

ווילאַטע אָבער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט אזא מאָדנע אָרט ריידן; ס׳איז געווען פאַר אים אומפאַרשטענדלאַך — ס׳איז ניט געווען די שפּראַך פון אַנאַנדער לאַנד, נאָר פון אַנאַנדער וועלט.

זיין פאָטער שמייכלט צו אים.

— איך שטעל מיר פאָר, אַז דו האָסט ניט פאַרשטאַנען וואָס דער דאָקטאָר האָט דיר געזאָגט. דו ווייסט, אַז דו פאַרשטייסט אויך ניט אַלעמעאָל וואָס מאַרטין זאָגט.

— מאַרטין — ווער איז ער? — פרעגט דער דאָקטאָר.

— איינער פון מיינע דינער.

זיי זיינען געשטאנען אויפן האפן, די שיף איז צוגעקומען, דער לייטענאנט און זיין פרוי זיינען ארויפגעגאנגען מיט זייער זון אויף דער שיף, און דאקטאר מאוז איז נאכגעגאנגען.

— איין רגע ! — האט ער געזאגט צום לייטענאנט. — איך האב בלויז געוואלט זאגן, אז איך וואלט זיך געוואלט טרעפן מיט אייער מארטינען. ער מוז זיין א קולטורעלער מאן.

דער לייטענאנט האט פאמעלאך אויסגעדרייט זיין קאפ און געענטפערט :

— אז איר וועט קומען דאס צווייטע מאל קיין זעגלפאס צו געזעגענען זיך, למשל, וועט איר אריינגיין דורך דער געלער געביידע אין הינטער־הויף, דארטן וועט איר טרעפן מארטינען.

— א דאנק. אויב איר וועט, ווען יענע צייט וועט קומען, נאך האבן א געלע געביידע און א מענטשן מארטין.

* * *

הער האלמענגראא איז איינזאם בא זיך אין דער היים; ער האט ניט זיינס גלייכן מיט וועמען ער וואלט געקאנט פארברענגען. פרוי אירגענס, די פרוי, וואס פירט דאס הויז פאר אים, איז אן ערשט־קלאסיקע מיטהעלפערן אין קיך, אין שפייז־קאמער, און טוי'ג זיך אויס צו דער נאדל, חוץ דעם וואס זי גיט אויסגעצייכנט אכטונג אויף די קינדער, און אויף דעם הערס וועש; זי זינגט אבער ניט און שפילט ניט — דאס זיינען זאכן, וואס זיינען איבער פרוי אירגענס כח. אז הער האלמענגראא האט געוואלט האבן אביסל אנגענעמע געזעלשאפט האט ער געדארפט אריבערגיין אין פריצישן הויף, צום לייטענאנט, וואו ער האט זיך געפונען אין א גאנץ אנ־דערער וועלט. ער איז ניט אלעמאל געווען זיכער צי דער לייטענאנט איז געווען צופרידן מיט זיין קומען—ווי אזוי האט ער געקאנט וויסן? — ווייל כאטש דער לייטענאנט האט אים שטענדיק אויפגענומען העפלאך, איז ער געווען צוריקגעהאלטן און קאלטבלוטיק, ווי עס פאסט פאר דעם פיינעם איידלמאן, וואס ער איז געווען. זיין הויך־אריסטאקראטישע פרוי, ווידער, פלעגט אפט ארויסווייזן איר צו־פרידנהייט ווען דער גאסט איז געקומען, און ס'האט כמעט אויס־געזען ווי הער האלמענגראא וואלט פון דעם עפעס געדרונגען. ער האט זיך ערלויבט ווען־ניט־ווען פארבייגיין פרוי אדעלהייד ווען זי איז געפארן רייטנדיק אויף איר פערד. ער האט עס ניט געטון

אַפּט געננוג כּדי עס זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן, נאָר עס אויס־מאַרקירט אַזוי, אַז ס'האָט געפירט צו אַ באַגריסונג פון דער ווייטנס אָדער צו אַ קורצן געשפּרעך אויפן וועג. איינמאָל אָדער צוויי מאָל האָט דער לייטענאַנט מיט זיין פרוי אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין זיין הויז, נאָר דאָס איז געווען על פּי צופאַל, אָדער זיי זיינען געקו־מען באַוואונדערן זיינע לוקסוריעזע צימערן. ס'לעצטע מאָל איז די פרוי געווען אַליין און זי האָט געבעטן הער האַלמענגראַאַן צו קומען אין הויף אריין נאָכמאָל — לעצטנס איז ער צו זיי געקומען אַזוי זעלטן.

— ווען קאָן איך האָבן דעם כבוד צו זען אייך און דעם לייטע־נאַנט דאָ בּאַ מיר אין אַן אָוונט, מאַדאַם ? — האָט האַלמענגראַאַ געפרעגט.

און פרוי האַלמסען האָט אים באַדאַנקט און צוגעזאָגט קומען וואָס פאַר אַן אָוונט ער וויל אַליין. — און איך האָף, אַז ס'וועט זיין אינגיכן ! — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. זי איז געווען אַזוי פריינטלאַך.

און איצטער, בשעת האַלמענגראַאַ שטייט אויפן האָפן האָט ער אַלצדינג גרייט אויף צו אונטערהאַלטן די האַלמסענס.

ער האָט געפּלאַנעוועט זיי איינצולאַדן היינט, באַלד, אַלס אַ שטיקל צעשטרייאונג פאַר די דאַזיקע עלטערן, וואָס שטייען מיט די אויגן געווענדט צום ים און פּאַכן מיט די טיכלאַך צו זייער זון. ער האָט אפשר געטראַכט וועגן איינלאַדן אויך דעם נייעם־באַצירק דאָקטאָר, הער מואָז, נאָר ס'איז געווען קלאָר, אַז דער דאָקטאָר וואָלט מער קיין צייט ניט געהאַט היינט, וועט ער אים דאַרפן איינ־לאַדן אַ צווייט מאָל. האַלמענגראַאַ איז געווען באַגאַבט אויף צו קאָנען פאַנאַנדערקלייבן זיך אין אַן ענין, צו טון די ריכטיקע זאַך ; ער האָט וואַרשיינלאַך פאַרשטאַנען, אַז דער לייטענאַנט און זיין פרוי וועלן בעסער וועלן זיין אַליין יענעם אָוונט נאָך דער צעשיידונג מיט זייער זון.

האָט באַוואויגן די האַלמסענס, אַז זיי זאָלן גיין מיט אים.

פרוי אירגענס האָט אודאי געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַ גרויס־אַרטיקע וועטשערע, נאָר דער באַלעבאָס האָט ניט געוואָלט הערן דערפון ; ניין, ס'איז דאַרטן נאָר געווען אַ דעליקאַטער מאכל באַ־קאַלאָ, און לייכטער שפּאַנישער ווין. האַלמענגראַאַ האָט עס אַזוי

געוואלט, ער איז געווען פעסט אין זיין עניוות און וועט ניט פרואוון איבערשטייגן דעם אדעל־שטאנד פונם הויף.

פרוי האלמסען איז געווען איבעראשט צו טרעפן א גרויסארטיקע פליגל פיאנא אינם הויז, א גאנץ נייע, א וואונדערלאכע סטיינוויי פיאנא. — יא, מ׳האט זי נאר וואס געבראכט, — האט האלמענגראא געזאגט, — און וואלט די מאדאם מיר געוואלט אנטון דעם גרויסן כבוד צו זיין די ערשטע זי אויסצופרואוון ? — זי האט זיך צוגע־כאפט צו איר ווי די געבוירענע מוזיקערן, וואס זי איז געווען, און אריינגעגאסן שטראמען הארמאנישע קלאנגען אינם אוונט.

איז עס געווען מעגלאך צו פארשטיין אט די פרוי ? — מיט איר וואונדערבארער שטימע, טיף און ריין אין מענער ווי פיאלקעס. אויב איר מאן, מיט זיין אראבער־קאפ, האט זי ווען־ניט־ווען געהאלטן פאר א קאלטער, האט ער זיכער זי ניט געהאלטן איצט פאר אזא. ווענן וואס האט זי געזונגען? וועגן פייער און אש, וועגן פאנטאזיעס. ביינקעניש און ליבע. און דערנאך האט זי געשפילט סאנאטאס, כאראלן; אלץ מער און מער האט זי געזונגען, שפילנדיק פון זכרון. ביז באם סוף פון א האלבער שעה האט זי זיך אפגעשטעלט ווייל זי האט שוין מער ניט געדענקט. איז עס ניט געווען וואונדערלאך ? — ווי די גאנצע צייט, אין משך פון דער האלבער שעה, האט זי באם כוף פון איין ליד זיך אריינגעגליטשט אן אפהאלט אים צווייטן — איז בא אט א דער פרוי איר הארץ געווען קאלט ? אבער אין דער אמתן האט דער אראבער זי קיינמאל ניט געהאלטן פאר אזא, ווייל אויב יא וואלט זי אים ניט געווען אנגעגאנגען.

פרוי אירגענס, פארבייגייענדיק דורכן צימער, האט איר גע־דאנקט מיט אן עכט געפיל : — איר מוזט מיר לאזן אייך באדאנקען, מאדאם, פאר אט דעם גרויסן פארגעניגן, — האט זי געזאגט.

— קאנט איר אליין ניט שפילן ?

— ניין, איך האב זיך געלערנט נאר א קורצע צייט, ווי יעדער איינער. איך בין ניט געווען באגאבט, איך האב זיך אבער געדארפט לערנען אביסל. ס׳האט אפילו ניט ווערט צו ריידן וועגן דעם.

— ס׳איז א טייערע פיאנא, הער האלמענגראא.

דאס איז געווען אלץ, וואס פרוי האלמסען האט געזאגט וועגן דער פיאנא, ווייל וואלט זי געווען געזאגט מער וואלט זי ווידער געווען אנגעשטעקט איר מאן מיט אלערליי געדאנקען — זי האט געדענקט וואס ס׳האט פאסירט מיטן ארגל. איר מאן האט מיט אן

אמת געטראַכט וועגן קרינן יענעם אומגליקלאַכן אָרגל פֿאַרן קלוים־טער; ער האָט איר אַזוי געזאָגט, און עס האָט איר פֿאַרשאַפֿט ער־געניש, ווייל זיי האָבן געהאַט בילכערע זאַכן צו ערליידיקן. האָט זי זיך ווען־ניט־איז באַקלאָגט אויף דער אַלטער פּיאַנאָ אין דער היים? קיינמאָל ניט! וואָלט זי אָבער געוואָלט האָבן אַט אַזאַ ווי די? יאָ, מער ווי וואָס־ניט־איז עפּעס אַנדערש אין דער וועלט. נאָר זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. האָט זי אפשר אויך געטראַכט וועגן דעם, וועגן אָפּהאַלטן הער האַלמענגראַאַ פֿון צו געבן איר די פּיאַנאָ אַ מתנה? ער איז געווען רייך און זיך געפֿירט אויפֿן אַמעריקאַנישן שטייגער; ער האָט אפשר מיט אַ כּיון געבראַכט אַט אַ דעם אינסטרומענט, וואָס איז אַזוי אומנויטיק אין זיין הויז, פֿאַר איר, פּונקט אַזוי ווי ער האָט ווילאַמצן געשענקט דאָס רייט־פֿערד. אָבער אַט דער מאַן האָט זיך געלאָזט לייכט צוימען; אויב זי וואָלט אים געגעבן די אָנצוהערעניש וואָלט ער פֿאַרשטאַנען, אַז אַ פֿליגל־פּיאַנאָ איז אַ צו טייערע מתנה.

יאָ, פֿרוי האַלמסען האָט זיך ניט געקאָנט העלפֿן אים ניט צו באַוואונדערן אין אַ סך הינזיכטן. ווי אַלט איז ער געווען? אין איין עלטער מיטן לייטענאַנט; אפשר עלטער אַביסל; אַביסל גרוי אַזוי ווי ער נאָר מיט אַ מער געוויינלאַך פּנים. אין משך פֿון אַ פֿאַרשיידענ־אַרטיק לעבן לאַנג אין דער גרויסער ווייטער וועלט, האָט ער זיך ערוואָרבן אַנגענעמע מאַניערן; ער איז געווען אַ גוטהאַרציקער. און אַן איידעלער, זי האָט געדענקט די סעודה, וואָס דער ענגלישער קאַפּיטאַן האָט אַמאָל געמאַכט — היינט אָוונט האָט זי דערקאָנט אַ טייל זילבער, וואָס איז גענוצט געוואָרן אויף יענער סעודה. אַזוי אַרום הייסט עס, אַז הער האַלמענגראַאַ האָט אַראַנזשירט יענע סעודה אויך, פֿון הינטער די קוליסן.

האָט זי זיך אַליין גענאַרט? האָט האַלמענגראַאַ זיי אַרוים־געוויזן די היינטיקע און זיינע אַלע אַנדערע כמעט טעגלאַכע אויף אַ דעליקאַטן שטייגער פֿאַרשלייערטע אויפֿמערקזאַמקייטן, בלויז כּדי צו ווערן אַנטדעקט? זי האָט ניט געקאָנט אורטיילן; נאָר יעדנ־פֿאַלס האָבן זיינע אויפֿמערקזאַמקייטן ניט געקאָנט זיין מער טאַקטיש ווי ווען ער וואָלט געווען פֿאַרליבט אין איר. ער איז געווען אַן איינגנטימלאַכער און מיסטעריעזער מענטש; וואָס האָט זי גע־וואוסט וועגן קיניגן פֿון די קאַרדילעראַס?

נאָר אַמאָל, בײַ זעלטענע געלעגנהייטן, האָט מען געקאָנט

דערזען אַ גרעבערן שטריך אין אַט דעם מאַן — איז עס געווען אַ וואונדער? קיינער האָט ניט געקאָנט מאַכן וויניקער טעותן אַזוי ווי ער, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז ער איז קיינמאָל ניט אויפגעצויגן געוואָרן אויף קולטור, ניט פון געבורט און ניט פון דערציאונג. פרוי האַלמסען האָט געדענקט די רייזע קיין ענגלאַנד מיט אים אַלס קאָמפּאַניאָן. זיין שטילע פריינטשאַפט איז געווען מערקווירדיק. ער איז געווען אַן אומשעצבאַרער רייזע־קאָמפּאַניאָן פון אינדערפרי ביז נאַכט, גרייט אויף יעדן נויטפאַל, שטענדיק אינטערעסאַנט, שטענדיק אויפמערקזאַם צו אַ צווייטנס געפילן. אויף דער שיף זיינען געווען נאָך אַנדערע פרויען, ער האָט אָבער ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס צו קיין איינער ניט פון זיי; ניין, ס'איז דאָרטן געווען אַ יונגע שיינהייט אויף דער שיף, דעם קאַפּיטאַנס פּלימעניצע, וועלכע איז געווען געוואונט, אַז מ'זאָל זי פאַרערן — זי האָט דוכט זיך געהייסן פרײַלין אָטעסען — הער האַלמענגראַאַ האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זי אַפילו גאָרניט באַמערקט. נאָר איין אָוונט איז ער צוגעקומען און איר געזאָגט, אַז אויף דער שיף געפינט זיך דער סעקרעטאַר פונם דענישן געזאַנדטן אין לאָנדאָן — אַ באַרימטער מאַן. וואָס פּאַרט מיט זיין סוויטע — וואָלט די מאַדאַם געוואָלט זיך טרעפן מיט אים? — ניין! צו וואָס? — האָט די פרוי געענטפערט, קוקנדיק אויף האַלמענגראַאַן איבעראַשט. און ער האָט גאָרנישט ניט געהאַט וואָס צוריק צו ענטפערן. זי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון שמייכלען, זיך דערמאָנענדיק וועגן דעם איצט. זי האָט אָבער צוריק פאַרגלעט דעם ענין זאָגנדיק צו אים: — ניין, אַ דאַנק; איך האָב די בעסטע געזעלשאַפט אין אייער אָנוועזנהייט!

ס'האָט אויסגעזען דאָן, אַז אַט דער מאַן האָט געהאַט אַ פּאָר טשיקאַווע שטריכן אין זיך; ער האָט איגנאָרירט יעדן איינעם אויף דער שיף, ס'האָט אָבער אויף אים באַלד געמאַכט אַן איינדרוק אַן אַלטער סעקרעטאַר פון אַ געזאַנדטן. שפּעטער האָט זי אים געזען שטיין לעבן די טרעפּ, וואָס פירן פונם דעק צו די קאַיוטן, און פאַרנייגן זיך טיף ווען דער דיפּלאָמאַט איז אַרויף געגאַנגען אָדער אַרונטערגעקומען.

דער אויסמעסטבאַרער קיניג טאַביאַס...

— מ'האָט ווייזט אוים גערופן דעם דאָקטאָר אין איינעם פון די שטיבלאַך, — זאָגט הער האַלמענגראַאַ, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער; — זיין שיפל שווימט ערשט איצט אָפּ פון ברעג.

— אָ, דער דאָקטאָר, — זאָגט פרוי האַלמסען. — איך בין צו־פרידן, וואָס קיינער איז דאָ בײַ אונדז ניט קראַנק און דאַרף ניט דעם דאָקטאָר. איך ווייס ניט — נו, עס וואָלט ניט געווען אַנגענעם.

איר מאַן קוקט אויף איר.

— איך מיין, צו האָבן קראַנקהייט אין הויז — צו שיקן אַזוי ווייט נאָכן דאָקטאָר, — גיט זי גיך צו.

— איך האָב נאָכגעטראַכט וועגן דעם צי זאָל איך ניט בא־שטימען מיין אייגענעם דאָקטאָר פאַר די אַרבעטן דאָ און פאַר דעם געגנט.

— פאַרוואָס ? — פרעגט דער לייטענאַנט.

— דאָקטאָר מאָווז איז צו ווייט אַוועק פון דאַנען, און אפשר האָט ער צופיל צו טון. ער קומט ניט גענוג שנעל ווען מען רופט אים צו אַ חולה ; מיינע מענטשן האָבן שוין געשמועסט וועגן דעם עט־לאָכע מאָל.

דאָס האָט צוריק באַרואיקט די פרוי און זי האָט זיך אָנגעלענט אינם שטול מיט אַ נייעם באַגריף וועגן העלר האַלמענגראַאס מאַכט ; ער האָט געקאָנט באַשטימען זיין אייגענעם דאָקטאָר. זי האָט אָבער ניט געוואָלט, אַז ער זאָל עס טון צוליב איר.

— איר דאַרפט עס ניט טון, — האָט זי געזאָגט. — דאָקטאָר — וואָס איז זיין נאָמען ? — מאָווז איז, אָן ספק, אַ קלוג אי גע־וויסנהאַפטיק. דענקסטו ניט אויך אַזוי, ווילאַטע, אַז העלר האַלמענ־גראַאַ דאַרף עס ניט טון ?

— ניין, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט.

— דאָקטאָר מאָווז איז, אָן ספק, קלוג גענוג, און אָט דאָס האָב איך געזאָגט מיינע מענטשן. איך האָף, אַז דער עסק וועט זיך אויס־גלייכן. ס'זיינען אָבער געווען קלאָגעס.

דער לייטענאַנט הויבט אָן צו פאַרווײַלן מיט די קינדער. ער באַוועגט זיי, אַז זיי זאָלן אים ווייזן פאָטאָגראַפישע בילדער פון זייער מוטער ; אַ סך פון זיי זיינען געשטאַנען אויף דער פּיאַנאָ. זייער פיינע פאָרטרעטן ; אויף איינעם איז די פרוי געווען אָנגעטון אין אַן אינדיאַנישן קאָסטיום. געדענקען די קינדער זי? יאָ. האָט ניט מאַריאַן אַ שיין קלייד פּונקט אַזאַ ווי איר מוטער האָט געטראָגן ? אָ, יאָ, און פעליקס האָט אויך געהאַט אינדיאַנישע קליידער. אויב אַזוי מוזן זיי אַמאָל קומען אין הויף אַריין אָנגעטון אין זייער גאַנצער אויסשטאַטונג.

פרוי אדעלהייד האט אויפגעהויבן די אויגן: זי האט באמערקט, צום ערשטן מאל, אז האלמענגראאס אויגן האבן, גנבה'שערהייט, גע־קוקט אויף איר. ס'איז געווען א בלויזער צופאל, געווים; און ער האט גלייך געזאגט:

— איך בין געזעסן און געטראכט, אז מיין פרוי וואלט געוועזן נעדארפט הערן די מאדאם זינגען היינט אוונט. זי איז געווען אזוי מוזיקאליש געשטימט.

* * *

דעם ווינטער האט דער לייטענאנט ניט נאר ארונטערגעהאקט נעהילץ כדי צו פארקויפן עס האלמענגראאן פאר זיינע געביידעס. נאר אויך אויסגעהאקט יונגע ביימלאך צו שיקן זיי קיין דרום, שטיצ־באלקנס, אזעלכע וואס ענגלאנד און בעלגיע באנוצן אין די שאכטן. און דאס איז נאך אויך ניט געווען אלץ; מיט דער צייט האט עס אויסגעזען ווי ער וואלט זיך ארייננעגנומען א מאנקאליע אין קאפ אריין זיך אליין צו רואינירן — ווייל צוויי יאר האט ער אלץ גע־האלטן אין איין אויסהאקן שטיצ־באלקנס אין זיין יונגען וואלד. וואס איז מיט אים געשען. פונדעסטוועגן האט דער לייטענאנט, אן ספק, זיך געהאט זיינע אורזאכן פאר האנדלען אזוי; זיין גרוים הויז־געזינד, זיין פאטערס חוב אין באנק, וואס איז נאך אלץ געבליבן ניט באצאלט, זיין ארט לעבן, וואס איז געווען פארבונדן מיט גרויסע אויסגאבן, דאס טייערע אויסהאלטן א זון אין ענגלאנד. אלעם צוזאמען האט געפירט דערצו, אז דער לאנד־פריץ פון זעגל־פאס זאל זיין געענגט אין געלט. ער האט כמעט אליין ניט געוואוסט וואו עס איז אהינגעקומען זיין געלט; א גרויזאמער גורל האט עם פארשלונגען פון זיין האנט ארויס. וואלט ער ניט געווען געווארן שטופענוויז, אלץ מער און מער פילאזאפיש געשטימט, וואלט ער אפשר געווען אויפגעגעבן דעם קאמף. אט למשל, דער ארגל פארן קלויסטער; האט ער געקאנט לענגער אפווארטן ניט צו קויפן אים? ס'איז געווען א חרפה, וואס ער האט אים ביז איצט נאך ניט גע־קויפט; הער האלמענגראא קאן אים נאך פארלויפן דעם וועג און דאס וואלט געווען א פיינער עסק. דער קלויסטער איז נאך אלעמען, געווען א האלמסען קלויסטער דורכאוים, זאל איננאנצן א פרעמדער מענטש שענקען דעם קלויסטער אן ארגל?

ס'האט אבער אויסגעזען אוממעגלאך, אז ער זאל ווען־ניט־איז קאנען קויפן אט דעם קליינעם אינסטרומענט. וויפל דארף ער

קאָסטן ? עטלאָכע הונדערטער מן הסתם, דריי הונדערט, אפשר מער. ער האָט נאָכאַמאָל גערעדט מיט אַדעלהיידן וועגן דעם :

— בנוגע דעם אָרגל, וואָס דו האָסט איינמאָל זיך אויסגעדריקט, אַז דו וואָלסט געוואָלט האָבן אַזאַ, האָב איך שוין אויסגעפונען עט־לאָכע פּרטים, — האָט ער געזאָגט, ווי ער האָט עס אין דער אמתן טאַקע געהאַט געטון. — זיי ווילן וויסן די אויסמעסטונגען ; איך ווייס ניט די מאָס ; מ׳עט דאַרפן אויסבויען אַ גאַלעריי פאַר אים, ס׳איז אָבער ניטאָ קיין אָרט פאַר קיין גאַלעריי אינם גאַנצן קלויסטער. דער קלויסטער וועט דאַרפן פאַרגרעסערט ווערן.

— ניין, זיכער ניט, — האָט זיין פרוי געענטפערט. — איך בעט דיך אויפגעבן דעם גאַנצן געדאַנק וועגן דעם אָרגל; ס׳זיינען פאַראַן וויכטיקערע זאַכן.

— האָסטו אין זינען עפּעס ספּעציעלעס ?

— ניין. איך האָב אין זינען ווילאַטצן, און בלויז אים.

— ווילאַטץ איז גרויס און קלוג, ער פאַרדינט דיין זאָרגן זיך וועגן אים. דערווייל איז ער מיט אַלץ באַזאָרגט ; ער געפינט זיך אין דער בעסטער שול; ער גרייט זיך צו פאַר אַ צוקונפט, וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאַר אים.

— גאָט ווייסט ! — האָט זיין ווייב געזאָגט.

— וואָס מיינסטו ?

— איך בין ניט זיכער צי איז די שול ניט צו טייער פאַר אים.

— זי איז זייער טייער. דערפאַר אָבער איז ער דאָך אונדזער איינציק קינד.

פאַקטיש האָט דער פרוי, אין אַ סך זאַכן, ניט אויסגעפעלט קיין גראַדער פאַרשטאַנד, זי האָט אויך ניט געהאַט קיין אָפּגעמאַכטע געדאַנקען באַ זיך, וואָס מ׳האָט זיי געמוזט איר נאָכגעבן ; זי האָט אפשר באַמערקט, אַז איר מאַן געפינט זיך אין שווועריקייטן איצט. איר טייערער ווילאַטץ האָט גיכער געדאַרפט זיין אין דייטשלאַנד ; זיינע חברים זיינען גורם געווען דערצו, אַז ער זאָל לעבן פאַרשווענ־דעריש ; יענע זין פון לאָרדן האָבן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט עס באַווייזן צו האָבן מיט זיך אַ גאַנצע סוויטע, אַ רעפּעטיטאָר, און דינער. אין דער לעצטער וואַקאַציע זיינער האָט ווילאַטץ אָנטייל גענומען אין אַ טייערער שול־רייזע קיין פראַנקרייך צוליב דער שפּראַך; היינטיקס יאָר האָט ער ווידער געזאָלט פאָרן אַהין.

— ער שרייבט וועגן נייע קליידער — איך ווייס ניט ; דענקסטו,

צי ער דאַרף זיי נויטיק האָבן ? איך דענק אַז ניט. און יעדנפאַלס וואָלט ער ניט געווען געדאַרפט קויפן אַט דעם יאַגד־הונט, וועלכן ער דערמאַנט.

דער לייטענאַנט האָט געענטפערט :

— דו ביסט אודאי אויך איצט גערעכט, אַדעלהייד. און וואָלט איך געווען געוואוסט דיינע פאַרלאַנגען פריער, וואָלט איך געווען געהאַנדלט אַנדערש. ס'איז אָבער צו שפּעט איצט. איך האָב שוין געשיקט דאָס געלט.

— נו, אויב אַזוי קאָן מען זיך ניט העלפן.

— נאָך אַלעמען איז עס אַ קליינינקייט. יאָ, אַגב, האָט ווילאַטע ניט געשריבן עפּעס וועגן אַ מעסערל, וועגן אַ מעסערל, וואָס ער דאָט געשענקט גאָטפרעדן, און אַ צווייט אינגל האָט עס אפשר צו־גענומען בא אים ?

— יאָ, יוליאוס. ער בעט מיך דאָס אויסצוגעפינען און איך האָב עס בדעה געהאַט צו טון מאָרגן. דו דאַרפסט זיכער ניט —

— איך פאָר גראַד אַרוים אין יענער ריכטונג איצט, און חוץ דעם ווייס איך גוט דעם וועג צו די שטיבלאַך; איך וועל עס גלייך ערליידיקן. היינט איז זונטיק און די אינגלאַך קערן זיין אין דער היים.

דער לייטענאַנט רייט צו צום קליינעם גאָטפרעדס היים, קלאַפּט אָן מיטן בייטשל אין פענצטער, און הייסט זיך אַרויסשיקן דאָס אינגל.

— מיין זון האָט דיר געשענקט אַ מעסערל, אַ קליין מעסערל ; האָסטו עס נאָך ?

— יאָ, — ענטפערט גאָטפרעד דערשראָקן ; דערנאָך זאָגט ער „ניין", און קאָן קוים איינשטיין אויף זיינע פיס. ער קוקט אַהינטער זיך צום שטיבל נאָך הילף.

— האָט עס אימיצער צוגענומען ?

— יאָ, — ענטפערט גאָטפרעד.

זיין מוטער האָט זיך שוין איצט געבראַכט אַביסל אין אָרדנונג און זי קומט אַרוים.

— ס'האָט אַזוי געטראָפן, — האָט זי אים דערקלערט ; — זיין פאָטער האָט דאָס מעסערל אַלעמאָל געהאַלטן בא זיך, נאָר דאָ, איינמאָל אין הערבסט — אין אַן אומגליקלאַכן טאָג — האָט איין נאָכמיטיק גאָטפרעד —

— האָט עס יוליאוס צוגענומען ? — פרעגט דער לייטענאַנט קורץ.

— יאָ, — ענטפערט גאָטפרעד.

דער לייטענאַנט דרייט אויס זיין פערד און גיט אַ נויג מיטן קאָפּ, זאָגנדיק:

— דו וועסט האָבן דיין מעסערל צוריק!

און נאָכדעם פאָרט דער לייטענאַנט צו צו לאַרס מאַנילסענס שטיבל.

ס'איז זונטיק היינט; לאַרסעס זון, דער גראַדואירטער, וואָס איז אויף אַ באַזוך איצט אין דער היים, שטייט אויף דער שוועל און פאַרנייגט זיך.

— רוף אַרויס יוליאוסן.

לאַרס פאָלגט און ברענגט אַרויס זיין ברודער, וועלכער איז בלייך פון שרעק און דאָס פּנים איז בּאַ אים אַזש אויסגעצויגן.

— דו האָסט גאָטפרעדס מעסערל; גיי, ברענג עס אַרויס.

יוליאוס פאַרלייקנט עס ניט, נאָר ער פּרואווט עפּעס זאָגן. דערקלערן; דער לייטענאַנט מאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג ווי אויף אַרונטערצוקריכן פונעם פערד, און יוליאוס פאַרשווינדט אינעם שטיבל.

לאַרס שטייט דאָרטן נידערשלאָגן ביז זיין ברודער קומט אַרויס און גיט אָפּ דאָס מעסערל.

— דו האָסט צעבראָכן אַ קלינגל, — זאָגט דער לייטענאַנט.

— ניין, דאָס איז געווען אַזוי פון פריער, — ענטפערט יוליאוס.

— יאָ, ס'איז געווען אַזוי, מיין הער!

— ס'צווייטע מאָל, אַז דו וועסט אָנרירן עפּעס, וואָס מיין זון שענקט אימיצן וועסטו דערפילן אַ טעם פון אָט דעם אָ! — זאָגט דער לייטענאַנט, און גיט אַ פיר מיט זיין בייטשל אין דער לופטן.

יוליאוס אַנטלויפט צוריק אין שטיבל אריין, גיך ווי אַ בליץ, לאָזנדיק די טיר אָפן נאָך זיך.

דאָן הערט דער לייטענאַנט, ווי ער זיצט אַזוי אויפן פערד, ווי לאַרס מאַנילסען, דער פאָטער, הויבט אָן צו וואָרטשען אינווייניק אין שטיבל. איר פאַרשטייט, לאַרס מאַנילסען האָט אָנגעהויבן צו שטייגן אין דער וועלט, ער האָט געאַרבעט אין דער מיל, און פאַר־דינט געלט; אויף זיינע פענצטער האָבן געהאַנגען פאָרהיינגלאַך; ער האָט געהאַט אַ זון, וואָס האָט געענדיקט דעם סעמינאַר; זיין

טאַכטער דאָווערדאַנאַ איז שוין אויך מער ניט געווען קיין פּשוט דינסט־מיידל, נאָר זי האָט זיך געחברט מיטן האָפן־פּאַרוואַלטערס געהילף. לאַרס מאַנילסען וואַרטשעט און זאָגט:

— וואָס? ער האָט דיך געשלאָגן, יוליאוס?

דער לייטענאַנט האָט שוין געהאַלטן באַם אָוועקפאָרן, נאָר ער האָט אַ קירעווע געטון מיט די לייצעס אויף צוריק און געזאָגט צו לאַרסן:

— רוף אַרויס דיין פאָטער.

און לאַרס פאָלגט נאָכאַמאָל.

דער אַלטער קומט אַרויס אין זיין רויט העמד מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, געמאַכט פון וואַרע, וואָס איז געקויפט געוואָרן באַ פערן דעם קרעמער; יאָ, לאַרס מאַנילסען איז געווען אַן אימיצער איצט.

— וואָס וואַרטשעט איר? — פרעגט דער לייטענאַנט.

— איך? איך האָב בלויז געפרעגט דאָס אינגל —

— יעדנפאַלס אויב דאָס אינגל האָט ניט צעבראָכן דאָס קלינגל, האָט איר אים ניט באַדאַרפט באַשולדיקן אין דעם.

— איצט הערט זיך איין, לאַרס; איר האָט ווידער צוגעגנבעט עטלאַכע שאָף פון מיין סטאַדע לעצטן הערבסט. איר הערט עס בעסער אויף; איך וואָרן אייך נאָך איין מאָל.

— וואָס זאָגט איר? איך האָב צוגעגנבעט שאָף?

— נו, זאָל זיין אַזוי. אָבער איר פאַרקויפט פעלכלאַך מיט מיין צייכן אויף זיי דאָרטן אַרונטער אין קראָם, אַזוי אַז מיין מענטש, מאַרטין, דאַרף זיי צוריק אָפּקויפן. איך וועל ניט דערלאָזן, אַז פעלכלאַך און לעדער פון זענלפאָס זאָלן זיין פאַרמישט אין אייערע עסקים.

— איר קאָנט ניט זאָגן געוויי, אַז איך האָב **ג ע ג נ ב ע ט** שאָף, ווייל עס איז ניט אמת —

דער לייטענאַנט גיט אַ פיר מיטן בייטשל אין דער לופטן:

— נאָך איין וואָרט — און איך וועל אייך פאַרשיקן אין תפיסה!

— אָ, מיין האַר! — זאָגט לאַרס מאַנילסען, און זיין מויל פאַרקרימט זיך. — אויב איך האָב געהאַט דאָס אומגליק צוצונעמען אַ שאָף, דאַרפט איר באַרעכענען מיין גרויסע פאַמיליע, מיין האַר. ס׳וואָלט געווען גאָר עפּעס אַנדערש ווען איך וואָלט געווען פאַראורזאַכט, אַז דורך דעם זאָל אַן אָרימאַן ווערען אָרימער, אָבער איר, מיין האַר, איר קאָנט עס וואויל פאַרליידן — איך לייקן אָבער ניט,

אז עס איז אמת, אז אי לאַרס, וואָס שטייט דאָרטן און אי דאַוועך־דאַנאַ קענען אייך ניט געגוג אָפּדאַנקען, מיין האַר —

— פיר דיין פּאַטער אַריין צוריק! — שרייט אויס דער לייטענאַנט אין כעס. און דאַן ווענדט ער זיך צום זון: — וואָס ביסטו דאָ געשטאַנען די גאַנצע צייט? דאָס אַלעס האָט גאָר ניט געהאַט וואָס צו טון מיט דיר; אַז דו וועסט זיך אויפפירן גוט וועסטו קיין חרטה ניט האָבן אויף דעם. וואָס ווילסטו זאָגן?

לאַרס איז ווייזט אויס ניט געווען גערן אַרויסצוזאָגן וואָס ער וויל; ער ווייסט ניט צו זאָל ער וואָגן. ער איז דאָרטן געשטאַנען אין משך פון דער גאַנצער סצענע — אַ געזונטער, רויער יונג, מיטן קאָפּ איינגעבויגן — דערנידעריקט און מיט הכנעה.

—איך קאָן גאָרנישט זאָגן וועגן דעם, — זאָגט ער. — ס'איז ניט געווען מיין שולד.

דער לייטענאַנט הויבט אָן אַוועקצורייטן.

לאַרס גייט אים נאָך אַ פּאָר טריט און זאָגט:

— איך האָב געלערנט באַם פּאַסטאָר אַ יאָר צייט; איך וויל פּרוּוון שטייגן אין דער וועלט; איך זעץ פּאָר מיין שטודיאום.

ער איז אַ טיף, טראַכט זיך געווים דער לייטענאַנט. דער פויער, וואָס אַרבעט זיך אַרונטער אויף אַ גלח. יאָ, ווי העפּטיק ער וועט פּאַרזעצן זיין לערנען! נאָר אפשר, נאָך אַלעמען — פון אַ פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט — ס'איז בלויז דער אייביקער גאַנג; קיין זאַך ווערט נישט פאַרלוירן; לאַרס איז געווען צו פויל פּיזיש צו ווערן אַ פישער.

— איך שעם זיך אייך צו בעטן, מיין האַר, נאָר ווען איר וואָלט מיר געקאָנט אַרויסהעלפן איצט ביז — ביז איכ'ל קאָנען שטודירן אַליין — אַ יאָר אָדער אומגעפער —

ס'איז אפשר ניט געווען דער ריכטיקער מאָמענט פאַר אַזאַ בקשה — אָדער אפשר איז דאָס געווען דער ריכטיקער מאָמענט? נאָך דער סצענע מיט די צוויי מחבלים האָט דער לייטענאַנט געקאָנט זיך ערלויבן זיין גרויסמוטיק. האָט דען ניט אַלצדינג געריכט צו דעם? דער בחור האָט געדינט באַ האַלמענגראַאַן. ער האָט זיך אָבער ניט געווענדט צו אים; ער איז געגאַנגען צום פריץ פון הויף אַזוי ווי פריער, צום האַר פון זעגלפּאַס, וואָס האָט געהאַלטן יעדן איינעם אין זיין האַנט. חוץ דעם איז דער בחור געווען דאַוועדאַנאַס ברודער, און דאַוועדאַנאַ איז געווען אַ גוט מיידל.

— איך וויל נעמען פריוואטע לעקציעס, — האט לארס פאר־ענדיקט.

דער לייטענאנט האט א שאקל געטון מיטן קאפ און געענטפערט:

— איך וועל דיר העלפן.

קורץ און שארף, געשליכטעט. דער לייטענאנט איז צוריקגע־פארן צו גאטפרעדן. ס'ארא שווערע ארבעט, וואס פאר א לעבער־לאכער וועזן צוליב א מעסערל! דער לייטענאנט אבער האט קיין זאך ניט געטון האלב־ארבעט. די מוטער און דער זון שטייען לעבן דער טיר פונדרויסן; פאלינא מיט די גרויסע אויגן שטייט אויף דער שוועל.

— איז דאס מעסערל געווען גאנץ ווען דו האסט עס פארלוירן?

— גאנץ? יא.

— גאנץ? — זאגט גאטפרעד און קוקט אויף זיין מוטער. ער פארשטייט ניט: איז דאס מעסערל ניט געווען גאנץ? האט עס אימיצער צעבראכן?

— יא, דאס מעסערל איז געווען גאנץ און ריין, מיר האבן עס געהאלטן אין שופלאד. נאר יענעם טאג —

דער לייטענאנט טוט אויס זיין הענטשקע, צעשפיליעט זיין ראק און נעמט ארויס פון זיין קעשענע זיין אייגן מעסערל. און דאס מעסערל האט געהאט א זילבערן הענטל מיט א קאפ פון א חיה אויף יעדן עק, און עס האט געהאט צוויי גלאנציקע קלינגלאך און א האט־שיק אויף צו פארשפיליען הענטשקעס. דער לייטענאנט האט עס אליין געקויפט ווען ער איז געווען אין ענגלאנד.

— ווילאטש שיקט דיר אט דאס מעסערל אנשטאט יענעם, — זאגט דער לייטענאנט.

גאטפרעד איז אזוי פארוואונדערט, אז ער וואגט ניט צו נעמען דאס מעסערל; ער שטייט דארט מיט א שארלאך־רויט פנים, שטרעקט אויס די האנט איין מאל און א צווייט מאל און ציט זי צוריק. ער הערט זיין מוטער אויסרופן: — ניין, דאס א י ז צופיל!

— ווען גאטפרעד האלט שוין ענדלעך דעם אוצר אין זיין האנט, רעדט ער ניט ארויס קיין איין דאנק־ווארט; נאר ווען זיין מוטער דערמאנט אים אן דעם שטרעקט ער אויס זיין האנט איבערן זאטל.

דער לייטענאנט נעמט אן זיין האנט און נויגט מיטן קאפ —

דער לייטענאנט טוט נאך מער, ער האלט די האנט א ווייל; אזא

קליין הענטל, נאָר אַזאַ לעבעדיקס — די האַנט פון אַ דאַנקבאַר קינד. וואָס איז פאָרגעקומען מיטן לייטענאַנט.

— דו הייסט גאָטפרעד ?

— יאַ.

— קום צו מיר מאָרגן אין דער צייט.

— זאָל ער קומען צו אייך, מיין האַר ? — פרעגט זיין מוטער.

— מאָרגן, זאָגט איר ?

— מאָרגן צוועלף אַזייגער.

און דער לייטענאַנט רייט אַוועק ווייטער.

XIII

און אַלצדינג פאַרענדערט זיך איצט דאָ אומגעווייִנלאַך שנעל. חדשים און יאָרן פאַרגייען — ניט מיטן שטילן און רואיקן גאַנג פון געוויינלאַכע חדשים און יאָרן, נאָר מיט שווינגענדע טריט, מיט פאַרענדערונגען גרויסע און קליינע. זעגלפּאַס און די געגנט אַרום איז נישט צום דערקענען, גאָרניט דאָסזעלבע אָרט ווי ווען אונטער דעם לייטענאַנטס הערשאַפט : אונטערגעגאַנגען איז טאַקע גאָרנישט, אַלצדינג אָבער — אי מענטשן אי זאַכן — האָט זיך געביטן אין אויסזען און כאַראַקטער, און זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אין בייטן.

נעמט, למשל, די קאָלדעוויגס ; זיי זיינען שוין איצט מער קיינמאָל ניט געקומען. — קומען זיי אויך ניט היינטיקס יאָר ? — פלעגט פרוי אדעלהייד פרעגן. — ניין, היינטיקס יאָר אויך ניט. — דערנאָך פלעגט זי וואַרטן נאָך אַ זומער און איין ווינטער און נאָכאַמאָל זאָגן :

— ס'איז אַזוי מאָדנע, וואָס קיינער פון זיי קומט ניט . וועט ק י י נ ע ר פון זיי ניט קומען ?

— קיינער, — ענטפערט דער לייטענאַנט. — פרעדריק שרייבט, אַז זיינע עלטערן זיינען געוואָרן זייער אַלט און ווילן בעסער זיין אין דער היים. ער לאָזט גריסן.

— און פרוי פרעדריק מיט די קינדער ?

— וועגן זיי שרייבט ער ניט.

פרוי אדעלהייד פאַרלירט צופעליק אַ שפּילקע אויפן דיל און זי זוכט זי אַ לענגערע צייט. נאָך אַלץ זוכנדיק זאָגט זי :

— אָבער פרעדריק אַליין ?

— ער האָט קײן צײט ניט... האָסט פאַרלוירן אַ שפּילקע ? לאָז מיך דיר העלפן זוכן.

— אַ דאַנק, איך האָב זי געפונען.

יאָ, אַלצדינג האָט זיך געענדערט, אַפילו די קאָלדעװינס. זײ זײנען מער ניט געקומען. און אַלצדינג האָט זיך געהאַלטן אין בײטן.

האָט מען ניט געשמועסט װעגן מאַכן אַפילו דעם הינטערשטן טײל פון זעגלפאַס פאַר אַ באַזונדערן קירך־באַצירק ? נאָר עס האָט נאָך דערװײל געהאַלטן װײט פון דעם ; דער פּאַסטאָר װינדפעלד האָט ניט געקאָנט שטיצן אַזאַ פּלאַן, װאָס זאָל אױף אַזױפיל פאַר־קלענערן זײן אײנקונפט. — נאָר װען מײנע טעג דאָ אין צפון װעלן זײן געצײלטע, — האָט ער געזאָגט — מעגט איר טון װי איך געפעלט !

זײנע טעג אין צפון — דאַן מוז ער טראַכטן װעגן אָװעקפאָרן. אים לעבן, װאָס ער האָט דאָ געפירט האָט ער געהאַט אַ סך הצלחה; ער האָט געהאַט אַ גרױסן קירך־באַצירק און װײניק װאָס צו טון. ער איז דאָ אױך געװען זעכצן יאָר ,און געהאַט בדעה אױסצוהאַלטן אַזױ לאַנג װי נאָר מעגלאַך; ער האָט זיך דאָ גוט אײנגעפונדעװעט און אױסגעבױט זײן הײם דאָ אין דער דאָרפישער געגנט. ער מוז אָבער אַמאָל אָװעק קײן דרום ; ער איז געװען אַ דינער פונם קלױסטער־טום און נשמות אין אַנאַנדער שטעטל לעבן דער הױפּט־שטאָט האָבן אים געדאַרפט האָבן. זאָל ער לעבן און שטאַרבן אינם צפון־לאַנד ? אינם צפון־לאַנד ? ער, ס. פּ. װינדפעלד, האָט ניט געקאָנט זײן פאַראורטײלט צו אַזאַ אומװירדיקײט. איז ער ניט געװען קײן באַ־רימטער פּרעדיקער פון גאָטס װאָרט, און האָט ער אױך ניט צו־געגעבן צו די קירך־באַצירק אַרכיװן אַ באַשרײבונג װעגן דעם נײעם קלױסטער אין זעגלפאַס ? — װער האָט געקאָנט אױפטון מער ? זאָל אַזאַ מענטש ניט זוכן אַ שטעל אין דרום ? מיט גאָטס הילף װעט ער ניט מיסאַכטן דעם קירך־געזעץ, אַז אַ גלח זאָל בײטן זײן באַצירק פון צײט צו צײט.

און מיט גאָטס הילף האָט ער, װי עס װײזט אױס, געזאָלט האָבן אַ װירדיקן נאָכפאָלגער — לאַרס מאַנילסענס זון, לאַרס לאַרסען האָט מיט התמדה זיך געגרײט צו װערן אַ גײסטלאַכער.

אַ, דער לאַרס ! ער איז געװען אַ װאונדער — אַן אומגעהױערער פּרעסער פון ביכער ! ער איז געװען אין קריסטיאַניאַ און אױסגע־

האַלטן אַן עקזאַמען; געהאַט פאַרשוואונדן אויף אַ יאָר צו פאַרפאַל־קומען זיך אין נאָך מער קולטור; און דערנאָך ווידער זיך באַוויזן און אויסגעהאַלטן נאָך אַן עקזאַמען. אינם סעמינאַר אין טראַמסאַ האָט ער זיך אָנגעהויבן צו רופן לאַססען, דאָ אָבער אין זיין היימישן באַצירק, אַלס לערער צו האַלמענגראַאַס קינדער, האָט ער ניט געקאָנט אָנהאַלטן יענעם נאָמען: שוין אַ לענגערע צייט ווי מען האָט אים גערופן לאַססען, ל. לאַססען. יעדער איינער האָט גערעדט וועגן זיין ליידנשאַפט צו לערנען — ס'איז געווען איבערמענטשלאַך. ווען דער בישאָף איז אַרונטערגעקומען אויף זיין אינספּעקציע אין דעם באַצירק האָט ער געזאָגט: — אויב לאַססען וועט זיך ניט אָפּהיטן אַביסל מער וועלן מיר אים פאַרלירן; מ'זאָגט אַז ער האָט שוין אַזוי אויך אַ שוואַכע ברוסט; ער וועט זיך אַליין דערהרגענען!

דער באַצירק איז געווען שטאָלץ מיט זיין וואונדער און די איינוואוינער האָבן טאַקע אָנגעהויבן צו באַנוצן אַביסל ווייניקער גראָבע רייד אַפילו דאַן ווען נאָר זיין פֿאָטער, לאַרס מאַנילסען, איז געווען אַנוועזנד. יעדעס מאָל וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן אַן עקזאַמען האָט זיין נאָמען זיך פאַרשפּרייט פון מויל צו מויל, און מער ווי איין מאָל האָט זיך דער שמועס באַ פערן אין קראָם געוויקלט אַרום דעם בחור לאַרס: — ער זאָל עס נאָר קאָנען אויסהאַלטן! — זאָגט איינער. — יאָ, ער זאָל זיך נאָר ניט דערהרגענען, ווי דער בישאָף האָט געזאָגט! — גיט צו אַ צווייטער. — וועט ער שוין זיין זיכער אויסגעלייזט דאַן, — זאָגט אימיצער, — איז וואָס איז דען טאָמער יאָ? — דאָ מישט זיך לאַרס מאַנילסען, דער פֿאָטער, אַריין: — דו רעדסט ווי אַ בער, האָסט פאַרזוכט אַ טראָפּן צופיל!

ווי די צינגער באַוועגן זיך הין־און־־הער.

יאָ, זיי האָבן אָפט פאַרזוכט אַ טראָפּן צופיל באַ פער דעם קרעמער; ס'איז געווען אַ פריילאַך אָרט, מיט פּלוידעריי און לשון־הרע און קלינגען פון געלט און כסדרדיק קומען און גיין, און פון די וויין־פעסלאַך האָט זיך אַלעמאָל געצאַפּט. און די גאַנצע צייט איז פ. יעגסען אַליין געוואָרן קאַרגער און רייכער און מ'האָט פאַר אים געהאַט מער דרך ארץ, כאָטש ער האָט ניט אויפגעהערט צו זיין אַ פּויער און זיך קליידן פּויעריש. יעדער איינער האָט שוין געדאַרפט וויסן איצט, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ פאַרמעגן ווי זיינס וועט קיינמאָל ניט אָפּנאַרן אַ קינד; נאָר מיינט איר, אַז מענטשן האָבן אים ווײ־ניקער חושד געווען? מ'האָט ווי פריער געהאַלטן אַן אויג אויף אים

און פּראָטעסטירט און אויסגעזעצט קעגן ווען ס'איז געווען נויטיק. דאָך האָט פּ. יענסען בייגעטראָגן זיין חלק צום וואוילזיין פון די מענטשן און פונם אָרט. קיינער האָט עס ניט געקאָנט אָפּלייקענען. ווען ער האָט ניט געפּועלט אויף צו קאָנען אויפשטעלן אַ טאַנצזאַל, האָט ער געגעבן דעם יונגוואַרג אַן אָרט צום טאַנצן אין אַ שיף־קאַמער הינטערן ים־שפּיץ; אַ הילצערנער דיל איז אויסגעלעגט געוואָרן און אַט דער קאַמער, און מ'האָט זי גאַנץ גוט אויסגענוצט בּאַר געזעלשאַפטלאַכע צוזאַמענקונפטן אין די זונטיקן.

הער האָלמענגראַא אָבער, דער מאַן, וואָס האָט געהערשט אַי־בער אַלצדינג, איז ניט געוואָרן דינער פון שווערער אַרבעט, ניט פּעטער פון הצלחה. פרייינטלאַך מיט מענטשן און ערלאַך אין זיינע עסקים איז ער זיך געגאַנגען זיין וועג און בּאַהאַלטעט זיין גרויס געשעפט. מ'האָט אים געשאַצט איצטער אין דער ווערט פון אַ הונ־דערט טויזנט דאָלאַר; נאָר דאָס יאָר ווען דאָס מינץ־געלט איז גע־ביטן געוואָרן אויף קראָנען און אָרם איז יעדער איינער אַזוי צו־מישט געאָרן וועגן דעם ווערט פון געלט, אַז הער האָלמענגראַאַן האָט מען פאַררעכנט אַ גלייכן מיליאָן. האָט ער זיך בּאַקלאָגט? ניט ער. זיין שטאַנדפּונקט האָט אויסגעוויזן צו זיין, אַז, אַ דאַנק גאָט, ער דאַרף זיך ניט בּאַקלאָגן אויב מ'וואָלט אים אָפּגעשאַצט אויף צוויי מיליאָן אין אַט־דעם ניי־מאָדישן געלט־בּייט. ער מוז זיין גע־מאַכט פון געלט. ער האָט איצט בּאַזיצט די דרויסנדיקע גרעניצן פונם זעגלפּאַס מאַיאָנטעק, די געבּיידעס, דעם געפּלאַסטערטן האָפן און די האַפן־דאַמבע; זיין אייגנס איז אויך געווען די קראָם און די בעקעריי אַרונטער לעבן ים — הגם זיי זיינען געפירט געוואָרן אונ־טער אַנדערע נעמען. מ'איז אויך געווען זיכער, אַז ער האָט פינאַנ־סירט עטלאַכע סוחרים אויפן וואַסער־בּרעג — הענריקסענען פון אָטוואָיער זיכער. יאָ, מ'האָט געדענקט, אַז זיין אייגנטום האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָר לעבן דעם גוט פונם אַלטן לאַנד־פריץ קאָל־דעווין פון איטערייאַ, וועלכער איז געווען דורכאויס צו רייך מ'זאָל קאָנען בּאַ אים אָפּקויפן.

איז דען געווען אַ גרעניץ צו זיינע טעטיקייטן!

ניט לאַנג צוריק האָט ער זיך געסטאַרעט צו קריגן דעם טעלע־גראַף אַהער, נאָר דאָס איז געווען אַ פאַרשלעפּטער עסק. דער שטאַט האָט זיך אַריינגעמישט און האָט דעם ענין אונטערזוכט. מענטשן זיינען געווען איבערצייגט, אַז ווען דער שטאַט וואָלט געווען פאַר־

צוזיגן דעם ענין אַפֿילו נאָר אויף אַ קליין שטיקל צייט לענגער, וואָלט הער האַלמענגראַא געוועזן אַוועקגעשטעלט די טעלעגראַף־ליניע אויף זיינע אייגענע הוצאות. און פּונקט ווי דער שטאַט וואָלט ענדלאַך איינגעזען אַז די געפֿאַר, האָט ער אַרויסגעשיקט סלופּעס, דראָט און אַרבעטער און אָנגעפֿאַנגען די אַרבעט.

און די מיל האָט אומאויפֿהערלאַך געראַשט. מאָל נאָך מאָל זיינען גרויסע פּראַכט־שיפֿן אָנגעקומען מיט תבואה פֿון דעם באַלטישן און דעם שוואַרצן ים; ניט לאַנג צוריק איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט ווייץ אַזוי, אַז מענטשן האָבן געהאַט נאָך איין באַדערפֿניש באַפֿרידיקט. ווייץ! — אַ פּאַבלהאַפֿטע תבואה, אַ פּראָדוקט פֿונם דרום! די מיל האָט עס צעמאָלט, די מענטשן האָבן עס געקויפֿט — אויף אַן אמת, ווייצן־מעל איז געוואָרן זייער פּאָפּולער; ווייס ברויט האָט זיך באַוויזן אין דער בעקעריי און ווייסע קאַשע אויפֿן אָרימאַנס טיש. ס'איז געווען אַ וואונדער, ווי אַזוי מענטשן — באַזונדערס קליינע קינדער — האָבן געקאָנט לעבן פֿריער, ווען די קאַשע איז ניט געווען ווייס ווי שניי!

וואָס נאָך האָט מען געקאָנט פֿאַרלאַנגען איצט? אַן אַדוואָקאַט און נאָטאַריוס האָט זיך אויך באַזעצט אין דער געגנט, אַ יונגער מאַן, וואָס איז געווען אַזוי באַהאַוונט אין געזעץ, אַז מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו זיין אַביסל פֿאָרזיכטיקער מיט זייערע רייד און מעשים. מ'האָט שוין מער ניט געדאַרפֿט פֿאָרן אַזוי ווייט אין געריכט אויף צו קריגן גערעכטיקייט; דער באַצירק אַדוואָקאַט ראָש האָט געקאָנט שליכטן דעם ענין גלייך אויפֿן אָרט. ס'איז געווען אַ גוטע זאַך, וואָס ער איז געקומען, און הער האַלמענגראַא האָט געהאַט אַ קליין הויז גרייט פֿאַר אים ווען ער איז אָנגעקומען.

הער ראָש האָט געוואָלט אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין הויף, נאָר הער האַלמענגראַא האָט אַנשטאָט דעם אַראַנזשירט אַזוי, אַז דאָס פֿאָרשטעלן אים פֿאַרן לייטענאַנט מיט זיין פֿרוי איז פֿאָרגעקומען אינדרויסן — אַ גוטער אויפֿטו, פֿאַר וועלכן ביידע צדדים זיינען געווען דאַנקבאַר.

ס'איז פֿאָרגעקומען אַזוי.

די פֿרילינג־פֿאַרפֿלייצונג האָט אויפֿגעריסן דעם לייטענאַנטס מיל־גרעבליע און פֿאַרטראָגן די מיל מיט זיך. די מיל איז געשטאַנען שטיל די לעצטע עטלאַכע יאָר, זינט האַלמענגראַא האָט אויסגעבויט זיין מיל; נאָר אַפֿילו אין דעם איצטיקן צושטאַנד איז זי געווען

איינע פון די קלענערע פראכטן אויפן מאיאנטעק. און איצט איז זי מער ניט געווען. אָבער די זעג־מיל — וואָס הערט זיך מיט איר? זי איז אויך פאַרטראַגן געוואָרן. און עס האָט אויסגעזען ווי די מיל און די זעג־מיל וואָלטן ביידע אָפּגעריייניקט געוואָרן פונם טייך פונקט צוצוטרעפן הער האַלמענגראַאַן: ס׳האָט אויסגעזען ביז גאָר מערקווירדיק, ביז גאָר שטוינענד — אָט די צוויי בנינים זיינען חער האַלמענגראַאַן פונקט געשטאַנען אין וועג אויף צו קאָנען דורכפירן אַ נייעם פּלאַן — און אַצינד האָט דער טייך זיי אָפּגערייניקט.

דער האַלמענגראַאַ האָט אויך ניט געזוכט צו באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז ער איז טיילווייז געווען שולדיק אין דעם אומגליקפאַל: ער האָט צופיל פאַרגרעסערט דאָס וואַסער אין טייך כדי אַרונטער צו ברענגען געהילץ פונם לייטענאַנטס וואַלד.

ווען דער לייטענאַנט איז אַראָפּגעגאַנגען צום טייך באַטראַכטן דעם שאָדן, האָט זיין פרוי באמת לייד געטון פאַר אים, ער האָט עס געפילט אַזוי דורכדרינגלאַך — וואָס זיין פאָטערס און זיידנס וואַסער־מיל און זעג־מיל זיינען מער ניטאָ. ער איז אַהיים געקומען אויף מיטיק און צוריקגעגאַנגען צום פּלאַץ פון דער קאַטאַסטראָפע. און זיין פרוי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זי מיטנעמען מיט זיך אַהין. צוערשט האָט ער אויסגעוויזן צו זיין איבעראַשט נאָר דערנאָך געזאָגט: — איך דאַנק דיר פאַר דיין מיטפילן. טו אָן הויבע שטיוול!

און דאָן האָט האַלמענגראַאַ פון זיין זייט מיטגענומען דעם יונגען אַדוואָקאַט ראַש, אַז ער זאָל מיט אים מיטגיין און צוגעקומען צום טייך נאָך די האַלמסענס. אַזוי האָבן זיך די פיר געטראָפן.

דער רויש פונם טייך האָט געקאָנט אַ מענטשן טויב מאַכן; זיי האָבן זיך באַגריסט, נאָר זייערע ווערטער האָט מען קוים געקאָנט הערן — האַלמענגראַאַ האָט געדאַרפט ריידן הויך ווען ער האָט פאַר־געשטעלט דעם הער ראַש. ס׳איז געווען מאָדנע צו זען ווי דער יונ־גערמאַן נעמט אַראָפּ זיין היטל און פאַרנייגט זיך בעת זיינע ווער־טער זיינען פאַרזונקען געוואָרן אינם גערויש פונם וואַסער.

זיי זיינען אַלע צוריקגעגאַנגען פונם טייך מיט אַ פּאַמעלאַכן טראָט, דער לייטענאַנט פאָראויס; ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט האַלמענגראַאַ געזאָגט:

— אָט קאָנט איר זען וואָס פאַר אַ פעלערן עס קאָן מאַכן אַ דילעטאַנט! אַן עקספּערט וואָלט קיינמאָל ניט פאַרגרעסערט דאָס וואַסער אין טייך צוליב יענעם געהילץ.

דער לייטענאנט שטעלט אן זיינע אויערן:

— האט איר פארגרעסערט דאס וואסער אין טייך? צו וואס?

— אוים נארישקייט, טוט מיר לייד צו זאגן. איך בין זייער באטריבט איבער דעם. איצט, אויב איר וועט מיר נאר געבן די נויטיקע צייט, האף איך צו קאנען פארגיטיקן דעם שאדן.

— וואס וועט איר טון?

— איר האט געהאט א גרעבליע דארטן, א וואסער־מיל און א זעג־מיל, איך וועל זיי אלע צוריק אויסבויען אויפסניי.

פויזע.

— אין דער אמתן זיינען זיי געווען אלטע געביידעס און קיין נוצן ניט געבראכט, — זאגט דער לייטענאנט. — ניין, איר דארפט זיי ניט איבערבויען.

האט האלמענגראא ערוואַרט אזא ענטפער? קיינער ווייסט ניט. ער האט גארנישט גערעדט וועגן דעם. נאר ער האט געזאגט צום לייטענאנט מיט גרוים דרך ארץ:

—דאן איז פאראן אן אנדער אויסוועג. איך האב פאראורזאכט אז אייער האלבער טייך זאל זיין נוצלאז איצט צו אייך און איך וועל אייך באצאלן זיין ווערט.

פויזע. דער לייטענאנט רעכנט צענויף צוויי און צוויי צוזאמען און דרינגט דערפון:

— איר ווילט האבן דעם גאנצן טייך?

— אויב איר האט ניט וואס אויסצוזעצן קעגן דעם.

דער לייטענאנט פאנגט אן צו גיין ווייטער; זיי גייען אלע ווייטער. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ארט וואו זייערע וועגן האבן זיך געדארפט צעשיידן האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט — און ביז דאן האט ער געהאט גענוג צייט נאכצוקלערן:

— דאס וועל איך ניט טון; מער פונם טייך וועל איך ניט פארקויפן.

האט האלמענגראא ערוואַרט דעם ענטפער? ער האט זיך אויף קיין פאל ניט געפילט אין קיין פארלעגנהייט, נאר געזאגט מיט זיין געוויינלאכער פריינטלאכקייט:

— ס'איז פאראן א דריטער אויסוועג: איך וועל אייך אנבאטן וואס פאר א פארגיטיקונג נאר איר וועט געפינען פאר פאסיק.

* * *

מיט עטלאכע טעג שפעטער איז הער האלמענגראא געגאנגען

מיטן ברעג אויף זיין זייט טייך. ער האָט וואַרשיינלאַך אין זינען געהאַט זיין נייעם פּלאַן און געמאַכט אויסמעסטונגען מיטן אויג, געמאָסטן די ערד מיט די טריט און זי געשאַצט. דער נייער פּלאַן? יאָ, אַ נייער פּלאַן.

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז דער לייטענאַנט אויך אָנגעקומען מיט דעם וועג. ער איז געגאַנגען צופוס. אַזוי ווי ער איז אַריבערגעגאַנגען אויף האַלמענגראַאַס זייט טייך, און אַזוי ווי ער האָט קיין זאַך קיינמאָל ניט געטון בסוד, האָט ער, אָן ספק, געזוכט האַלמענגראַאַן. עטלאַכע מאָל האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן אין געדאַנק.

יאָ, ווי ער האָט נאָכגעטראַכט און נאָכגעקלערט די לעצטע צוויי טעג, און האָט נאָך אַלץ געקלערט! ווען ער האָט צוריקגעוויזן האַלמענגראַאַס אָנבאָט אָפּצוקויפן בײַ אים דעם צווייטן טייל טייך, האָט עס גאַנץ גוט געקאָנט קלינגען ניט מער ווי אַ שטות'ערײַ, אַ קאַפּריז; דער לייטענאַנט אָבער האָט געוואוסט, אַז ער האָט גוטע אורזאַכן פאַר דעם, וואָס ער האָט געטון. די באַנק, כדי צו באַשיצן אירע אייגענע אינטערעסן, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך באַראַטן מיט די בערגענער ערבים, האָט זי אים געבעטן זיך אָפּצוהאַלטן אויף אַ שטיקל צייט פון פאַרקויפן ווייטער זעגלפאַס רעכט און אייגנטום.

ס'איז געווען אַ געדולדיקע באַנק צו לאָזן אים אָנגיין מיט זיינע מעשים אַזוי לאַנג. נאָר, יעדנפאַלס, איז דאָס געווען אַ באַליידיקונג פאַרן גוטבאַזיצער פון זעגלפאַס, און עס האָט אים שטאַרק געערגערט. אַ שרעקלאַכער שאָטן האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן איצט — אַז הויז און לאַנד האָט געקאָנט אַוועקגענומען ווערן פון אים. ווי אַזוי וועט ער עס באַרעכטיקן פאַר זיין יורש אין דער ווילאַטע האַלמסען דינאַסטיע? זיין גאַנץ נאָכדיינקען האָט אים צו גאָרניט דערפירט; אפשר האָט ער נאָך דערווייל נאָך אַלץ ניט גענוג קאָנצענטרירט זיינע געדאַנקען. דאָס איז בלויז געווען דער אָנפאַנג, נאַרישקייטן! ער האָט פון זיך אַליין אפשר געקאָנט זען אַ בילד אין דער אויפפירונג פון די הינער אויף זיין פערמע: ווען אַ הון קריגט אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, הויבט זי אויף איר קאָפּ צוערשט אויף איין זייט און דערנאָך אויף דער צווייטער זייט, באַטראַכטנדיק, צי איז די לאַגע אַ גינסטיקע פאַר איר אויסצופירן דאָס, וואָס זי האָט געהאַט אין זינען. דאָן גיט

זי אַ שוואַכן און נוצלאָזן פּלאַטער און הערט אויף נאָר ווען זי קריגט אַריין אַ נייע שטות'עריי אין קאָפּ אַריין. קיין זאַך אין דער וועלט וועט זי ניט באַוועגן, אַז זי זאָל זיך אַליין אומדרייען אויף צוריק; זי וועט זיך אָפּקערן אַן אַ זייט, זי וועט גיין אין דער קרום, זיך אומדרייען אָבער וועט זי ניט.

צו וואָס זאָל דער לייטענאַנט זיך אומדרייען? ער האָט ניט פאַרשווענדט זיין געלט — ער האָט נאָך אפילו ניט געקויפט דעם אָרגל, נאָך ערגער! ניין, ער איז געווען דער קרבן פון אַ געזעץ, אַ צוואַנג פון דער נאַטור; און ווי אַזוי האָט אַ מענטש געקאָנט קעמפן מיט דעם? אַלס אַן אַלטער סאָלדאַט, האָט ער געוואוסט, ווי אַזוי צו פאָלגן. ער האָט געפאָלגט, ווען דער סיגנאַל פון צוריקציען זיך איז געגעבן געוואָרן! ער איז ניט געווען רואינירט, פאַרשטייט זיך; ער אַליין און ווייטער קיינער ניט האָט באַזיצט דעם זעגלפאַס מאַיאָנטעק. ער אַליין און ווייטער קיינער ניט האָט באַזיצט דאָס גרויסע הויז מיט זיינע פילע ווערטפולע זאַכן. זיין פאַרמעגן אָבער איז געווען אונטער דער לאַסט פון חובות, און דער געדאַנק אַליין פון זיין שולדיק אַנדערע, איז געווען אומדערטרעגלאַך. אמת, ער קאָן זיך אַליין נאָכאַמאָל ראַטעווען איצטער דורך אָננעמען הער האָלמענגראַאַס פאַרגיטיקונג, וויפל אָבער וועט עס באַטרעפן? עס וועט אַפילו ניט זיין גענוג איינצושטילן די באַנק, און נאָך דעם וועט ער אַליין גאָרנישט ניט האָבן מיט וואָס צו לעבן ווייטער. ער האָט ניט געזוכט קיין תירוצים פאַר זיך אַליין, קיין איינעם ניט; אַלעס וואָס מ'קאָן זאָגן איז, אַז ער האָט ניט באַגריפן די לאַגע, און אַז עס מוז זיין אַ קראַפט, וואָס אַרבעט קעגן אים. ער וואָלט זיך געווען געקאָנט זאָגן, אַז קיינער קאָן ניט אויספירן צו וואַרפן זיך מיט געלט, ווען קיין געלט קומט פון ערגיץ ניט אַריין, ער האָט עס אָבער זיך ניט געזאָגט. געוויס איז ניט געווען נויטיק אָוועקצוואַרפן נאָך כמעט אומגענוצטע פאַסיאַנס־קאָרטן — דאָס איז געווען צו לעכערלאַך; און, דעם אמת געזאָגט, האָט ער זיך לחלוטין ניט גענויטיקט אין דעם טייערן פעלץ, וואָס ער האָט זיך געמאַכט, ווען ער איז געפאָרן קיין ענגלאַנד. אַזעלכע זאַכן, אָבער, האָבן דאָך ניט באַטראָפן פיל, און זיי זיינען געווען כמעט די איינציקע פאַרשווענדונגען, וואָס ער האָט זיך געקאָנט דערמאָנען. דאָרטן האָט ער געהאַנגען, דער פעלץ איצט; ער איז קיינמאָל ניט געפאָרן אין

געריכט אריין, ס'איז ניט געווען צוליב וואס ארונטערצובריינגען דעם גענעראל אהערצו אין צפון־לאנד, איז ווען זאל ער טראגן דעם פעלץ? אויב ס'איז אים באשערט דורכצוגיין א גרויסע און אומפארמיידלאכע ירידה, איז מעגלאך, אז זיין ווייב, פרוי אדעלהייד, זאל אים מאכן א פאר פארוואורפן — הלואי וואלט דער פעלץ בעסער געווען געלעגן ביים שניידער — א גרויס ניט צעשניטן שטיק ווארע — ביז היינטיקן טאג. ס'איז געווען אמת, אז ער האט געדארפט פארליידן געוויסע זאכן פון אדעלהיידן — צווישן אנדערע דאס, וואס זי האט געמאכט, אז ער זאל פירן א בחוריש לעבן אינמיטן פון זיין פארהייראט לעבן — ער האט עס אבער געקאנט פארטראגן, אזוי לאנג, ווי ער האט זיך ניט געפילט שולדיק — ווי איז אבער, אז זי וועט אים אויסווארפן עפעס, האבנדיק א גוטן גרונט פאר דעם! ער איז געווען אזוי געבויט, אז ער האט געקאנט פארטראגן אומפארדינטע באשולדיקונגען, אבער ניט אזעלכע, וואס ער האט געפילט, אז ער איז שולדיק אין זיי.

ער איז איצט געווען אויף זיין וועג ארויף צו הער האלמענגראאזן בדי זיך צו אנטשולדיקן פאר אים. זיין שארפער אפזאג האט אנגענומען א פארם פאר וועלכער ער האט חרטה געהאט. ער האט געוואלט אים דערקלערן, אז אין דער אמתן האט ער אים אפגעזאגט צוליב דעם, וואס געוויסע אומשטאנדן האבן אים פארווערט צו פארקויפן מער פונם טייך. ער וואלט אויך ניט געווען געגעבן דאן אזא קורצן ענטפער ווען אדעלהייד וואלט דארטן ניט געווען זיין; ס'איז געווען צוליב איר, וואס ער האט געדארפט אננעמען זיין אלטע ראל אלס דער פריץ פונם הויף.

ער האט געזען הער האלמענגראאס הוט און רוקן ארויפצו העכער באם טייך; נו, ער וועט ניט דערלאזן, אז ס'זאלן אים גענאכט ווערן אנבאטן; ער וועט זיי אליין מאכן — אויב מעגלאך. האלמענגראא? זיין לעבן איז געווארן טיף פארוויקלט מיט דעם לעבן פון אט א דעם פרעמדן. דער לייטענאנט מוז זיך מיט אים רעכענען ווי מיט א גלייכן אין א סך זאכן און אלס א העכערן פון זיך אין א היפש ביסל; ווער איז אבער געווען האלמענגראא? א מאן פון דער צווייטער זייט ערד־קוגל.

אט דרייט ער זיך אוים און קומט צוריק ארונטער, קומט אנטקעגן דעם לייטענאנט. ווער איז געווען דער מענטש? ער האט ניט אפגעשטאמט פון קיין פאמיליע, ניט געהאט קיין היים; ער

איז געווען א מיסטעריעזער מענטש, א קאָסמאָפּאָליט — אפשר א סימבאָל, אפשר א נאַטור־קראַפט. ער באַגריסט דעם לייטענאַנט ווי געוויינלאַך און דער לייטענאַנט ענטפערט צוריק. זייערע באַציאונגען האָבן זיך ניט געביטן, נאָר דער פּריץ פונם הויף איז, אויף דער רגע, דער ווייניקער זיכערער אין זיך. האָט הער האַלמענגראַא געוואָרט אויף אים?

דער לייטענאַנט גייט גלייך אריבער צום עיקר, ווי זיין שטייגער איז:

— דאָס לעצטע מאָל, ווען מיר האָבן זיך געזען האָט איר דערמאָנט דריי אויסוועגן. ס'איז פאַראַן א פערטער: צו לאָזן אַלצדינג אַזוי ווי עס איז.

— דאָס קאָן איך ניט טון, — ענטפערט האַלמענגראַא.

— איך קאָן ניט פאַרקויפן מער פונם טייך און ניט קיין לאַנד. געוויסע פאַרפליכטונגען נאָך פון מיין פאָטערס צייטן פאַרווערן מיר דאָס צו טון.

— זיכער ניט פון אָננעמען פאַרגיטיקונג פאַר אָנגעטונענעם שאָדן?

— הם. דער געדאַנק איז מיר ניט צום האַרצן. איר האָט גאָרנישט ניט געוואונען דורך מיין שאָדן.

— הער לייטענאַנט, איך האָב נאָר וואָס באַטראַכט דאָס אָרט דאָרטן נאָכאַמאָל. צוויי זאַכן זיינען מיר געשטאַנען אין וועג אויפן טייך — איצט זיינען זיי מער ניטאָ דאָרטן. ס'קאָן אפשר קלינגען מאָדנע, זיי זיינען מיר אָבער געשטאַנען אין וועג און איצט זיינען זיי מער ניטאָ דאָרטן.

דער לייטענאַנט קאָן זיך נאָך אַלץ ניט פאַנאַנדערקלייבן און זאָגט:

— איך ווייס ניט — איך גלויב קוים צי איך פאַרשטיי אייך גוט.

— ס'איז אַזוי די מעשה, — דערקלערט האַלמענגראַא; ווען איך זאָל קאָנען איבערבויען אייער גרעבליע דאָ, אויף מיין זייט טייך, וואָלט איך געקאָנט דאָ אוועקשטעלן זייער א נויטיקע מאַשין. מעג איך אייך בעטן מיטגיין מיט מיר? — און איך וועל אייך ווייזן וואָס איך מיין.

זיי גייען אַרויף העכער מיטן ברעג טייך אוןריידן גייענדיק:

— וואָס פאַר א מאַשין איז עס?

— אַ געוויסע איינאָרדנונג מיט דראָטן, וואָס וואָלט מיר איינגעשפּאָרט די הוצאות פון פירן צו און פון דער מיל.

דער לייטענאַנט פרעגט עטלעכע פראַגן וועגן רעלסן און אַ לאָקאָמאָטיוו, נאָר האַלמענגראַא גיט צו צו זיין דערקלערונג:

— אָ, יאָ, איך וועל אויסלייגן רעלסן פונם האָפן ביז דער מיל. אַ טאָפּלטע קאַליע. איך וואָלט אָבער געמאַכט אַז דער וואַסערפאַל זאָל שלעפּן די וואַגאָנעס אַרויף און אַראָפּ.

זיי שמעלן זיך אָפּ און האַלמענגראַא ווייזט אָן אויף די פאַרשיידענע ערטער: — ד אָ ר ט ן וואָלט געווען די גרעבליע, ד אָ ר ט ן די וואַסער־ראָד. — דער רויש פונם וואַסערפאַל צווינגט די צוויי מענער, אַז זיי זאָלן שטיין נאָענט איינער לעבן צווייטן כדי זיי זאָלן קאָנען הערן איינער דעם צווייטן; און דאָס איז דעם לייטענאַנט ניט צום האַרצן. ער באַקומט דעם איינדרוק, אַז ס׳איז ניטאָ מער קיין שטערונג דורכצופירן דעם פּלאַן און ציט זיך גלייך צוריק פונם טייך.

— ס׳איז גאָרנישט ניטאָ וואָס עס זאָל אייך אָפּהאַלטן פון צוטרעטן צו דער אַרבעט, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס? אָ, ניין. מיר קאָנען אָבער אויסגעפינען אַ געוויסע פאָרם פון שליכטן דעם עסק צופרידנשטעלנד פאַר אונדז ביידן?

— איך ווייס ניט. די באַנק פאַרוועדט מיר צו פאַרקויפן.

— אַ באַנק פאַרוועדט? — זאָגט האַלמענגראַא עקספּראָמפּט אַרויס. — איך וועל אייך אויסלייזן פון אייערע פאַרפליכטונגען צו דער באַנק.

—ס׳איז אַ גרויסע סומע, — האָט ער געזאָגט, — אָבער מיין גאַנץ לאַנד שטייט אַלס משכון, אַביסל האָב איך אָפּגעצאָלט; ס׳איז געבליבן פערצן טויזנט.

— אויפן אַלטן געלט?

— יאָ, אומגליקלעכערווייז, פערצן טויזנט אויפן אַלטן געלט. אין טאַלערס.

ס׳איז בלי שום ספק, אַז האַלמענגראַא האָט מיט דער צייט אויך געוואוסט אַביסל אַפילו פונם לייטענאַנטס געשעפטן — זיין אופן ריידן איז געוואָרן אַלץ מער קורץ און שאַרף:

— ס׳איז אַ וועקסל?

— יאָ. מיט ערבים, וואָס זיינען אויך פאַרזיכערט מיטן לאַנד.

— איך וועל אויסגלייכן דעם וועקסל.

מערקווירדיק — ס'איז געווען אפגעטון א גרויסע און זייער וויכטיקע זאך, און בלויז די עטלאכע דורכאויס נויטיקעווערטער זיינען ארויסגערעדט געווארן. ווען די צוויי מענער האבן זיך צעשיידט איז אלץ געווען אין ארדנונג; און זיי האבן געהאט זיך אויסגעגלייכט אויף א סומע פארן גאנצן טייך און פאר דער גאנצער אזערע אין די בערג. הער האלמענגראא האט זיי פולשטענדיק אפגעקויפט פונם זעגלפאס מאיאנטעק און געווארן דער איינציקער אייגנטימער איבער זיי.

מעגלאך, אז דער לייטענאנט האט שוין זייענדיק דא, איינאיינוועגס געהאט א גרויסן חשק צו באזוכן א פאר פון זיינע וואלדטראקטן אויף דער מערבדיקער זייט טייך. ער האט זיך אויסגעדרייט און צוריק געגאנגען מיטן ברעג טייך ארויף נאכאמאל צו די רואינען פון זיין גרעבליע, זי פארבייגעגאנגען און זיך געלאזט מיטן טייך־ברעג גלייך ארויף צו דער אזערע. יא! דארטן איז געווען גוט געהילץ — אין פופציק יאר ארום וועט דא זיין געדיכטער וואלד, טייער געהילץ, דא אויך; ווילאטע קאן זיין רואיק! בכלל האט זיך אלצדינג געבעסערט! א גאנץ וויכטיק געשעפט ערליידיקט היינט בייטאג; דעם חוב אין באנק באצאלט און ווידער פארמאגט ער געלט אין זיינע הענט — א נישקשה'דיקע סומע, גענוג אויף א לאנגער צייט. ווער הער האלמענגראא זאל ניט זיין — עפעס האט געשטעקט אין אים פון דער געטלאכער השגחה. ער האט געוואוסט ווי אזוי ארויסצוקריכן פון שוועריקייטן; דער לייטענאנט האט זיך ניט געקאנט אפהאלטן פון שטוינען. און דאס בעסטע פון אלץ איז געווען דאס, וואס הער האלמענגראא האט אים ניט געטון קיין אומזיסטע טובה, ער האט פשוט געטון געשעפט מיט אים. דאס איז געווען גאנץ נאטירלאך. קאן דען א מענטש פארטראגן צו געפינען זיך אונטער א שטענדיקער התחייבות, דורך אננעמען א ניט באלוינטע טובה? ניין, קיין זאך קאסט ניט אזוי טייער ווי א מתנה.

זעען מיר, הייסט עס, אז דער לייטענאנט איז געווארן קליגער און קליגער. וואו איז אהינגעקומען די אומבויגזאמקייט, דאס עקשנות פון זיינע אינגערע יארן? זעלטן ווען נאר האט ער נאך אלץ געוויזן, אז ס'טליעט א פייער אונטערן אש. דאס איז געווען גאנץ נאטירלאך.

ער זעצט זיך אנידער אויף א שעה צייט און טראכט — ער איז א פילאזאף און ער איז ניט אין איילעניש. ווען ער שטייט צוריק אויף, גייט ער טיפער אריין אין וואלד און קוקט זיך ארום: דא און

דאָרט זעט ער, צו זיין פאַרדרוס, פריש־אָפּגעהאַקטע וואָרצלען, פאַרבליבענע פונם לעצטן מאָל אָרונטערהאַקן די יונגע ביימער; נאָר אַ סך יונגער וואַלד איז נאָך אויך געבליבן — די צייט וועט אים צייטיק מאַכן און ווילאַטע וועט זיין רייך!

ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַ זייטיקן וועג און צופעליק זיך אָפּגעשטעלט דאָרטן וואו ער האָט געקאָנט אַרונטערקוקן אויפן הויף פון האַלמענגראַאַס הויז: ס'איז געווען אַ גרויס הויז, נאָר ס'האָט אויסגעזען ניי און אויסלענדיש, מיט אַ גרויסן דאַך, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט ווייט — אויף צו געבן שאָטן; גלייך ווי מ'וואָלט זיך געגנויטיקט אין דעם! — און זיך געשטיצט אויף זיילן באַם סאַמע עק. ס'האָט אַלץ אויסגעזען רוי, ווי אַ נייעם איינזידלערס אָרט. די הינער האָבן זיך אַרומגעדרייט אין הויף; אינם גאָרטן איז כמעט גאָרנישט ניט געווען חוץ ווייַנפּערלאַך־קוסטן. זע! אָט איז אַדעלהייד אַרויסגעקומען דורך דער הינטער־טיר פונם הויז; זי איז אָן ספק געקומען אַהין נאָכאַמאָל שפּילן אויף דער פליגל־פּיאַנאָ. הער האַלמענגראַאַ איז אויך געווען מיט איר און זי געפירט לעבן דער וואַנט צו דער קליינער אַלייע דורכן גאָרטן. מאָדנע — ער איז געגאַנגען מיט זיין האַנט אַרומגענומען אַרום איר טאַליע. זיי האָבן זיך וועקגעזעצט צווישן די ווייַנפּערלאַך־קוסטן.

פון דאַנעט אַרונטערצו איז אויך געווען פיין געהילץ, נאָר אַביסל געמישט — בלעטערדיקע ביימער צווישן די סאָסנעס. איצט ווידער, אויב עס איז טאַקע באמת געווען די לופט פון די סאָסנע־וועלדער, וואָס הער האַלמענגראַאַ האָט געדאַרפט האָבן, פאַרוואָס האָט ער אויסגעבויט זיין הויז אין אַ וואַלד פון געמישטע ביימער? דער לייטענאַנט האָט וועגן דעם ניט געטראַכט פריער, נאָר ס'איז אים איצט איינגעפאַלן. ער איז געגאַנגען ווייטער, צוריקגעקומען צום טייך ווידער, און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער בריק. הייסט עס דאָרטן שטייט נאָך אַלץ די ציגעלניע; דאָרטן איז זי געשטאַנען אַ פאַרגעסענע, פאַרגעסן אַפילו פון דער גרויסער פאַרפלייצונג — דאָס איינציקע, וואָס ס'איז אים פאַרבליבן פונם טייך און פון די אַלטע אַרבעטן.

ווען דער לייטענאַנט ליגט אויף דער סאָפע אין זיין צימער שפּרינגט ער שוין מער ניט אויף צו קלינגען דאָס גלעקל, צו רופן דאַווערדאַנאַ; ער האָט אויפגעגעבן אַ סך פון זיינע אַלטע גע־וואוינהייטן, ער דיסציפּלינירט זיך אַליין. נאָר ס'האָט נאָך ניט

געהאלטן אזוי שלעכט מיטן לייטענאנט; ער ווערט גרויער, נאָר דאָס איז פון די יאָרן; ער לייענט די הומאַניסטן, נאָר דאָס איז ווייל ער איז גענייגט צו זיי. ווען דער לייטענאַנט, ווי עס טרעפט זעלטן, קלינגט יאָ אָן, קומט אַריין גאָטפרעד.

דער קליינער גאָטפרעד מיט די קליינע זיינע אברים און מיט די קינדערשע הענט.

ער האָט אים געהייסן, אויב איר געדענקט, מיט עטלאַכע יאָר צוריק, אַרויפקומען צו אים אין הויז אַריין. גאָטפרעד האָט זיך דאַן מוראדיק געשראָקן, און זיין מוטער האָט געדאַרפט מיט אים מיטגיין. דער לייטענאַנט אָבער איז געווען פריינטלאַך און גערעדט צו אים מילד, און אים געזאָגט אַז ער זאָל דאָ פאַרבלייבן. אַ טשיקאַווער מענטש דער לייטענאַנט! דערנאָך האָט ער דאָס אינגל אַרויפגענומען צו זיין פרוי אין צימער און זי געפרעגט צו זי האָט אויך ניט קעגן דעם, אַז ער זאָל פאַרבלייבן, און זיין פרוי האָט געזאָגט יאָ, זי איז איינשטימיק מיט אים. איז גאָטפרעד פאַרבליבן. ער גייט איצט גוט געקליידט און געהאַט גוטע שפּייז די גאַנצע צייט, איז קוקט ער אויס ווי אַ פּריציש קינד, כאָטש ער גייט אָנגעטון ווי אַ פּאַזש אין אַ רויט רעקל מיט גלאַנציקע קנעפּ. זיין ספּעציעלע עובדה איז צו האַלטן ריין זיין באַלעבאָסטעס און דעם באַלעבאָס רייט־פערד און די זאָטלען, נאָר ער דאַרף זיך אויך מאַכן נוצלאַך בכלל. ער איז געווען אַניסשליסלאַך דער באַדינער פון דעם פּריץ מיט זיין פרוי; קיין אַנדערער האָט ניט געהאַט צו זאָגן איבער אים, און ער האָט צעטיילט זיין באַדינעריי צווישן זייביידן. די אַריסטאָקראַטישע פרוי איז אויף קיין פאַל ניט געווען די, וואָס האָט אים געראַפט צום ווינציקסטן; ווי לייכט, למשל, ווען זי איז געוואָרן מיד פון זיין אַליין און זי האָט געוואָלט ריידן מיט אימיצן, איז גאָטפרעד געווען צו דער האַנט. מעגלאַך, אַז זי האָט די גאַנצע צייט געטראַכט פון ווילאַטצן און אודאי האָט זי ווייניק גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש און נאָר וועגן אים; ווען־ניט־ווען פלעגט זי פאַרלייענען פאַר גאָטפרעדן אויסצוגן פון איר זונס בריוו, און דאָס איז געווען אַ גרויסער כבוד.

דעם לייטענאַנט ווידער איז דאָס אינגל מער צונוץ געקומען פאַר דרויסנדיקער אַרבעט, אַזעלכע אַרבעטן ווי גיין אַוועקטראָגן און ברענגען די פאָסט פון דער ביוראָ אויפן האַפן, אָדער געבן עסן אַרבעס די טויבן. דאָס האָט מען אויך געדאַרפט טון. בכלל אָבער

איז דאָס דינען באַם לייטענאַנט געווען גרינג און ניט געפאַלן שווער דער דינערשאַפט, און חוץ דעם איז גאַטפּרעד געווען אַזאַ קליינער. ווען דער לייטענאַנט אַליין האָט אים גערופן האָט עס געקאָנט זיין, למשל, צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז גאָטפּרעד זאָל אַרונ־טערגיין צום פראַנט־אַריינגאַנג און אַ קוק טון אויפן טערמאָמעטער; דערנאָך ווען דאָס אינגל איז צוריקגעקומען און אים געלאָזט וויסן די אָנצייגונג פון דעם טערמאָמעטער פלעגט דער לייטענאַנט אים אָנווייזן מיט אַ נייג פונם קאָפּ, אַז מער פאַרלאַנגט ער גאָרנישט.

האָט גאָטפּרעדן זיך געלעבט גאַנץ גוט. און אַצינד האָט פּאָלינאַ, גאָטפּרעדס שוועסטער מיט די אַרונטערגעלאָזטע אויגן אויך געוואָלט אָנקומען דינען אין הויף, און ס'האָט ניט געקאָנט זיין קיין באַזונ־דערע אויסזעצונג קעגן איר. ס'איז געווען איר מוטער, וואָס איז געקומען בעטן מ'זאָל איר מיידל צונעמען דינען. — איך וועל פרעגן די באַלעבאָסטע, — האָט די הויז־פירערן געענטפערט. איך וועל ריידן מיט מיין מאַן, — האָט די באַלעבאָסטע געענטפערט. — אויב זי קאָן צונוץ קומען האָב איך גאָרניט קעגן, — האָט געענטפערט איר מאַן. — ברענגט אַריין דאָס מיידל, — האָט זיין ווייב געזאָגט. — ווי רופט מען דיך? פּאָלינאַ? מירן דיך האַלטן דאָ. וויפל ביסטו אַלט? קוק אַרויף, פּאָלינאַ!

און אַזוי אַרום איז פּאָלינאַ אויך געבליבן. ס'זיינען שוין געווען אַזויפיל אין זעגלפּאַס, אַז מיט איינעם מער אָדער ווייניקער האָט שוין ניט אויסגעמאַכט.

און די צייט איז זיך געגאַנגען.

דער לייטענאַנט פּאַרט אַרום אויף זיין טעגלעכן רייט־שפּאַציר און אינספּעקטירט זיינע פעלדער און זיינע פלויטן, זיינע גראָבנס און זיינע וועלדער; ווי פריער, רעדט ער זיך דורך מיט זיין מענטשן, מאַרטין, וואָס פאַר אַן אַרבעטן ס'זיינען דאָ צו טון אויפן מאָנטיק. אַמאָל רופט ער אַרויס די איינוואוינער פון די שטיבלאַך אויף אַן עקסטרא טאָג אַרבעט, און בכלל פירט ער זיך אויף זיין גוטן אַלטן שטייגער.

נאָר די ווינטערס זיינען געווען לאַנג און מרה'שחורה'דיק. איצט ווען ער שפּאַנט אַרום אין זיין צימער אין אַן אָוונט הערט ער ניט קיין שום אַנדער קלאַנג חוץ זיין אייגענעם פאַרשטיקטן טראָט אויפן טעפּיך. אַך, די ווינטערס זיינען געווען לאַנג און מרה'־שחורה'דיק. ווילאַטץ איז נאָך אַלץ געווען אין שול אין ענגלאַנד

און אדעלהייד האט געשפּילט אויף דער פליגל־פּיאַנאָ אין הער האָל־מענגראַאס הויז.

אַ טשיקאַווער מענטש, אַט דער האָלמענגראַאַ. ער האָט באַ־זיצט דעם טייך איצט און געקאָנט בויען זיין גרעבליע און זיין וואַסער־ראָד, נאָר ער האָט עס ניט געטון. פאַר צוויי יאָר צייט האָט ער ניט אונטערנומען קיין איין שריט צו דעם. אין איינעם אַ טאָג האָט ער דערקלערט דעם לייטענאַנט, אַז ער האָט, לײַדער, געמוזט אויפגעבן דעם גאַנצן פּלאַן; זיינע מענטשן וואָלטן צופיל געליטן דורך דעם, די פורמאַנעס וואָלטן געווען אַרויסגעשטויסן פון דער אַרבעט. — מיין פּלאַן מוז צוּוואַרטן! — האָט הער האָלמענגראַאַ געזאָגט. זייער גוט. אָבער דער פּלאַן וועגן אַ וואַסער־ראָד — האָט ער זיך באַצויגן ערנסט צו דעם?

ס'איז אָבער געשען אַ סך: הער האָלמענגאַראַ איז געוואָרן דער באַלעבאָס איבער זעגלפּאַס, איבערן טייך, איבער די וועלדער, און איבערן גאַנצן לאַנד — דאָס האָט דער לייטענאַנט געוואוסט.

ווען אַט דער פאַקט איז אים ס'ערשטע מאָל קלאָר געוואָרן אין זיין גאַנצער שרעקלאַכער ווירקלאַכקייט איז דער לייטענאַנט בלייך געוואָרן פאַר שרעק און זיינע האָר זיינען מיטאַמאָל געוואָרן גרויער. ער האָט אויסמאַרקירט אין איינעם אַ טאָג אַזוי, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפן און געמוזט זיך אָנטרעפן מיט הער האָלמענגראַאַן אויפן וועג; ער איז געטריבן געוואָרן צו דער באַגעגעניש אויס איינ־נעם שרעק, ער האָט געוואָלט איבערלייענען דעם אמת אין זיין מלוחם אויגן. הער האָלמענגראַאַ איז אָבער געווען דערזעלבער וואָס פריער. העפלאַך און פריינטלאַך צום לאַנד־פריץ פון זעגלפּאַס פונקט אַזוי ווי אינם ערשטן טאָג. דאָן איז דער געפיל פון שרעק אריבער, חדשים און יאָרן זיינען פאַרלאָפן און קיין קאַטאַסטראָפע איז ניט פאַרגע־קומען — צו וואָס, האָט דען האָלמענגראַאַ ניט פאַרגעזעצט אפילו ווייטער צו באַקומען זיין מילך אין הויף און באַצאָלט פאַר איר? מ'דאַרף אָבער אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער לייטענאַנט, פון זיין זייט, האָט געצאָלט די פּראָצענטן און די איינצאָלונגען אויף זיין חוב פּינקטלאַך, כאָטש, אום צו זיין גענוי, איז עס געווען האָלמענגראַאַ, וועלכער האָט אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אויפן באַזאָרגט אים מיטן געלט פאַר דעם.

אָבער נאָך אַלעמען — האָט דאָס נאָך אַלץ ניט אויסגעמאַכט; ס'זיינען געווען ערגערע זאַכן. ווי אַזוי, למשל, קאָן אַ מענטש איב־

גאַנצן פאַרגעסן אין אַן אָרגל, וואָס ער האָט באַשלאָסן צו קויפן ? און, צום אַלעם ערשטן, ווען וועט זיך געפינען דאָס געלט פאַר דער פאַרגרעסערונג פונם קלויסטער, פאַר דער גאַלערייע אויף וועלכער דער אָרגל האָט געדאַרפט שטיין ? דער לייטענאַנט האָט זיך אַליין געמאַכט אַ פאַרוואורף פאַר פאַרנאַכלעסיקן דעם עסק — עס מוז באמת אויסזען צו אַנדערע, אַז ער האָט ניט גענוג געלט דערצו. האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרלירן זיין ענערגיע ? באַ דער ערשטער גוטער געלעגנהייט וועט ער זיך צו דעם נעמען ערנסט.

און אפשר זיינען אויך געווען אַנדערע זאַכן צו וועלכע ער האָט זיך באַצויגן נאַכלעסיק. דער לייטענאַנט האָט ניט פאַרבאָרגן פון זיך אַליין, אַז ער וועט דאַרפן האָבן אַן ערנסטן געשפרעך מיט ווילאַטצן ווען ער וועט אַהיים קומען אויף די וואַקאַציעס. דאָס יונגע בחורל איז געווען אַ פיינער הויכער יונג, ער האָט אָבער נאָך אַלץ ניט באַזיצט די פעסטקייט פון ווילן און כאַראַקטער, וואָס אַ ווילאַטש האָלמסען דאַרף האָבן. וואָס איז געשען מיט דעם אינגל ? ער האָט זיך געוואָלט לערנען צייכענען און מאָלן, ער האָט געוואָלט זיין אַ מאָלער. — „גוט, זיי אַ מאָלער !“ — ער וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַ מאַטראָס — אַ שיף־אָפיצער. — „נאָך בעסער, אַ סך בעסער, מיין אינגל ! זיי אַ מאַטראָס אַ שטיקל צייט, ביז דו וועסט איבערנעמען זעגלפאָס !“ נאָר ווילאַטש האָט געהאַט חלומות און געוואָלט אויס־פּרוּאוון אַלערליי זאַכן ; ער האָט אפילו, צו זיין פאָטערס פאַרדרוס, געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער וויל זיך אָפּגעבן אינגאַנצן דורכאויס נאָר מיט מוזיק אַליין ; נאָר דאָס איז מעגלאַך געווען דער שוואַכסטער־פון זיינע אַלע פּלענער — ער האָט נאָכאַמאָל וועגן דעם ניט גערעדט.

אָבער, ווען זיין פאָטער וואָלט עס נאָר געוואוסט, עס איז געווען בלויז מוזיק און ווייטער גאָרנישט, וואָס דער גוטער ווילאַטש האָט אויף דעם פאַרשווענדט זיין צייט באַטאָג און באַנאַכט. ווייל אָט דאָס איז עס געווען, דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך, אין זיין בלוט — דאָס איז עס געווען, וואָס זיין מוטער האָט אים געלערנט.

XIV

ווילאַטש קומט אַהיים.

ער איז הויך און עלעגאַנט, טראָגט אויבער־שיך און גרויע קליי־דער, אינגאַנצן ווי אַן ענגלענדער. ווען זיין מוטער האָט דערזען אָט דעם הויכן בחור, וואָס איז געווען איר זון, איז עס געווען אַ גרויסע

איבעראשונג פאַר איר. אַ סך יאָרן האָבן געמוזט פאַרלױפן פונם טאָג פון זײַן געבורט, יאָרן, װאָס האָבן געמוזט איבערלאָזן זײערע צייכן אויך אויף איר — זי האָט געמוזט װערן אַלט. ס׳אַרא משונה־דיקער און אומאַנגענעמער געדאַנק! — גרויסער גאָט, איך דענק, אַז ס׳הויבט אים שוין אָן צו וואַקסן אַ באָרד! — האָט זי געטראַכט. עטלאַכע טעג האָט אָט די מוטער אויף אַן אמת זיך געפילט שלעכט זעענדיק אַז אויף איר זונס באַקן האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן פוך.

ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט נאָך אַ יונגען איידלמאַן, וועמען ער האָט געקאָנט גוט אין זײַן קינדהייט, אַנטאָן קאָלדעווין, אַ זון פון פרעדריק קאָלדעווין. דער יונגער אַנטאָן איז עטלאַכע יאָר געווען אין דער סט.־ציר שול, וואו זײַן פאָטער האָט געלערנט פאַר אים: ער האָט גענומען אַ האַנדלס־קורס און געזאָלט אַרײַנטרעטן אין זײַן פאָטערס געשעפט.

ענדלאַך איז אַ קאָלדעווין ווידער געקומען קיין זעגלפאָס; דער קאָנסול פרעדריק האָט געשיקט אַלס זײַן פאַרטרעטער — אַ נאָך ניט פול דערוואַקסענעם זון. אַלאַ! וויפל יאָרן עס האָבן שוין געמוזט פאַרלױפן; פרוי אַדעלהייד האָט געקוקט פונקט מיט אַזױפיל אומ־צופרידנהייט אויפן יונגען אַנטאָנס גוט־געבויטע פיגור ווי אויף איר זונס.

ווייטער האָבן די צוויי יונגעלייט ניט געהאַט קיין שום ענלאַכ־קייט צווישן זיך; אויב איינער האָט עפּעס זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן וועט דער צווייטער זיך אַרומטראָגן מיט עפּעס אַנדערש: ביידע זיינען געווען פאַרעקשנט. אַנטאָן האָט אומגעוואַנדערט אַר־מעטום, אין דער מיל, אויפן האָפן, לעבן האָלמענגראָאַס הויז, אַרום די פויערשע שטיבלאַך. ווען־ניט־ווען איז ווילאַטץ מיט אים מיטגע־גאַנגען אויס העפלאַכקייט, ער איז אָבער געוואָרן גענוג ענגלענדער צו קאָנען בעסער אָפּשטיין שטיל שעהנווייז זייענדיק אידיאָטיש פאַרנומען מיט פישן אינם טייך. ווילאַטץ איז נאָך אַלץ געווען אַ גע־מיש פון אַ סך עלעמענטן; ער האָט געקאָנט שפּילן און זינגען מיט זײַן מוטער, ער האָט אָבער אויך געקאָנט שמועסן אויף אַ דערוואַק־סענעם שטייגער מיט זײַן פאָטער. ער האָט אַרויסגענומען אין געהיים עטאַכע פון זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס־שאַפונגען — ראָמאַנסן, קליינקייטן: — האָט זײַן מוטער דען ניט געוואוסט, אַז ער איז אַ גאון, אַ ווײַנאַכטן־קינד. זי האָט געזונגען די יוגנט־מוזיק, דער־

הויבנדיק זי צום הימל מיט איר וואונדערבאַרער מעצצאָ־סאָפּראַנאָ שטים. זי האָט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אויסגעוואַקסן צו שנעל און געמאַכט זי דורך דעם פֿילן אַלט, זי האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ פֿריינט צו זיך, און ווען־ניט־ווען פֿלעגט זי אים מיטנעמען מיט זיך צו האָלמענגראַאַן אויסצופּרואוון די פֿליגל־פּיאַנאָ, און זיך צו טרעפֿן מיט די קינדער.

זיי זיינען געווען הויכע חברה שוין, די קליינע אינדיאַנער, און זייערע געלע הויטן און שוואַרצע האָר און גלאַנציקע ברוינע אויגן האָט זיי צוגעגעבן אַ ניט פֿאַמיליאַרן אויסזען. דעם אמת זאָגנדיק האָבן זיי אויסגעזען נאָך מער אינדיאַניש ווי זייער פֿאָטער האָט ערקלערט; ס׳איז אויך געווען עפּעס גליטשיקס אין מאַריאַנס גאַנג ווי דער גאַנג פֿון אַ ווילדן מענטשן, און זי האָט געהאַט הענט פֿון אַ פֿוילענצער, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין אַ ירושה פֿון דעם ליידיקגייערשן, וואַנדערנדיקן פֿאָלק פֿון וועלכן זי האָט אָפּגעשטאַמט. זי האָט אויף ווילאַטצן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און גאָר גיך האָט ער אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרליבן אין איר.

וואָס פֿאַר אַ מאָדנער געפֿיל דאָס איז! ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן פֿונם גליק, וואָס האָט אויסגעוויזן אַריינצודרינגען אין אים און אים אָנגעפֿילט מיט זיסן פּיין. זי, פֿון איר זייט, הגם ערשט דרייצן יאָר אַלט, איז נאָך אפֿשר געווען פֿאַרליבט מער פֿון אים; זי פֿלעגט שטיין לעבן אים, גלעטן זיין רעקל, און קוקן אויף אים. וואָס האָט עס אַלץ באַדייט? זיי האָבן געשמייכלט איינער צום צווייטן און זיך ביידע פֿאַרשעמט; ער האָט זי לייכט געקושט — קוים באַרירט זי מיט זיינע ליפּן — אין דער זעלבער צייט דאָך פֿילנדיק אַ טייערן גערוך. אין וואָס פֿאַר אַ פּיינלאַכער פֿאַרלעגנהייט ער האָט זיך אָבער געפֿונען נאָך אָט דעם וואָגן — ער איז געווען גרייט צו שטאַרבן! איינצוזינקען אין דער ערד! ער האָט זיך ניט געקאָנט אָוועקרייסן פֿון איר נאָכאַכאַל, נאָר זי געהאַלטן פֿעסט צוגעדריקט און באַהאַלטן זיין פּנים; זיי האָבן ביידע באַהאַלטן זייערע פּנימער איינער אויפֿן צווייטנס אַקסלען. איצטער וועלן זיי זיך דאַרפֿן אָפּלאָזן און זיך טרעפֿן מיט די אויגן — אוממעגלאַך! ווי אַזוי וועלן זיי זיך קאָנען נאָכאַמאָל אָנקוקן נאָך דער היינטיקער פּאַסירונג? אוממעגלאַך! ווען עס וואָלט כאָטש געווען פֿינצטער! איז ניט געווען קיין אויסוועג? — „איך זע דאָרט אַ מאַן גיין, אונטן אויפֿן וועג“, — זאָגט ער. — „וואו“ פֿרעגט זי און דרייט זיך אויס אַביסל.

— „דאָרטן אַרונטער, ער טראָגט עפּעס, יאָ, ער טראָגט אַ זאַק ? זעסטו ניט אַז ס'איז אַ זאַק ?" איצט זיינען זיי שוין געווען צעשיידט און געשטאַנען אַביסל דערווייטערט איינער פונעם צווייטן. — „ס'איז גרויסן וועטער־האָן איר האָט עס", — זאָגט ער, נאָך אַלץ אַוועק קוקנדיק פון איר. אודאי עס וועט נאָך געדויערן אַ לאַנגע צייט איידער זיי וועלן זיך קאָנען קוקן צוריק אין די אויגן גלייך. — וואו איז דער וועטער־האָן ? — פרעגט זי, קוקנדיק אין אַלע זייטן נאָר ניט אויף אים ; — וואו איז ער ? — דאָן מוז ווילאַמע צוגעבן, אַז ער האָט אים געזען גאָר פריער מיט אַ טאָג — „ער איז אָבער געווען אַ גרויסער האָן". „יאָ, און אַזאַ שיינער !" — זאָגט מאַריאַן ; „זיין קאַם שטייט גלייך באַם שפּיץ און ניט יעדער קאַם האָט עס".

נאָר איצט איז פעליקס צוגעקומען און זיי זיינען געווען גע־ראַטעוועט — דאָס מאָל.

וואָס פאַר אַ ליבע צייט דאָס איז געווען, וואונדערלאַך, ניט ער־דיש ! ווען ווילאַמע האָט געריטן איצטער איז עס שוין מער ניט געווען צוליב דעם כדי מ'זאָל אים זען פון די שטיבלאַך, וועלכע ער איז פאַרבייגעפאָרן — ער האָט געריטן אַ לאַנגן וועג בלויז צוליב דעם כדי ער זאָל קאָנען זיצן און אַרויפקוקן צו מאַריאַנס הויז און גאָרטן. ליבע זומער־צייט און גלאַנציקע אויגן ! ער האָט געלעבט אין אַ זיסער און שעמעוודיקער וועלט ; געריטן ציללאָז אין די וועלדער, אויף די בערג, צוריק אַהיים. וואו האָט ער זיך אַהינגעטון באַנאַכט? וואו האָט אַזאַ איינער געקאָנט זיך אַהין טון באַנאַכט ? אינם גראָז, אינם היי, אויף אַ גאָרטן־הוידעלקע. וואָס ער האָט זיך געהוידעט אויף איר ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, וואו־ניט־איז ; אַביסל דאָ, אַביסל דאָרטן — אַמאָל אַפילו מיט די קליידער אין בעט, צענויפגעג־דרייט, אָן כח. — וואָס פאַר אַ ליבע צייט דאָס איז געווען !

און ווי צערודערט און אומרואיק ער איז געוואָרן, ניט געהאַט קיין צייט צו פאַרענדיקן וואָס־ניט־איז. פישן שעהן לאַנג לעבן טייך — דאָס איז ניט מער פאַר אים ! ער האָט זיך אפשר באַרימט אַביסל און פּרעטענדירט צו זיין מער ענגלענדער ווי ער איז געווען ווען ער האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי פאַרקאָכט אין יענעם לאַנגווייליקן עסק. גאָטפרעדס גע־זעלשאַפט האָט צו אים איצט פיל באַדייט : ער איז געווען אַ געדולדיקער צוהערער און האָט געקאָנט מיטפילן אַ מאַנס צרות. און פּאָלינאַ ? אַך, נו ! פּאָלינאַ, אַזוי ווי איר ברודער, איז געווען איצט פיין געקליידט, און, ווי ער, אויך געהאַט גוטע שפּיין

איצט און געהאַט אַ קלאָרן, געזונטן אויסזען. זי איז אָבער נאָך אַלץ געווען אַזאַ שטילע, ווי אַ בלום. זי וועט אפילו ניט פרעגן ווילאַטצן וויפל דער זייגער האַלט אום צו געבן אים אַ געלעגנהייט צו ווייזן איר זיין זייגערל. גאַטפרעד אָבער האָט, אַמווינציקסטן, כאָטש גע־פרעגט פראַגן וועגן ענגלאַנד, אַזוי אַז ווילאַטץ האָט געהאַט אַ גע־לעגנהייט צו ריידן וועגן דעם, און דער קליינער גאַטפרעד האָט אויף אַן אמת טאַקע זיך אויסגעלערנט אַביסל פראַנצויזיש, אַזוי אַז ער איז געווען אַ גאַנץ נישקשהדיקער קאַמפּאַניאָן.

— איך האָב געזען אַנטאַנען נאָכאַמאָל גיין אויפן וועג צו האַל־מענגראַאַן, — זאָגט ווילאַטץ גלייכגילטיק.

— אָ, אַזוי ? — ענפערט גאַטפרעד.

— ער איז דאָרטן נעכטן אויך געווען. איך קאָן ניט פאַרשטיין צוליב וואָס ער גייט אַהין יעדן טאָג : מאַריאַן האָט מיר אַליין גע־זאָגט, אַז ער גייט איר ניט אָן.

— דאַן, רעכן איך, מוז ער גיין צו פעליקסן.

— יאָ, איך האָב אים אָבער געזען אָנטרעפן מאַריאַנען פריער מיט אַ האַלבער שעה, און זיי זיינען הינטערן הינער־שטיבל, שטעל איך מיר פאָר.

— איך וועל אריבערגיין זען אויב דו ווילסט.

— ניין, וואָס אַרט עס מיך ! לאָז זיי צורו. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן ? אָ, יאָ ! בעלאַ איז זייער אַ שיינע שקאַפע, דענקסטו ניט אַזוי ?

— יאָ, און זי איז אויך אַזאַ גוטע, — זאָגט גאַטפרעד, און דער־ציילט אים וועגן זיינע באַזוכן באַ איר. — זי שטייט אַזוי שטיל ווען איך וואַש איר די קלויען, און זי דרייט זיך אום און קוקט מיר נאָך ווען איך גיי אַוועק.

ווילאַטץ זעט אויס הערט אים ניט ; ער טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש און טוט פּלוצלונג אַ פרעג :

— קאָנסטו האַלטן דיין צונג שטום ?

— מיין צונג שטום ?

— זיין שטום ווי אַ קבר ? אויב דו קאָנסט וועל איך דיך בעטן מיר טון אַ גרויסע טובה.

— אָ, יאָ ! — ענטפערט גאַטפרעד אונטערטעניק.

— דו דאַרפסט אָבער ניט זאָגן יאָ אויב דו ביסט ניט זיכער אין זיך, ווייל עס איז אַ וויכטיקער ענין. איבערגעבן אַט דעם בריוו.

— גוט, איכ׳ל עס טון.

— און אים איבערגעבן אין אירע אייגענע הענט. דו זעסט דעם נאָמען?

—יאָ.

— דו מוזסט עס אָבער טון שנעל. און דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ, דו מוזסט עס האַלטן בסוד. האָב איך געזאָגט שנעל? ניט דאָס האָב איך געמיינט; איך געדענק ניט וואָס איך האָב געמיינט, כ׳האָב פאַרגעסן וואָס איך האָב גענוי געמיינט. אָבער, גאַטפּרעד, פאַר־שטייסט, אַז עס איז וויכטיק. און אויב אַנטאָן איז דאָרטן דאַ זאָלסטו געבן איר אַ צייכן, אַז זי זאָל אים אוועקשיקן.

— יאָ.

גאַטפּרעד האָט זיך געזאָמט שרעקלאַך לאַנג; ס׳האָט גאָר קיין סוף ניט גענומען, און ווילאַטע האָט געדאַרפט גיין אים אַנטקעגן. ער האָט אים אָנגעטראָפן אויף דער בריק. גאַטפּרעד איז געווען פאַרזיכטיק; ער האָט זיך אוועקגעלעגט צווישן די קוסטן און אַרויס־גענומען אַ בריוו.

— האָסטו אים געגעבן איר?

—יאָ. און זי האָט מיך געבעטן איבערצוגעבן אָט דעם בריוו אין דיינע אייגענע הענט.

אָן ענטפער — זי האָט געשיקט אָן ענטפער. גאַטפּרעד איז געווען אַ טייערער בחור!

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים—ווילאַטע וואָלט געוואָלט לויפן, דאָס וואָלט אָבער ניט געטויגט. וואָס האָט געקאָנט שטיין אין דעם בריוו?

— איך האָב אַ שטעקעלע, וואָס איך וועל דיר שענקען, — האָט ער געזאָגט. — ווייסטו וואָס ס׳שטייט געשריבן אין בריוו?

— ניין.

— נו, גוט! עס מאַכט ניט אויס וואָס דאָרטן איז געשריבן האָסטו געזען אַנטאָנען?

— ניין, ער איז שוין ניט געווען.

ווילאַטע איילט זיך אַרויף צו זיך אין צימער. פאַרווײַלט דאָרטן אַ מינוט, צוויי, לויפט צוריק אַרונטער ציטערנדיק פון גליק, ער איז אין עקסטאַז, געפינט גאַטפּרעדן און גיט אים דאָס שטעקעלע; — „ניין, אַ דאַנק, דו דאַרפסט עס ניט טון!“ „יאָ, נעם עס; מאַך ניט קיין שטיק!“ — לויפט צוריק אַרויף צו זיך אין צימער, זאַמט זיך אַ

שטיק צייט, גייט אַרונטער מיט די שמיגן זינגענדיק, שטעלט זיך אָפּ אויפן הויף און קוקט זיך אַרום, דרייט זיך אויס און קערט זיך צוריק אום צוריק אין זיין צימער; דאָס איז דאָס דריטע מאָל אַזוי און עס זעט אויס ווי ער האָט בדעה צו פאַרשפּאַרן זיך אין צימער כדי צו באַטראַכטן עפּעס אַ שווערע אויפגאַבע. נאָר אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער שוין ווייזט אויס געהאַט ערליידיקט זיינע אַלע אויפגאַבן ווייל ער גייט נאָכאַמאָל אַרונטער די טרעפּ. וואָס זאָל ער טון איצט? ער איז געוואָרן רואיקער און אַביסל גלייכגילטיק. זיין מוטער גייט דורך פאַרביי אים, זי גייט אויף איר שפּאַציר, אָן ספק; זיי וואַרפן זיך דורך מיט עטלאַכע ווערטער, נאָר זי בעט אים ניט מיטצוגיין מיט איר. דערנאָך הערט ער זיין פאָטער אַרומשפּאַנען אין זיין קאַבינעט — זיין גוטער פאָטער, אַ חבר און אַן איידלמאַן — ער קלאַפּט אָן אין זיין טיר און גייט אַריין.

— כאַפּסטו ניט קיין פיש היינט? — פרעגט זיין פאָטער. — אַנטאָן, דענק איך, איז לעבן טייך.

— יאָ, מעגלאַך, אַז ער איז דאָרטן. ניין, איך האָב מער קיין חשק ניט צו דעם. ביסט געוואָרן זייער גרוי, פאָטער.

זיין פאָטער גיט זיך אַ כאַפּ.

— גרוי? ניט זייער. וואו איז דיין מאַמע? וועט אירביידע ניט שפּילן היינט?

— יאָ, שפּעטער. דאָס לעצטע ליד, וואָס מיר האָבן געזונגען האָט ענגלישע ווערטער, אָבער נאָרוועגישע מוזיק; האָסטו עס געהערט?

— יאָ, ס'איז זייער שיין.

— כ'האָב ניט בדעה געהאַט דיר עס צו זאָגן, ס'איז אָבער מיין מוזיק.

זיין פאָטער גיט זיך נאָכאַמאָל אַ כאַפּ.

— ווילאַטץ — ניט דאָס — זייער שיין. כ'האָב עס געהערט פון דאַנעט. איז דו אַליין — ? אַזוי. ווייסט די מאַמע?

— יאָ.

— מוזיק איז זייער אַ וואוילע זאַך, דאָס גיב איך צו. וואָס דענקט דיין מאַמע וועגן דעם?

— זי דענקט, אַז די מוזיק איז זייער שיין.

זיין פאָטער טוט פּלוצלונג אַ זאָג:

— האָסטו געטראַכט וועגן דעם, וואָס דו וואָלסט געוואָלט זיין, מיין אינגל?

פויזע.

— אַ מאָלער אָדער אַ שיפֿ־אַפּיצער? אַ מענטש מוז געגוי באַ־שליסן באַ זיך אַליין, וואָס ער וויל זיין. איך זאָג עס ניט כדי צו־צואיילן דיך, ס׳איז אָבער גלייכער פֿאַר דיר אַליין. מוזיק, פֿאַר־שטייט זיך, איז מער ניט ווי אַ צייטפֿאַרטרייב. יענץ ליד דיינס אָבער איז געווען אויסערגעוויינלאַך שיין; איך האָב דאָ ארומגע־שפּאַנט און זיך צוגעהערט צו דעם. האָט דיין מאַמע אויך אַזוי געזאָגט?

— יאָ.

זיין פֿאָטער נעמט אָן אַן אַנטשיידנדן טאָן און זאָגט:

— נאָר מוזיק, פֿאַרשטייט זיך, איז זיך איין זאַך און די ערנסטע זייט פֿון לעבן איז גאָר עפּעס אַנדערש; איך דענק, אַז אין דעם זיינען מיר ביידע איינשטימיק? באַשליס באַ זיך אַליין פּעסט, וואָס דו ווילסט זיין און דערנאָך וועלן מיר קאָנען די זאַך ארומרעדן. איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, אַז דו זאָלסט ווערן אַ סקולפּטאָר אָדער אַ מאָלער. מעגלאַך, אַז אונדזער משפּחה דאַרף זיך פֿאַרנעמען אויף אַ נייעם וועג פֿון איצט אָן — איך ווייס ניט. זיי זיך מישב און לאָז מיר וויסן וועגן דעם אַנאַנדערש מאָל.

האָט ווילאַמץ געהאַט אַ צייטווייליקע פֿאַרלענגערונג נאָכצו־טראַכטן און איז געווען צופֿרידן. ער קאָן אָבער ערוואַרטן, אַז די פֿראַגע זאָל נאָכאַמאָל באַריִרט ווערן אינגיכן; וואָס אַ שטייגער וועט ער וואָלט אים געגעבן אָנצוהערעניש איצטער?

— איך שטעל מיר פֿאָר, אַז דו ווילסט, אַז איך זאָל דורכגיין דעם גאַנצן קורס אין האַראָו? — האָט ער געפֿרעגט.

גאָט ווייסט צו זיין פֿאָטער האָט עס בדעה געהאַט, צי אַט דער גרויער, עלטערער מאַן, וואָס האָט אומגעשפּאַנט איבערן צי־מער אַהין און צוריק, האָט שוין געהאַט באַ זיך באַשלאָסן וועגן דעם — גאָט ווייסט. ער האָט אָבער געענטפֿערט גלייך:

— דעם גאַנצן קורס? זיכער — אויב דו ווילסט נאָר. וועסטו האָבן צייט נאָכצוטראַכטן וואָס דו ווילסט ווערן, אָ, יאָ! גיי דורך די גאַנצע שול.

אָך, דאָס איז אָבער ניט געווען וואָס ווילאַמץ האָט געוואָלט. זיין אייפֿעריקסטער וואונטש איז געווען צו זיין אַוועק ווייט פֿון

דער שול אין האראו, וואו ער האט זיך געפילט אויסערגעוויינלאך שלעכט און וואס איז אים געשטאנען אין זיין וועג. זיין פאטער אבער איז געווען א טייערער מענטש און מאריאן איז געווען אזא ליבע —

— איך קאן פאר דיר איבערשפילן די לידער אויב דו ווילסט ? — האט ער געזאגט.

— איצטער ? א, ניין, א דאנק ; ווארט צו ביז די מאמע וועט קומען ; איך האב עפעס וואס צו טון גראד איצט. נאר א דאנק דיר סיי־ווי.

נאך די ווערטער האט ער א שאקל געטון מיטן קאפ און ווי־לאטע איז ארויס געגאנגען.

ווידער איז דער ליטענאנט אליין, נאר וואס ער האט צו טון איצטער איז ווייזט אויס, ניט עפעס אנדערש ווי נאר ווידער אומ־שפאנען איבערן צימער אהין און צוריק. פארענדיקן דעם קורס ? יענע שול אין האראו האט אויסגעזען צו זיין א מיסטעריעז ארט, מ'דארף אויסגעפינען וועגן איר. איז עס אן אוניווערזיטעט ? יאר נאך יאר אין א גרויסארטקער שול אין האראו — האט ער בדעה זיך צו באזעצן דארטן ? ער מוז שרייבן צו קסאוויער מורן וועגן דעם. ער מוז זיך באראטן מיט אדעלהיידן.

ער קלינגט אן און כרעגט צי זיין פרוי איז געגאנגען שפאצירן.

יא, גאטפרעד האט זי געזען גיין צו האלמענגראבן.

— לאז מיר וויסן ווען זי וועט זיך אומקערן.

ער האט געווארט א לאנגע צייט ; א שעה; יא, אודאי, אדעל־הייד האט זיך אן אלצדינג פארגעסן ווען זי האט געשפילט אויף דער פיאנא ! מיט צוויי שעה שפעטער איז זי צוריקגעקומען. וואס — זי האט געוויינט ? זי איז געווען אויסערגעוויינלאך פריינטלאך, אונ־טערטעניק ; דאס האט אים איבערראשט, און ער האט געפרעגט :

— האט עפעס אומאנגענעמעס געטראפן מיט דיר ?

— מיט מיר ? וואס גאר ? ניין, נישט וואס איך וויים, א דאנק.

זיי האבן גערעדט וועגן ווילאטען ; אדעלהייד האט זיך בא־הערשט און באגרינדעט אויסגעצייכנט גוט אירע מיינונגען : ס'האט קיין זינען ניט צו האלטן אים ווייטער אין דער שול אין האראו ; זי איז צו פראנטיש און טייער, איבערקלייבעריש, און דאס איז אלץ.

— ער איז אבער אונדזער איינציק קינד !

— וואָס איז די פּעולה אָבער פון האַלטן אים דאָרטן ווייטער: דאָס אינגל גיט זיך ניט אָפּ מיט קיין שום אַנדער זאַך ווי נאָר מוזיק.

אַז די נייגונג צו מוזיק האָט ער געירשנט פון זיין מוטער, אויף דער האַלמסען זייט פון דער פאַמיליע איז פון דעם מין גאָרנישט ניט געווען; דער לייטענאַנט האָט דערפאַר געקאָנט מאַכן אַביסל אַ גאַליקע באַמערקונג און ניט פילן זיך אומגערעכט.

אָבער אדעלהייד — וואָס איז מיט איר געשען היינט אוונט? אַן אַנדערש מאָל וואָלט זי אים קיין ענטפער ניט געבליבן שולדיק: איצט אָבער איז זי געוואָרן נאָך מער הכנעה'דיק: אַ, ניין, — זאָג עס ניט, — האָט זי אים געבעטן, — ער קאָן זיך ניט העלפן; ס'איז בלויז דערפאַר, וואָס ער איז מוזיקאַליש דורך און דורך. ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט — איך וואָג קוים דערציילן דיר —

— אַז ער האָט פאַרפאַסט לידער? ער האָט מיר אַליין דער־ציילט.

— גאָט צו דאַנקען! ער האָט גוט געטאָן. אַך! דאָס אינגל, ער איז פול מיט מוזיק; איך פאַרזיכער דיר, אַז איך זינג זיינע לידער מיט דער גרעסטער פרייד. זאָג שטעל מיר פאָר, אַז דו האָסט זיי ניט געהערט נעכטן?

— איך האָב נעכטן אַרומגעשפּאַנט אין מיין צימער און זיך צוגעהערט צו דער מוזיק. כ'האָב זיך צוגעהערט עטלאַכע טעג.

— וואָס דיינקסטו וועגן איר?

— דיין זינגען איז אַלעמאָל שיין.

— דענקסטו אַזוי? די מעלאָדיע איז ווירקלאַך אַזוי מוזיקאַ־ליש — ער איז ניט קיין געוויינלאַך אינגל, טאָרסט ניט פאַרגעסן.

דער לייטענאַנט אַליין האָט געטראַכט, אַז זיין אינגל איז ווייט ניט קיין געוויינלאַך קינד; האָט ער דען געזאָגט פאַרקערט? וואָס שייך דעם, איז זיין מוטער אויך ניט געווען קיין געוויינלאַכע פרוי.

— הם. איך האָב ניט קעגן דעם, אַז דו זאָלסט מיך דער־מאָנען. כאָטש עס איז איבעריק עס צו טון.

— זיי מיר מוחל!

— נאָך מער הכנעה, מער זעלבסט־דערנידערונג; ווי קומט עס? דער לייטענאַנט האָט קלאָר געזען, אַז עפּעס איז געשען מיט איר, אַז ניט וואָלט זי ניט געווען געהאַנדלט אַזוי — אומגעוויינ־לאַך פאַר איר. ס'איז אים געווען ניט אומאַנגענעם, אַז זי זאָל

ארויסוויזן דרך־ארץ פאַר זיין מיינונג: זי איז אויך געווען גע־רעכט מיט דער באַהויפּטונג, אַז די שול אין האַראָו האָט גע־קאָסט שרעקלאַך טייער. דאָרטן איז זי געשטאַנען, אַדעלהייד, ניט מער יונג, נאָר נאָך אַלץ אומבאַוירט. ניט אָפּגעטראָגן, מיט אַ גלייכער פיגור ווי אַ שפּיז, וואָס יעדע פרוי קאָן מקנא זיין. הם. און איין מאָל אַמווייניקסטנס באַשליסט ער צו שטעלן זיך אויף זיין פרוים זייט און קעגן זיין זון; ער וועט ארויסווייזן זיין אויטאָרי־טעט און זיך אַנטקעגנשטעלן ווילאַטצעס וואונטשן. אפשר וועט עס זיין פאַר זיין טובה וועגן.

— איך האָב געטראַכט וועגן שרייבן צו קסאַוויער מורן, — האָט ער געזאָגט, — איצט אָבער איז עס שוין מער ניט נויטיק; ווילאַטץ וועט מער ניט פאָרן קיין האַראָו. נאָר וואָס האָסטו געוואָלט זאָ־גען?

— וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן? איך האָב געוואָלט זיין אַ מליץ־יושר פאַר אים, — האָט זי געזאָגט.

אָט דער טאָן נאָכאַמאָל! דער לייטענאַנט זאָגט:

— ועסטו זאָגן ווילאַטצן, אַדעלהייד, אַז צוליב די טעמים, וואָס איך האָב זיך זיי נאָר־וואָס דערוואוסט, מוז איך זיין קעגן זיין צוריקקערן זיך אין דער שול?

— יאָ, און ער וועט ניט זיין אַנטוישט. ער וועט דיר דאַנ־קען.

נאָך בעסער, אַלצדינג האָט אויסגעזען ווי אין אַ וויכער — בלויז אין דעם לייטענאַנטס פּיאַיקייט צו באַגרייפן איז אַנגעשטאַנען אַ שטילשטאַנד. ס'איז ניט קיין שפּאַס צו האָבן ביידן, אי מוטער, אי זון, קעגן איינעם! וואָס־זשע איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם? וואָס הייסט, אַז ווילאַטץ זאָל פאָרן קיין דייטשלאַנד. ער זאָל ווערן אַ גרויסער מוזיקער, אַזוי גרויס, וויפל זיינע פּיאַיקייטן וועלן דערלויבן — אָט דאָס איז געווען דער רעזולטאַט.

— אויף דיין אחריות, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט, — ער איז אונדזער איינציק קינד; די זאַך אָבער איז אַזאַ, וואָס דו פאַרשטייסט בעסער — דו ביסט פאַראַנטוואָרטלאַך.

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי אויף צו מאַכן אַ טראַט פאַר־אויס אָדער אויסשטרעקן איר האַנט, נאָר זיך ווידער צוריקגע־האַלטן. ס'איז געווען חנ'עוודיק געטון און ער איז געווען גערירט

דערפון — פון אַט דעם לייכטן אימפּולס צו אים, אַט די באַוועגונג פון איר נאָך כמעט מיידלשן קערפּער.

— אַ דאַנק; איז אויב אַזוי האָט זיך עס אויסגעלאָזט גליקלאַך, — האָט זי געזאָגט; גליקלאַך פאַר אים און נאָך מער גליקלאַך בין איך, מער ווי איך פאַרדין.

יענעם אויפדערנאַכט האָבן זיי געשפּילט און געזונגען.

מיט עטלאַכע טעג שפּעטער איז אויסגעקומען ווילאַטצן צו ריידן פאַר זיין מוטער מיטן לייטענאַנט. דאָס איז געווען אַזאַ אומגעוויינלאַכער פאַל, אַז עפּעס מוז שטעקן הינטער דעם: אַדעלהייד האָט געוואָלט מיטפאָרן מיט איר זון קיין בערלין.

אַזוי ווי זי האָט זיך באַנוצט מיט אַ פאַרמיטלער, קער זי וועלן אויסמיידן צו געבן באַשטימטע אורזאַכן, אין דעם האָט קיין ספק ניט געקאָנט זיין. דער לייטענאַנט האָט געפרעגט זיין זון:

— האָסטו גוט פאַרשטאַנען דיין מאַמען?

— יאָ.

— זאָג איר, אַז ווען איך וואָלט ניט געווען געהאַט אין זינען די אויסמאַטערונג פון דער נסיעה, וואָלט איך זי אַליין געוועו געבעטן מיטצופאָרן מיט דיר. צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן. זי פאַרשטייט די זאַכן אַמבעסטן און זי קאָן דיר אַ סך אַרויסהעלפן.

ווילאַטץ האָט פּלוצלונג דערפילט אַ שטאַרקן טרויער, און ער האָט זיך געדאַרפט אָנשטריינגען ניט צו פאַרלירן זיך. איז עס געווען ליבע, איז עס געווען רחמנות? עפּעס אַזאַ גרויער, פאַראָרימטער אויסדרוק האָט זיך פאַרשפּרייט אויף זיין פאָטערס פּנים, אַזאַ הילפלאָזער, וואָס האָט ווילאַטצן געמאַכט אַזוי טרויעריק.

ווען ווילאַטץ האָט צוריק באַקומען לשון, האָט ער געזאָגט:

— אָבער מירביידע מוזן נאָך אַמאָל רייזן צוזאַמען. פאָטער. ס'איז געווען אַזאַ פאַרגעניגן צו פאָרן מיט דיר.

— יאָ, — האָט זיין פאָטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — אַנאַנדערש מאָל. איצט אָבער גיי און דערצייל דיין מאַמען, וואָס איך האָב געזאָגט. און זאָג איר, אַז איך בין זיכער, אַז אַלצדינג וועט דאָ גיין צום ערגערן אין דער צייט, וואָס זי וועט זיין אַוועקגעפאָרן, אָבער מען קאָן זיך ניט העלפן. ווען וועט איר פאָרן?

— אַנטאָן וויל פאָרן איצט.

— אַנטאָן. און דו און דיין מאַמע?

— די מאַמע וויל, אַז מיר זאָלן פאָרן גלייך.

— גלייך?

— די מאַמע זאָגט, אַז אין מוזיק זיינען ניטאָ קיין וואַקאַציעס.

פויזע.

— גוט; זי פאַרשטייט די זאַך בעסער.

* * *

דער יונגער ווילאַמץ האָט ניט געהאַט קיין חשק צו טרעפן זיך מיט יוליאוסן דאָס מאָל, מחמת גאַטפרעד האָט אים דערציילט וועגן דעם שפּיצל, וואָס יוליאוס האָט אים אָפּגעטון מיטן מעסערל און די מעשה האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. יוליאוס איז עטלאַכע מאָל צוגעקומען נאָענט צום פּריצישן הויף און זיך דאָרט אומגעדרייט, אויסקוקנדיק וואָס דאָרטן טוט זיך; ער האָט אויך געהאַט געבעטן גאַטפרעדן, אַז ער זאָל איבערגעבן ווילאַמצן, אַז ער איז דאָ נאָענט. נאָר ווילאַמץ איז ניט ארויסגעקומען אים זען. יוליאוס האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין — זיי זיינען געווען אַזעלכע גוטע פריינט — און נאָך אַלעמען איז ער געווען דער ברודער פון אַ מאַן, וואָס וועט באַלד זיין אַ פולער גלח.

חוץ דעם, איז יוליאוס ניט געווען ערגער ווי ער איז געווען; פאַרקערט, ער איז, אויף זיין אופן, אויסגעוואַקסן אַ סך אַ וויכטיקערער מענטש — געאַרבעט ווי אַ טיגער, ווען ער האָט נאָר געוואָלט, און ארום און ארום געווען קערפּערלאַך שטאַרקער פון זיינע עלטערן ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה אין דערהיים אין שטיבל און צוליב דעם זיך געפילט גרעסער. גאַטפרעד האָט אַזוי דערציילט, און ער האָט עס געהערט פון יוליאוסן אַליין. ער איז אַלעמאָל געווען אַ פייאיקער — אַ סך מער ווי זיין ברודער — כאָטש עס איז אים ניט אָנגעגאַנגען קיין לייענען. מער ניט ער האָט ניט געהאַט אויף וואָס אויסצונוצן זיינע פייאיקייטן. ווי אַזוי? — לעבנדיק אין דער היים אין שטיבל, ניט הערנדיק און ניט זעענדיק גאָרניט. זיינע גייסטיקע פייאיקייטן זיינען פאַרוועגדט געוואָרן אויף אַזעלכע זאַכן, ווי אויסצוטיילן באַזונדער קאַלירטע און האַלבגעטריקנטע פיש, דערקאָנען וועלכע עס איז אַ ציג און וועלכער — אַ באָק. לעצטנס אָבער איז יוליאוס געוואָרן געשיקטער; ער האָט געאַרבעט אין דער לאַפּאַטען־פישעריי צוויי יאָר און האָט אָפּט אונטערגעאַרבעט בא הער האַלמענגראַאַן. ער איז אויך געוואָרן גוטע פריינט מיט פעליקסן, וועלכער איז געווען געראָטן אין אים מיט

דעם, וואָס אויך ער איז געווען געבענטשט מיט גליקלאַכער אומ־ווּיסנהייט און פיינטשאַפט צו ביכער. פעליקס איז געווען אַ געצנ־דינער דורך און דורך.

אין איינעם אַ טאָג שפּאַצירן ווילאַמץ און אַנטאָן אויפן וועג און אָט שטייט יוליאוס פּונקט קעגנאיבער זיין פאַטערס שטיבל. אַז פעליקס איז ערגיץ דאָ ניט ווייט אַרום, איז אָן ספק, ווייל מ׳הערט אים פייפן ערגעץ נידעריקער אַרונטער.

די צוויי יונגע איידלליים באַגריסן אים מיט אַ קאָפּ־נויג און האַלטן אין גיין ווייטער.

נאָר יוליאוס האָט עס, ווייזט אויס, אויסגעטייטשט, אַז די אויבנדערמאָנטע יונגע איידלליים זיינען ענדלאַך געקומען אים זען — אויב ניט, וואָס־זשע טוען זיי דאָ אויף דעם וועג? — און דאָס איז געווען די סיבה פון זיין שטיין דאָרטן.

— וואָס מיינסטו — קאָנסטו מיך ניט ווילאַמץ? — פרעגט ער.

— יאָ, — ענטפערט ווילאַמץ.

— איז עס נישט מיך, וועמען דו זוכסט?

— ניין. — ענטפערט ווילאַמץ איבעראַשט.

יוליאוסן פאַרדריסט שטאַרק דער עסק, וואָס ניט אים זוכן די צוויי יונגעלייט, און ער זאָגט:

— אָ, ניט מיך. זייער גוט.

דערווייל אָבער האָבן זיך די צוויי יונגעלייט אָפּגעשטעלט און אַנטאָן האָט זיך צעלאַכט. נו, וועט יוליאוס בלייבן שטיין שטיל און זיך לאָזן מאַכן צום נאַר? ניט ער! ער איז געווען הויך און שווער, זיינע ברעמען זיינען געווען געדיכט באַוואַקסן צוריק, און ס״אַרא פויסטן ער האָט געהאַט!

— וואָס שטשירעט יענער אייזל דאָרטן די ציין? — פרעגט ער.

אַנטאָן אָבער איז געווען אַ יונג, וואָס האָט שוין געהאַט ניט איין געשלעג מיט די קאַדעטן אין סט.־ציר — ער איז ניט געווען דער מענטש, וואָס זאָל זיך לאָזן רופן אייזל.

— אפשר ווילסטו, איך זאָל דיר אָנברעכן די ביינער? — האָט ער געזאָגט.

איז עס מעגלאַך, אַז יוליאוס, ניט נאָר וואָס ער האָט זיך ניט צוריקגעצויגן אויף צוויי טריט, נאָר האָט נאָך געמאַכט אַ טראָט פאָראויס? ווי אַזוי איז עס געשען? וואָס האָט אים געקאָנט צו־

געבן אזא מוט, און וועט אים דען אימיצער ליבן דערפאר? ער האט אנגעהאלטן זיין שטעל און, אוים בלויזער חרפה, געדארפט פעסטשטעלן, אז וואס שייך אנברעכן די ביינער, איז ער גרייט; אויף זיין פנים אבער האט זיך געזען א מאדנער אומבאשטימטער בליק.

פויזע.

פרינציפיעל האט ווילאטע גארניט געהאט קעגן אן אנשטענדיקן קליינעם געשלעג, דא אינמיטן וועג אבער איז ניט גוט. — ניין, הערט אויף! — האט ער געזאגט. פעליקס — דער קליינער אינדיאנער — האט זיך באוויזן אויפן וועג צו זיי — ווי פאראינטערעסירט ער איז עס מיטאמאל געווארן אין דעם. וואס דא איז פארגעקומען; ס'איז געווען קלאר, אז ער וועט זיך אננעמען פאר יוליאוסן; ער האט זיך שטיל אוועקגעשטעלט צווישן די קעגנער און געקוקט אויף אנטאנען מיט אנגעצונדענע אויגן. דער קליינער טייוול קאן זיין געפערלאך זיך אנצוהויבן מיט אים. און ווילאטע האט געדארפט לאנגריידן, און לסוף סטראשען, אז ער וועט אוועקגיין אליין, איידער ער האט געקאנט אוועקנעמען אנטאנען מיט זיך.

און דאן האט יוליאוס אודאי ערשט זיך אנגענומען מיט מוט:

— קום צוריק! — האט ער נאכגעשריען. א, ער איז געווארן א קריגער, א העלד, און אויסגעשפיגן גאנצע שטראמען קיי־טאבאק; די שפראך פון אט דעם ברודער פון א גלח, איז געווארן שטארקער און שטארקער, און ער האט געשריען: — איך האב געזען די קוווענער*) זיך שלאגן; דו קער זיך נאר אום צוריק און איך וועל דיר ווייזן! מיינסט, אז כ'האב מורא פאר דיר? איכ'ל דיר שענקען זעקס צאלן שטאל; כ'וועל פון דיר מאכן אש און פארעך!

און פעליקס האט ארויסגעברומט קליינע געשרייען צו ווייזן, אז ער איז מסכים מיט יוליאוסן.

XV

ווילאטע און זיין מוטער זיינען אוועקגעפארן. ס'איז געפראוועט געווארן דער טראדיציאנעלער מאלצייט, לויטן מנהג און

*) קוווענער — דער נאמען, וואס די נארוועגיער רופן די פינער. — ש. ש.

די האַלמענגראַאַס זיינען געווען אַנוועזנד. אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ וואָנד־פּונקט אין ווילאַטצעס קאַריערע, איז זיין פּאַטערס רעדע, לכבוד אים, געווען אַ סך ערנסטער ווי גע־וויינלאַך: עס זיינען דאָ צווייערליי אופנים פון איבערגעבן אַ מענטשנס נאָמען די נאָכקומענדע דורות, — האָט ער געזאָגט, — איינער קאָן זיין נאָמען אַריינלעגן אין אַ פאַרשטיקטן קבר, כדי אי־מיצער זאָל אים קאָנען אויסגעפינען אין צוויי טויזנט יאָר אַרום; אָדער אַ מענטש קאָן אים אויסלעבן אין אַ שטורם פאַר די אויגן פון דער מענטשהייט, און דאַן וועט די געשיכטע דעם נאָמען פאַר־צייכענען! זיי האָבן געגעסן אין איילעניש, און כאָטש דאָס מאָל איז ניט געווען קיין דאָקטאָר מואוז, וועלכער זאָל צעשטערן די האַרמאָניע, איז דאָס שטילשווייגן געווען נאָך געדריקטער — אַלע זיינען געווען אַזוי גערירט פון אַט דער צעשיידונג. ביים האָפן האָט הער האַלמענגראַאַ — אויפמערקזאַם און סימפּאַטיש ווי גע־וויינלאַך — געהאַלטן פרוי אַדעלהיידס האַנט אין זיינער און גע־זאָגט אַזוי שטיל: — קומט גיך צוריק!

עטלאַכע חדשים זיינען שוין אַריבער און פרוי אַדעלהייד איז נאָך אַלץ ניט צוריקגעקומען; וואָס קאָן זיין די אורזאַך דערפון? דער לייטענאַנט האָט באַקומען בריוו, אין וועלכע זי האָט געבעטן אַ פאַרלענגערונג אין צייט צו זיין אַוועק — נו, זאָל זיין אַזוי; ס'איז ניט געווען נויטיק, אַז זי זאָל זיך צופיל אָנשטריינגען, כדי צו איילן זיך אַהיים. און דער לייטענאַנט האָט זיך געטראַכט, אַז אויב זי וויל ניט קומען, האָט קיין זין ניט צו קימערן זיך וועגן דעם: ער האָט אָנגעהויבן שלום־מאַכן מיט דעם געדאַנק, און אין איי־נעם אַ טאָג האָט ער ווידער אָנגעהויבן אונטערצוברומען אַ ניגון. דאַוועדראַנאַ, וועלכע איז צוריק געווען זיין קאַמער־מיידל, האָט געבראַכט די דאָזיקע נייעס אין קיך אַריין און די גאַנצע דינערשאַפט האָט אָנגעשטעלט די אויערן אויף צו הערן אים. נאָר זיי האָבן גאָרניט געהערט. דער לייטענאַנט האָט געזונגען אַזוי ווייך, אַזוי שטיל, — מער אויסשליסלאַך פאַר זיין אייגענעם פאַרגעניגן ווי אפילו דאָס לעצטע מאָל. און וואָס איז דען, אַז ער האָט געזונ־גען? ס'איז זייער מעגלאַך, אַז ער האָט עס געטון בלויז צוליב דעם, וואָס זיין הויזגעזינד איז איצט געווען פאַרעכנט פאַר אַ מו־זיקאַלישער פאַמיליע.

אביסל שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט

אים געבעטן, אַז ער זאָל איר דערלויבן צו זיין אַוועק דעם גאַנצן הערבסט. אַ הכנעהדיקער בריוו, אַ געבעט; און איצט האָט דער לייטענאַנט אודאי געפילט, אַז עפּעס מוז זיין דער מער. וואָס, דעם גאַנצן הערבסט? און דערנאָך, דעם גאַנצן ווינטער אפשר? עפּעס מוז שטעקן הינטער דעם. זייער פֿאַרהייראַט לעבן איז ניט געווען בעסער פון אַ סך אַנדערע: קיין ווירקלאַכער אומגליק האָט ניט פּאַסירט, נאָר אַ שטענדיקער עלנט האָט געטרויערט איבער דעם. אָט אזוי איז עס געווען. אַן אומגליק — דאָס וואָלט נאָך געווען נישקשה! אַן אומגליק האָט אַ סוף, עס פֿאַרגייט און שוין: ערגער איז אַרומצוגיין אַן גליק טאָג איין טאָג אויס, יאָר נאָך יאָר. אפילו אַ מלאך קאָן ווערן שלעכט געשטימט און בייסן — עס איז מער ניט ווי נאַטירלאַך אזוי! אָבער ווען אַ מלאך בייסט קיינמאָל ניט און ער מורמלט בלויז; ווען אַ מלאכם ליפּן פֿאַרקרימען זיך שטענדיק אין אַ פּוסטן שמייכל? דאָס מאַכט אויך ניט אויס! איינער איז זיך אַ פילאָזאָף, גאָט צו דאַנקען, און אַ שטיקל הומאַניסט. אַ קאָמאַר איז אַ גרויס אָנשיקעניש: מיטן גרילצנדן זשום פון זיינע מאַרלענע פליגלען: „ז־ז־ז“ זשומעט ער: צוערשט איז עס אַ נסיון פֿאַר אַ מענטשנס פֿאַרשטאַנד — בלויז צוערשט. נאָכאַלעמען, וואָס איז גליק? אַ מענטש דאַרף זיך אויסלערנען איינצוזען די אומוויכטיקייט פון דעם. חוץ דעם איז דאָס פֿאַרהייראַטע לעבן פון די האָלמסענס אין דער אמתן געווען גאַנץ דערטרעגלאַך; עס איז זיך געגאַנגען מער גלאַטיק, געוואָרן פֿאַרהעלניסמעסיק גליקלאַך, אַ דאַנק גאָט! קעגנזייטיקער רעספּעקט איז דאָרטן אַלעמאָל געווען, און איצט איז אויך געקומען צו גוטער פֿאַרשטענדניש; זיי וואָלטן געקאָנט זיך דורכוואַרפן מיט אַן אָפּענעם שמייכל ווען־ניט־ווען. דער לייטענאַנט האָט אָנגעהויבן צו האָפן אויף אַ מין פֿאַרגעבונג פֿאַר זיי ביידן, אויף אַ ניי לעבן איצט אין זייערע עלטערע יאָרן — האָט אַדעלהייד ניט אַרויסגעוויזן אים, אין משך פון די לעצטע וואָכן אין דער היים, אַן אויגנשיינלאַכע צערטלאַכקייט, ווי זי וואָלט שוין מער ניט פֿאַרגעצויגן דאָס זיין דערווייטערט פון אים, אזוי ווי פריער? — יאָ, אַ ניי לעבן אויף זייערע עלטערע יאָרן. און דאַן פֿאָרט זי אַוועק און וויל ניט צוריקקומען!

דאָ שיינט אויף פֿאַרן לייטענאַנט אַ מעגלאַכקייט, אַז זי האָט דורכגעלעבט אַ געוויסע איבערלעבונג, וואָס איז געווען מער אומדערטרעגלאַך ווי איר פֿאַרהייראַט לעבן.

וואָס קאָן עס זיין ? איין גאָט נאָר ווייסט. ס'איז אָבער זי־בער, אַז עס קאָן ניט זיין קיין קלייניקייט. זי האָט געשריבן אין איר לעצטן בריוו, אַז זי האָט אים שלעכטס געטון — דאָס האָט גאָרנישט ניט געמיינט; דאָס איז בלויז געווען אַ שמייכעלע, אויף צו קריגן אַ פאַרלענגערונג צו זיין אַוועק; דאָך איז געווען קלאָר, אַז אדעלהייד האָט עפּעס געהאַט אַ זאָרג אויף איר קאָפּ. און דער לייטענאַנט האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט אונטערצוזינגען; ער איז שוין ניט געווען גענייגט דערצו. יאָ, אודאי, ס'איז בלויז געווען אַ קליינער פאַרזוך אויף צו זינגען, און ס'איז זיכער געווען אַזאַ אומ־שולדיקע זאַך, וואָס אַ מאַן קאָן טון אין זיין פרוים אָפּוועזנהייט.

דער לייטענאַנט אָבער איז געווען אַנטשלאָסן צו טון מער, ער האָט קיין האַלבע זאַכן ניט געטון. אויב אַדעלהייד האָט עפּעס אַ זאָרג אויף זיך — פּאַסט ניט פאַר אים צו זיין אומסימפּאַטיש; ער וועט האָבן פאַר איר אַן אַנגענעמע איבעראַשונג, ווען זי וועט אַהיים קומען, ער וועט אויף אַן אמתן צוריק אויפנעמען די פראַגע וועגן דעם אָרגל. דעם אָרגל מוז ער קריגן — ווען דאָס זאָל אפילו זיין זיין לעצטע טאָט.

אַך! ווען עס וואָלט נאָר געווען דער אָרגל אַליין! וואו איז אָבער די גאַלעריי וואו ער דאַרף שטיין? און וואו איז דאָרטן פאַראַן פּלאַץ פאַר אַ גאַלעריי? דער קלויסטער מוז געענדערט ווערן. האָט דער לייטענאַנט געקאָנט נעמען גאַהילץ פאַר דער אָר־בעט פון זיין אייגענעם פאַר'משכונ'טן וואַלד אָן דערלויבניש? זיי־נע הענט זיינען געווען געבונדן; ער מוז אַרויסגיין און איבערליי־ענען הער האַלמענגראַאַס פּנים נאָך איין מאָל.

דער הערבסט איז אַריבער און זיין ווייב איז ניט געקומען. זי האָט איצט געשריבן בעטנדיק צו פאַרבלייבן דאָרטן לענגער — אַ געוויסע צייט לענגער — איבערן ווינטער; אַנדערש וועט ווי־לאַטע זיין איינזאַם — יאָ, און זי אויך. חוץ דעם האָבן זיי גע־מאַכט זייער גוטע און באַטראַכטע איינאָרדנונגען, אויסגעגעבן ווײ־ניק געלט, און געאַרבעט שווער אויף מוזיק.

אפשר האָט דאָס מזל געוואָלט אַזוי; דער לייטענאַנט וועט האָבן צייט אויסצופירן זיין בוי־אַרבעט איידער אַדעלהייד קומט אַהיים.

הער האַלמענגראַאַ פּלעגט אָפט זיך נאָכפרעגן אויף די צוויי, מוטער און זון, אין בערלין, און דאָס איז געווען מאָדנע צוליב צוויי

אורזאכן: צום אלעם ערשטן, איז האט ער זיך ניט נאכגעפרעגט אויף ווילאטצן, ווען ער איז געווען אין ענגלאנד; צווייטנס, האט דער קליינער גאטפרעד איצט, פון צייט צו צייט, אפגעטראגן בריוו אין האלמענגראאס הויז פון ווילאטצן צו מאריאנען. „זיינען זיי געזונט און גליקלאך?" — פלעגט הער האלמענגראא פרעגן. „זיי זיינען געזונט און גליקלאך", — האט דער לייטענאנט געענטפערט. היינט האט ער געענטפערט דאסזעלבע און צוגעגעבן: — מיין ווייב וויל נאך בלייבן אין בערלין א געוויסע צייט.

ער האט אנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם קלויסטער, זאגנדיק:

— אט דער קליינער קלויסטער דא — אייערע אונטערנעמונגען האבן אויף אזוי פיל פארגרעסערט די געמיינדע דא, אז דער קלויסטער איז געווארן צו קליין.

— יא, האט הער האלמענגראא געזאגט, — יא, ס'איז אמת —

נאר זיין קאפ איז, ווייזט אויס, געווען פארנומען מיט עפעס אנדערש און דער אויסדרוק אויף זיין פנים איז געווען א פינצטערער און אומדורכדרינגלאך. דער לייטענאנט האט מער ניט גערעדט וועגן דעם קלויסטער; אט דער דאזיקער עמפינדלאכער מאן האט אפגעהאקט דעם שמועס קורץ ווי ער וואלט געווען געקראגן א צייכן.

יא, איז עס אבער ניט געווען א פאקט, אז דער קלויסטער איז געווען לעכערלאך קליין? גיט נאר א טראכט וועגן די זונטיקן, ווען מען האט דארטן געטויפט קינדער אין דער אנוועזנהייט פון א גרויסער צאל מענטשן אדער ווען די גאנצע געמיינדע פלעגט זיך פארזאמלען! מ'האט אויך געקאנט לייכט פאראויסזען וואס עס וועט זיין ביי דער קומענדיקער גאטעסדינסט, ווען דער נייער דינער פון גאט, ל. לאססען, האט געדארפט קומען און פרעדיקן פאר זיינע לאנדסלייט צום ערשטן מאל. דאך איז אלעס, וואס הער האלמענגראא האט געענטפערט, געווען: „יא, ס'איז אמת".

דער לייטענאנט האט זיך אפשר געטראכט אויף זיין איינגעשפארטן שטייגער, אז ווען ער וואלט געהאט זיין אלטע מאכט, וואלט ער פשוט צוגעפארן צו זיינע מיילן־לאנגע טראקטן וואלד און באפוילן די וואלדהעקער ארונטערצוהאקן גענוג געהילץ פאר א האלבן קלויסטער. און ער האט, מעגלאך, זיך אויך געטראכט: ווען איך וואלט געהאנדלט לויט מיין רעכט, וואלט איך טעלעגראפירט גלייך היינט נאך געהילץ פון נאמסען! און ס'איז, אן ספק, געווען אט דער געדאנק, וואס האט אים אויף א רגע געמאכט צו פילן

זיך רייך. ער איז נאָך אַלץ געווען גוט אָפּ, האָט ער געפילט: ער האָט געהאַט דאָס געלט פאַרן טייך; און וואָלט עס ניט געווען צוליב יענע צוויי, די מוטער און זון, אין בערלין, וואָלט אים ניט געאַרט, אויב ער וואָלט אויסגעגעבן דאָס גאַנצע געלט ביז דעם לעצטן סענט. די לעבערלאַכע קראָנען, די הויפנס קליינע מטבעות, וואָס זיינען אפילו ניט געווען קיין טאַלערס.

הער האַלמענגראַאַס לעצטע פראַגע און דער ענטפער, וואָס ער האָט באַקומען אויף איר זיינען געווען ווירדיק און זיך גוט געפּאַסט פאַר ביידע איידלליַיט:

— איך בין ניט געווען אין בערלין; איז עס ניט צו טייער פאַר אייער פרוי צו וואוינען דאָרטן? — האָט האַלמענגראַא געזאָגט צום לייטענאַנט.

— ס'איז נ י ט צו טייער פאַר מיין פרוי צו וואוינען אין בערלין, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט צו האַלמענגראַאַן.

* * *

ס'איז ניט געווען קיין טעות אין דעם, אין די נאָכפאָלגנדיקע וואָכן האָט אביסל אַנאַנדער טאָן זיך אריינגעוועבט אין די באַציאונגען צווישן דעם גוט־באַזיצער פון זעגלפאַס און דעם ניי־אָנגעקומענעם הער האַלמענגראַא. זייטיקע מענטשן האָבן עס ניט באַמערקט, דער לייטענאַנט אָבער האָט אין דעם קיין ספק ניט געהאַט; און אין זיין האַסטיקן אַראָבער־קאָפּ האָט זיך איצט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועגן וועלכן ער האָט נאָכגעטראַכט איצטער טאָג און נאַכט: ער האָט זיך אומגעדרייט אויף פאַר'משכונ'טער ערד און געוואוינט אין אַ פאַר'משכונ'ט הויז; וועט ער זיך אַרויסצי'ען פון דאַנעט. ס'איז געווען גוט, וואָס אַדעלהייד און ווילאַטץ זיינען איצט ניטאָ דאָ. ער וועט זיי בעטן צו פאַרבליבן דאָרטן, וואו זיי זיינען; דאַן וועט ער נאָר פאַר זיך אַליין דאַרפן צוגרייטן אַ ניי לעבן.

עס שטייט געשריבן באַם סוף פון פאַסטאַר ווינדפעלדס געשיכטע, אַז פרוי האַלמטען איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרטן פאַרבליבן מחמת זי און איר מאַן האָבן ניט געשטימט צווישן זיך. נו! אויף דער פראַגע, יעדנפאַלס, זיינען זיי געווען איינשטימיק. „בלייבט וואו איר זענט דערווייל!" — האָט דער לייטענאַנט געשריבן צו זיין ווייב. און, כדי זי זאָל זיך ניט פילן געדריקט פון דאַנקבאַרקייט צו אים פאַר דעם, האָט ער איר דערקלערט, ווי

ס'איז טאקע אמת געווען, אז ער וויל אויספירן א פּלאַן. וואָס צוליב דעם מוז ער זיין אליין.

וואוהין וועט ער זיך אריבערציען? דאָרטן איז געשטאַנען די אַלטע ציגעלניע; זי האָט ער ניט פאַרקויפט, אין דער מציאה מיטן טייך איז זי ניט געווען אריינגערעכנט. די ציגעלניע איז געווען פאַרמשכונט פּונקט אזוי גוט ווי אַלעם איבעריקע, דאָס איז אמת. זי קאָן אָבער ווערן אויסגעלייזט פון דער היפּאָטעקע; זי איז גע־ווען געלעכערט און ס'האָט אין איר אריינגערונען. מ'קאָן זי אָבער פאַריכטן און צופּאַסן פאַר א וואוינונג.

דער לייטענאַנט האָט איבער דעם פּלאַן זיך ערנסט פאַרטראַכט. אין די אַלע יאָרן פון זיין ירידה האָט ער קיינמאָל ניט אויפגענומען לייכט קיין זאַכן און גלאַט אזוי זיך געלאָזט זיי שווימען — דאָס איז געווען ווייט פון זיין נאַטור. זיינע געלט־נויטן האָבן אים געפּיי־ניקט, ער האָט זיי אָבער ניט געקאָנט פאַרהיילן. ווי אזוי האָט ער זיי געקאָנט פאַרהיילן? דורך פאַרדינען עפּעס, דורך מאַכן עפּעס? ער? דער דאָזיקער מאַן, וואָס האָט בלויז געקאָנט אויסגעבן געלט, בלויז צאָלן, צאָלן; אַן אויסברייגנגער אַן רייכטימער, אויף וואָס צו שטיצן זיך, א מאַן מיט נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, א גאָון אויף צו מאַכן הוצאות. ער איז געווען דער זון פון זיינע פאָטערס און האָט געלעבט אין שאָטן פון זיינע עלטער־פאָטערס.

פון יענעם טאָג אָן, ווען ער האָט געקראָגן יענע אמתע אָדער אויסגעדוכטע אָנצוהערעניש פון הער האָלמענגראַא, האָבן זיינע שוועריקייטן אויסגעוויזן צו טורעמען זיך העכער און העכער פאַר אים: ער האָט פאַרגעסן אָדער בכיון זיך געמאַכט ניט וויסנדיק וועגן זיין גאַנצן באַוועגלאַכן פאַרמעגן, זיין איבערגעפּילט הויז, דאָס מעבל, די קונסטווערק, די ביבליאָטעק, דאָס פּי, די פערד, שיפלאַך, געצייג, מאַשינעריע — וועגן דעם אַלעמען האָט ער ניט געטראַכט. זייענדיק, ווי ער איז עס געווען, די פאַרקערפּערונג פון געזעץ — איז געווען אומפאַרמיידלאַך, אז ער זאָל זיך באַטראַכטן בלויז עטלאַכע טריט פון באַנקראָט.

אָט דער אַלטער לייטענאַנט — האָט ער ניט געקעמפט קעגן א נאַטור־קראַפט! זאָל ער זיך ווענדן צו זיינע שוועסטער אין שווערדן? אזא געדאַנק איז אים קיינמאָל ניט איינגעפאַלן; שוין צוואַנציק יאָר ווי ער האָט ניט קיין רעגולמעסיקע פאַרבינדונגען מיט זיי, אין זינט זייער מוטער איז געשטאָרבן, האָבן זיי אפילו אויפגעהערט זיך

דורכשרייבן. ער וואָלט אפשר געקאָנט ענדערן זיין אַרט לעבן, פאַר־קלענערן די צאָל דינער, שניידן די יערלאַכע הוצאה, די קאָנטאַ בא די בערגענער סוחרים? וועגן דעם, וואָלט ער אייך אַליין געזאָגט, איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן אפילו, און ער וועט עס אפילו ניט נעמען אין אַכט. זאָלן די צווייִ אין אויסלאַנד קריגן אַ וואונק פון דער היים וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד פון זעגלפאָס! זיי זיינען ניט געווען געוואוינט צו זאָרגן זיך וועגן געלט־מיטלען. דער קליי־נער ווילאַטע טאָר ניט האָבן קיין אַנדערן באַגריף וועגן זיין פאָ־טער ווי דעם, וואָס דער לייטענאַנט האָט געהאַט וועגן זיין פאָ־טער: ער דאַרף פילן, אַז ער איז שטענדיק אין אַ לאַגע צו זיין גרייט צו העלפן, צו געבן, צו קויפן; קאָן אַלעמאָל זיין אַן איידל־מאַן, אַ ווילאַטע האָלמסען. און וואָס שייך דער דינערשאַפט? זיינען איצט געווען מערער דינסטן און דינער ווי אין זיין פאָטערס צייט? דער קליינער גאָטפרעד — איז ער אימיצן געשטאַנען אין וועג? און זיין שוועסטער פאַלינאַ — איז זי ניט געווען די איינ־ציקע, וועלכע האָט געהאַט פיינע, קורצע ענטפערס פאַרן לייטע־נאַנט און וועלכע האָט געמאַכט אַ קניקס ווי צו אַ פאָטער, ווען ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי איר? ער האָט אויך ניט געקאָנט, איצט ווען זיין ווייב איז ניטאָ, אויסקומען אָן דער הויז־פירערן. קיין זאַך האָט ניט געקאָנט ווערן געענדערט.

די הויז־פירערן? זי איז געווען אַ רירעוודיקע און פלייסיקע פרוי — זיין ווייב אַליין האָט זי געלערנט אַזוי פיל יאָרן — אַזוי אַז איצט האָט זי געהאַט די באַלעבאַטישקייט פון הויז אויף אירע שפּיץ־פינגער. איז אַלעס אונטער אירע הענט ניט געגאַנגען אויס־גערעכנט ווי אַ זייגער? ניין! ניין!

אויך האָט יאַמפּרו סאַלוועסן אַליין ניט געפילט קיין מאַנגל אין עפּעס. זי האָט פּאַקטיש געהאַט פולע שפייכלער פון וואַנעט צו נע־מען; דער גרויסער מאַיאָנטעק האָט צוגעשטעלט דאָס רוב פון דעם, וואָס מ'האָט געדאַרפט האָבן, און וויין און צוגעריכטע שפּייזן זיינען געקומען פון בערגען, פּונקט אַזוי ווי פריער. קיין זאַך האָט ניט געפעלט. און דערפאַר איז יאַמפּרו סאַלוועסן אַלעמאָל געווען פריילאַך און צופרידן מיט איר מזל, און אָפּט זיך געלאָזט וואוילגיין און זיך גע'חכמה'ט מיט די דינסט־מיידלאַך.

איז זי ניט געווען די פירערן פון זעגלפאָס? אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. דער האַפן־פאַרוואַלטער האָט זיך געשדכנט

צו איר און געוואַלט מיט איר חתונה האָבן. דאָס איז געווען אַ אמת. און ער האָט אויך געזונגען אַזעלכע פריילאַכע לידער. זיי האָבן עס ביידע שוין געהאַט כמעט אַזוי גוט ווי באַשלאָסן צווישן זיך יענעם פרילינג; נאָר דאָ האָט דער אַדוואָקאַט ראש זיך אָנגע־הויבן צו ערקלערן איר אין ליבע און געוואַלט מיט איר חתונה האָבן — און דאָס איז שוין געווען גאָר אַנאַנדער זאַך. איר פאַרשטייט. הער ראש האָט געוואָלט טון אַזוי ווי זיין פאָטער און זיין זיידע און זיין זיידנס פאָטער האָבן געטון פאַר אים: חתונה געהאַט און גע־זוכט אַ רעגירונגס־שטעלע און געפירט אַ קולטורעל לעבן. דעם האַפּן־פּאַרוואַלטערס קאַריערע ווידער איז געווען מער אומבאַשטימט: ער איז געווען אַ געשעפטסמאַן און ניט געקאָנט עפּעס קיין געשעפט אָן געלט. ניין, דעם האַפּן־פּאַרוואַלטער קאָן מען ניט פאַרגלייכן מיטן צווייטן, כאָטש מ׳האָט זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון ניט לאַכן פון אים. נאָר יאַמפּרו סאַלוועסן, די הויז־פירערן, האָט ניט גע־האַט קענען דעם, אַז זי זאָל האָבן צוויי שנירלאַך פאַר איר שלייף.

זי האָט זיך באַפריינדט מיט פרוי אירגענס, וואָס איר מיידל־שער נאָמען איז געווען גילמיאַרדן, און אָפטמאָל איז אַן אָוונט זיך דורכגעגאַנגען צו האָלמענגראַאַן אין הויז אַריין צו כאַפּן אַ שמועס מיט איר. זייענדיק די אַלמנה פון אַ געריכטס־אַדוואָקאַט, איז פרוי אירגענס געווען צוגונסטן ראשן — „וואָס צווייפלט איר נאָך!" — פלעגט זי זאָגן. „ער איז אַ געלערנטער מענטש, בעת דער צווייטער קאָן, דאָס העכסטע, זיין אַ קרעמער. ניין, שיקט ניט אוועק ראשן!"

— ער קאָן אפשר אַליין אַוועקגיין, — זאָגט יאַמפּרו סאַלוועסן.

— אַוועקגיין — אַ געבילדעטער מאַן? קיינמאָל ניט. אַזאַ מאַן האַנדלט ניט אַזוי. אירגענס איז ניט אַוועקגעגאַנגען.

— ווי געפעלט אייך צו זיין דאָ אין דעם הויז? — פרעגט יאַמפּרו סאַלוועסן.

— דאָ? — פרוי אירגענס ווייזט אָן מיט אַ שאָקל מיט איר קאָפּ, אַז איר אָרט איז אַ גן־עדן, — איך האָב נאָך קיינמאָל ניט פאַרבראַכט אַזוי גוט, ס׳איז אַזאַ פּאַרוואָרפענע געגנט. הלוואי וואָלט איבערגענס נאָר געווען געקאָנט דאָ זיין.

— ווייסט איר וואָס איך דענק, פרוי אירגענס? איך גלויב, אַז הער האָלמענגראַאַ איז גאָרניט אַזאַ ווי ער ווייזט אויס צו זיין.

— וואָס מיינט איר? וואָס איז ער ניט?

— האָט ער אייך קיינמאָל ניט ארומגענומען?
— וואָס אין הימלס נאָמען רעדט איר, יאָמפרו סאָלוועסן?
— נו, ער האָט מיך ארומגענומען.
— ארומגענומען אייך?
— יאָ, מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק.

נאָר אצינד איז פרוי אירגענס באַליידיקט און זי זאָגט:

— איך דענק, אַז ער האָט ניט ארומגענומען קיין אנדערע מער ווי מיך; עס איז אָבער בלויז די לעצטע עטלאָכע וואָכן, ווי ער טוט עס אזוי — עס זעט אויס ווי ער וואָלט זיך אביסל געענדערט לעצטנס. אָבער דאָס וועל איך יאָ זאָגן, אַז ער גייט ניט צו ווייט. קיינמאָל ניט! און מיט אייך, וואָס איר קאָנט אים ניט, האָט ער אפילו אזוי ווייט אויך ניט געקאָנט גיין. וואָס האָט ער אייך געטון, זאָגט איר? איך וואונדער זיך אויף אייך.

דער שמועס צווישן די צוויי פרויען גייט אַן און יאָמפרו סאָלוועסן פילט זיך אצינד באַליידיקט. ווייל פרוי אירגענס מאַכט אַ באמערקונג, אַז עס זיינען פאַראַן אזויפילערליי וועגן פון ארומנעמען אַ פרוי; „איינע קאָן שטיין אַ מאָן פונקט אין וועג, ווען ער גייט דורך פאַרביי איר, און דאַן וואָס זאָל ער טון מיט זיינע אָרמס, יאָמפרו סאָלוועסן?“

— ניין, דערציילט מיר ניט אַזעלכע מעשיות. וואָס טוט זיך אָבער איצט אין הויף? איך וויל טאַקע אויף אַן אמת וויסן! — זאָגט פרוי אירגענס.

— בא אונדז? — ענטפערט יאָמפרו סאָלוועסן, שטאַרק באַליידיקט דאָס מאָל, שרעקלאַך באַליידיקט. — איך קאָן אייך זאָגן, איר מעגט זיך פירן דאָ אזוי שפּאַניש און רייך ווי איר ווילט נאָר, אָבער איר קאָנט זיך ניט פאַרגלייכן מיט אונדז אין הויף, איר קאָנט עס זאָגן האָלמענגראַאָן אין מיין נאָמען. איך האָב ניט געזען קיין טעלער און שיסלען און טאָצן פון שווערן זילבער אין דעם הויז, מ י ר אָבער האָבן יאָ; און איך האָב ניט געזען דאָ קיין באַגילדעטע הענטלאַך בא די זילבערנע קוכן־שיסלען. מ י ר אָבער האָבן ז י י. יאָ, אזוי!

— אָבער מיין ליבע יאָמפרו סאָלוועסן, ווייסט איר, אַז זי האָט אים פאַרלאָזט?

— אזוי? דאָס איז אייער צונג, וואָס גאָט דאַרף זי פאַרהיטן פון רכילות און לשון־הרע, פרוי אירגענס, ניט מיינע. וואָס

ר ע ד ט איר? זי איז אוועקגעפאָרן מיט איר זון קיין דייטש־לאַנד און ער שטודירט דאָרטן צו זיין אַ קאָמפּאָזיטאָר. איך ווייס ניט וואָס איר מיינט. איך קאָן אויף אַן אמת גלויבן, אַז איר האָט זיי אַלע אַביסל געענדערט דאָ. איך אבער, פון מיין זייט, האָף צו לעבן און שטאַרבן אַן אַנשטענדיקע פרוי; און וואָס שייך דעם, האָט דער קאָנסול פרעדעריק מיך קיינמאָל ניט ארומגענומען. איר קאָנט עס זאָגן הער האַלמענגראַאַן אין מיין נאָמען.

און אַזוי אַרום האָבן די צוויי פרויען פאַרגעזעצט זייער שמועס, אַ געמיש פון נאַרישקייט און שפּיציקייט. ווען אַט די פרויען האָבן געוואָרן צווישן זיך האָבן זיי ניט געדאַרפט איינהאַלטן זייערע צונגען, און די נאַטור האָט געקראָגן די אויבערהאַנט; זייער שפּראַך האָט געהאַט דעם ריח פון זייער היימישער דערציאונג; זיי האָבן אַרויסגעזאָגט אומגלויבלאַכע זאַכן.

* * *

ענדלאַך האָט דער פּאַסטאָר ווינדפעלד אויסגעפאָלגט דאָס גע־זעץ פון אָפיציעלער איבערוואַנדערונג און געזוכט אַ פּאָסטן אין דרום. ער האָט עס געטון אומווילק, אַט דער אַלטער, ערשעפּטער מאַן, ווייל בדרך כלל האָט ער דאָ געפירט אַן אַנגענעם און בכבודיק לעבן — געהאַט אַ פולן קלויסטער מיט אַ פרידלאַכער געמיינדע. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טון? וואָס הייסט, זאָלט איר מיר זיין גע־זונט! זיינען ניט געווען קיין מאַסן מענטשן דאָרטן אין דרום־לאַנד. וואָס זיינען געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ חלק פון דעם, וואָס עס איז געבליבן פונם פּאַסטאָר ווינדפעלד? האָט ער זיי געקאָנט לאָזן לענגער וואַרטן? ער האָט באַקומען אַ פּאָסטן אין דער פלאַכער נאָר שיינער סמאָאַלענען געגנט.

דאַן איז זיין שטעלפאַרטרעטער אָנגעקומען. ס'איז ניט געווען דער קוראַט *) פונם קירך־באַצירק; ער איז נאָך, ליידער, ניט געווען באַשטימט. ניין! ס'איז געווען אַ זיך אויפאָפּפערנדיקע נשמה, וואָס איז געווען ווילק צו דינען דער געמיינדע צייטווייליק. די איינוואוי־נער האָבן געדאַרפט אָננעמען דעם וואָס זיי האָבן געקאָנט קריגן אין זיין דאַנקבאַר, וואָס אוועלכער־ניט־איז גלח וויל קומען אהערצו אין צפון־־לאַנד אויף עטלאַכע וואָכן.

און נאָך אַזאַ גלח! אַן אויסגעצייכנטער מאַן אין שוואַרצע

---

*) גלח פון אַ נידעריקערן ראַנג. — ש. ש.

קליידער און מיט אַ שטייף העמד. קיינער האָט ניט געקאָנט מאַכן קיין טעות וועגן אים; די הענט אויסגעאיידלט דין פון בלעטערן זייטן פון ביכער און מאַנוסקריפּטן; די געוויכטיקע פיגור — פּאַסיק צו טראָגן אַ שעפּעלע אויף יעדן אַקסל; די גראַמע שיך — ברייט גענוג פאַר צוויי פּאָר זאָקן; און איבער זיי גאַלאַשן. ער האָט ניט געהאַט קיין בישאָפּס שטאָק מיט אַ צלם אויפן שפּיץ — דערווייל נאָך ניט: ער האָט אָבער געהאַט לאַנגע האָר און געטראָגן לומדישע ברילן, מחמת איז ער דען ניט געווען קיין גרויסער למדן? ס'איז געווען לאַרס מאַנילסענס זון, ל. לאַססען.

ער איז שוין געווען אַ פולער גלח איצטער. און ער איז אַהיים געקומען זיך אויסצופּיינען. מ' קאָן ניט שיינען אין די קאַרדילעראַס — בלויז אין דער היים קאָן אַ מענטש זיך אויספּיינען!

ער איז געקומען מיט אַ הויז-פירערן און מיט עטלאַכע קאַסטנס מיט מעבל און צוגעפאָרן גלייך צום קלויסטער-הויז. אין הויפּט באַ-צירק. די פאַרוואַלטונג-מיטגלידער פון דער קירך-געמיינדע האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף צו באַגעגענען אים און פון איצט אָן האָבן זיי אים צוגעהאָלפן מיט דער גרעסטער איבערגעבנקייט; ווייל, אוראַי, זיין רום איז געלאָפן פאָראויס פאַר אים שוין אַ סך יאָרן—ווער האָט ניט געהערט פון ל. לאַססען!

— זייט מצליח דאָ און זאָל זיין אין אַ גוטער שעה, אַז איר זאָלט פאַרבלייבן באַ אונדז אַ לאַנגע צייט! — האָבן די פאַרוואַלטונג-מיטגלידער געזאָגט.

— ניין, ניין. איך וועל דאָ ניט פאַרבלייבן לאַנג, — האָט גע-ענטפערט דער פּאַסטאָר. — איך האָב אָבער געהאַלטן עס פאַר מיין פליכט איבערצונעמען צייטווייליק די דינסט דאָ.

— אַך, ניין; ס'איז מער ניט ווי נאַטירלאַך, אַז איר זאָלט זיך מער ניט פילן היימיש דאָ צווישן אונדז.

— ניין, זאָגט עס ניט, מיינע פריינט; מיר זיינען אָבער אַזוי אָפּגעזונדערט דאָ, און איך קאָן ניט לעבן אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל. מיינע למדנישע שטרעבונגען, שיינט מיר, ווייזן אָן אויף אַ שטעלע אין דרום פאַר מיר.

— יאָ, מן הסתם איז עס אַזוי. אָבער אַ שטייגער ווען איר וואָלט געזוכט אַ פּאָסטן דאָ, וואָלט איר דאָ געקראָגן.

— דעם אַמט פון אַ פּאַסטאָר אין דעם באַצירק? יאָ, איך וועל אים אָבער ניט זוכן צו קריגן. מיין דאָקטאָר פאַרווערט מיר צו לעבן

דאָ; איך קאָן ניט פאַרטראָגן דעם היגן קלימאַט, זאָגט ער; ס'איז צו ווייט אַרויס אין צפון.

דערנאָך האָט ער געהאַלטן אַ דרשה אינם הויפּט קלויסטער, און ס'איז ניט געווען קיין פּלאַץ אין אים פאַר אַלעמען; ער האָט אָבער באַפוילן אַז מ'עון זאָל אַרויסנעמען די פענצטער אַזוי, אַז די וואָס זיינען געשטאַנען אינדרויסן זאָלן אים אויך קאָנען הערן. נו — און היינט די דרשה אַליין, וואָס ער האָט געהאַלטן — !

נאָר דער זעגלפאָס קלויסטער איז פאַרשטייט זיך געווען נאָך קלענער און ווען הער לאַססען האָט דאָרטן געדרשנט איז קיין איין צאָל ליידיק פּלאַץ ניט געווען צו געפינען. גאָט איז מיט אייך! יעדער איינער איז געגאַנגען אין קלויסטער אַריין — אַפילו פער דער קרעמער איז געגאַנגען — און דאָרטן זיינען זיי געשטאַנען און ניט געקאָנט אַריין אינווייניק. — נעמט אַרויס די פענצטער, — האָט דער פאַסטאָר נאָכאַמאָל באַפוילן, — און מיט גאָטס הילף וועט מיין קול גרייכן אַפילו אויך די וואָס שטייען אַמווייטסטן! — און, זיכער ווי דאָס מזל, זיין קול האָט זיך געהערט אַזוי ווייט ווי ביז צום האַפן, אַזוי ווייט ווי ביז צו די שטיבלאַך. ס'האָט זיך אַפילו ניט געלוינט צו גיין אין קלויסטער; און אַזוי אַרום איז אַ יונג פּאָרל, נאָכפאָלגנדיק אַן אַלטע זונטיק געוואוינהייט, אַרונטער געגאַנגען צום שיפלאָר־קאַמער הינטערן ים־שפּיץ. דאָס מיידל איז געווען דאָווערדאַנאַ, דעם פאַסטאָרס שוועסטער, און דער בחור איז געווען דער געהילף צום קרעמער באַם האַפן.

נאָר נאָך דער גאָטעסדינסט איז דער פאַסטאָר געווען הונגעריק, און אַזוי ווי ער איז ניט געווען איינגעלאַדן ניט צום לייטענאַנט אין הויף אַריין און ניט צו הער האַלמעננגראַאַן, איז הער לאַססען, אין זיין גרויסער עניוות, אַרונטערגעגאַנגען צו זיין פאָטערס שטיבל און דאָרטן געגעסן זיין מאָלצייט.

דאָרטן איז ער געזעסן נאָך אַ מאָל, דאָס אינגל לאַרס, די ברכה און דער וואונדער פון דעם קירך־באַצירק. זיינע קלענערע ברידער און שוועסטער זיינען שוין געווען אויסגעוואַקסן, און זיין מוטער גרויער, נאָר זיין פאָטער איז געווען דערזעלבער רויט־באָרדיקער, פאַרהאַרטעוועטער אַלטער, און יוליאַוס איז געווען אַ מאַן.

— איצט קלער איך צי די קאָנסט עסן דאָס וואָס מיר האָבן, — האָט זיין מוטער געזאָגט.

— אָ, יאָ ! אַ דאַנק ; איך זע, אַז עס איז פרישׁ פלייש, און עס איז פרישׁ פלייש וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר געהייסן עסן.

— מיר האָבן געקוילעט אַ ציג, — האָט זיין מוטער געזאָגט.

ער איז געווען אָפּגעהיט אין זיינע טיש־מאַניערן אויס־שפּרייטנדיק זיין טיכל אונטער זיין קין און גענומען ברויט מיט זיין גאָפּל ; יוליאוס האָט צו זיך אַליין אַ מורמל געטון : „דער טייוול !" אַביסל שפּעטער זיינען זיי אַלע אַרויסגעגאַנגען איינציקווייז איינער נאָכן אַנדערן כדי לאָרס זאָל קענען זיין אַליין ; די קלענערע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן ניט געוואוסט אַנדערש ווי נאָר שטיין אין די ווינקלען, זיינען אַרויסגערופן געוואָרן פונם פאָטער.

דער פאָטער איז אודאי געווען איבערוועלטיקט היינט ; ער איז כמעט ווי שטום געוואָרן פון דער פייערלאַכקייט פון דער געלע־גנהייט, חוץ דעם האָט ער גערדאַרפט ווייזן זיין זון ווי זיין דרשה האָט אויף אים געווירקט און אים געמאַכט צו פאַרטראַכטן זיך ; אויך צוליב דער סיבה איז ער געווען שטיל. יוליאוס אָבער, דער שעלמאַק, דער זינדיקער, האָט זיך אַרויפגעגנבעט אויפן אויבער־שטיבל וואו ער האָט זיך געמאַכט אַ קוק־לעכל אינם דיל, און געלעגן דאָרטן און געהיט זיין ברודער אינם הינטערשטן צימער. און זעט נאָר זעט ווי ער פירט זיך אויף איצט ! אַלע זיינע מאַניערן זיינען פאַרשוואונדן ; ער האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסן, שלינגט זשעדנע גרויסע שטיקער, עסט גראָב, בלינד, ווי אַ חזיר, פאַרגיסט פעטס אַרום און אַרום זיך. און ער טוט עס אַלעס אין אַזאַ איילעניש ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַריינגעמען אין זיך אַזויפיל וויפל ס'איז נאָר מעגלאַך איידער אימיצער קומט אַן. יוליאוס, אָן ספק, באַשליסט נאָכדעם, אַז זיין ברודער איז נאָכאַלעמען ניט געוואָרן אַזאַ גרויסער מענטש, אַז ער זאָל ניט טאָרן ריידן צו אים.

נאָכן עסן לעגט זיך דער פאַסטאָר צו אויף זיין פאָטערס בעט און שלאָפט איין. ווען ער כאַפּט זיך אויף, דערלאַנגט אים די מאַמע קאַווע. דער פאַסטאָר איז דערפרישט איצטער, ער געניצט הויך און באַדאַנקט זיין מוטער פאַר דער קאַווע ; ער נעמט אַרונטער פון דער פאָליצע די צוויי אַלטע, גוט־באַוואוסטע ביכער, וואָס געפינען זיך אין שטיבל, איינס— אַ בוך מיט דרשות און דאָס צווייטע אַ „שפּיגל פונם מענטשלאַכן האַרץ", וועלכע זיין פאָטער האָט איינמאָל גע־בראַכט אַהיים פון לאַפּאָטען.

דאַן קומען די אַנדערע צוריק אַריין, איינער אויף אַ מאָל ; דאָס

קליינוואַרג קומט אַריין, און דאָווערדאַנאַ קומט אויך ענדלאַך אַריין. דער פּאַסטאָר זעט ניט און הערט ניט, ער איז פאַרטיפט אין די ביכער. וואָס פאַר אַ ביכער־מענטש ער איז עס געווען אָט דער לאַרס! און ווי ער האָט געקאָנט איבערקערן די בלעטער אַפילו ניט איינ־נעצנדיק קיין פינגער; און מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד ער האָט עס געהאַלטן אַ בוך גלייך ווי עס וואָלט געווען אַן אוצר. זיין מוטער אָבער האָט געזען פון גוטע סמנים אויף זיינע הענט און האַלדז, אַז ער איז געווען פּונקט אַזוי שמוציק ווי פריער.

דאַן רייסט ער זיך אָפּ פון די ביכער און הויבט אָן צו ריידן מיט די אַנדערע; ער באַמערקט דאָווערדאַנאַן און פרעגט זיך נאָך אויפן לייטענאַנט.

— אַ דאַנק, ער איז געזונט.

— איך וועל מן הסתם דאַרפן האָבן אַ קליינעם שמועס מיט אים.

— זאָגט דער פּאַסטאָר. — כ׳האָב געהערט, אַז זיין ווייב איז אַוועק־געפאָרן.

ער פרעגט זיך נאָך אויף ווילאַטצן.

— ער שטודירט צו זיין אַ מוזיקער, — ענטפערט דאָווערדאַנאַ.

— אַלץ עולם הזה זאַכן!

— פּונקט דאָסזעלבע וואָס איך האָב געטראַכט די גאַנצע צייט — מישט זיך אַריין זיין פּאָטער, לאַרס מאַנילסען. — איך בין אַן עם־הארץ איז אַלץ וואָס איז שייך ביכער און צייטונגען, איך האָב אָבער אַלעמאָל פאַרשטאַנען, אַז מוזיק און שפּילן און טאַנצן און שפּילן אין ביינדלאַך זיינען אַלץ מעשים־טובים פונם טייוול — גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד.

— ווי לאַנג וועסטו דאָ פאַרבלייבן אין דעם קירך־באַצירק? — פרעגט יוליאַוס.

— איך ווייס ניט; ניט לענגער וויפל ס׳איז דורכאויס נויטיק.

— ענטפערט דער פּאַסטאָר. — מיין בישאָף האָט מיר צוגעזאָגט אַ גיכן איבערבייט.

— פאַרוואָס קאָנסטו זיך ניט ווענדן נאָך דעם פּאָסטן?

— ווייל איך בין צופיל אָנגעשטריינגט פון לערנען און איך קאָן ניט פאַרטראָגן די לופט דאָ. איך מוז וואוינען אין דרום.

— די לופט? וואָס, צום טייוול, איז דער מער מיט דער היגער לופט?

— ביסט אַזוי גראָב, יוליאַוס, — זאָגט דער פּאַסטאָר צו זיין

ברודער.

יוליאוס איז אָבער אין דער אמתן ניט געווען אַזוי שטאַרק שלעכט; ער האָט פּשוט געפרעגט פאַרוואָס, אום הימעלס נאָמען, טויג דאָ ניט די לופט? און צו מ׳האָט דאָ ניט געדאַרפט האָבן קיין פּאַסטאַר אין דעם היגן באַצירק.

— אַלע דאָרפישע פּאַסטאָרן אין די היגע צפון מקומות זיינען גלייך; קיין איין פּאַסטאָר נעמט ניט אָן ווילינק קיין אמט אין צפון־לאַנד. אויס בלויזער פריינטלאַכקייט בין איך געקומען אַהער.

גאָטספּאַרכטיקע שטותעריי און געלערנטע שטותעריי שליסן אַמאָל יד־אחת; זיין מוטער האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געפּלאַצט פון שטאָלץ פון איר גרויסן זון:

— אָ, יאָ! ס׳איז געווען גרויסאַרטיק פון דיר איינצואוויליקן צו קומען נאָכאַמאָל אַהיים!

יוליאוס האָט אָבער ניט נאָכגעגעבן:

— נו, אויב אַזוי, הייסט עס, וועט דאָס צפון־לאַנד זיך באַגיין אָן גלחים?

— דו רעדסט נאַרישקייטן, יוליאוס, — וואָרטשעט זיין פאָטער.

דער פּאַסטאָר הוסט און ענטפערט:

— מיין בישאָף דענקט, אַז די איינוואוינער דאָ אין צפון דאַרפן קאָנען אויסקומען מיט גלחים, וואָס זיינען ניט אַזעלכע גרויסע למדנים. און דו דאַרפסט זיך אונטערוואַרפן זיין פאַרשטאַנד, יוליאוס.

יוליאוס האָט זיך קיינמאָל ניט אונטערגעגעבן סיידן ער איז געשטאַנען אין אַ געפאַר, איצט אָבער איז ער ניט געשטאַנען אין קיין געפאַר. חוץ דעם האָט זיין כבוד געליטן אַ קלאַפּ — ס׳איז געווען שרעקלאַך ווי אַזוי אָט דער יונג לאַרס האָט זיך אָנגעשטאָפּט מיט ציגן־פלייש.

— וואָס איז דער מער — ביסט קראַנק? — האָט ער געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט דאָס געהערט ערשט איצט דאָס ערשטע מאָל.

— יאָ, איך האָב, צום באַדויערן, זיך צופיל אָנגעשטריינגט באַם לערנען. מיין ברוסט־קאַסטן איז אָנגעגריפן.

— יוליאוס, אָבער, וועלכער האָט געדענקט זיין ברודערס קול, ווי פון אַ לייב, באַם עמוד יענעם טאָג, האָט נאָכאַמאָל געפרעגט ערשטוינט:

— דיין ברוסט?

— יאָ, און מיינע אויגן. מיין ראיה איז שוואַך.

— נו, דו לאָז נאָר לערנען צורו, יוליאוס, — האָט זיין פאָטער אים אויסגעמוסרט.

— וואָס איז דער מער מיט דיינע אויגן? — פרעגט יוליאוס.

— עפּעס אַזוינס וואָס צוליב דעם דאַרף איך טראָגן אויסגע־בויגענע פון אינעווייניק אויגנגלעזער. דו וועסט עס ניט פאַרשטיין.

ניין, יוליאוס האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט.

דער פאַסטאָר האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף די ביכער און געזאָגט:

— איך שטעל מיר פאָר, אַז איר נוצט זיי ניט צופיל די ביכער דאָ אין דער היים.

— ניין, נאָך ערגער, — האָט געענטפערט זיין פאָטער; גאַנץ וואָרט ווערט דאָ גאָר ווינציק געלייענט.

— אויב אַזוי קאָן איך זיי אפשר מיטנעמען מיט זיך? — האָט דער פאַסטאָר געזאָגט.

— נאָך וואָס דאַרפסטו זיי? — האָט יוליאוס געפרעגט.

זיין פאָטער האָט אויסגעזען ווי די ביכער וועלן אים שטאַרק ניט אויספעלן און ער האָט געזאָגט:

— אויב דו ווילסט זיי קאָנסטו זיי נעמען.

— דיינע אויגן וועלן נאָך ערגער ווערן, — האָט געזאָגט יוליאוס.

נאָר אויף דעם האָט דער פאַסטאָר אָפּגעענטפערט: — אַך, ניין! מיט גאָטס הילף וועלן זיי ניט ווערן ערגער. מיין דאָקטאָר זאָגט, אַז מיין ראיה איז בעסער איצט ווי זי איז געווען מיט אַ צייט צוריק.

— איך ווייס פון אַנאַנדער בוך, — האָט יוליאוס געזאָגט. — אַל יאָהאַן האָט אַן אַלט בוך פון יעספּער בראָכמאַנד.

— קאָנסטו קריגן דאָס בוך פאַר מיר? האָט זיין ברודער גע־פרעגט.

— יאָ, איך דענק אַזוי, — האָט יוליאוס געזאָגט און איז אַרויס־געגאַנגען.

דערנאָך האָט דער פאַסטאָר אָנגעהויבן צו ריידן וועגן הער האָלמענגראַאַ, זאָגנדיק אַז ער איז אַ מענטש, וואָס גיט זיך אָפּ צופיל מיט עולם הזה, וואָס טראַכט וועגן קיין שום אַנדער זאַך ניט

ווי נאָר געשעפט. — איז עס אמת אז ער האָט אָנגעהויבן צו טרינקען?
— האָלמענגראַא ?
דער פּאַסטאָר גיט אַ נויג מיטן קאָפּ.
— כ'האָב אַזוי געהערט.
זיין מוטער שאָקלט ווידער איר קאָפּ. רבונו של עולם ! וויפל איר זון ווייסט דאָס אַלץ !
— כ'וועל דאַרפן זיך דורכשמועסן מיט אים אויך אין איינעם פון די טעג, — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט. — און די קינדער, שטעל איך מיר פאָר, גייען ווייטער אַרום פּוסט־און־פּאַס און ווערן וואָס מער געצנדינעריש פון נאָך מיין אַוועקפאָרן פון דאַנען ?
— יאָ, פעליקס וויל זיך גאָרנישט ניט לערנען. און איצט וויל אים זיין פאָטער צורקשיקן קיין מעקסיקאָ, — האָט דאַווערדאַנאַ געהערט.
איר ברודער שטעלט אַן די אויערן :
— קיין מעקסיקאָ ? און מאַריאַן אויך ?
— ניין, נאָר פעליקס אַליין, מאַריאַן וועט פאָרן קיין קריס־טיאַניאַ שפּעטער.
— קיין קריסטיאַניאַ ? אַזוי.
דער שמועס האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דעם קרעמער — דער פּאַסטאָר האָט געוואוסט אַביסל וועגן יעדן איינעם, די פאַר־וואַלטונג־מיטגלידער זיינען געווען אַזוי איבערגעגעבן אין זייער הילף. פאַר דער קרעמער איז געוואָרן פעטער און פעטער, ער קאָן גערופן ווערן צום יום־הדין יעדן טאָג ; ער וואָלט געדאַרפט אויפגעבן זיינע גליטשיקע קונצ־שטיק מיט די הענט באַם וועגן און מעסטן סחורה.
און דאַן דער טעלעגראַפיסט, האָט ער זיך ניט אַרומגעיאָגט נאָך מיידלאַך באַנאַכט ? און דער האַפן־פאַרוואַלטער, איז עס אמת, אַז עפּעס קומט פאָר צווישן אים און דער הויז־פירערן, יאָמפרו סאָל־וועסן ?
דאַווערדאַנאַ איז דאָרטן געזעסן אויף שפּילקעס ; באַלד וועלן נאָך דער רייע נאָך געשטעלט ווערן פראַגן וועגן דעם געהילף האַפן־פאַרוואַלטער, וואָס איז געווען איר געליבטער פונם שיפלאַד־שטיבל. אַך ! זי וועט מער קיינמאָל אויף אים קיין קוק ניט טון !
דאַן איז יוליאוס אַריינגעקומען אין איילעניש צוריק ; ער איז געווען באַ אַל יאַהאַנען און ער האָט איצט אַ שליידער געטון אַ

שווערן און שרעקלאַך שמוציקן בוך אויפן טיש. נאָט אין הימעל — ער האָט אים זיכער ניט צוגעגנבעט ?

— אָט איז דאָס בוך, —האָט ער געזאָגט.

— מעג איך אים מיטנעמען ? — האָט דער פּאַסטאָר געפרעגט.

— מעגסט אים מיטנעמען.

און זיין מוטער האָט געשאָקלט מיט קאָפּ : ליבער גאָט ! וואָס פּאַר א ליבהאָבער פון ביכער אָט דער לאַרס איז עס, ווי געלערנט ער איז.

דער פּאַסטאָר האָט צענויפגעלעגט די דריי ביכער צוזאַמען אין זיי געגלעט. צו וואָס האָט ער זיי געדאַרפט האָבן ? וואָס הייסט, ל. לאַססען האָט אָנגעהויבן צענויפשטעלן א ביבליאָטעק, און פון יעדער שטיבל געפאָדערט עפּעס פּאַר איר. אָט האָט ער דריי נייע בענד ; און אָט דאָס בוך פון יעספּער בראַכמאַנד וועט באַזונדערס אויסזען פיין אויף זיין ביכער־פּאָליצע.

— אָל יאָהאַן האָט געבעטן, אַז דו זאָלסט קומען אָפּהאַלטן א גאָטעסדינסט באַ אים אין שטוב איידער דו גייסט אַוועק.

— באַ אָל יאָהאַנען ? ער האָט ניט קיין גענוג גרויס צימער, האָט ער דען אַזאַ ?

— מ׳קאָן באַ אים אויך ארויסנעמען די פענצטער.

פויזע.

זיין מוטער זאָגט דאַן :

— איך קאָן מיר ניט גלויבן, אַז דו וועסט זיך אַזוי דערנידער־ריקן אויף צו פּראַוועוען א גאָטעסדינסט באַ אָל יאָהאַנען אין שטיבל, כדי זיין גאַנצע משפחה זאָל קאָנען ארומגיין און באַרימען זיך מיט דעם.

— ניין, — זאָגט דער פּאַסטאָר. — און חוץ דעם האָב איך היינט שוין געהאַט גענוג. מיין האַלדז — הם. — דער פּאַסטאָר האָט צוגעלעגט זיין האַנט צום מויל און אַרויסגעלאָזט אַן איינגע־האַלטענעם, פאַרשטיקטן הוסט.

— ניין, נעם עס ניט אין אַכט, — זאָגט זיין פאָטער, לאַרס מאַנילסען. — זאָל אָל יאָהאַן זיך באַגנוגענען מיט דעם וואָס ער האָט שוין געהערט היינט.

יוליאוס אָבער איז אַן אמתער טייוול :

— וואָס שייך דעם, אויב דו ביסט הייזעריק, — האָט ער גע־

זאגט, — קאָן די מאַמע דיר אַ קוועטש טון די צונג אונטן לעבן האַלדז מיט אַ זילבערן לעפעלע. זי האָט עס מיר געטון.

— ביסט אַזוי שרעקלאַך גראָב, יוליאוס, — האָט דער פּאַסטאַר געזאָגט צו זיין ברודער.

ער האָט אָנגעטון אַן איבעריקן ראָק אויף זיין שווערן גוף, אָנגעטון די גאַלאָשן, און אַרויסגעגאַנגען. מן הסתם האָט ער געוואָלט נאָכאַמאָל אַ קוק טון אויף זיינע אַלטע באַליבטע ערטער איידער ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו זיך אין קירך־הויז. דאַווערדאַנאַ מיט די קלענערע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך זיינען צוגעלאָפן צו די פענצטער אים נאָכצוקוקן.

דאָרטן איז געגאַנגען ל. לאַססען אויפן גוט־באַקאַנטן וועג, דעם קאָפּ אַביסל איינגעבויגן, ווייל ער איז געווען אַזוי שווער, אַז ער האָט ניט געקאָנט האַלטן זיך גלייך. עס האָט אויסגעזען ווי קיין זאַך קאָן אים ניט באַוועגן אָפּצוטרעטן פון זיין אָנגעצייכנטן וועג איצט, ער האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי זיכער אין זיך, און ווען ער האָט באַגעגנט מענטשן איז זיין איינציקע שרעק געווען טאָמער וועלן זיי ניט אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר אים. ווייל ס'האָט זיכער ניט געפּאַסט, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען דאָס היטל דער ערשטער; איז ער ניט קיין פּאַסטאַר? ער האָט אָנגעטראָפן אַזויפיל מענטשן: און אייניקע זיינען אים געווען פרעמד — מן הסתם האַלמענגראַאַס אַרבעטער. ער האָט געקוקט שטייף אויף אָט די מענטשן ביז זיי זיינען צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו אים, און מערערע מאָל איז עס אַזוי אויסגעקומען, אַז מ'האָט אים אינגאַנצן ניט באַגריסט. דאָס, פאַרשטייט זיך, איז ניט געווען דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. נאָר בעסער אַזוי איידער ער זאָל זיך גריסן דער ערשטער.

באמת, ל. לאַססען האָט געהאַט אין זיך די אייגנשאַפטן פון אַ גרויסן גייסטלעכן, און ער וועט, אָן ספק, נאָך גרייכן ווייט. מ'קאָן זיך אַפילו פאַרשטעלן, אַז ער קאָן, מיט דער צייט דערגרייכן אַזוי ווייט אויף צו קאָנען פרייינטלאַך אַ פּאַטש טון דעם לייטענאַנט ווילאַטץ האַלמסען אין פּלייצע.

און דאַן וואָלט זיכער עפּעס געשען.

* * *

דער טעלעגראַפיסט זיצט לעבן זיין אַפּאַראַט און נעמט איבער טעלעגראַמעס. עס קומט אָן אַ דרינגנדע טעלעגראַמע פון בערלין; ניט קיין לאַנגע, נאָר זי איז אַזוי וויכטיק, אַז דער טעלעגראַפיסט

באשליסט זי אָפּצוטראָגן אַליין. ער גיט אַ סיגנאַל פון דריי פינגער מיט אַ שטריך, הויבט זיך אויף פונם אָרט און נעמט אַ טרונק פון אַ פלאַש, וואָס ער האַלט אויף אַ פּאָליצע הינטער אַ פאָרהאַנג, פאַר־שליסט די קאַנטאָר, ניט קוקנדיק וואָס דאָס איז קעגן דעם געזעץ, און לאָזט זיך גיין מיטן וועג אַרויף צום הויף. ער איז אַ הויכער, פעסט־געבויטער מאַן, און גייענדיק באַוועגן זיך זיינע אַקסלען.

אזוי ווי ער איז נאָך קיינמאָל פריער ניט געווען אין הויף גייט ער מיטן הינטערשטן וועג טאַמער וועט ער אָנטרעפן אימיצן. ער פרעגט בא אַ דינסטמיידל אויפן לייטענאַנט; די דינסט רופט אַרויס די הויז־פירערן; און בלויז ערשט נאָך אַ שטרענגער פאָדערונג פונם טעלעגראַפיסט רופט מען אַרויס דעם לייטענאַנט.

ער האָט אויסגעזען שטאַרק איבעראַשט און געפרעגט צי איינער פון זיינע מענטשן האָבן ניט געקאָנט אונטערשרייבן זיך, אַז די טעלעגראַמע איז דערהאַלטן געוואָרן.

— אָ, יאָ, זיי קאָנען. ניט וועגן דעם האַנדלט זיך. איך האָב בלויז געוואָלט לאָזן וויסן דעם לייטענאַנט פריער, אַז דאָס איז זייער אַ וויכטיקע טעלעגראַמע.

דער לייטענאַנט האַלט באַם עפענען די טעלעגראַמע און זי איבערלייענען ווען דער טעלעגראַפיסט מישט זיך אַריין, זאָגנדיק:

— וואַרט אויס אַ רגע, זייט רואיק. עס איז ניט קיין פריילאַכע טעלעגראַמע.

אין געוויינלאַכע אומשטאַנדן וואָלט דער לייטענאַנט אפשר אויסגעפּאַטשט דעם מאַן, איצט אָבער האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן דערשטוינט, און געקוקט אויף אים. ער האָט אים אַביסל געקאָנט דורך זען אים אין טעלעגראַף־קאַנטאָר — אַ באַרייטוויליקער און אָנ־גענעמער יונג, וועלכער האָט געהייסן באַארדסען. אַז ער זאָל קומען און זיך אויפפירן אויף אַזאַ נאַרישן אופן האָט דעם לייטענאַנט צעטומעלט, און דאָס איז מעגלאָך געווען דעם טעלעגראַפיסטס כונה. ווען דער לייטענאַנט האָט די טעלעגראַמע ענדלאָך געעפנט און אי־בערגעלייענט איז דער איינדרוק וואָס זי האָט געלאָזט אויף אים, פאַרהעלטניסמעסיק, געווען אַ שוואַכער.

— די מאַמע האָט געהאַט אַן אומגליקפאַל, — האָט ער גע־לייענט. — אָ! — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט און זיך אָנגע־שפאַרט לעבן דער טיר... — געהאַט אַן אומגליקפאַל זיך באָדנדיק, — האָט ער געלייענט. מאָדנע! — קאָן מיט אַ מענטשן פּאַסירן אַז

ערנסטער אומגליקפאַל בעת ער באַדט זיך? ס'איז געווען נאָך גע־
שריבן, אָבער דאָס איבעריקע איז שוין ניט געווען וויכטיק.

— איך מוז ענטפערן. וואַרט אַ רגע; איך גיי מיט אייך, —
האָט דער לייטענאַנט געזאָגט.

ער האָט אָנגעטאָן זיין היטל אין קאָרידאָר, און די צוויי מענער
זיינען אַרונטערגעגאַנגען אין טעלעגראַף־קאַנטאָר.

— זיך באָדנדיק? — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט צו זיין
קאָמפּאַניאָן, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען.

— די מאַדאַם האָט זיך וואַרשיינלעך צעקלאַפּט. אָבער עס
קלינגט מאָדנע, — האָט דער צווייטער געענטפערט. דער טעלעג־
ראַפיסט האָט אָבער אויסגעזען ווי ער וואָלט געהאַט אַ געוויסע
ידיעה וועגן דעם אמת; און אַביסל שפּעטער האָט ער זיך אָנגערופן
— ווידער אַמאָל, מעגלאַך, צוצוגרייטן אים ביסלאַכווייז: — עס
מוז עפּעס שטעקן הינטער דעם.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין קאַנטאָר האָט דער לייטענאַנט
זיך אוועקגעזעצט שרייבן אַן ענטפער צו ווילאַטצן, שטעלנדיק אים
אַ סך פראַגן. בשעת ער איז פאַרנומען מיטן שרייבן זיצט דער טע־
לעגראַפיסט לעבן זיין טיש און נעמט איבער אַנאַנדער טעלעגראַמע.

— וואַרט אַ רגע, — האָט ער איבערגערעדט איבער זיין אַקסל;
— אָט קומט אָן אַנדער טעלעגראַמע. — און שרייבנדיק האָט ער
ביסלאַכווייז צוגעגרייט דעם לייטענאַנט: — איצט איז עס מער
פאַרשטענדלאַך — עס טוט מיר לייד, די טעלעגראַמע לויטעט —

פרוי אַדעלהייד איז דערטרונקען געוואָרן זיך באָדנדיק.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זעצט זיך דער לייטענאַנט אויף אויף
דער פּאָסט־שיף, וואָס גייט קיין דרום; ער פּאָרט באַגעגענען זיין
זון, וועלכער איז שוין אויפן וועג קיין נאָרוועגיען מיט זיין מוטערס
קערפּער. אין נאָכאַלעמען האָט דער לייטענאַנט געהאַט אַ נוצן פון
זיין נייעם פוטער־מאַטל, וואָס ער האָט זיך געקויפט פאַר דער
נסיעה קיין ענגלאַנד. אַך! ער האָט עס שוין אָבער מער ניט גע־
טראָגן איצט מיט אַזאַ אַראָבער־מעסיקער לייכטקייט.

XVI

די טרויעריקע נייעס פון בערלין האָט געהאַט אַ מאָדנע וויר־
קונג אויף הער האָלמענגראַאן; ער האָט אויסגעזען צו זיין אַביסל
צעטומעלט.

צוערשט איז ער געווען שטאַרק פאַרטרויערט און באַטריבט ; די שררה'טע פון זעגלפאַס איז געווען אַזוי אויסערגעוויינלאַך גוט צו אים פונם סאַמע אָנהויב אָן : אודאי, ס'איז זייער מעגלאַך, אַז נאָר איר האָט ער צו פאַרדאַנקען, וואָס ער האָט בכלל געקאָנט אָנהויבן זיינע גרויסע אונטערנעמונגען דאָ.

נאָר נאָך עטלאַכע טעג טרויער איז מיט הער האַלמענגראַאַן פאָר־געקומען אַן ענדערונג און ער האָט צוריק אָנגעהויבן צו קוקן אויפן לעבן פון דער מונטערער זייט ווידער — ס'האָט אויסגעזען אומבאַ־גרייפלאַך ! מ'האָט אים געזען שמייכלען, לאַכן — ער מוז אודאי טרינקען זיין שפּאַנישן ווין בא די מאָלצייטן ; קיין אַנדער דערקלע־רונג קאָן ניט זיין. און דאָס וועט, אָן ספק, אָנרעגן די קירך־פאַר־וואַלטונג־מיטגלידער צו איילן זיך צו דערציילן דעם פּאַסטאָר לאַס־סען נאָך מער מעשיות.

ווער איז געווען הער האַלמענגראַאַ ? א צלם אויפן הימל, א סימבאָל ? און מעגלאַך, אַז ס'איז גאָרניט געווען קיין מיסטעריעזעס אַרום אים, מעגלאַך, אַז ער איז בלויז געווען אַ זיך פאַרענדערנדיקער טיפּ, ביּאָס האָט צופעליק באַזיצט העכערע פייאיקייטן? איז ער ניט געווען קיין מאַן, וואָס האָט פאַרדינט געלט, נאָר האָט געלעבט פאַר־באָרגן ווי אַ פרעמדער אויף די פּלאַטאָס פון מעקסיקאַ און איצט גע־וואָלט זיך צוריקקערן אַהיים און איינזאַמלען דעם כבוד, וואָס ער האָט פאַרדינט ? ער האָט זיך צוריקגעקערט ; די קלאַנגען וועגן זיין רום האָבן זיך געלאָזט הערן פון דער ווייט, אויף יענעם גרויען אינדזל אָבער איז ניט געווען קיין מעגלאַכקייט אַז ער זאָל קאָנען אָנהאַלטן זיין גלאָרי — ער מוז אַוועק פונם אינדזל אום יעדן פּרייז. ער איז געקומען קיין זעגלפאָס, און דאָרט האָט ער געפונען אָט דאָס וואָס ער האָט געזוכט.

דאָרטן האָבן געוואוינט פיינע מענטשן און ס'זיינען דאָ געווען גלענצנדע אויסזיכטן אויף צו מאַכן געשעפטן — פון דאַנען קאָן איינער באַרימט ווערן איבערן גאַנצן צפון לאַנד.

וואָס איז געשען נאָכדעם ? ער האָט אויסגעפירט זיינע אַלע פּלענער, מעגלאַך נאָך מער וויפל ער האָט צוערשט בדעה געהאַט ; נאָר ער האָט פאַרגעזעצט צו פירן אַ באַשיידן לעבן — דעם איינציקן פומעל וואָס ער האָט געמאַכט איז געווען מיט זיינע מאַשינען. האָט געשמעקט עפּעס קינסטלאַכעס אין אָט דער באַשיידנקייט ? האָט זיין זעלבסט־קאָנטראָל ניט געקאָנט האָבן אַ דורכפאַל אַמאָל ? קיינ־

מאָל ניט. ווען קאָן מען זאָגן האָט ער געהאַט אַ דורכפאַל ? אין זיינע באַציאונגען מיט די אַלמסענס אין הויף איז ער געווען איידל און ברייי, ער איז געווען מילד צו זיינע אָנגעשטעלטע, גוטהאַרציק און זיך פאַרהאַלטן גוטמוטיק מיט אַלעמען. האָט ער געהאַט דער־פאָלג דורך שווינדל, האָט ער יענעם אָפּגענאַרט ? זיינע עסקים מיט יעדן איינעם זיינען געווען אָפן־פריי און טאַדללאָז. אויב דער ליטענאַנט האָט אין עפּעס פאַרדעכטיקט אָט דעם אייגנאַרטיקן פרעמדן, מוז עס זיין צוליב זיין אייגענער אומגעוויינלעכער אייגנ־אַרטיקייט. און וואָס איז מכח דעם אינצידענט מיט דער מיל־גרעבליע, וואָס איז אוועקגעשווינקט געוואָרן ? איז עס ניט געווען געטון צוליב דעם כדי ער זאָל אים פאַרגיטיקן דעם שאָדן, דאָס וואָס הער האַלמענגראַא האָט איבערגענומען אויף זיך צו באַצאָלן די שווערע חובות אין באַנק ? דאָס וואָס ער איז אין דערזעלבער צייט געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס איבערן גאַנצן טייך און איבער דער גאַנצער באַרג־אָזערע איז געווען אַ צופאַל ; אַ גליקלעכער צופאַל, יעדנפאַלס האָט ער אָבער באַצאָלט מזומן געלט פאַר דעם. נו, איז דען געווען עפּעס אַ ריכטיקער גרונט פאַר אַ פאַרדאַכט ? אָנגענומען, אַז אין מעקסיקאַ זיינען אויך דאָ סאָסנע־וועלדער ; גאַנץ אמת, אָבער ניט דאָרטן וואו הער האַלמענגראַא האָט געוואוינט — הגם ער האָט דאָרטן געהאַט אַ זעג־מיל, וואָס האָט געאַרבעט. ער האָט געליטן פון אַ צוזאַמענברוך אין געזונט און גענומען פילן, ביז ער האָט שוין געהאַט געלאָזט אַלע זיינע געשעפטן אין פולן גאַנג ; פון דאַן אָן האָט מען מער גאָר ניט געהערט וועגן זיין שוואַכן געזונט — מאָדנע, וואָס פאַר אַ גוטע ווירקונג די היגע לופט האָט געהאַט אויף הער האַלמענגראַאַן בעת אויף אַנאַנדער לעבנספּירער, אויפן פאַס־טאָר לאַססען, האָט זי געהאַט, צום באַדויערן, אַזאַ פאַרקערטע וויר־קונג !

וואו האָט מען נאָך געקאָנט געפינען אַזאַ טאַקט ווי הער האַלמענגראַא האָט באַזיצט ? און ער האָט עס אַרויסגעוויזן אויף אַזאַ נאַטירלאַכן אופן, גלייך ווי ער וואָלט עס ניט געווען זיך אויס־געלערנט, נאָר געווען געבוירן געוואָרן מיט דעם. שפּעט און פרי, צו יעדער צייט. פרוי אַדעלהייד, וועלכע איז געווען אַ מבין אויף אַזעלכע זאַכן האָט אים קיינמאָל ניט פאַרדעכטיקט אין דעם און וואָס פאַר אַ געפיל פון זיכערקייט און צופרידנהייט ער האָט איר פאַרשאַפט ! איז ער געווען פאַרליבט אין איר ? פאַרליבט ? ער וואָלט אודאי זיך

געווען אויסגעקליבן אַ אינגערע פון איר. דאָס וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון איר און וואָס איר טויט האָט אים כמעט צע־טומלט — האָט קוים געקאָנט זיין צוליב דעם וואָס ער איז געווען פאַרליבט אין איר? פאַרוואָס זאָל עס זיין אַזוי? איז דאָס אַליין נישט געווען קיין גענוגנדע אורזאַך פאַר טאָביאַסן פונם אינדזל דאָס פאַרקערן אין זעגלפאָס־הויף און זיין דער באַלעבאָסטעס פריינט? ס'שטעקט ניט קיין גלאַרי אין אויספיינען זיך פאַר מענטשן וועמעס טירן זיינען שטענדיק אָפן; אַ רויטע פלאַנעלענע קאַמזויל וועט מאַכן אַן איינדרוק אויפן המון. הער האַלמענגראַא, מעגן מיר אָננעמען, האָט ארויסגעוויזן זיין פאַרערונג פאַר פרוי אַדעלהייד אַזוי ווי ער האָט אַרויסגעוויזן זיין דרך־ארץ פאַר אַ דענישן געזאַנדטן. ער איז געווען אַ פויער פון זיין וויגעלע אָן און אַזוי אַרום געהערט צו אַ ראַסע פאַר וועמען דאָס לעבן האָט נאָך ביז איצט אַלץ ניט אויפגעטון קיין אַנדער זאַך חוץ פאַרהיטן זיי פון טויט. וואָס ער האָט געוואוסט האָט ער זיך אַליין אויסגעלערנט. אַלצדינג וואָס אונטערשיידט דעם לעבנספיר פון קולטורעלע מענטשן פון אַנדערע, זייער שפּראַך אַריינגערעכנט, האָט ער זיך אַליין דערוואָרבן — גוט אויסגעפירט עס, הער האַלמענגראַא, אויסגעצייכנט! ער איז אָבער געווען מיט צוויי הונדערט יאָר אינגער פון די תושבים פון זעגלפאָס; ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרנויגן, נאָר זיין פאַרנויגונג איז געווען אַ שקלאַפּישע.

האָט ער געהאַט אפשר אייגענע טעמים פאַר נעמען זיך אַזוי צום האַרצן פרוי אַדעלהיידס טויט? יאַמפּרו סאַלוועסן און פרוי אירגענס, געוועזענע גילמיאַידן, — זיצן און ריידן אַרום די פראַגע בײַ זייערע פלוידערייען; אפשר וועט עס די שררהטע פון זעגלפאָס אַליין אויפקלערן אַמאָל ווען איר טאָגבוך וועט פאַרעפנטלאַכט ווערן. אַ וואָלפיכע קאָן באַזוכן אַמאָל אַ הונט!

יעדנפאַלס האָט הער האַלמענגראַא זיכער געטרויערט איבער דער שררהטעס טויט; דאָס האָט מען געקאָנט זען אויף זיין פּנים און אפילו אויף זיין נאָז, וואָס זיינען געוואָרן לענגלאַכער — מעגלאַך דערפאַר, וואָס ער איז געוואָרן דינער. ווען ער האָט זיך אָבער צוריק געענדערט און געוואָרן פריילאַך, האָט עס, אָן ספק, געקערט זיין צוליב דעם, וואָס ער האָט, אַזוי צו זאָגן, מער קיינעם ניט געהאַט וועמען צו אַכטן איצט, אַז די פיינע דאַמע, פרוי אַדעלהייד, איז געווען טויט.

מחמת הער האלמענגראא האט זיך געביטן, ווי מ׳האט עס געקאנט זען פון דעם פאקט, וואס ער איז געגאנגען צו ווייט אין זיינע שטיפערייען מיט פרוי אירגענס, אזוי אז זי האט אים אויף אן אמת געדארפט אפהאלטן, זאגנדיק: — ניין — מען קאן נאך אנקומען! — נאך מער האט זיך עס ארויסגעוויזן אין איינעם אן אוונט ווען ער האט פארהאלטן יאמפרו סאלוועסן און געוואלט חתונה האבן מיט איר: — זייט זיך מישב, — האט ער געזאגט: — איך מיין עס ערנסט. קומט און קוקט דורך דאס הויז; קומט ארויף אויבן!

ער איז געווען אינגאנצן א צעטומעלטער.

א וואך צייט האט ער זיך געמאכט צום נאר צוליב זיין אייגענעם פארגעניגן, ער האט אינגאנצן פארלוירן זיין גלייכגעוויכט. עס האט אויסגעקוקט אזוי ווי ער וואלט יארן לאנג געווען געפענטעט אין קייטן און איצט געווארן באפרייט פון זיי. אין אוונט האט ער ארויסגעלאזט די הינער און דאן זיך אונטערגעגנבעט צו מארסיליעס פענצטער; נאר אזוי ווי מארסיליע איז ניט געווען אליין האט ער זיך געמאכט ווי ער איז געקומען איר זאגן, אז די הינער זיינען ארויס און מ׳דארף זיי צוריק ארייינלאזן אין הינער־שטיבל. ער האט זי ניט געלאזט אליין, נאר איר נאכגעגאנגען אין הינער־שטיבל, זי געקושט און איר געגעבן געלט. דאס איז געווען א פיינע אויספירונג! ער איז פריער אויך געווען אביסל גענויגט צו אזעלכע שטוקעס, נאר אלץ מיט א מאס, ניט אזוי. זייענדיק רייך האט ער ניט געפילט קיין געוויסנסביסן און עס האט אים אפשר ווייניק וואס געארט וואס אנדערע וועלן זיך טראכטן וועגן אים. אין דער צייט וואס דער לייטענאנט איז ניט געווען אין דער היים האט הער האלמענגראא זיך אפילו אריינגעכאפט אין הויף און באזוכט דאווערדאנאן. זי איז שוין געווען פארקנסט צום געהילף האפן־פארוואלטער און ניט געדארפט האבן קיין געליבטן. נאר ווען הער האלמענגראא האט זיך דערוואוסט וועגן דעם איז ער געווארן אייפערזיכטיק, זיך פארליבט אין איר, זיך פארפוצט יום־טוב׳דיק און זיך ארומגעגארטלט צוויי מאל מיט דער גאלדענער קייט. ס׳איז געווען אן אמתער רחמנות א קוק צו טון אויף אים, צו זען אט דעם אלטן מאן אין א צושטאנד, וואס פאסט פאר קיין מענטשן ניט, וואס איז שוין אריבער זיין יוגנט.

ער האט זיך דערמאנט אן דעם באצירק־דאקטאר מואוז און אים איינגעלאדן צו זיך אהיים. פארוואס ניט? אוים בלויזער העפ־

לאַכקייט וועגן. ער האָט דעם דאָקטאָר אונטערהאַלטן אויף אַ רייכן אופן, מיט אַ סך שטאַרקן ליקער ; ס'האָט פאַרשפּראָכן צו זיין אַן אינטערעסאַנטער טאָג פאַר אים. אָט דער מאַן פון מערב איז אודאי געווען אַן אויסגעצייכנטער מכניס־אורח ; מ'האָט ניט געדאַרפט מאַכן קיין אויסנאַם מיט זיין זילבער־געשיר, און זיין וויין איז געווען פון דעם מין, וואָס רייכע לייט פאַרגינען זיך אים ; דאָקטאָר מואוז האָט איבערגעלעגט אַ פּוס איבערן צווייטן און איז געווען שטאַרק צופרידן.

— איך האָף, אַז דער אַדוואָקאַט ראַש וועט אונטערקומען שפּעטער, — האָט הער האַלמענגראַא געזאָגט, — און איר וועט האָבן נאָך מער געזעלשאַפט.

איז דער אַדוואָקאַט הייסט עס ניט פאַרבעטן געוואָרן צום מאָלצייט. נאָר בלויז צו אַ קליינער אונטערהאַלטונג שפּעטער צו. דער דאָקטאָר האָט אָפּגעשאַצט אָט דעם אַרויסגעוויזענעם כבוד צו אים. דער אַדוואָקאַט ראַש איז אויך געווען אַן אָפיציעלער באַאַמטער און אין אַ געוויסער מאָס, פון דעמזעלבן ראַנג מיט אים ; נאָר נאָכאַלעמען אָבער איז אַן אַדוואָקאַט פּאָרט ניט דאָסזעלבע וואָס אַ דאָקטאָר ; אויך אַ פּאַסטאָר ניט. הער האַלמענגראַא האָט ווייזט אויס נאָך אַלץ געהאַט איינגעבוירן אין זיין בלוט אָט די איינטיילונג פון ראַנגען ווי זי איז פאַרשטאַנען געוואָרן בײַ די תושבים פונם אינדזל ; דאָס איז געווען ווי צוגעטראָפן פאַרן דאָקטאָר מואוז און ער האָט עס אויסגענוצט אויף אַ געהעריקן אופן.

נאָר ער האָט זיך ניט געדאַרפט אַזוי שטאַרק איבערנעמען מיט דעם ; ער האָט קיין שום נוצן דערפון ניט געהאַט. וואָס האָט דען אימיצער אין דעם הויז געוואוסט פון דער אָפיציעלער ראַנגען־איינטיילונג !

דער דאָקטאָר האָט, כאָטש עס קוקט אויס מאָדנע גענוג, געגלויבט, אַז ער האָט אויך אַ רעכט צו שטאָלצירן מיט זיין ראַנג ; און דאָס ווייזט אויס האָט, אָן ספק, געפירט צו זיין צוזאַמענשטויס מיטן לייטענאַנט באַלד בײַ זייער ערשטער באַגעגעניש. הער מואוז איז געווען דער פּראָדוקט פון פינף דורות פלייסיק שול לעבן און געווינלאַכע פייאיקייטן, פון אָט אַ דעם און ניט מער ; ווי אַזוי זשע האָט דער מאַן געקאָנט אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן מוזיק און וועגן די נייע מוזיקאַלישע ווערק, וואָס זיינען געלעגן אויף דער פּיאַנאָ ? פרוי אַדעלהייד האָט געהאַט אַמאָל דערמאָנט אָט די ווערק און דאָס

האט באוואוינט הער האלמענגראאז, אז ער זאל זיי קויפן. זיי זיינען איצט געלעגן דארטן און אומזיסט געווארט אויף איר, וואס וועט שוין מער קיינמאל ניט קומען, זיי האבן אבער פארדינט זיין אכטונג — דאס איז ניט געווען קיין צו שטארקע פאדערונג צו אים. יעדנ־פאלס די זאך דערפון איז געווען דאס וואס הער מואוז האט נאך אלץ געהאלטן בא דער איטאליענישער מוזיק — זיינע עלטערן האבן אים אזוי אנגעזאגט — און די מוזיק דא איז בלויז געווען בעטהאַ־ווענס — מחמת פרוי אדעלהייד, ווי מיר ווייסן, איז געווען אזוי דייטשיש אין אלץ.

— א טרויעריקער פארלוסט, אט דער וואס איר האט דא גע־האט, — זאגט דער דאקטאר.

הער האלמענגראא בויגט אראפ נידעריקער זיין קאפ און ענט־פערט :

— א שווערער פארלוסט.

— ווי אזוי באציט ער זיך צו דעם ?

— דער לייטענאנט ? ער איז א פארשטענדיקער מענטש, אן העכערער מענטש. נאר איך שטעל מיר פאר, אז ס'איז געווען מער וויפל ער האט געקאנט פארטראגן.

— וואס זאגט איר ? אז ער איז א העכערער מענטש ?

הער האלמענגראא ענטפערט :

— יא, דאס איז מיין איינדרוק.

דער דאקטאר זאגט :

— דאן דענק איך, אז אייער איינדרוק פארפירט אייך.

דאס זיינען דעם דאקטארס פינקטלאכע ווערטער.

נו, בעת עס איז אמת, אז לויטן באגריף פונם דורכשניטלאכן מענטשן שטייט א דאקטאר העכער פון א סך אנדערע מענטשן האט גראד געטראפן, אז הער האלמענגראא האט גזען דאקטוירים פריער, עס זיינע זאפילו געווען דאקטוירים אין די קארדילערעס ; זיי זיינען ניט געווען קיין זעלטנהייט. הער האלמנעגראא האט מעג־לאך אויך געטראכט, אז א געוויסער דרך־ארץ דארף אויך ארויס־געוויזן ווערן צו זיינע איינדרוקן. ער האט אזוי פיל מאל אין זיין לעבן געאדרפט זיך פארלאזן אויף זיינע איינדרוקן, און זיי האבן אים ניט פארפירט, מחמת א דאנק זיי איז ער געווארן האלמענגראא — אט דאס וואס ער איז היינט צו־טאג.

— איך גלויב דאָך פונדעסטוועגן, אַז דער לייטענאַנט **איז** אַ העכערער מענטש, — האָט ער געזאָגט.

דאָס האָט ניט געמאַכט קיין איינדרוק אויף דעם הער מאָוז. ווייל ער איז געווען איינער פון די העכערע קלאַסן און אַ מענטש מיט וויסנשאַפטלאַכער קולטור:

— איך מאַך אַן אונטערשייד צווישן אַ מענטשן, וואָס ווערט אַ יורד דורך אַן אומגליק און איינעם, וואָס רודערט אויף אַ סיס־טעמאַטישן און משוגענעם אופן צו ווערן רואינירט, — האָט ער געזאָגט. — דער לייטענאַנט באַלאַנגט צום צווייטן מין. מ׳זאָגט, אַז איר זענט איצט דער בעל־הבית איבער זיינע גיטער.

נו, פּאַסט זיך צו מאַכן פרוי אַדעלהייד און דעם לייטענאַנט פאַר פשוטע געוויינלאַכע מענטשן וועמען יעדער איינער וואָלט געקאָנט קריטיקירן? וואָס פאַר אַן ערע וואָלט עס דאַן געווען פאַר הער האַלמענגראַאַן צו זיין זייער גרויסער און גוטער פריינט אַט די אַלע יאָרן?

— דאָס איז בלויז לשון־הרע, — האָט ער געזאָגט.

— לשון־הרע? פאַראַנטוואָרטלאַכע מענטשן זאָגן עס.

— דאַן האָט איר געמוזט מיספאַרשטיין די פאַראַנטוואָרטלאַכע מענטשן.

— איך האָב זיי ניט מיספאַרשטאַנען. נאָר אויב אַזוי וועט זיך אַרויסווייזן, אַז זייערע צווייפלען וועגן דעם לייטענאַנט זיינען אומבאַגרינדעט. איז נאָך בעסער!

דערנאָך איז אָנגעקומען דער אַדוואָקאַט און די איידללייט האָבן זיך גענומען צו די פלעשער. דער אַדוואָקאַט איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט גערעדט מער וועגן אַלטעגלאַכע זאַכן און איז ניט געווען אַזוי געלערנט און איבערצייגנד. מיט זיין אָנקומען האָט דער שמועס אָנגענומען אַ מער פּראַקטישע ווענדונג און ס׳האָט ניט געדויערט לאַנג ביז ער און הער האַלמענגראַאַ האָבן אָנגעהויבן צו ריידן וועגן געשעפט. און ער ווידער האָט געטרונקען קרעפטיקער און מערער פונם דאָקטאָר, ער האָט אפילו געווירקט אויפן בעל־הבית אַליין, אַז ער זאָל טרינקען מערער — גאָט ווייסט צוליב וואָס, סיידן צוליב דעם וואָס ער האָט געוואָלט, אַז זיין בעל־צדקה זאָל זיך אַליין לאָזן וואוילגיין. דער אַדוואָקאַט ראש האָט געהאַט פאַר וואָס דאַנקבאַר צו זיין הער האַלמענגראַאַן; פאַרן הויז, לאַנד און הילף באַם אָנהויב פון זיין קאַריערע — און איצטער איז ער געווען איינגעאָרדנט אין

א בליענדיק געשעפט און געהאַט צוויי קאַנטאָרן, איינע פאַר זיך אַליין און איינע פאַר זיינע אַנגעשטעלטע. ס'איז געווען וואונדערלאַך ווי ער האָט דאָ מצליח געווען. שוין א לענגערע צייט ווי ער וויל אָפּקויפן דעם באָדן אויף וועלכן זיין הויז שטייט, ווי אויך א פאַס פונם דערבייאיקן לאַנד ; נאָר הער האַלמענגראַא האָט אים אַלעמאָל געענטפערט, אז דער לייטענאַנט וויל ניט פאַרקויפן מער קיין זעגל-פאַס לאַנד.

ער האָט איצט אים געפרעגט וועגן דעם און באַקומען דעם-זעלבן ענטפער.

נאָך דעם האָט דעו' אַדוואָקאַט ווידער אַמאָל מיט דרך ארץ איינגעלאַדן הער האַלמענגראַאַן אויסצוטרינקן מיט אים א גלעזל.

צו וואָס האָט דאָס אַלץ געפירט ? בײַ הער האַלמענגראַאַן, דער פויער פונם אינדזל, איז פונם ווײַן לויזער געוואָרן די צונג און ער האָט, אין משך פונם נאָכמיטיק, א סך גערעדט וועגן נייע גרויסע פּלענער, וואָס דער לעצטער פון זיי איז געווען וועגן ווערן א שותף צו דער שפּאַנישער סאַרדינען-פישעריי און אויסשטאַטן א נאָרוועגישן פישער-פלאָט אין סאַנטאַנדער.

— די נאָרוועגישע פישער וועט מען ניט לאָזן פישן דאָרטן, רעכן איך.

דאַן וועל איך זיי מאַכן פאַר דאָרטיקע בירגער.

אפשר האָט ער זיך געוואָלט אויסשטעלן פאַר זיינע צוויי געסט; ער האָט זיי געגעבן אַן אָנצוהערעניש עפּעס וועגן אַנטדעקטן מעטאַל אין צוויי מער-ווייניקער אַנגעוויזענע ערטער אין דער געגנט ; ער האָט בדעה געהאַט צו קויפן שאַכטן. יאָ, מעגלאַך, אז ער האָט זיך געוואָלט אויספיינען, וואָס האָט עס אָבער אַלץ באַדייט ? ער האָט ניט געהאַט די געוואוינהייט צו פאַראַדירן מיט זיינע פּלענער, נאָר צו האַלטן זיי פאַר זיך אַליין. ער האָט גערעדט שטיל און אָן באַ-רימעריי ווי זיין שטייגער איז געווען, גרויסע פּלענער האָבן אָבער זיך געוויקלט אין זיין מח. ס'איז געווען אינטערעסאַנט זיך צוצוהערן צו אים. — פאַר אייער געזונט, מיינע הערן, — האָט ער געזאָגט, — ס'איז געווען פיין פון אייער זייט זיך אַריינכאַפּן צו מיר אויף א ווײַלע !

די הויכע קליינע מאַריאַן איז אַריינגעקומען און געוויזן אז זי קאָן מאַכן א קניקס מיט אירע לאַנגע דינע פיס. ווי מערקווירדיס נוט אַנטוועקלט זי איז געווען, ווי רייף און פול אירע ליפן זיינען געווען !

זי האָט דערלאַנגט דעם פּאַטער די בריוו, וואָס זי האָט אַריינגע־בראַכט און געזאָגט בשעת מעשה: — בריוו פון דער היים! — ס'איז כמעט געווען ווי אַן איבעראַשונג צו הערן נאַרוועגיש פון איינער מיט אַזאַ מין נידעריקן שטערן, אינדיאַנער־האָר און אַזאַ סענסיטיווער נאָז. — דאָס איז אַלץ, — האָט זי געזאָגט.

— אַ דאַנק, — האָט איר פּאַטער געזאָגט.

— יאָ, — דאָס איז געווען אַלץ, זי אַליין האָט גאָר ניט באַ־קומען. די בריוו פונעם יונגן ווילאַטץ האָבן אויפגעהערט אָנצוקומען.

— אַנטשולדיקט מיר אויף אַ רגע! — האָט געזאָגט האַלמענ־גראַאַ און געעפנט אַ בריוו מיט אויסלענדישע מאַרקעס אויף זיך. ער האָט אים גיך איבערגעלייענט און געזאָגט צו זיין טאָכטער: — אַ גרוס צו דיר, מיין טייערע!

הער האַלמענגראַאַ האָט אוועקגעלייגט די בריוו אָן אַ זייט און געזאָגט:

— אויב איר, מיינע הערן, דענקט אַז דער שערי־וויין איז צו קאַלט אָדער צו היים — מיר האָבן גיט אַלע דעמזעלבן געשמאַק. פאַרשטייט זיך — אָ, ניין?

העפלאַך און גוט־געשטימט ווי אַלעמאָל. ער האָט אָנגעהויבן צו וויצלען זיך מיטן אַדוואָקאַט וועגן יאָמפּרו סאַלוועסן: אַזוי צוליב דעם, הייסט עס, ווייל ער אַזוי שטאַרק קויפן דאָס שטיקל לאַנד, אויף צו פּאַשן אַ קו דאָרטן? אַך, אָט די יונגעלייט!

— קאָנט איר ניט פאַרקויפן דעם אַדוואָקאַט ראש דאָס שטיקל לאַנד, הער האַלמענגראַאַ? דאָס וואָלט באַשטעטיקט אויפן אָרט, אַז זעגלפּאָס געהערט צו אייך.

— ווי אַזוי קאָן איך פאַרקויפן לאַנד וואָס באַלאַנגט צום לייט־נאַנטס מאַיאָנטעק? פאַר דער קרעמער וויל אויך קויפן לאַנד; איך שטעל מיר פאָר אַז ער איז געוואָרן אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלט, אַז ער וויל איצט קויפן אַ שטיק פּאַשע־לאַנד, וואָס זאָל זיין גענוג פאַר עטלאַכע קי. איך האָב דעם לייטענאַנט אפילו ניט דערציילט וועגן דעם. חוץ דעם איז דאָס אַלץ אַזאַ קליניקייט; ס'איז באמת קיין נפקא מינא ניט ווער פון אונדז עס פאַרמאָגט פּאַשע־לאַנד פאַר צוויי קי. פּאַשע־לאַנד פאַר צוויי הונדערט קי וואָלט געווען אַנ־אַנדער זאַך.

דער אַדוואָקאַט פרעגט:

— נאָר פאַרוואָס זאָל דער לייטענאַנט ניט וועלן פאַרקויפן?

ער קריגט געלט פאַר דעם, ניט אַזוי ? איך ווייס נאָך פון איינעם, וואָס וואָלט מיט צופרידנהייט געוואָרן זיין אייגענער גרונט־אייגנטי־מער : לאַרס מאַנילסען. ער איז געקומען צו מיר און זיך אַרויסגע־זאָגט קלאָר וועגן דעם ענין : אַזוי ווי ער האָט אַ זון, וואָס איז גע־וואָרן אַ פּאַסטאָר, און ניט אַבי וואָסערער נאָר אַ באַרימטער פּאַס־טאָר, קאָן ער ניט לענגער פאַרבלייבן קיין שכן אין אַ געדונגענעם שטיבל ; ער האָט געוואָלט קויפן זיין אייגן אָרט און אַ מעסיק שטיקל אַקער־לאַנד דערצו.

— איז דאָס דער פאָטער פונם פּאַסטאָר לאַססען ? — פרעגט דער דאָקטאָר.

— יאָ, און פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז דער פּאַסטאָר, וואָס שטעקט הינטער דעם עסק. איר קאָנט אים ?

— ניין. ער האָט מיר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ; איך דענק, אַז ער איז זייער אַ באַשיידענער מענטש. אַ פויער, פאַרשטייט זיך, ער האָט זיך אָבער דורכגעשלאָגן זיין וועג צו קולטור.

— יאָ, דאָס איז זיין פאָטער, אַ מאַן, וואָס פאַרדינט כבוד, אַז ער האָט אַ זון, וואָס איז געוואָרן אַ פּאַסטאָר, — זאָגט דער אַדוואָ־קאַט, זיך ווענדנדיק צוריק צו האָלמענגראַאַן, — און איך ווייס פון נאָך עטלאַכע אַנדערע, וואָס ווילן קויפן לאַנד. אייער אייגענער בע־קער וויל קויפן לאַנד, הער האָלמענגראַאַ.

— מיין בעקער ? איך האָב ניט קיין בעקער ! — און אַצינד האָט עס אויסגעזען ווי הער האָלמענגראַאַ וואָלט שוין געהאַט געווען זיך אָנגעהערט מיט אומוויכטיקע רייד פון אָט די צוויי ספּריטנע און אומזיניקע קליינע מענטשן היינט נאָכמיטיק — ווי פּלוצלונג מיטאַמאָל וואָלט ער מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן אָט די אַלע רייד, און בדעה געהאַט אַרויסצוזאָגן בלויז דאָס וואָס אים גע־פעלט.—מיין בעקער? איר מוזט אודאי דענקען, אַז איך בין זייער רייך פונקט אַזוי ווי איר קוקט אויף אָט דער קייט מיינער און דענקט, אַז זי איז פון עכטן גאָלד. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז ניט קיין עכט גאָלד. צו וואָס זאָל איך אויסגעבן אומזיסט געלט ? איך בין גאָרניט אַזוי רייך ווי איר מיינט. די קייט איז נאָר פון גאָלד־מאַטעריאַל, זי איז שטאַרקער פון גאָלד, זי שיינט ווי גאָלד — שיינט זי ניט ?

וועט ער די צוויי הערן געבן נאָך אַ פּאַרציע פון אָט דעם מין ‧ רייד אָדער ער וועט, וועלנדיק גלאַנצן, צוריק אָננעמען זיין ראָמאַנ־

טישן כאַראַקטער ? נאָך אַ רגע שטילשווייגן האָט ער זיך אָנגערופֿן זאָגנדיק עס אין דער פֿאָרם פֿון אַ קאָמפּלימענט :

— איך האָב אַ זון, פֿעליקס. ס'איז געווען מיין טרוים צו מאַכן פֿון אים אַ געלערנטן מענטשן אַזאַ ווי איר, מיינע הערן, נאָר ער וויל ניט לערנען... מוז איך אים איצט צוריק שיקן קיין מעקסיקאָ.

— האָט ער צו וועמען צו פֿאַרפֿאָרן אין מעקסיקאָ ? איך האָב געדענקט —

— איך קאָן אים אָפּגעבן אונטער אימיצנס שוץ. חוץ דעם קאָן ער געפֿינען דאָרטן קרובים — זיין מוטער, למשל.

פּויזע. דער אַדוואָקאַט און דער דאָקטאָר קוקן אויס שטאַרק פֿאַרוואונדערט.

— איך האָב געדענקט — מ'האָט מיר געזאָגט אַז איר זענט אַן אַלמן.

הער האַלמענגראַאַ קוקט אויפֿן דאָקטאָר מיט גלייכגילטיקייט און שענקט ווידער אַמאָל ניט קיין אויפֿמערקזאַמקייט צו זיינע רייד, נאָר ער רעדט ווייטער וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן :

— ניין, קיין זאַך קאָן מען דאָ מיט פֿעליקסן ניט טון ; ער וועט וואַרשיינלאַך צוריק געפֿינען זיין וועג צו זיין שבט. מאַריאַן אָבער, מיין טאָכטער, זי בלייבט דאָ מיט מיר.

ווען הער האַלמענגראַאַ האָט אין אָוונט אַרויסבאַגלייט זיינע געסט איז ער נאָכאַלעמען גאָרניט געווען אַזוי שכור, אַז זיינע פֿיס זאָלן אים פֿאַרפֿירן אויף פֿאַרבאָטענע וועגן. ס'איז געווען שפּעט אין אָוונט און די איידללייט האָבן געגעסן אַ גוטן מאָלצייט און אַ סך געטרונקען, זיי האָבן אויך ניט געקאָנט געפֿינען קיין חסרון אין דער אונטערהאַלטונג. נאָר דער דאָקטאָר מוואז האָט באַמערקט, אַז ווען הער האַלמענגראַאַ האָט אים מערערע מאָל, אין משך פֿון אָוונט, ווידערשפּראָכן האָט ער באַלד דערקאָנט די פֿיינטשאַפֿט פֿונם אומגעבילדעטן מאַן פֿונם נידעריקן קלאַס צום העכערן קלאַס צו וועלכן ער און דער אַדוואָקאַט ראַש האָבן געהערט. און אַדוואָקאַט ראַש האָט עס אויך באַמערקט.

מיט אַט דעם אָוונט האָט זיך פֿאַרענדיקט דעם הער האַלמענגראַאַס משונהדיקע אויפֿפירונג. אין די נאָכפֿאָלגנדיקע טעג האָט ער זיך צוריק גענומען אין די הענט אַריין און צוריק געוואָרן קיניג איבער אַלעמען. ער האָט געמאַכט אַראַנזשירונגען פֿאַר דער לויה, טעלעגראַפֿירט נאָך אַ קראַנץ בלומען פֿאַר פֿרוי אַדעלהיידס טרונע,

און אין דער רגע ווען די פּאָסט־שיף האָט זיך באַוויזן, מיטן פֿלאַג האַלב אַרונטערגעלאָזט, איז דער גאַנצער האָפן מיטן וועג געדיכט באַדעקט געוואָרן מיט סאָסנע־צווייגלאַך. האָט ער אויפגעהערט פּראַווען די משוגענע שטיק אויס דרך ארץ צום לייטענאַנט? אָדער ווייל ער האָט זיך געשעמט ? וואָס די סיבה זאָל ניט זיין האָט הער האַלמענגראַא זיך אָנגעטון געגנוג שאָדן די לעצטע צוויי וואָכן. און וואָלט ער ניט געווען דער מאַן, וואָס ער איז געווען, וואָלט עס אים געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז ער וואָלט עס פאַריכט — באַ הער האַלמענגראַאַן האָט ער גאָר קיין צייט ניט געדויערט. ניין ! ער איז שוין געווען אַזאַ לעגענדאַרע פּערזאָן, אַז מ׳האָט שוין געקאָנט פֿון אים אַלץ דערוואַרטן.

* * *

צו דער לויה איז אויך געקומען פרעדריק קאַלדעווין מיט זיין פרוי — ענדלאַך האָט ער געפונען צייט צו קומען נאָכאַמאָל קיין זעגלפֿאָס ; שוין לאַנג, אַז ער איז דאָרטן ניט געווען. און די אַלטע קאַלדעווינס זיינען אויך געקומען פון זייער אינדזל — זיי האָבן אויסגעזען ווי קליינע ווייסע אַנטיקן איצט און זייער קול האָט זיי שוין ניט געדינט. זיי זיינען געווען אַזוי ווי צעקנייטשטע אומנאַ־טירלאַך־ווייסע קינדער. דער פֿאַלקאָווניק פאָן פֿלאַטע פון האַנאָווער האָט געשיקט אַ פּאַרטרעטער מיט בלומען, וועלכע זיינען, אַגב, אָנ־געקומען מיט אַ וואָך צו שפּעט.

אפילו באַ דער געלעגנהייט האָט דער לייטענאַנט זיך ניט גע־קאָנט העלפן און געהאַנדלט אויף אַ מאָדנעם און פּאַרעקשנטן אופן : ער האָט טעלעגראַפיש אַראַנזשירט מיטן פּאַסטאָר פונם שכנישן קירך־באַצירק, אַז ער זאָל קומען און פּראַווען די עבודה באַ דער לויה. איז דען געווען עפּעס אַ זאַך וואָס דער לייטענאַנט האָט ניט גע־וואָגט צו טון ! מ׳האָט זיך געקאָנט דענקען, אַז איצט, אַמווינ־ציקסטן, האָט ער באַקומען אַזאַ שווערן קלאַפּ, וואָס זאָל אים באַ־טויבן — נאָר ניין.

מיט אַן אָוונט פריער אָבער פאַר דער לויה איז אָנגעקומען דעם פּאַסטאָרס שיפל אָן אים ; זיינע שיפֿלייט האָבן געבראַכט אַ בריוו מיט תירוצים, וואָס האָט געלויטעט, אַז דער פּאַסטאָר האָט ניט גע־קאָנט קומען. וואַרשיינלאַך האָט ער זיך אין דער לעצטער רגע נאָכ־אַמאָל גוט מישב געווען ; ער האָט, מעגלאַך, ניט געוואָגט צו באַ־

לײדיקן זײַן קאָלעגע, ל. לאַססען, װעלכער האָט נושא חן געװען באַם בישאָף. אַט דאָס איז מעגלעך געװען.

דער לײטענאַנט האָט אַ שמײכל געטון און געזאָגט צו זײַן זון:

—ס'װעט נאָכאַלעמען דאָך דאַרפֿן זײַן אַ לאַרס. נאָר באמת מאַכט עס ניט אױס, דײַן מוטער װעט אים ניט הערן. װעסט באַפֿױלן מאַרטינען, אַז ער זאָל ברײנגען לאַרסן מאָרגן אין דער ריכטיקער צײַט.

װען דער פּאַסטאָר איז געקומען האָט דער קאָנסול פֿרעדריק געדאַרפֿט זײַן דער פּאַרמיטלער צװישן אים און דעם לײטענאַנט. ס'איז געװען דעם לײטענאַנטס װאונטש, אַז לאַרס זאָל ניט האַלטן קײן הספד דרשה, נאָר דער פּאַסטאָר האָט ניט געקאָנט אינגאַנצן צושטימען צו דעם; אױס דרך ארץ צום לײטענאַנט אָבער װעט ער האַלטן אַ קורצע דרשה, און ער האָט אױפֿגעגעבן זײַן רעכט צו באַגעגענען די טרונע לעבן טױער פֿון בית־עלמין.

דער לײטענאַנט האָט געזאָגט:

— דאַן בלײַב איך אין דער הײם.

קאָנסול פֿרעדריק האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער װעט נאָכאַמאָל באַטראַכטן דעם ענין. כדי ניט אױפֿצורעגן זײַן פֿרײַנט: ער באַ זיך האָט אָבער שױן געהאַט אַ באַשטימטע מײנונג.

— יאָ, דאָס איז אַן אױסװעג, — האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — דו זאָלסט עס נאָר ניט באַדױערן שפּעטער.

— אָן ספק אַז יאָ.

— אױב אַזױ שטעלט זיך אַ פֿראַגע צי איז ניט גלײַכער בעסער איבערקומען אַן אומאָנגענעמע שעה איצט אײדער לײדן דערנאָך דאָס גאַנצע לעבן.

דער לײטענאַנט האָט אױפֿגעגעבן דעם געדאַנק װעגן בלײַבן אין דער הײם. ער האָט זיך אױסגעפּוצט װי פֿאַר אַ פּאַראַד, מיט עפּאָלעטן, מיט דער שװערד און מיט די גאָלדענע שנורן, און פֿון אױבן, איבער דעם אַלעמען האָט ער געטראָגן זײַן טײַערן מאַנטל. קײנער האָט אים נאָך ניט געהאַט געזען פֿריער אַזױ גרױסאַרטיק פֿאַרפּוצט. דער יונגער װילאַטץ האָט געטראָגן אַ נײַעם שװאַרצן גאַרניטור מיט שװאַרצן קרעפּ אױף זײַן זײַדענעם הוט. בײדע אי דער פֿאָטער און אי דער זון האָבן, מאָרגנס, געטראָגן װײַסע הענטשקעס אָן אַ ברעקל שװאַרץ אױף זײ.

קײנער פֿון האַלמענגראַאַס אַרבעטער האָט ניט געאַרבעט יענעם

טאָג, די מיל איז געווען פאַרשלאָסן; אַלע פּויערים און פּעכטער האָבן זיך צענויפגעקליבן אויפן בית־עלמין, וואָס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן ווי אין אַ גרויסן טויף־זונטיק. די טרונע איז כמעט ווי געווען איינגעהילט אין בלומען; ס'זיינען געווען בלומען־קרענץ פון ענגלאַנד, פון דייטשלאַנד, פון די האָלמענגראַאַס, פון אַלע קאָל־דעווינס, פון די בערגענער סוחרים — ס'האָט אויסגעזען ווי אַ באַרג בלומען האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין קבר אַריין.

דערנאָך איז געהאַלטן געוואָרן דער הספד. דער פּאַסטאָר לאַס־סען איז זיכער געווען צעטראָגן, ס'איז אָבער געווען אַ טייערע גע־לעגנהייט וואו ער האָט געקאָנט אויספּירלאַך פּאַנאַנדערוויקלען זיינע גייסטיקע געדאַנקען, און ער האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן פון זיין גאָר ערשטן געדאַנק צו האַלטן אַ לאַנגע דרשה. יעטווידער אַנדערער פּאַרטרויערטער קרוב וואָלט אים געווען דאַנקבאַר פאַר זיינע פּייערלאַכע טרייסט־ווערטער, דער לייטענאַנט אָבער, אויסגע־האַלטן צו זיך אַליין, האָט געקוקט מיט אַ פּוסטן בליק גלייך אַריבער אים, און האָט מעגלאַך זיך גאָרניט צוגעהערט. ווען דער הספד האָט שוין געהאַט געדויערט אַ האַלבע שעה און דער לייטענאַנט האָט עס שוין מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן האָט ער פּלוצלונג אַ נעם געטאָן די קליינע הילצערנע לאָפּעטע פונם קברות־מאַן און זי דערלאַנגט דעם פּאַסטאָר—איבערגעקערט, אַפילו ניט מיטן הענטל אַרויף. דער פּאַסטאָר האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן; ער האָט אַ קוק געטון אויפן לייטענאַנט, און זעענדיק, אַז עס איז שוין צייט אויפצוהערן האָט ער גענומען די לאָפּעטע און אַרויפגעוואָרפן דריי לאָפּעטעס ערד אויפן קבר בלומען.

און נאָכדעם האָט מען דעם קבר פאַרשאָטן.

נאָר מענטשן, וואָס האָבן בייגעוואוינט דעם אינצידענט מיט דער לאָפּעטע זיינען ניט געווען איינשטימיק מיטן לייטענאַנטס האַנדלונג: לאַרס מאַנילסען איז ניט געווען איינשטימיק, פער דער קרעמער איז ניט געווען איינשטימיק; זיי האָבן נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען אַזאַ פאַרהאַלטן זיך צו אַ גלח, וואָס האָט געפּרעדיקט גאָטס וואָרט — „און דאָס איז עס דאָך געווען וואָס אונדזער לאַרס האָט געטון". דער פּאַסטאָר אָבער האָט געוואוסט מער פון דעם ווי צו נעמען די לאָפּעטע און זי צוריקוואַרפן דעם לייטענאַנט אין פּנים אַריין, מחמת ער איז געווען אַ געבילדעטער מאַן. ער האָט עס אַרויסגעוויזן ביז צום סוף: באַלד ווי די צערעמאָניע האָט זיך גע־

ענדיקט האָט ער געזאָגט אַ פּאָר טרייסט־ווערטער די קרובים באַזונדער — אַ שיינער מנהג באַ די גלחים באַ אַזעלכע געלעגנהייטן; נאָר, ניט זייענדיק אינגאַנצן זיכער אין זיך, האָט ער זיך צוערשט געווענדט צום יונגן ווילאַטע, ווייל ער איז געשטאַנען נענטער. דער פּאַסטאָר לאַססען האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום יונגנמאַן און געזאָגט: — איר האָט געהאַט אַ שווערן פאַרלוסט, ווילאַטע, אָבער גאָט וועט אייך העלפן דאָס איבערטראָגן!

יאַ, אודאי! גאָט וועט זיכער העלפן; דער פּאַסטאָר לאַססען האָט אים בלויז געדאַרפט אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם צו דערמונטערן אים.

דאַן האָט זיך דערהערט דעם לייטענאַנטס קול — און דער פּאַסטאָר האָט דערזען צוויי גרויע אויגן קוקן אויף אים מיט פאַראַכטונג:

— איר רופט מיין זון מיט זיין קריסטלאַכן נאָמען? איך וויל עס ניט ליידן, זייט אַזוי גוט!

און נאָך די ווערטער זיך געלאָזט אַהיים גיין פון דער לויה.

* * *

די אַלטע קאַלדערווינס זיינען דאָס מאָל פאַרבליבן נאָר צוויי טעג, דערנאָך זיינען זיי צוריקגעפאָרן צו זיך אַהיים מיט זייער שיפל. דאָס שיפל האָט אויסגעזען ווי פון פאַרשוואונדענע צייטן גרויס, מיט פענצטער־לאָדן אויפן דעק. זיי האָבן דאָס אַלעס ניט געקאָנט אינגאַנצן באַנעמען — די אַלטע לייט! „דאַ איז קיין וועג פריער ניט געווען“, האָבן זיי געזאָגט: „דאַ איז קיין הויז פריער ניט געשטאַנען“. דערנאָך האָבן זיי געשאָקלט זייערע קעפּ ווי זיי וואָלטן ניט געוואוסט וואו זיי זיינען — זיי זיינען כמעט ניט געווען זיכער צו זיי געפינען זיך אין זעגלפאַס דאָס מאָל. דערנאָך זיינען זיי צוריקגעפאָרן אַהיים; זיי האָבן מער ניט שפּאַצירט אין יונגען וואַלד; זיי האָבן ווייניק גערעדט.

דער קאָנסול פרעדריק מיט זיין פרוי זיינען פאַרבליבן פיר טעג. דערנאָך איז אָנגעקומען די פּאָסט־שיף, וואָס גייט קיין דרום און זיי באַרנומען מיט זיך. אפילו דער קאָנסול פרעדריק איז שוין מער ניט געווען אַזוי פול מיט לעבן ווי פריער; ער איז געוואָרן זייער גרוי און אונטער די אויגן האָבן זיך אים אויסגעלעגט בייטלאַך. זיין פרוי איז געווען דיק און מיאוס און לעצטנס אפילו זיך פאַראינטערעסירט מיט מיסיאָנערן־טעטיקייט, און דאָ איז זי געווען מיט

אים. דער לייטענאַנט איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיינע אייגענע עסקים; זיין טרויער איז געווען זייער גרויס, זייער מערקווירדיק גרויס. מ׳וואָלט זיך ניט געווען געריכט אויפן לייטענאַנט, אַז ער זאָל ליידן פון שלאָפלאָזיקייט צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין אַדעלהייד — ווען ער האָט געהאַט פאַרלוירן פריער. אַזוי אַז דאָס מאָל איז גאָרנישט ניט געווען, וואָס זאָל האָבן אַן אָנציאונג פאַרן קאָנסול, אַז ער זאָל וועלן פאַרבלייבן דאָ; און ער האָט די גאַנצע פיר טעג געוואָלט וואָס גיכער אוועקפאָרן.

אין די אָוונטן האָט ער פאַרבראַכט ווי אַמאָל טרינקענדיק וויין צוזאַמען מיט זיין אַלטן פריינט; נאָר דאָס מאָל האָבן זיי זיך געהאַלטן אַזוי פאָרמעל, צערעמאָניש; דער געשפּרעך איז געווען ווייט פון צו זיין לעבעדיק און אינטערעסאַנט, און דער קאָנסול פרעדריק האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו האַלטן זיך בײַ זיין לעבנס־פילאָזאָפיע אָדער לאָזן זי פאַלן. ווען די אַלע ראַשיקע ענ־דערונגען אויפן מאַיאַנטעק האָבן זיי כמעט ווי גאָרניט גערעדט; ווען דער קאָנסול האָט באַמערקט, אַז ער פילט זיך אַביסל שולדיק צוליב דעם, וואָס ער האָט טיילווייז גורם געווען צו די אַלע ענדערונגען, האָט דער לייטענאַנט עס גלייך אָפּגעוואָרפן, זאָגנדיק:

— ניין, איך בין דיר דאַנקבאַר; דו פאַרדינסט אַ שבח פאַר דעם.

דאַן האָט דער קאָנסול געפּרוּווט רעדן וועגן ווילאַטצן — בלייבט ווילאַטץ אין בערלין?

— געוויס, — האָט דער לייטענאַנט געענטפערט. — ער פאָרט אָפּ מיט דיר צוזאַמען אויף דערזעלבער שיף.

— מיין טאָכטער טעאַ, — זאָגט דער קאָנסול — דו געדענקסט טעאַן? זי האָט חתונה געהאַט מיטן שטייערמאַן.

— מאַרגאַריטאַ האָט גוט געטון.

— דער שטייערמאַן איז שוין אַ קאַפּיטאַן איצטער.

— זעסט!

— דער קאַפּיטאַן פון דער דאַמפּף־שיף „פערדפליג", צוויי־און־פופציג פוס לאַנג. מילא, מ׳האָט זיך ניט געקאָנט העלפן. פויזע.

דאַן האָט דער קאָנסול אויף אַן אמת געפּרוּווט אַ טרייב טון אַביסל ליצנות אפילו בײַ אָט דער טרויעריקער געלעגנהייט.

— דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז דו ביסט פאַראַנטוואָרט־

לאָך פאַר דעם, וואָס אין דיין קירך־באַצירק געפינט זיך מיט איין פוילישאַק אַ פישער וויניקער.

— יאָ. איך באַדויער עס, צוליב דעם בחורס אייגענער טובה וועגן.

— און וואָס זאָגסטו דערצו ? דו געדענקסט ווען בײַ אונדז אין שטאָט איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געבוירן געוואָרן אַ מולאַטן־קינד ? נו, איז איך וויים ניט פאַרוואָס, נאָר מענטשן האָבן אָנגע־הויבן צו ריידן, אַז איך בין פאַראַנטוואָרטלאַך פאַרן מולאַטן־קינד. קאָנסטו זיך פאָרשטעלן אַזאַ מין זאַך ! ס'האָט געזאָלט זיין אַ פאַרבינדונג צווישן אים מיט אַ געוויסער אונטערהאַלטונג אין מיין גאָרטן, כאַ־כאַ־כאַ ! נאָר ענדלאַך האָט עס מיר דערעסען און דאָס אינגל אָוועקגעשיקט פון זיך. איצטער איז ער אין אַ האַנדלס־שול אין פילאַדעלפיע.

— יעדנפאַלס איז דיין שולד אַ קלענערע פון מיינער, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט.

ווי אומעטיק ס'איז אים געווען איצט צו רעדן מיט זיין פריינט : דער קאָנסול פרעדריק האָט כמעט באַדויערט וואָס ער איז גאָר איג־גאַנצן געקומען צו דער לויה. געוויס, דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער געלעבט אַ קליינשטעטלדיק לעבן שוין אַזוי פיל יאָרן, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן עס פאַר גענוג גוט פאַר אים. גייט אים ניט זיין געשעפט גוט ? זיינען דען זיינע שרייבער אין דער קאַנטאָר ניט שטענדיק פאַרנומען ? און האָט ער ניט פאַרקערט מיט דער בעס־טער געזעלשאַפט פונם שטעטל ? אינם קלוב האָט מען אויך געהאַט גענוג אינטערעסאַנטע פראַגן צום דיסקוטירן, ווי למשל, היינטיקן זומער ווען דעם הויז־אייגנטימער באַממענטס אַ טאָכטער איז גע־שטאָרבן פון צופיל טאַנצן אויף דער דייטשער קריג־שיף, וואָס האָט זיך געפונען אין האַפן. כאַ־כאַ ! דאָס משוגענע מיידל ! פראַנצוי־זישע אָפיצערן וואָלטן זי קיינמאָל ניט געוועז געלאָזט אַנטאַנצן זיך צום טויט !

נאָר דער קאָנסול פרעדריק, וואָס האָט גערעדט אַזוי פריילאַך און אַזוי שטאַרק געלאַכט האָט זיך אָפטמאָל פאַרטראַכט און גע־בליבן זיצן שטיל. מעגלאַך, אַז ער האָט עס געטון לפנים וועגן. און איין טאָג, ווען ער האָט מעגלאַך ניט געפונען קיין רו ערגעץ אַנ־דערש וואו, איז ער אַריינגעגאַנגען אין פרוי אַדעלהיידס שלאָפצי־מער און דאָרטן געשטאַנען אַ קורצע ווײַלע. ער האָט אויסגעזען

מיד און אויסגעמאַטערט איצט און די בייטעלאַך אונטער זײַנע אויגן זײַנען געװען לענגער. ער האָט אויפגעהויבן אַ קעמעלע, װאָס איז דאָרטן געלעגן צװישן אַ סך אַנדערע צירונג, געקוקט אויף דעם, און געקערט טראַכטן, אַז עס איז אַ שײן זאַכעלע, װײַל ער האָט אויף דעם לאַנג געקוקט. נאָר דערנאָך האָט אים געקאָנט אײַנפאַלן, אַז ס'פּאַסט ניט פֿאַר אים צו זיצן אָט דאָ אין דעם צימער און טרוימען, און ער איז שטילערהייד צוריק אַרויס פֿונם צימער.

ער איז אַרײַן אין דער אַראַנזשערײַ. ער האָט פּונקט אַזױ געקאָנט אַרײַנגײן אַהין צוערשט; ס'איז דאָרטן געװען גענוג אַרמעטיק. װאָס — ער האָט מיטגענומען דאָס קעמעלע מיט זיך? װי נאַריש! נו, מילא, אַז ער האָט עס שוין אָפּגעטון — ס'אַ קלײניקײט; ער װעט אפֿילו ניט מטריח זײַן דעם לײטענאַנט װעגן דעם. עס דוכט זיך װי עס װאָלט נאָך אַלץ געשמעקט — קאָן עס מעגלאַך זײַן, אַז דאָס איז דער ריח פֿון אירע האָר? אָן אויסדרוכטעניש! עס שמעקט מיט טשערעפּאַכע־בײַן. נאָר אַ שטײגער װען זי װאָלט פּלוצלונג אָנגעהויבן נאָכאַמאָל צו זינגען דאָרטן אין מוזיק־־צימער, איר זינגען זאָל זיך הערן אַהערצו צו די בלומען! אך יאָ! — װי זי פֿלעגט אויפֿעפֿענען איר לײדנשאַפֿטלאַך האַרץ, װי אײנער צעעפֿנט אַ פּעכער, אין אַ הינרײַסנד ליד. אַרימע פֿרוי! אַרימע מיר אַלע!...

דער קאָנסול פּרעדריק האָט זיך אויך באַנוצט מיט אַ געלעגנהײט צו כאַפּן אַ שמועס מיט דער הויז־פֿירערן, יאָמפֿרו סאַלוועסן. ניט פֿריער װי ערשט אַ טאָג פֿאַרן אָװעקפֿאָרן, אַז ער האָט געקאָנט שטעלן זיך אויף זײַן אַלטן אָרט בײַ דער דרויסנדיקער זײַט פֿענצטער פֿונם שפּײַז־קאַמער, בעת זײַן פֿרוי איז געװען בײַ פֿרוי אירגענס אין הויז.

— דאָס זענט איר! — האָט יאָמפֿרו סאַלוועסן געזאָגט.

— איך — מער־װײניקער, יאָמפֿרו.

איר פֿאַרשטײט, יאָמפֿרו סאַלוועסן האָט זיך געפֿונען אונטערן שאָטן פֿונם טרויער אין הויז ביז איצט, און שוין לאַנג װי זי האָט ניט פֿאַרקרימט איר מויל אין אַ געלעכטער; אַצינד האָט זי געהערט פֿונם קאָנסולס טאָן, אַז זי מעג אויף אַ רגע אָװעקלײגן דעם טרויער אין אַ זײַט:

— איך שטעל מיר פֿאָר, אַז איר זענט װידער געקומען מאַכן אַ סוף צו דעם, הער קאָנסול?

— קאָנסול פּרעדריק טוט אַ פֿאָר שלוכצן און זאָגט:

— יאַמפּרו סאַלוועסן, איך ווייס אַלעס !
— אַלעס !
— יאָ, האָט איר נאָך וואָס צו דערציילן ?
— ניין, איר זעט, איך וויל אייך ניט טרייבן צו משוגעת.
— פרוי, איר האָט זיך פאַרקנסט צו צוויי אַנדערע חוץ מיר. וויסן דער האַפּן־פּאַרוואַלטער און דער אַדוואָקאַט ווי אַזוי איר האָט מיך באַהאַנדלט, יאַמפּרו סאַלוועסן ?

נאָר דאָ איז שוין, מעגלאַך, דאָס ליצנות צו ווייט פאַרגאַנגען. ווייל יאַמפּרו סאַלוועסן האָט געענטפערט :

— איך וועל דערציילן מיין חתן, הער ראָש.

פּלוצלונג איז דער קאָנסול פרעדריק אויף אַן אמת פאַראינטערעסירט ; דאָס איז געווען כמעט אַזוי וויכטיק ווי דער פּריילין באַממענס טאַנצן ביז צום טויט. ער האָט אויפגעהויבן זיינע ברעמען און געפרעגט :

— מעג איך אייך גראַטולירן ? ווירקלאַך ?
— יאָ, איך בין כמעט זיכער, אַז איר מעגט, — האָט יאַמפּרו סאַלוועסן, שמייכלענדיק, געזאָגט.
— דאָס איז אויסגעצייכנט. דאָס איז באמת אַ גרויסע נייס. ווען וועט זיין די חתונה ?
— איך ווייס ניט. מעגלאַך, אין אַ יאָר אַרום.
— וועד וועט דאַן אַכטונג געבן אויפן לייטענאַנט ?
—אימיצער אַנדערש, איך וועל אים ניט פאַרלאָזן ביז ער וועט קריגן אימיצן אַנדערש.
וועט איר וואוינען דאָ ?
— יאָ, אַ שטיקל צייט יעדנפאַלס, ראָש האָט אַ גוט געשעפט דאָ, פאַרשטייט איר מיך. שפּעטערצו אָבער האָט ער בדעה צו זוכן אַ שטעלע אין דרום.
— דאַן קאָנט איר נאָך אַמאָל אַרונטערקומען אין אונדזערע מקומות, יאַמפּרו סאַלוועסן ; און אויב יאָ, מוזט איר קומען אָפּשטאַטן מיר אַ וויזיט.
— אַ דאַנק פאַר אייער גוטסקייט, הער קאָנסול קאָלדעווין.
— ווייל איך האָב ליב צו האָבן געבילדעטע מענטשן אַרום זיך. איך זאַמל אַ קאָלעקציע פון קולטורעלע מענטשן. נו, דאָס איז אַ גרויסע נייס ! וועט איר מיר דערלויבן דריקן אייער האַנט, יאַמפּרו סאַלוועסן ?

— יא — וואַרט נאָר איין רגע! — ענטפערט יאַמפּרו סאַל־וועסן, זיך אַפּווישנדיק די האַנט. — נאַט!

נאָר ווען דער קאָנסול האָט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער האָט ער צוריק אָנגעהויבן צו שפּאַסן און זיך געשטעלט האַלטן אַ רעדע:

— אַזוי ווי איך האַלט די דאָזיקע האַנט איצט צום לעצטן מאָל —

— כאַ־כאַ!

— איך מיין: כּל זמן איר זענט נאָך אומשולדיק — איך מיין: כּל זמן מיר זיינען נאָך ביידע אומשולדיק. האַלטנדיק אָט די האַנט, וועלכע איך האָב ניט געקאָנט קריגן —

— איצט לאָזט מיך אָפּ, הער קאָנסול.

— וועלכער ס'איז ניט באַשערט געווען צו זיין מיינע — האָט איר אַ טרונק בראַנפן אָדער עפּעס אַנדערש אינווייניק, יאַמפּרו?

— ניין, באמת — , — ענטפערט די הויז־פירערן און קוקט זיך ארום. — נאָר לאָזט מיך אָפּ און איך וועל אַריינגיין אין עס־צימער און עפּעס אַרויסברענגען.

— אָ, ניין, אַ דאַנק; איכל זיך באַגיין אָן דעם. אָבער, יאַמפּרו סאַלוועסן, איר פרעגט צי איך בין ווידער געקומען מאַכן אַ סוף צו דעם? ניין. איך בין געקומען בלויז צוליב דער איינאונאיינציקער זאַך צו לאָזן אייך וויסן אויף וואָס פאַר אַן אופן עס וועט אויסגע־פירט ווערן, אַז איך האָב שוין באַשטימט דעם אופן. נאָר אין דער אמתן וואָלט מען אים גאָר געדאַרפט אויסזינגען, פּראָקלאַמירן אים מיט מיין טייערסטן אַטעם: אין דער זעלבער רגע ווען דער פּאַסט־טאָר לאַסטען וועט לאָזן פאַלן זיין ברכה אויף אייך און אויף דעם אַדוואָקאַט ראש, וועט מען מיך געפינען מיט אַ שטריק אין מיינע הענט און קוקנדיק מיט בלויע אויגן אַרויף צו אַ טשוואָק —

— כאַ־כאַ! אויף אַן אמת, ס'איז אוממעגלאַך אייך אויס־צוהערן!

— ווייסט איר וואָס עס וועט געשען?

— אָט גייט אייער פרוי! — זאָגט פּלוצלונג יאַמפּרו סאַלוועסן.

— דאַן לאָזט דער קאָנסול פרעדריק אָפּ איר האַנט.

און ער האָט זיין פרוי געקאָנט אַזוי גוט, אַז ער איז גלייך גע־גאַנגען אַנטקעגן און איר דערקלערט, אַז יאַמפּרו סאַלוועסן איז אַ כּלה געוואָרן פאַרן אַדוואָקאַט ראש און אַז ער האָט זי נאָר וואָס גראַטולירט.

— האסטו געדאַרפט האַלטן איר האַנט צוליב דעם ? — האָט זיין ווייב געזאָגט.

און קאָנסול פרעדריק האָט געענטפערט :

— איך האָב געוואָלט זיין העלפאַך. זי גייט איבער איצטער אין אַנאַנדער שטאַנד. ס'איז זייער מעגלאַך, אַז מיט דער צייט וועט זי זיך אַריבערקלייבן אין אונדזערע מקומות.

*   *   *

דעם יונגען ווילאַטץ האָט געפלאַגט דאָס געוויסן פאַר אויפהערן שרייבן צו מאַריאַנען. ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו ? בימלאַכוויז, ווייל ער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען. חוץ דעם ווידער האָט די בענקעניש נאָך איר אים געטריבן צו פאַרטרויען זיך זיין מוטער און זי איז געווען שטאַרק באַזאָרגט איבער דעם און ניט געוואָלט מער הערן פון שרייבן בריוו צו איר. ווען ער איז באַשטאַנען, אַז ער וועט ליבן מאַריאַנען ביז ער וועט שטאַרבן, האָט זיין מוטער געזאָגט : — וואַרט אויס צען יאָר, און מיר וועלן זען ! דו דאַרפסט צוערשט אויפטון עפּעס גרויסעס און צופרידנשטעלן דיין פאָטער, פאַרשטייסטו מיך !

נאָר ווען ער האָט נאָכאַמאָל דערזען מאַריאַנען אויפן האַפן און שפּעטערצו אויפן בית-עלמין, איז ניט געווען קיין בעסערע זאַך צו טון ווי צוגיין צו איר און איר געבן זיין האַנט, בעת זי האָט אים גלייך אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין און זיך צוגערוקט נעענטער צו אים און אים כמעט ווי אַנגערירט בשעת זי האָט אויף אים געקוקט. מאַריאַן איז געווען אַזוי צעטראָגן אין איר ליבשאַפט.

ענדלאַך האָבן זיי זיך געטראָפן. דער יונגער ווילאַטץ האָט זיך צוליב עפּעס אַן אורזאַך געפילט פאַרפליכטעט אַרונטערצוגיין אויפן הויפּטוועג, און דאָרטן איז זי געשטאַנען ; אַזוי ווי אַביסל העכער אַרויפצו לעבן דער בריק איז געווען אַ געדיכטער קלומפּ מיט ווערבע-ביימלאַך, זיינען זיי צוגעגאַנגען אַהינצו. דער יונגער ווילאַטץ איז שוין געווען אַנגעטון אין זיינע רייזע קליידער גרייט צום פאָרן און אַזוי גיך ווי די שיף וועט אַנקומען וועט ער זיך זעצן אויף איר ; נאָר ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַזוי ווינציק צייט, האָט ער גאָרניט געקאָנט רײדן. וואו זיינען אַהינגעקומען די אַלע ווערטער אין זיין קאָפּ און אין האַרצן ? מאַריאַן האָט אויך געשוויגן. זיי האָבן יעדערער באַזונדער אויפגעהויבן צו צווייגלאַך און געריסן די בלעטלאַך.

— איך פאָר היינט ווידער אַוועק, — האָט ער געזאָגט.
— יאָ.
— ס'איז ניט קיין זייער ווייטע רייזע, — האָט ער געזאָגט.
— פעליקס פאָרט אויך אַוועק, — האָט זי געענטפערט. — ער פאָרט קיין מעקסיקאָ.
— אָ ! אזוי ?
— יאָ, ווייל ער וויל זיך ניט לערנען. און איך וועל אויך אַוועקפאָרן, קיין קריסטיאַניאַ, — האָט מאַריאַן געזאָגט. — אמאָל וויל איך פאָרן, און אמאָל ניט.
— קיין קריסטיאַניאַ ! דאָס איז אַפילו ניט אזוי ווייט ווי קיין בערלין, איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך.
— ווילסטו מער ניט שרייבן צו מיר ? — האָט זי געזאָגט.
— יאָ. איך וועל אָבער קיין צייט נישט האָבן, אויב איך וויל אויפטון עפּעס גרויסעס, האָט מיין מוטער געזאָגט.
און מאַריאַן איז אויף קיין האָר ניט געווען באַליידיקט דער־פון ; זי האָט בלויז געקלערט וועגן שרייבן אין די זונטיקן, אין די זונטיק־אָוונטן.
נאָר ניין, ער האָט עס ניט געקאָנט טון.
— איך האָב דיר אָנגעשרבן אַ סך בריוו ; איך האָב דיר גע־שריבן נעכטן און היינט אויך. אָט זע, — האָט זי געזאָגט, און אים דערלאַנגט עטלאַכע בריוו, — נאַ זיי דיר ! — האָט זי גע־זאָגט :
און ווילאַטץ האָט איר דערלאַנגט זיין האַנט און איר גע־דאַנקט, און אריינגעלעגט די בריוו אין זיין קעשענע, און געווען שטום פון פרייד און שעמעוודיקייט.
און דאַן — ווי אזוי איז עס געשען ? — זי איז געווען הויך און ליב, אירע אינדיאַנער־האָר זיינען אריבערגעפאַלן איבער אירע אַקסלען און איר הויט איז געווען ברוין געמישט מיט רויט — נו, ווי עס זאָל ניט האָבן געשען, מאַריאַן האָט זיך פעסט צוגעדריקט צו אים און ער האָט זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, ניט וויסנדיק וואָס ער טוט. ווי זיי זיינען געשטאַנען אזוי און אריבערגעקוקט איינער אויפן צווייטנס האַלדז, האָט ער באַוויזן צו זאָגן :
— לאָז מיך דיר אַ קוש טון — פאַר די בריוו — מעג איך ?
און בעת איבער איר קערפּער איז אַדורך אַ ציטער פון צושטי־

מונג, האָבן זיך זייערע ליפּן פאַראייניקט אין אַן אומענדלאַכן קוש און זיי האָבן בײדע פאַרמאַכט זייערע אויגן.

נאָר נאָך דעם האָט זייער באַגעגעניש שוין ניט געדויערט לאַנג, ווייל זיי האָבן מער ניט געקאָנט קוקן זיך אין די אויגן, און האָבן גערעדט מיט די אויגן אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד.

— נו, זיי געזונט, — האָט ער געזאָגט.

— פאָר געזונט, — האָט זי געזאָגט...

ווען דער יונגער ווילאַטע איז אַהיים געקומען, האָט אים גאַט־פרעדער אַריינגעפירט צו זיין פאָטער אין קאַבינעט. זיין אַלטער, איינגעבויגענער פאָטער איז געווען זייער ערנסט. ער האָט גע־זאָגט :

— איך האָב געוואַרט אויף דיר.

— עס פאַרדריסט מיך, איך —

— עס מאַכט ניט אויס. הם. דו הייסט ווילאַטע ווילהעלם מאַריטע פאַן פלאַטע האַלמסען.

— יאָ ? — האָט זיין זון געפרעגט.

— אַזוי. דאָס איז דיין נאָמען. הם. און פאַרקירצט רופסטו זיך ווילאַטע.

— יאָ ?

— דו קאָנסט זיך רופן מאַריטע, אויב דו ווילסט.

— ניין, צו וואָס ?

— אויב דו ווילסט, זאָג איך.

— יאָ, אָבער איך וויל ניט.

— איז ניט בעסער צו רופן זיך מאַריטע אין דייטשלאַנד ? דיין מוטער — זי האָט זיך אויף אַזויפיל פאַרדינט.

— איך בין רעגיסטרירט אַלס ווילאַטע, — האָט זיין זון דער־ווידערט.

— דיין מוטער האָט דיך גערופן מאַריטע.

— איך געדענק ניט, זי זאָל מיך האָבן גערופן אַזוי.

— יאָ, ווען דו ביסט נאָך געווען קליין.

— ניט אין די לעצטע יאָרן.

— נו, אויב אַזוי, איז מער ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן. הם. מוזט מיר אַנטשולדיקן פאַר ניט האָבן איינגעלאַדן קיינעם צום היינטיקן מאָלצייט.

— נו, געוויס —

— איך האָב עס ניט געקאָנט טון היינט. מיר זיינען עס שול־דיק דיין מוטער.

— אַך, ווען דו וואָלסט נאָר געקאָנט מיטפאָרן מיט מיר היינט, פאָטער!

—איך האָב קיין צייט ניט, מיין אינגל. חוץ דעם, ביסטו שוין אַ דערוואַקסענער מענטש איצט. גיב אַכטונג אויף זיך, ווי־לאַטע, און פאָר געזונט!

XVII

וואָלטן זאַכן געווען איצטער אַזוי ווי אין די אַלטע צייטן וואָלט דער לייטענאַנט אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אויף אַדעלהיידס קבר; וואָס האָט ער אַצינד געקאָנט טון? אויף צו זיין זיכער מיט דעם האָט ער שוין געהאַט געפונען געלט פאַר אַ גרויסן און אימפּאָזאַנטן בראָנזענעם טאַוול; דאָס איז אָבער ניט געווען קיין מאָנומענט, קיין אָנדענקונג־שטיין. און אודאי וואָלט ער געווען געשענקט דעם קלויסטער וואָזעס פון באַגילטן זילבער אויף אַדעלהיידס נאָמען, ווען ער וואָלט נאָר אויף וואָס פאַר אַ ניט איז אופן געקאָנט קריגן די נויטיקע סומע געלט.

הייסט עס אַז געלט האָט אָנגעהויבן אויסצופעלן איצטער? ווי אַזוי זאָל עס ניט אויספעלן?

ער האָט שוין פון פריער נאָך געדאַרפט אויפגעבן דעם געדאַנק וועגן דעם אָרגל. און האָט ער דען געקאָנט באַשטעלן אַ פּאָר פּאָר־טרעטן, פון אַדעלהיידן און זיך, פאַר דער משפחה קאָלעקציע? ס'האָט באַליידיקט אַט דעם מאַנס איינגעבוירענעם געפיל פון אָרד־נונג, וואָס אַזאַ וויכטיקע זאַך איז פאַרבליבן ניט אָפּגעטון. ווייטער האָט זיך דאָ אומגעדרייט דער קליינער גאַטפריד — עפּעס דאַרף געטון ווערן פאַר אים. און די קליינע פּאָלינאַ — האָט מען זי ניט געדאַרפט באַזאָרגן? און האַלפלאַפּ פעטער, וועלכער איז אַמאָל, דאַרף מען געדענקען, געווען פרוי אַדעלהיידס קאָניוך.

אַך! געוויסערמאַסן איז געווען גוט וואָס אַדעלהייד האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט אין איר צייט; זי וואָלט עס ניט געווען געקאָנט פאַרטראָגן, זי וואָלט ניט געווען געזונגען מער! געוויסע משפחה־אומגליקן ווייזן זיך דערנאָך אַרויס פאַר אַ ברכה: די השגחה טיילט אויס חסד און גענאָד פאַרקליידט אין קלעפּ.

אַזוי קאָן זיך אַ מענטש טייטשן, זייענדיק אַ הומאַניסט.

ווען פרעדריק קאַלדעווין אָבער האָט געפרעגט צי דער יונגער ווילאַטץ פאָרט צוריק קיין בערלין איז עס געווען אַ לעבערלאַבע פראַגע. וואוהין דען זאָל ער פאָרן? וואָס דען, ער זאָל אים האַלטן אין דער היים און ער זאָל זיך דערוויסן וועגן זיין פאָטערס דאגהס? דאָס לעבן האָט שווער באַהאַנדלט דעם אָרימען פרעדריק; ס'איז אים אפילו ניט פאַרבליבן גענוג שכל צו פאַרשטיין, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ווילאַטץ האַלמסען, וואָס האָט געוויינטלאַך גע־וואוינט אין אויסלאַנד, נאָר פון צייט צו צייט געקומען אויף אַ באַזוך אַהיים.

• אַ מאַן לאָזט זיך ניט איינשרעקן; אַ מאַן דאַרף זיין שטיל און שטאָלץ, אַ קריגער און אַ וועלט־מענטש, שטאַרק אין זיין ווילנס־קראַפט. איז דאָס לעבן געווען אַזאַ מין זאַך, וואָס דער לייטענאַנט האָט שוין מער קיין חלק ניט געהאַט אין דעם? אַ! דאַן וואָלט ער עס ניט נאָכגעזוכט באַטאָג און ניט געוואָרפן זיך אויף זיין גע־לעגער אַזוי באַנאַכט אין בענקעניש נאָך דעם. דאָס יאָר פון טרויער איז נאָך ניט געווען אַריבער. און ער האָט געפילט אַז ער וואָלט געדאַרפט אין דעם זיין פונקט אַזוי פּינקלאַך ווי אין אַלע אַנדערע זאַכן, אינדערזעלבער צייט אָבער האָט זיין געדולד שוין געפּלאַצט: ער וועט נאָכאַמאָל איינפירן די לייען־אָוונטן.

די קליינע פאַלינאַ איז געווען איצט זיין קאַמער־מיידל — אימיצער האָט עס דאָך געדאַרפט זיין — און זי האָט זיך געהאַט איר אייגענעם חן, און אַ סאַמעטענעם בליק אין אירע בלויע אויגן. ס'האָט זיך געדוכט ווי דער לייטענאַנט וויל אויף אַ צייט ווידער־אַמאָל זיין אַ פּאַשאַ. ער האָט אָנגעקלונגען נאָך דאָוועררדאַנאַן.

ס'האָט געדויערט אַ שטיקל צייט איידער זי איז אַריינגעקומען: ער איז געלעגן אויף דער סאָפע און זיך געטראַכט מיט צופרידנ־הייט, אַז זי וואַשט זיך אָפּ אירע הענט איצט. און זי וועט זיך דרייען מיט איר קערפּער ווען זי וועט דורכגיין דאָס צימער, זי וועט אויפּוועקן אין אים די געפּערלאַכסטע באַגערן.. ער איז געלעגן מיט ביידע הענט אַריינגעשטעקט אין זיינע קעשענעס, זיך טראַכטנדיק זינדיקע, משוגענע געדאַנקען. דערנאָך וועט זי אַריבערגיין אויף יענער זייט און דאָרט נעמען דאָס בוך, דערנאָך וועט זי צוריקקומען, זיך וויגנדיק מיט איר קערפּער, וויגנדיק —

נאָר אַזוי ווי עס איז געווען אַ ליכטיקער זומערדיקער אָוונט האָבן זיינע אויגן אָנגעהויבן אַרומצוואַנדערן איבערן צימער; ער

האָט געקוקט אויפֿן מעבל און אויף די בילדער: ד אָ ר ט ז הענגט אַ גרויס פאָטאָגראַפיש בילד פון אַדעלהיידן, און ד אָ ר ט ז האָט געהאָנגען דער אַלף־בית און אַלע איבעריקע ווילאַטעצעס שפּילכלאַד — אַצינד שוין אַלטע זאַכן; ווי די צייט איז פאַרלאָפן !

יאָ, די צייט איז געלאָפן.

זיינע הענט האָבן זיך אַפּגערוט אין זיינע קעשענעס און ער האָט ווייטער געטראַכט וועגן דעם ווי אַזוי די צייט איז פאַרלאָפן. וויפל יאָר האָט ער נאָך צו לעבן ? אַך, גאָט אין הימל ! ווי ער איז געווען אָפּגענאַרט אין לעבן און באַרויבט !

ווען ער דערהערט דאָוועדאָנאָס טריט שפּרינגט ער פלוצלונג אויף און שטעלט זיך אַוועק שטייף און גלייך. איז עס געווען מחמת צאָרן אָדער אויפגערעגטקייט ? איינע פון זיינע ליידנשאַפטלאַכע אויסברוכן האָט אים געקענט באַפאַלן ; ער איז דאָרטן געשטאַנען שטייף, זיך קיין ריר ניט געטון, און ווען דאָוועדאָנאַ איז אַריינגע־קומען האָט ער בלויז געמאַכט עטלאַכע באַמערקונגען וועגן איר אויפפירונג — געזאָגט, אַז זי איז אַ גוט מיידל, הם, אַז זי איז אַלעמאָל געווען אַ גוט מיידל, בקיצור — הם. זיין אויסברוך איז אַריבער און ער האָט פאַרענדיקט זאָגנדיק : — וואַרט אויס אַ רגע. שטיי דאָרטן ! — דערנאָך האָט ער אויסגעזוכט אַן אַסיגנאַציע אין טיש־קעסטל און זי איר געגעבן.

דאָוועדאָנאַ האָט געמאַכט אַ קניקס, שעמעוודיק און צופרידן, און אים באַדאַנקט. אַ שבח אָדער אַ פאָרוואורף פונם לייטענאַנט האָט אַ גרויסע ווערט. נאָר דאָוועדאָנאַ איז געווען אַזוי דערשטוינט, אַז זי איז ניט אַרויסגעגאַנגען פון צימער נאָך דעם ווי ער האָט אַ נויג געטון מיטן קאָפּ : דאַרף זי ניט לייענען ? דאַרף זי ניט שפּילן אין דאַמקעס ? און דער לייטענאַנט האָט געדאַרפט אַ נייג טון מיטן קאָפּ אַ צווייטן מאָל און זאָגן : — דאָס איז אַלץ צוליב וואָס כ'האָב דיך גערופן.

אַט, שוין !

דאָסזעלבע ווי ער האָט אַמאָל אָפּגעמאַכט בא זיך אינם פאַל מיט זיין פרוי : דאָס איז דאָס לעצטע מאָל ! אַזוי האָט ער איצט אָפּגעמאַכט בא זיך אינם פאַל מיטן לעבן זעלבסט. פאַרוואָס זיינען אַט די אַלע מענלאַכע יאָרן זיינע פאַרשווענדט געוואָרן אויף גאָר־ניט ? נו — ער האָט געקאָנט טון די איינציקע זאַך, וואָס איז פאַר־בליבן אַן אַלטן מאַן צו טון ניט אַרויסרופנדיק קיין עקל בא יענעם

און ניט בא זיך אליין: ער האט זיך געקאנט האלטן מוטיק און פעסט. זאל ער זיך א כאפ טון איצט און מאכן א מאגערן מאלצייט באם גרויסן יומטוב פון לעבן? ער איז געווען א גאסט, וועלכן מ'האט גע־זעצט באזונדער אפגעטיילט פון די אנדערע און וועלכער וועט זיך ניט אוועקזעצן צוזאמען מיט דער דינערשאפט איצט צוליב א גרע־סערן ביסן בגנבה—ער וועט זיך האלטן פון דער וייטן, פארעקשנט און שטאלץ. יא! ער האט פאראכטעט צו פארזארגן דאס ביסל, וואס איז פארבליבן פון אים מיט צוקערקעס; קיינער האט זיי אים ניט אנגעבאטן פריער, און ער וועט זיי ניט זוכן פאר זיך איצטער. האט ער עס געוואלט נקמה נעמען אין זיך אליין? יא, אין זיך אליין. אין אלעמען, אינם גאנצן סדר פון דער וועלט. ער וועט זיך האלטן שטייף און שטאלץ —

דאס איז געווען דאס לעצטע מאל.

* * *

די קליינע פאלינא איז ניט אפגעזאגט געווארן פון איר דינסט אלס קאמער־מיידל; א, מיין ליבער, ניין! נאר אזוי ווי דער לײ־טענאנט איז געווען אומפארגלייכלאך געשיקט אויף צו באשאפן גע־לעגנהייטן כדי צו קאנען אויסגעבן געלט מוז פאלינא, פארשטייט זיך, אויך קריגן אן אסיגנאציע איצט, אז דאווערדאנא האט בא־קומען איינע. און נאכאלעמען איז עס געווען בלויז איינע פון יענע קליינע נייע אסיגנאציעס, וואס ער האט זיך כמעט ווי געשעמט זיי צו געבן.

— נו, ביסט צופרידן מיט איר? — זאגט ער צו פאלינאן — ווייל דער לייטענאנט פארפירט איצט וועז־ניט־ווען א שמועס מיט איר.

— יא, א דאנק, — זאגט פאלינא.

— ווילסט נאך איינע?

— א, ניין! א דאנק, ניין —

דערנאך האט ער מיט איר גערעדט וועגן דעם, וואס זי וועט זיך דא אין הויף לערנען טון; וואס דענקט זי אליין? האט זי ליב צו נייען?

ניין, פאלינא וויל זיך בעסער לערנען זיין א הויז־פירערן. אזוי? אן הויז־פירערן? זייער גוט. יאמפרו סאלוועסן קאן זי לערנען; דאס איז ניט קיין שלעכטער פלאן. ער וועט רעדן מיט יאמפרו סאלוועסן ...

און ער האָט אויך גערעדט מיטן טעלעגראַפּיסט, באַרדסען, וועגן דעם קליינעם גאָטפּרעד, אַז דאָס קליינע אינגל וועט אפשר לערנען זיך טעלעגראַפּיע. איר פאַרשטייט, גאָטפּרעד איז ניט געווען גרויס און ניט שטאַרק גענוג אויף צו קאָנען זיין אַ טיכטיקער פישער. און די פּריצטע האָט אים אויסגעלערנט אַ היבש ביסל פון זיין אייגענער און אַנדערע שפּראַכן.

אָט דער טעלעגראַפּיסט, באַרדסען, איז געווען אַ מערקווירדיקער מענטש. ער איז געזעסן און געשפּילט אויף זיין וויאָלינטשעלאָ — אין אַ נידריקן, טיפן טאָן און כמעט שוואַרץ — ווען דער לייטענאַנט איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרנויגט, און ווען ער האָט אויסגעהערט דעם צוועק פונם באַזוך האָט ער געענטפערט:

— געוויס, מיין הער, אויב איר ווילט.

דאָס איז ניט געווען איראָניש, ס'איז געווען העפלאַכקייט; ער האָט באַהאַנדלט דעם לייטענאַנט אַזוי גלייך ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געווען דער גרויסער פּריץ פונם זעגלפאָס הויף.

נאָך דעם ענטפער איז דער לייטענאַנט אויך געוואָרן העפלאך און געזאָגט, אַז ער איז אים זייער דאַנקבאַר.

ווען דער לייטענאַנט איז אַרויסגעגאַנגען איז דער טעלעגראַפּיסט צוגעגאַנגען צו דער פאַרהאַנגענער פּאָליצע, אַ זופּ געטון פונם פלעשל וואָס איז דאָרטן געשטאַנען און זיך צוריקגעזעצט. און זיינע גרויסע אַקסלען האָבן זיך באַוועגט בשעת ער האָט געשפּילט.

* * *

מיט יעדן נייעם טאָג איז דער לייטענאַנט געוואָרן עלטער און עלטער, ער האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געהאַלטן גלייך. פון דער צווייטער זייט, ווידער, וואָס האָט געקאָנט דריקן הער האָלמענגראַאַן, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין זאָרגן, וואָס זיין קאָפּ האָר און באָרד זיינען געוואָרן גרוי? ס'איז געווען מאָדנע. יענע צוויי צעלאָזענע וואָכן האָבן זיכער ניט געקאָנט איבערלאָזן אויף אים אַזאַ שלעכטן רושם; און פרוי אַדעלהיידס טויט איז אים ניט אָנגעגאַנגען — זי איז ניט געווען זיין ווייב.

פעליקס איז געווען אַוועקגעפאָרן איצט. ווייל פעליקס האָט זיך גאָרניט געוואָלט לערנען, האָט זיין פאָטער דערקלערט, און דעריבער מוז ער זיך צוריקקערן צו זיינע קרובים אין מעקסיקאָ. ס'איז געווען אַ רחמנות צו זען ווי טרויעריק דאָס האָט געמאַכט הער

האלמענגראַן — און דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירלאַך. עס איז שוין מער ניט געווען דורכאויס זונשיין אויף יערן איינעם אין זעגלבאָט — אפילו דאָווערדאַנאַ האָט אָנגעהויבן איינבויגן איר קאָפּ און אויסזען פאַרטרויערט. דאָווערדאַנאַ מיט די רויטע האָר, און נאָך אַלץ אַזוי יונג. זי איז איינמאָל געשטאַנען הארט לעבן שטאָל־ברונעם, אין הינטערגרונט פון די אַנדערע געביירעס, און, מאָדנע ווי עס זאָל ניט אויסזען, העד האַלמענגראַאַ איז אויך גע־שטאַנען לעבן ברונעם, און דאָווערדאַנאַ האָט אים געוויינט גלייך אין פנים אַריין. יאַמפּרו סאַלוועטן איז צופעליק דורכגעגאַנגען דאָרטן און האָט זיי געזען. וואָס ? — איז די וועלט אַראָפּ פון אירע רעלסן ? ניין ! די וועלט האָט זיך געדרייט פּונקט אַזוי ווי פריער, און יאַמפּרו סאַלוועסן פאַלט איין אַ שרעקלאַכער חשד און זי טראַכט : ווי גרינג איך האָב עס געקאָנט שטיין דאָרטן אָנשטאָט איר און וויינען פאַר העד האַלמענגראַאַן !

דורכאויס זונשיין ? אפילו פאַר דער קרעמער האָט געליטן אַ קלאַפּ — דער פעטער פאַר דער קרעמער, וועלכער האָט יערע ווייל אויפסניי געדאַרפט איבערוועגן די סחורה, וואָס ער האָט פאַר־קויפט, ווייל ער האָט געגעבן אַ קורצע וואָג ; און איצט האָט ער געליטן אַ קלאַפּ. און ס׳איז אויך ניט געווען קיין לייכטער קלאַפּ; ער איז געווען פאַראַליזירט אינגאַנצן אויף איין זייט, און דער באַ־צירק־דאָקטאָר מואוז האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געקראָגן נאָך איין פאַראַליטש אַזאַ, מעג ער זיך אָפּגעזעגענען מיט דער וועלט — דאָס איז געווען העד מואוזעס ווערדיקט. פאַר דעם קרעמער האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט איז געוואָרן אַ פאַרקערטע : ער האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין. וואָס ? — איז איין זייט זיינע געלעגן מיט אים אינאיינעם אין בעט, טויט ? ס׳איז אמת, אַז ער איז געווען אַ רירעוודיקער און אַקטיווער מענטש זיין גאַנץ לעבן ביז איצט, ער האָט אָבער קיינמאָל ניט בדעה געהאַט אויפ־צוגעבן זיין טעטיקייט אויף די עלטערע יאָרן, און וואָס פאַר אַ נוצן וועט עס ווענען ברענגען צו פאַרטיליקן אים ? ער האָט, אין אַ געוויסן זין, דערגרייכט איצט דעם העכסטן גראַד פון זיינע קרעפ־טען ; נאָך קיינמאָל פריער איז ער ניט געווען אַזאַ מין עקס־פּערט אין פאַרזען זאַכן און מאַכן טעותן, וואָס זאָלן זיך אים לוינען. און זינט ער האָט באַקומען זיין דערלויבניש אויף צו פאַרקויפן משקאות, האָט זיך דער פאַרקויף ביי אים אין קראָם פון טייערע.

קאַסטבאַרע זאַכן צו די איינוואוינער פון די שטיבלאַך אַ גוואַלדיקן הויב געטאָן. פאַרהאַנגען ? יאָ, אָבער זיידענע טיכלאַך אויך, און מאַשינאָווע זאַכן, און הייננ־לאָמפּן מיט גלעזערנע הייגגלאַך. דאָס איז אַלעם ? ניין, אודאי ! צו וואָס האָט מען געדאַרפט זיין פאַר־שקלאַפּט און אויסאַרבעטן זאַכן אין די ווינטער־אָוונטן, אַז מען האָט געקאָנט אַלצדינג קויפן באַ פּערן אין קראָם פאַר געלט ? ער האָט פאַרקויפט פאַרטיקע גראַבליעס און העק־העגטלאַך פון דער פאַבריק אַרויס ; ער האָט פאַרקויפט געברענטע און צעמאָלטע קאַווע אין געשמאַקפול איינגעוויקלטע פּאַפּירן ; ער האָט פאַר־קויפט קינסטלאַכע פוטער אין קליינע פעסלאַך און חזיר־פלייש פון אַמעריקע. אין די אַלטע צייטן האָט מען זיך געדאַרפט אליין צעשניידן דעם אייגענעם טאַבאַק. דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל — ווער גיט עס זיך איצטער אָפּ מיט אַזאַ לאַנגווייליקער אַרבעט ! — פער דער קרעמער האָט געהאַט צעשניטענעם טאַבאַק. און וואָס איז מכח שטיוול ? אין די אַלטע צייט איז נילס, דער שוסטער, געקומען אויף די פערמעס און געמאַכט דאָס גאַנצע שוכוואַרג, וואָס דאָס הויזגעזינד האָט געדאַרפט האָבן אויפן יאָר צייט, און ער האָט אויסגעקלאַפּט זיין אייגענע לעדער און געפּעכט זיין אייגענעם פאָ־דים, און שטאַרק איז געווען זיין נייען, נילס דעם שוסטערס. איצט האָט פער דער קרעמער פאַרקויפט שוכוואַרג פון רער שטאָט, און ס'איז געווען אַזוי דין ווי געוואַנט, און געגלאַנצט ווי גלאָז.

איז קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן, אַז פּער דער קרעמער איז ניט געווען קיין אַקטיווער מענטש, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס ער דאַרף עס ליגן אין זיין בעט איצטער. נאָר ווי עס זאָל ניט זיין — האָט ער נאָך אַלץ געפירט זיין מסחר דורך זיין פרוי און קינדער, און ער האָט עס אָנגעפירט מיט אַ פעסטער האַנט פון זיין בעט אַרויס ; קיין זאַך איז ניט געמינערט געוואָרן. איי־דער ער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער געוואוסט ווי צו האַלטן מענטשן אַרום זיך אויף זייערע ערטער. האָט ער עס ווייטער געטון אַזוי ; ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ שטעקן אויף צו לאָזן וויסן, ווען ער האָט אימיצן געוואָלט צורופן. דער דאָקטאָר האָט אים גע־פּרוּווט היילן, ער האָט גערופן אָפּשפּרעכער און אַלטע באָבעס. ער האָט געטרונקען פיש־אייל, זיך געשמירט מיט זייף־און־קאַנפער פלאַסטערס און געפּרוּווט קאַלטע וואַסער באַנדאַזשען — די לעצ־טע, אגב, זיינען געווען די ערגסטע פון אַלע מיטלען — און אין

איינעם אַ טאָג האָט ער אָנגעקלאַפּט מיט זיין שטעקן און באַפוילן מ'זאָל רופן דעם גלח, אפשר וועט ער אים העלפן.

— אָט דאָ, מיין הער, זעט איר דאָס ערגסטע, וואָס האָט ווען! געטראָפן מיט אַ מענטשן אין זיין לעבן אויף דער וועלט, — האָט ער געזאָגט.

דער פּאַסטאָר לאַססען האָט אים געפּרואווט טרייסטן זאָגנדיק, אַז ער האָט נאָך אַלץ איין געזונטע זייט, אַז ער לעבט נאָך.

— איך לעב נאָך ? ניין, אַך ! איר זעט אָט דעם שטעקן? ניט מער לעבן האָב איך פון אים.

כדי צו טרייסטן אים, האָט דער פּאַסטאָר לאַססען אים דער־ציילט וועגן יעזוסן און זיינע ליידן ; וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן זיינע קעגן יענע ! ער דאַרף דאַנקען גאָט פאַר דער געזונטער זייט —

— איר רעדט אַלץ וועגן דער געזונטער זייט, — האָט געענט־פערט דער קראַנקער; — נאָר לאָזט מיך אייך זאָגן, אַז זי איז שוין מער גאָרניט אַזאַ געזונטע. — און פֿער דער קרעמער האָט אָנ־געוויזן אויף עטלאַכע פעלערן אין זיין געזונטער זייט — אַרום און אַרום האָט ער אויסגעזען צו זיין אַ גאַנצער קענער אין זייטן.

— נאָר טוט אַליין אַ קוק אויף דער זייט, — האָט ער געזאָגט און אַנידערגעלעגט זיין פּאַראַליזירטן אָרעם לעבן דער וואַנט כדי דער פּאַסטאָר זאָל אים קאָנען זען. — אָט דאָס איז די זייט וועגן וועלכער איך רעד. אָט ליגט זי ; נאָר ווען איך וואָלט זי ניט געזען, וואָלט איך ניט געוואוסט, אַז זי ליגט דאָ. וואָס פאַר אַ נוצן ברייננגט אַזאַ מין זאַך ? זי האָט ניט די ווערט די שפּייז, וואָס ווערט פאַרווענדט אויף איר ! — דערנאָך האָט ער אָנגענומען זיין טויטע האַנט וואָס געהערט דער זייט, — האָט ער געזאָגט; — אַ איז די האַנט, וואָס געהערט דער זייט, — האָט ער געזאָגט; -- אַ פלוך אויף איר ! — און ער האָט די האַנט צוריק אַנידערגעוואָרפן לעבן דער וואַנט.

דער פּאַסטאָר לאַססען האָט ווידעראַמאָל געפּרואווט טרייסטן אים — און דאָס מאָל האָט ער אים גערופן יענסען, צו זען אפשר וועט דאָס העלפן — זאָגנדיק : — נישט יעדער איינער איז זוכה צו אַזאַ גרויסער הצלחה אין לעבן ווי איר, מיין טייערער יענסען. און איר דאַרפט פּרוּוון שלום מאַכן איצט מיטן געדאַנק וועגן אַ שלעכט שטיקל צייט.

דער קראַנקער פאַרקרימט זיך אומגעדולדיק און פרעגט:

— הייסט עס, אַז א י ר קאָנט מיר אויך ניט העלפן? ווייסט איר ניט פון קיין רפואה — פון קיין געבעט אָדער וואָס עס זאָל ניט זיין?

— אַ געבעט?

— איז עס ניט אמת, אַז איר, גלחים, ווייסט אַ סך אַזעלכע זאַכן, וואָס מיר, פשוטע בשר ודמס, ווייסן גאָרנישט וועגן זיי?

איז אַט־אַ־דאָס, הייסט עס, האָט פער דער קרעמער אין זינען געהאַט, ווען ער האָט באַפוילן רופן דעם פּאַסטאָר.

— אַ, יאָ! ס'איז קיין ספק ניט אין דעם, אין אַ געוויסן זין.

— האָט געענטפערט הער לאַססען — ער האָט ניט געדאַרפט לייקענען, אַז ער האָט געוואוסט אַ פּאָר זאַכן. דאָס פישער־אינגל פונם שטיבל האָט געהאַט די אויבערהאַנט איצטער, און ער איז געווען אַנטשלאָסן זי אויסצונוצן — צום גוטן, פאַרשטייט זיך. ס'וואָלט אויך געווען אינטערעסאַנט אויסצוגעפינען אויף וויפל אַט דער פער איז געווען אַ מאַשעניק; וועט אים ניט געלינגען צו באַוועגן אים, אַז ער זאָל זיך מתודה זיין פאַר אים?

פּאַסטאָר לאַססען איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי גוט פאַרמאַכט, הגם זי איז געווען פאַרמאַכט פון פריער; דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן דעם חולה און געקוקט אויף אים. פער דער קרעמער האָט עס אָן ספק געקערט באַטראַכטן ווי אַ פאָרבאַרייטונג צום געבעט, איז ער געווען פול מיט האָפנונגען.

דאַן האָט הער לאַססען זיך אָנגערופן:

— קאָן עס מעגלאַך זיין — איך פרעג עס אייך ווי אייער גייסטיקער בעל־יועץ, יענסען — קאָן עס מעגלאַך זיין, אַז איר זייט געווען צו קלוג מיט אָט דער פאַראַליזירטער האַנט אייעו־ער, יענסען?

פער דער קרעמער האָט אַזש געעפנט דאָס מויל אוים ערשטוינונג — און אַרום זיין מויל איז זיין באָרד שוין אַריבער צוויי וואָכן ניט געווען געגאָלט.

— וואָס? — האָט ער געזאָגט? — צו קלוג געווען מיט איר?

— אין געבן אַ פאַלשע וואָג און מאָס? — האָט הער לאַססען געזאָגט. איך פרעג עס אין גאָטס אייגענעם נאָמען.

פער דער קרעמער האָט פאַרמאַכט זיין מויל; זיין האָפנונג

איז אין א רגע פארוואנדלט געווארן אין צארן, און ער האט אויס־געשטרעקט די האנט נאכן שטעקן:

— קלוג אהער, קלוג אהין! — האט ער געזאגט. — איך וועל אייך ווייזן ווי צו „קלוגן" מיך! — צוליב דעם זענט איר געקו־מען אהערצו? גייט זיך אהיים און פריידיקט צו אייער פאטער און אייערע אייגענע לייט. איר מוזט זיין חסר־דעה!

ווי אויפגעבראכט ער איז עס געווען אויף הער לאססען, אויף זיין גייסטיקן בעל־יועץ! ער האט אים אפילו אויפגעהערט צו טיטולירן און אים גלייך אין פנים גערופן לארס.

דא האט אים דער פאסטאר פארלאזט.

נאר אפילו ווען ער האט שוין געהאלטן ביים ארויסגיין, האט אים דער קראנקער נאך נאכגעשריען:

— און זאגט אייער פאטער, פון מיינעטוועגן, אז ער זאל זען באצאלן דעם חוב, וואס ער איז מיר שולדיק! איר געמיינע לומפן!

דער פאסטאר לאססען איז תיכף אריבערגעגאנגען צו זיינע עלטערנס שטיבל און פארפירט א שמועס וועגן א פאר זאכן: וואס הערט זיך מיט דאווערדאנאן? — וועט זי נאך אלץ ארומגיין אזוי וואכן־לאנג און ניט שטעלן קיין חופה? און וואס איז מכח זיין פאטער אליין? — וועט ער נאך אלץ ווייטער זיצן דא און זיין פאר־שולדיקט, גאט ווייסט, צו וויפל מענטשן? פער דער קרעמער פארלאנגט, אז מען זאל אים אפצאלן דעם חוב!

— איר מוזט געפינען אן אויסוועג פון אט דעם אלעמען, — האט ער געזאגט. — איך האב גארניט מיט וואס צו העלפן אייך — אז ניט וואלט איך אייך געגעבן — ביז דער לעצטער פרוטה. אלץ וואס איך פארדין גייט אבער אוועק אויף ביכער און לערנען. איר מוזט אליין געפינען עפעס אן אויסוועג!

—יא, — האט זיין פאטער געזאגט. — ס'איז אבער ניט אזוי לייכט, און וואו זאל איך נעמען דאס געלט? דער ליטענאנט וויל מיר ניט פארקויפן דאס שטיקל לאנד, און איך מוז דא בלייבן.

— האסטו אים געפרעגט?

— איך האב געפרעגט האלמענגראאן.

פויזע. דער זון טראכט.

— האלמענגראא איז דער ריכטיקער מענטש פאר דעם, —

האָט ער געזאָגט. — יעדנפאַלס, ווײל איך ניט, אַז מײן קאַריערע זאָל ווערן איבערגעפירט דורך אײך.

— געוויס ניט, — האָט זײן פאָטער געזאָגט. — וואָס האָסטו געזאָגט ווילסטו ניט זאָל ווערן איבערגעפירט?

— מײן קאַריערע.

— יאָ, אָט דאָס איז עס, וואָס איך האָב די גאַנצע צײט געזאָגט, אַז דו ווילסט ניט עס זאָל ווערן איבערגעפירט. איך וועל נאָך הײנט צוגײן צו האָלמענגראַאַן און זען שליכטן מיט אים אויף אַ פרײנטלאַכן וועג דאָס וואָס מיר האָבן צווישן זיך אויסצוגלײכן.

* * *

דער לײטענאַנט פאָרט שוין מער ניט אַרויס רײטנדיק יעדן טאָג, ער האָט אָנגעהויבן צו גײן צופוס. דאָס איז געווען אַן אײבערראַשונג פאַר יעדן אײנעם חוץ אים אַלײן: זײנען דען די פערד ניט געשטאַנען אין די שטאַלן אַזוי ווי פריער, און האָט האָלפלאַפ פעטער דען ניט געדאַרפט זײ אַרויסנעמען אויף דורכלויפן אַביסל יעדעס מאָל? פאַרוואָס האָט דער לײטענאַנט אַלײן ניט געריטן אויף זײ?

ער האָט זיך געהאַט זײנע אײגענע מחשבות; אפשר האָט ער זיך געוואָלט צוגעוואוינען באַצײטנס ער זאָל קאָנען אינגאַנצן אויסקומען אָן פערד. ער האָט געליטן פון שלאָפלאָזיקײט; ער איז אַרומגעגאַנגען טיף פאַרטראַכט, און אָפטער און אָפטער אַרומגעוואַנדערט לעבן דער ציגעלניע, געמאָסטן און גערעכנט, און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט, ווײזט אויס, אויסגעקליבן אַ ווינקל פון אָט דעם גרויסן בנין פון גלײבע באַלקנס פאַר עפעס אַ ספּעציעלן געברויך; אויף די אינעווייניקסטע ברעטער האָט ער אָנגעצײכנט פלאַץ פאַר פענצטער, נאָר צײטנווײז האָט ער אָט די אַרבעט אויפגעגעבן און אָנשטאָט דעם זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שפּיצהאַק און מיט אַ רידל און מיט אַ צאָל בלומען־טעפּ און געגראָבן אין דער ערד. און ער האָט געגראָבן אויף אַזעלכע טשיקאַווע ערטער, אַז מענטשן האָבן זיך משער געווען זײערע אײגענע השערות: איז עס מעגלאַך, אַז דער לײטענאַנט אויך — דער דריטער ווילאַטץ האָלמסען — האָט אָנגעהויבן זוכן דעם אוצר פון זײנע אבות? אויב עס זאָל האַלטן דערבײ האָט אָט דער שטאָלצער און סקעפּטישער מאַן געמוזט זיך אַ סך ענדערן. אפשר האָט זײן שלאָפלאָזיקײט אים פאַרוואָלקנט דעם קאָפּ. וואָס שײך אָבער די בלומען־טעפּ

פון דער אראנזשערייע, וועלכע ער האט געהאלטן אין איין אנפילן און אויסליידיקן איבעראל וואו ער האט געגראבן, האט עס, יעדנ־פאלס, אויסגעקוקט צו זיין ניט מער ווי אן אנשטעל.

אין זיין אויסערלאכן אויסזען איז קיין אומגעוויינלאכעס ניט געווען צו באמערקן; אויב עפעס א משא האט אים געדריקט, האט ער זי געטראגן אין זיך. מחמת אט דער אלטער רייטער האט זיך גענומען צום גיין צופוס אזויפיל האבן זיינע אויסגעבויגענע קרומע פיס זיך געווארפן מער אין די אויגן, און ער האט אויסגעזען איינ־געבויגן, ווייל ער איז שטענדיק געגאנגען מיט די אויגן ארונטער־געלאזט צו דער ערד. ער, שוואך און אלט! ער! וואס הייסט. ער איז געווען אן אייזערנער מענטש!

ווען ער האט געהערט, אז די הויז־פירערן וועט בקרוב חתונה האבן, איז ער געווארן נייגעריק, אז די חתונה זאל פארקומען וואס פריער, הגם דאס איז געווען אומגינסטיק פאר אים: — געוויס, — האט ער געזאגט; — ווען שטעלט איר די חופה? לעגט עס ניט אפ אויף שפעטער! — נאר ווען עס איז אים איינגעפאלן, אז אט די נייגעריקייט מצד אים קאן נאך מיספארשטאנען ווערן, האט ער צו־געגעבן: — כאטש, דעם אמת געזאגט, ווייס איך ניט ווי אזוי איך וועל זיך קאנען באגיין אן אייך.

זיין שבח איז געהעריק אפגעשאצט געווארן פון יאמפרו סאל־ווען און אין איר דאנקבארקייט צו אים האט זי געזאגט, אז זי וואלט גאר קיינמאל ניט געטראכט וועגן פארלאזן אים איידער ער וועט קריגן אנאנדערע אויף איר ארט. — יא, און די קליינע פאלינא האט זיך אויך אביסל אויסגעלערנט די ארבעט די לעצטע עטלאכע וואכן.

— ווירקלאך. ס'טוט מיר הנאה צו הערן. הם. פריער אדער שפעטער האב איך בדעה איינצוארדנען א פאר צימערן פאר זיך ערגעץ אנדערש־וואו. איר דארפט ניט אפלעגן אייער חתונה אפילו אויף קיין איין טאג ניט צוליב מיר.

— וועט איר ניט וואוינען מער דא אים הויף־הויז, מיין הער? זייט מיר מוחל, וואו וועט אבער דער יונגער ווילאטע זיין ווען ער וועט אהיים קומען?

— ער קומט ניט אהיים, ער האט קיין צייט ניט.

— ער וועט דאך אבער זיכער אמאל קומען?

— ניין. איך האב מער צייט פון אים; איך וועל פארן צו אים.

האָט איר ניט געליִיענט וועגן אים אין די צייטונגען ? ער איז א מוזיקער, ער שאַפט מוזיק.

— וואָלט איר ניט געוואָלט, אַז איך זאָל נאָך אַמווינציקסטן אויסוואַרטן נאָך איין יאָר, מיין הער ?

— ניין. איך דאַנק אייך זייער. וואָס ווילט איר זאָגן?

נו, איז קומט די הויז־פירערן ארויס מיט לשון און זאָגט :

— מיין חתן דענקט, אַז מיט אַט דעם קליין ביסל געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט קאָנען מיר נאָך ניט חתונה האָבן און אויסער דעם פאַרמאָגן מיר גאָרניט חוץ דעם הויז. קיין לאַנד איז צו דעם ניטאָ.

— לאַנד ?

— ווען מיר וואָלטן נאָר געהאַט א שטיקל לאַנד גענוג פאַר צוויי קי, מיין הער ; בלויז פאַר דער מילך, וואָס מיר דאַרפן האָבען.

— מיר וועלן זען וועגן דעם. הם.

— אָ, גאָט ! ווען איר וואָלט נאָר געווען אזוי גוט ! — האָט יאַמפּרו סאַלוועסן געזאָגט. — מיין חתן האָט עטלאָכע מאָל געבעטן הער האַלמענגראַא, אַז ער זאָל רעדן מיט אייך וועגן דעם. נאָר הער האַלמענגראַא האָט יעדעס מאָל געענטפערט, אַז איר וועט ניט פאַרקויפן.

ער האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן, און, כאָטש ער האָט גאָרניט געזאָגט, האָט זיין פרעגנדיקער בליק געמאַכט יאַמפּרו סאַלוועסן איבערצוחזרן וואָס זי האָט געזאָגט. דאַן האָט ער א שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט :

— מירן זען קריגן א שטיקל ערד פאַר אייך, יאַמפּרו סאַלוועסן.

דער לייטענאַנט וואַנדערט אוועק, גייט אראָפּ צו דער אַלטער ציגעלניע, און מעסט און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. פאַרוואָס האָט ער ניט אָנגעהויבן אויסשטאַטן זיין קוואַרטיר ? זיך האַלטן פעסט און גלייך איז ניט קיין לייכטע זאַך היינטיקע צייטן, און וואַרשיינלאַך דערנענטערט זיך שוין דער סוף צו זיין ממשלה — נאָר ער מעסט און שאָקלט צו זיך אַליין מיטן קאָפּ גלייך ווי דאָס וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט האָט ניט קיין באַזונדערן אינטערעס פאַר אים. אזוי — הייסט עס, הער האַלמענגראַא האָט שוין אריינגענומען אין זיין רשות די זעגלפאָס־לענדערייען און דערקלערט אין

פריצם נאָמען, אַז ער וועט ניט פאַרקויפן ! הם. און אָט איז יאמפּרו כּאַלוועסן, וועלכע האָט ביי אים און אַדעלהיידן געדינט אַזויפיל יאָרן — זי קאָן ניט קריגן קיין שטיקל לאַנד פון איר אַלטן באַלעבאָס !

דער לייטענאַנט האָט איבערגעביטן זיין רינגל פון דער רעכ־טער אויף זיין לינקער האַנט. שוין חדשים לאַנג ווי אָט דער טשי־קאַווער מענטש האָט אויפגעהערט בייטן זיין רינגל פון איין האַנט אויף דער צווייטער — ס'איז געוואָרן אוממעגלאַך עס צו טון — אין דער אמתן האָט ער עס געוועזן געדאַרפט די גאַנצע צייט טראָגן אויף זיין לינקער האַנט, נאָר דאָס האָט ער ניט געוואָלט טון, אויס דרך־ארץ צו אַדעלהיידס אָנדענקען. ער האָט עס איבערגעביטן איצטער גלייך ווי ער וואָלט נאָך אַליין געהאַט עפּעס וואָס צו גע־דענקען, עפּעס וועגן וואָס צו באַפעלן, אויסצוגלייכן. ס'איז געווען אַ קליינע קאָמעדיע וואָס ער האָט געשפּילט פאַר זיך אַליין — אַן אומשולדיקע באַרימערייַ צו וועלכער זיין אומבויגזאַמער ווילן האָט צוגעגעבן אַ געוויסע ווערט, אפילו אַ געוויסע באַדייטונג.

ער וועט גיין אַהיים און אויפנעמען אַן אינווענטאַר פון זיין מעבל.

ער האָט פאַרלאָזט די ציגעלניע, נאָר ווען ער איז געווען אָפּ־געגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צו־ריק און געקוקט אויף איר און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און דאָס איז אויך וואַרשיינלאַך געווען אַ קאָמעדיע ; ער האָט שוין גע־האָט אפשר אַ הונדערט מאָל אויסגערעכנט יעדע קלייניקייט ווי צו פאַריכטן אָט די ציגעלניע פאַר אַ מענטשלאַכער וואוינונג — און ביי דעם האָט ער געהאַלטן.

ווי אַלעמאָל איז ער געגאַנגען מיט די אויגן אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד ; האָט ער באַמערקט די שפּורן פון אַ מאַנס שטיוול אויבן וועג צום הויז. ער האָט געהאַט צייט זיך פאַרצושטעלן אַ נייעם אומגליק און באַשלאָסן אים אויפצונעמען אויף אַן אופן, וואָס איז ווירדיק פאַר אים.

הער האַלמענגראַא איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אים.

די צוויי מענער באַגריסן זיך ; פון ביידע זייטן הערשט גרויס העפלאַכקייט, אפילו פריינטלאַכקייט. זיי גייען אַריין אין הויז און זעצן זיך אַוועק און הויבן אָן צו ריידן וועגן גאַנץ אומוויכטיקע זאַכן. הער האַלמענגראַא איז געוואָרן אַביסל אָפּגעצערטער, ער איז בלייך

און גרוי; ער זאָגט ניט צוליב וואָס ער איז געקומען, נאָר אַזוי ווי דער לייטענאַנט וויל קומען צום עיקר העלפט ער אים אויס:

— ס'איז גוט וואָס איר זענט געקומען, הער האַלמענגראַא. איך האָב אַ געוויסן ענין וועגן וועלכן איך וויל מיט אייך ריידן.

האַלמענגראַא פאַרנויגט זיך.

— מיין הויז־פירערין איז אַ כלה געוואָרן און וועט אינגיכן חתונה האָבן; וויל זי און איר חתן קויפן אַ שטיקל לאַנד פון — פון זעגלפּאַס. הם. אונטער אַנדערע אומשטאַנדן וואָלט איך געווען צוגעשטימט צו דעם פאַרקויף, אויס אַנערקענונג פאַר יאָמפּרו סאָלוועסנס לאַנגער דינסט אין דעם הויז. נאָר ווי עס איז איצט קאָן איך ניט פאַרקויפן.

הער האַלמענגראַא קלערט אַ רגע, דערנאָך גיט ער אַ שמייכל און זאָגט:

— זיכער ווענדט זיך עס אינגאַנצן אָן אייך, הער לייטענאַנט.

— ניין. איך קאָן ניט פאַרקלענערן די ווערט פונם פאַרמשכנטן גרונט אייגנטום.

— אַ, די היפּאָטעקע — וואָס שייך דעם קאָנט איר גאַנץ גוט פאַרקויפן.

ווער אין הימעלס נאָמען האָט געקאָנט פאַרשטיין אָט דעם האַלמענגראַא? דער לייטענאַנט האָט זיך אַזוי געריכט אויף דעם היפּוך — אפילו אינגאַנצן צוריקגעוויזן ווערן אפשר — אַז ער האָט איצט זיך דערפילט אַביסל אויפגעלעגטער; זיין פּנים איז מונטערער געוואָרן, בגנבה איבערגעביטן זיין רינגל צוריק אויף דער רעכטער האַנט. און קעגנאיבער אים איז געזעסן הער האַלמענגראַא; ער האָט אָפּגערעדט, ווידער אַמאָל האָט ער אַרויסגעוויזן זיין איידעלערע זייט.

הער האַלמענגראַא אַליין האָט אויסגעזעען צו זיין צופרידן — וואָס האָט ער זיך געקאָנט טראַכטן? קוים־קוים עפּעס, כמעט גאָר־ניט; ס'איז נאָר געווען דאָס וואָס דער לייטענאַנט האָט אים אַליין פאַרלייכטערט זיין שליחות מיט וועלכער ער איז געקומען אַהער, געמאַכט אינגאַנצן אומנויטיק זי פאַרצובריינגען פאַר אים. הער האַלמענגראַא איז געווען אַזוי שטאַרק דערשלאָגן לעצטנס: דער גרויסער טראַנספּאָרט קאָרן, וועלכן ער האָט זיכער געקויפט פאַר אַ צו גרויסן פּרייז טעלעגראַפיש אין יענער פאַרפירערישער צייט, האָט זיך אים געלעגט ווי אַ שווערע משא אויפן קאָפּ און ניט געלאָזט אים שלאָפן באַנאַכט. און גלייך ווי דאָס וואָלט נאָך ניט געווען גענוג איז דאָס מיידל דאַווערדאַנא געקומען און אים פאַרוויינט דעם קאָפּ. און

דאַן, אום נאָך מער צו פאַרערגערן די לאַגע, איז איר פאָטער לאַרס מאַנילסען שוין געוואָרן אַ וויכטיקער מענטש — ער האָט געקאָנט זאָגן וואָס ער האָט געוואָלט, ער האָט אפילו געקאָנט סטראַשען. מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ אויסלאָזן ? לאַרס מאַנילסען האָט היינט אָפּגעשטעלט הער האַלמענגראַאַן אויפן וועג און געפאָדערט אַ סוף צו דער מעשה.

— איך בין ווידער — ווי אַזוי פיל מאָל פריער — פאַרפּליכטעט צו אייך, הער האַלמענגראַאַ, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט, — פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געלט פון דעם פאַרקויף וועט גיין צו פאַר־קלענערן מיין חוב צו אייך.

— ניין, אַ דאַנק. איך טראַכט ניט, אַז די ערבות ווערט אויף וויפל ניט איז פאַרקלענערט דורך אָט דער קליינער פאַרהאַנדלונג.

— אויב אַזוי קאָן דאָס שטיקל לאַנד ניט פאַרקויפט ווערן, — זאָגט דער לייטענאַנט, און די צוויי אײדל־לײט ווילן איינער דעם צווייטן איבערשטייגן אין גרויסמוטיקייט.

— איך האָב לעצטנס באַקומען, — זאָגט האַלמענגראַאַ, — עטלאַכע ביטעס, אַז איך זאָל רעדן מיט אייך וועגן פאַרקויפן לאַנד : פיר אָדער פינף ווייניקסטנס, איך האָב זיי געענטפערט, אַז איר ווילט ניט פאַרקויפן דערוויל ; כ'האָב געוואָלט פאַרמיידן, אַז זיי זאָלן ניט קומען און שטערן אייך איצט ווען איר נויטיקט זיך אין רו און שטילקייט.

— אַ דאַנק, איך שאַץ אָפּ אייער גוטסקייט.

— ס'איז אָבער דאָ איינער פאַר וועמען איך האָב געוואָלט זאָגן אַ גוט וואָרט — אויב איך מעג ?

— זיכער.

— אַ דאַנק. דאָס איז לאַרס מאַנילסען. ער האָט זיך אריינגע־נומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער קאָן ניט וואוינען מער אין קיין גע־דונגען שטיבל באַ יענעם איצט, אַז ער האָט אַ זון אַ פּאַסטאָר ; ער וויל באַזיצן אַן אייגן שטיקל לאַנד.

— ווירקלאַך. לאַרס מאַנילסען ?

— יאָ, לאַרס מאַנילסען. ער דרייט מיר אַ קאָפּ וועגן דעם שוין אַ לאַנגע צייט ; ער שטעלט מיך אָפּ אויף די וועגן צו רעדן מיט מיר וועגן דעם.

— דאָס איז ניט גוט !

— ווען איר וואָלט אָבער מיך געלאָזט פּטור ווערן פון אָט דעם

מענטשן, הער לייטענאַנט, וואָלט איך געשליכטעט דעם גאַנצן עסק. דאָס געלט וואָלט איינגעצאָלט געוואָרן פון לאַרסן דורך מיר.

— איך וועל טון אַזוי ווי איר דענקט ס'איז בעסער, הער האַל־מענגראַאַ.

— וואָס לאַרס מאַנילסען פאַרלאַנגט איז ניט גאָר קיין קליין ביסל — איך מיין לאַנד — פּאַשע־לאַנד געגוג פאַר צוויי קי. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס גאַנצע פעלד צווישן אים און אַל יאַהאַנען.

— ווירקלאַך. לאַרס מאַנילסען. איז זיין זון שוין ביכולות צו שאַפן זיך דאָס נויטיקע געלט ?

— אַזוי ווייזט עס אויס, — ענטפערט האַלמענגראַאַ. — איך וועל אויסמעסטן דעם באָדן און אַלעס אַראַנזשירן ; אייך וועט מען אין קיין פּרט ניט באַלעסטיקן. ערלויבט מיר אין דערזעלבער צייט צו אַנטשולדיקן זיך פאַר צונעמען בא אייך צייט אומזיסט מיט אַט דער פראַגע ; אַזוי ווי מיר רעדן שוין וועגן דעם ענין האָב איך גע־קלערט צו פרעגן אייך אויך וועגן דעם. דער פּרייז — וויפל זאָלן מיר זאָגן ?

— דערזעלבער ווי אַלעמאָל.

— נו, דאָס ווייס איך ניט. זעגלפּאַס־לאַנד דאַרף זיין טייערער איצט.

דער לייטענאַנט קלערט אַ ווײַלע און זאָגט :

— איר וועט מיר טון אַ טובה — אויב קיין ענדערונג וועט ניט געמאַכט ווערן אין די צוויי פּעלן, יעדנפאַלס. איך מיין אין דעם פאַל מיט מיין הויז־פירערן און מיין פּאַכטער.

האַלמענגראַאַ פאַרנויגט זיך.

— ווילט איר אַז איך זאָל אויך דורכפירן דעם פאַרקויף צום אַדוואָקאַט, הער לייטענאַנט ?

— איך וועל אייך זיין דאַנקבאַר אויב איר וועט עס טון.

האַלמענגראַאַ פאַרנויגט זיך.

ווען ער האָלט שוין באַם אַוועקגיין דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט נאָך אַלץ אים ניט אָנגעגעבן קיין אורזאַך פאַר קומען איצט. איז זאָגט ער :

— יאַ, אגב, האָב איך געהאַט אַ שליחות, נאָר איך וועל אייך ניט שטערן מער, איך קאָן זיך דורכריידן מיט יאָמפּרו סאָלוועסן וועגן דעם. איך האָב אויך געוואָלט אייך אויסדריקן מיין אַכטונג. איך האָף, אַז דער יונגער ווילאַטץ פילט זיך גוט אין בערלין ?

— אויסגעצייכנט.

דערנאָך צעשיידן זיך די צוויי אײדללײט.

הער האַלמענגראַאַס עסק מיט יאַמפּרו סאַלווענס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אויסגעפינען פאַר זיין געהילף האַפּן־פאַרוואַלטער צי דאָווערדאַנאַ וועט קאָנען איבערלאָזן די דינסט אין הויף און חתונה האָבן. הער האַלמענגראַאַ האָט אַזוי ווי ער איז דאָ סיי־ווי געווען באַם לייטענאַנט, געטראַכט, אַז ער וואָלט געקאָנט אינדערזעלבער צייט טון דעם חתן אָט די קליינינקייט.

און יאַמפּרו סאַלווענס האָט פאַרשטאַנען אויסגעצייכנט.

* * *

דער לייטענאַנט האָט ניט אויפגעגעבן זיין כונה אויסצוקלייבן יענע שטיקלאַך מעבל אָן וועלכע ער האָט געקאָנט גאַנץ גוט אויסקומען אָן זיי און אויפנעמען אַן אינוווענטאַר פונם גאַנצן מעבל. געלט מוז ער האָבן, און, אַזוי ווי ער האָט גאָרניט געהאַט, מוז ער עס קריגן. ס'איז געווען אַ טרויעריקער עסק, אָט דער וועלכן ער האָט זיך איצט פאָרגענומען: כדי אויסצושלאָגן אַ ווירדיקע סומע, וואָס זאָל זיך אים לוינען, האָט ער פאַראויסגעזען, אַז ער וועט מוזן אוועקגעבן אויך איינע אָדער מער פון זיינע טייערע אַלטע פאַמיליען־ירושה זאַכן — און וועלכע זאָל ער מקריב זיין? אַ שרייב־טיש דאָ, אַ שאַפּע דאָרטן, אַלץ זעלטענע מוסטערן מיט רייך־באַגילטע בראָנזענע אויסשטאַטונגען — קאָן ער עס פאַרליידן צו צעשיידן זיך מיט זיי? און נאָכאַלעמען, ווי אַזוי וועט ער זיי פאַרוואַנדלען אין געלט? אַ ליציטאַציע איז אים געווען דערווידער און חוץ דעם קאָן עס נאָך דערגרייכן ווילאַטצעס אויערן. צי הער האַלמענגראַאַ וועט אים אָבער העלפן אויך דאָס מאָל איז געווען אַ צווייפלהאַפטע פראַגע.

ווי עס זאָל ניט זיין איז האַלמענגראַאַ מיט עטלאַכע טעג שפּעטער געקומען צוגיין מיט די פּאַפּירן וועגן דעם פאַרקויף פון די שטיקלאַך לאַנד און אַוועקגעלעגט דאָס געלט אויפן טיש. ווידער אַמאָל האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָנטעסט אין גרויסמוטיקייט בנוגע דעם געלט, קיינער פון די אײדללײט האָט ניט געוואָלט זיך נעמען דאָס געלט — ס'איז געווען אַ נישטיקע סומע פאַר זיי ביידן, זיכער. לסוף, אין איינקלאַנג מיט אַ האַלב־שפּילעוודיקן פאָרשלאַג מצד האַלמענגראַאַן איז דאָס געלט צעטיילט געוואָרן גלייך אויף גלייך צווישן זיי.

אין אַזוי אַרום האָט זיך דער ענין געענדיקט.

א דאנק אַט דעם אומערוואַרטעטן צופאַל האָט דער לייטענאַנט ווידער אַמאָל געהאַט געלט אין זיין קעשענע; ניט פיל, ניט קיין גרויסע סומע, אָבער גענוג אויף צו פאַריכטן די ציגעלניע. ער האָט באַקומען מאַטעריאַלן פון נאַמסען — אַט דער גליקלאַכער צו־פאַל האָט ניט געקאָנט אויסגענוצט ווערן פאַר קיין בעסערער זאַך. הער האַלמענגראַא איז ווידער אַמאָל געווען דער גוטער שליח פון דער געטלאַכער השגחה; ווען ניט זיין גוטסקייט וואָלט קיין איין קראָנע ניט געווען אָנגעקומען אימיצן אַנדערש חוץ אים אַליין. נאָר עס האָט זיך אינגיכן אַרויסגעוויזן, אַז הער האַלמענגראַא איז געווען באַהילפיק צום לעצטן מאָל.

די צווייטע זאַך צום טון איז געווען צו קריגן אַרבעטער, וואָס זאָלן זיך שטעלן צו דער אַרבעט, דעם בנין פאַריכטן און אויסשטאַטן — נאָר מען האָט זיי ניט געקאָנט קריגן! דערווייל האָט זיך אָנגע־רוקט דער ווינטער און ס׳איז געוואָרן קאַלט, און מענטשן האָבן טאַקע מער ניט געקאָנט שטיין אינדרויסן און פאַרפרוירן ווערן אויף טויט צוליב דעם לייטענאַנט; זיי זיינען איצט געווען מער זייערע אייגענע באַלעבאַטים ווי ביז אַהער. ער האָט גערופן בערטלען פון סאַגוויקאַ, דער פאָטער פונם קליינעם גאַטפרעדן און פאַלינאַן — און ער איז, פאַרשטייט זיך, געקומען גלייך, אָבער בערטל האָט ניט געקאָנט אויפטון קיין סך. האָט דעם לייטענאַנטס מענטש, מאַרטין, געמוזט אַראָפּקומען פונם הויף און העלפן וויפל ער האָט געקאָנט.

האָבן די מענטשן מער ניט געוואָלט אַרבעטן פאַרן לייטענאַנט?
—אַט די מענטשן, וואָס זיינען געווען זיינע פעכטער און־וואָס קיינער פון זיי האָט אים אַפילו ניט באַצאָלט קיין פאַכט־געלט פאַר זייער לאַנד, און מ׳האָט עס בא זיי אויך קיינמאָל ניט געמאָנט. און האָבן דען אַט די אַלע מענטשן אויך ניט באַקומען קיין פילע טובות פון אים ווען ער האָט נאָך געהאַט מזל ברכה? לאַרס מאַגילסען האָט געהאַט אַ גרויסן זון, יוליאוס, ער איז אָבער ניט געקומען. ס׳איז געווען גוט זיך אָפּצולערנען אַביסל פון די הומאַניסטן און קאָנען אַרויסרופן אַ שמייכל אויף די ליפּן.

איז האָבן בערטל פון סאַגוויקאַ און מאַרטין געזעגט און גע־הובלט און באַפּעסטיקט און פאַרשפּאַרט שפּאַלטן. זיי האָבן געמאַכט צוויי צימערן מיט פענצטער און טאָפּלטע דילן און אַ טאָפּלטן דאַך— ס׳איז געווען אַ מחיה צו זען ווי גרינטלאַך זייער גאַנצע אַרבעט איז

געווען. נאָר די גרונט־וואַנט האָט געדאַרפט וואַרטן ביזן פרילינג, ווען דער פראָסט וועט אַרויס פון דער ערד.

ס'האָט ניט פאַרשפּראָכן צו זיין קיין פריילאַכער ווינטער. אין דער לאַפּאַטען פישעריי האָט מען ביז איצט ווייניק געאַרבעט, און פאַר דער קרעמער איז געלעגן צוגעבונדן צום בעט און ניט געלאָזט מער די מענטשן נעמען סחורה אויף באָרג. איז געבליבן מער ניט ווי הער האָלמענגראַא צו וועמען מ'האָט זיך געקאָנט ווענדן: ער איז געווען גוטמוטיק און באַהילפיק ביז צו אַ געוויסן גראַד, זיכער — דער גראַד איז שוין אָבער געווען דערגרייכט איצט. מחמת ער האָט געליטן אַזאַ שווערן פאַרלוסט אויפן טראַנספּאָרט קאָרן, וואָס ער האָט געקויפט אין אויסלאַנד, און ער האָט עס ניט געהאַלטן בסוד — ער איז מעגלאַך ניט געווען צוגעוואוינט צו קיין מפּלות און זיי ניט געקאָנט פאַרטראָגן אין זיך אַליין, נאָר געדאַרפט זיך טיילן מיט אַנדערע. עס איז זיכער געווען אַן אומאַנטשלאָסענער פאַרלוסט: נאָר וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אַפילו אַן אומאַנטשלאָסענער פאַרלוסט געהאַט פאַר טאָביאַס האָלמענגראַאַן, דעם קיניג? די פישערלייט זיינען איצט געווען אין לאַפּאַטען, און זייערע ווייבער און קינדער זיינען געקומען צו האָלמענגראַאַן און ניט אַלעמאָל געקראָגן הילף פון אים — ווי אַזוי זאָלן זיי דאָס אויסטייטשן? נעמט, למשל, אָל יאָהאַנס ווייב, וועלכע האָט אַזוי שטאַרק נויטיק געדאַרפט האָבן אַ זאַק ווייצן־מעל פאַר אירע קינדער וועגן — און אויך מן הסתם צוליב דעם כדי זי זאָל ניט זיין הינטערשטעליק לגבי אירע שכנים, וועלכע האָבן פאַרמאָגט ווייסע קאַשע. נאָר הער האָלמענגראַא האָט איר נאָר געגעבן פראָסטע מעל. שוין אַ לאַנגע צייט ווי זי וויל האָבן אַזאַ מופּטע ווי לאַרס מאַנילסענס ווייב האָט — עס וואָלט הער האָלמענגראַאַן ניט געווען געקאָסט מער ווי אָנשרייבן איין שורה צו פערן דעם קרעמער; נאָר הער האָלמענגראַא האָט געזאָגט „ניין" ער האָט זיך שוין מער ניט אויפגעפירט אַזוי ווי מ'האָט געקאָנט ערוואַרטן פון אים.

ווען די פישער זיינען אויף פּאַסכאַ אַהיים געקומען איז דאָס מיידל דאַווערדאַנאַ שוין געווען פאַרהייראַט, און איר אייגענער ברודער, דער פּאַסטאָר ל. לאַססען, האָט דורכגעפירט די צערעמאָניע. אין דעם פאַל האָט הער האָלמענגראַא ווידער אַמאָל אַרויסגעוויזן זיין גוטסקייט און זיין ברייטע האַנט, שענקנדיק דעם נייעם פּאָרל אַ

הײזל צום װאױנען — איז דער חתן ניט געװען קײן אנגעשטעלטער בײַ אים אין האפן ?

אַזאַ קלײנע חתונה האָט אָבער אױף לאַנג ניט געקאָנט אױפ־מונטערן די מענטשן ; זײ זײנען געװען אין אַ באַטריבטער שטימונג און געװאָרן נאָך מער באַטריבט. קײנער האָט עס ניט געקאָנט קלאָר פאַרשטײן ; די מיל האָט געאַרבעט באַטאָג און באַנאַכט אַזױ װי פריער ; דער פאָסט־דאַמפּפער, װעלכער פלעגט צוערשט זיך אָפּ־שטעלן דאָ אײנמאָל אין דרײ װאָכן, האָט איצט פאַרקערט דאָ יעדע װאָך אַ גאַנץ יאָר ; באַאַרדסען אין דער טעלעגראַף־קאַנטאָר, און זײן געהילף, דער קלײנער גאָטפרעד, זײנען געװען פאַרנומען מיט שיקן טעלעגראַמעס װעגן הערינג און פיש און װעגן קױפן און פאַרקױפן סחורות און אַלערלײ מינים געשעפטן — אַזױ אַז ס׳האָט זיך גענוג געטון אין זעגלפאָס. נאָר די אַטמאָספער איז געװען אַ טריבע. פון אַלע מענטשן אױף דעם אָרט איז דער האַפן־פאַרװאַלטער געװען דער אײנציקער, װאָס איז געװען מונטער. דאָס איז געװען טשיקאַװע, װײל װער־װער, ער האָט זיכער געהאַט גוטע אורזאַכן אױף צו זײן מעלאַנכאָליש געשטימט, און דאָך האָט ער געזונגען. ס׳קאָן זײן, אַז דער רבונו־של־עולם האָט אים באַשענקט מיט אַן אומגעװײנטלאַכער גוט־האַרציקער נאַטור. אָט האָט זײן אײגענער געהילף מיט מזל אױף אַ זיכערן און פּאַסיקן אופן חתונה געהאַט, בעת אים אַלײן, דעם הױפּט פונם האַפן איז מען פאַרבײגעגאַנגען מיט גרינגשעצונג. זײער גוט, יאָמפרו סאָלװעסן ! זײער גוט, קריסטינאַ ! האַלט זיך מיט דײן אַדװאָקאַט, קריסטינאַ ! גאָט װײס צי עס איז ניט אױס פּשוטן פאַרדרוס, נאָר אין דער סאַמע פינצטערסטער צײט פונם װינטער האָט דער האַפן־פאַרװאַלטער אָרגאַניזירט אַ מוזיקאַלישן קלוב אין זעגלפאָס.

דער לײטענאַנט האָט געהײסן זײן מענטשן, מאַרטינען, אַי־בערפירן די פּיאַנאָ און דאָס נױטיקע מעבל אין זײן נײער דירה אין דער ציגעלניע בױסלאַכװײז, און ער האָט זיך אַרײנגעצױגן אַהין װאױנען אױך ביסלאַכװײז. דאָס איז געװען אַ גוטער פּלאַן, אַן אױס־געצײכנטער פּלאַן — ס׳האָט אינגאַנצן ניט אױסגעזען װי אַן אַריבער־ציען זיך אין אַ נײער דירה. ער האָט אָנגעהױבן מיט דעם, װאָס ער איז דאָרט איבערגעשלאָפן אײן נאַכט ; דאָס האָט אים ניט פאַר־שאַדט : ער האָט געמאַכט אַ פײער אינם אױװן, געהאַט לאָמפּן און ליכט, פאַרביסן די צײנער, און געשלאָפן. דערנאָך האָט ער עס מיט

אַ וואָך שפּעטער נאָכאַמאָל געטון — ס'איז געווען ניי, אַ טשיקאַווער געפיל. און דער טייך האָט אויף אַן אומאַנגענעמען אופן גערוישט דערנעבן; נאָר ער האָט זיך געצוואונגען צו שלאָפן. איצט איז דער לייטענאַנט געשלאָפן אין דער ציגעלניע יעדע נאַכט און געקומען אין הויף אַריין נאָר אין צייט פון עסן. ער האָט געזאָגט צו יאָמפּרו סאַלוועסן, און געשריבן צו זיין זון אין בערלין, אַז, גאָט צו דאַנקען. ער האָט שוין געפונען אַ רפואה צו זיין שלאָפלאָזיקייט.

פרילינג איז אָנגעקומען. דער לייטענאַנט וועט ניט בעטן מער די מענטשן, אַז זיי זאָלן אַרבעטן פאַר אים; זיין מענטש, מאַרטין, האָט געפונען אַ גוטן שטיין דאָ און אַ גוטן שטיין דאָרטן און זיי געבראַכט צעפירן פאַר דער גרונט־וואַנט; ער אַליין האָט געאַרבעט אויף דער אויסגראָבונג פאַר איר. אין דער צייט, וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט אָט דער אַרבעט איז אין איינעם אַ טאָג אָנגעקומען אַ בריוו פון ווילאַמצן, אַז ער געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. ס'איז געווען אַ בלויזער צופאַל; ער איז צופעליק געווען אויף אַ ליציטאַציע און געטראָפן אַ דאַמע וויינען דאָרטן איבער איר טייערער פליגל־פיאַנאָ, איר איינציקער פרנסה אָנהאַלט. וואָס זשע נאָך האָט גע־קאָנט דער יונגער ווילאַטץ טון? ער האָט איר צוריק געגעבן די פיאַנאָ, ס'איז געווען אַ סימן פון ערע און אַ טאַט פון צדקה. — טייערער פאָטער, ס'איז אַ היפּשע סומע געלט, אַ גרויסע סומע — אפשר האָב איך עס ניט געווען געדאַרפט טון? ס'איז געווען אַ בלויזער צופאַל. מיר זיינען געגאַנגען צו אַן אויספאַרקויף — עטלאַכע מוזיקער — וואו פאַרמשכונטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן זיינען פאַרקויפט געוואָרן. און די דאַמע האָט געוויינט — זי איז געווען אַ לערערן, דוכט זיך מיר — און מיר, מוזיקער, זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף איר. דאַן האָב איך עס געטון, איך האָב געטראַכט וועגן דיר און עס געטון — מיט צוויי ווערטער; דאָס געלט דאַרף באַצאָלט ווערן אין משך פון איין חודש צייט. וואָס דען האָב איך געקאָנט טון, טייערער פאָטער?

— הער אויף! — זאָגט דער לייטענאַנט צו זיך אַליין און צום בריוו, — מער קיין וואָרט ניט! געלט? זיכער.

ער גייט אַריבער צו הער האָלמענגראַאַן. אויפן וועג כאַפּט ער זיך, אַז ער איז שטאַרק גערירט; זיין זון האָט אים פאַרשאַפט ערע. ער איז שטאָלץ מיט אים, זיינע אויגן פאַרטונקלען זיך ווען ער טראַכט פון אים. דער יונגער ווילאַטץ — יאָ, ער איז געווען אַן עכטער

אפשטאם פון זיין משפחה, א ווילאטע האלמסען אזוי ווי זיין איי־גענער פאטער, דער גאלאנטער איידלמאן, איז געווען. „מיט צוויי ווערטער — איך פארשטיי אים —

דער לייטענאנט איז געווען גענוג קלוג ניט צו האפן אויף צופיל פון האלמענגראאן דאס מאל; פון פארשיידענע סמנים און אנ־דייטונגען האט ער פארשטאנען, אז דער מיל־אייגנטימער האט אנ־געפאנגען צו האלטן זיך פון דער ווייטנס. למשל, הער האלמענגראא האט אודאי גאנץ גוט געקאנט זען, אז דער לייטענאנט נויטיקט זיך אין ארבעטער פאר דער בוי־ארבעט, און ער האט גארניט געטון — ניט געשיקט אים קיין איין מענטשן. און דאך האט דערזעלבער הער האלמענגראא זיך ארויסגעוויזן פריער פאר אזא באהילפיקן — ווער האט געקאנט וויסן וואס ער וועט טון ווייטער?

— איך וויל זיך ווענדן צו אייך היינט וועגן א פערזענלאכן עניז, — זאגט דער לייטענאנט. — כדי ניט צו פארהאלטן אייך מער וויפל ס׳איז נויטיק וועל איך עס מאכן בקיצור: איר וועט מיר טון א טובה אויב איר וועט איבערלייענען אט דאס פאפיר; עס איז א רשימה פון געוויסע זאכן פון מיין מעבל, וואס איך וויל פארקויפן.

— דאס קאן אפשר אמבעסטן געטון ווערן דורך א ליציטאציע. — ענטפערט גיך הער האלמענגראא.

דער לייטענאנט האט גלייך פארשטאנען, אז ער איז אומזיסט געקומען, און הער האלמענגראא האט זיין צוריקווייזונג ארויסגע־וויזן נאך מער אומנויטיק קלאר דורך דעם וואס ער האט אפילו זיך אנטזאגט צו נעמען בא אים די רשימה.

— ס׳איז אמת, אז איך האב ניט ארייננגעגעבן מיינע גאר טייערסטע זאכן אין דער רשימה, — האט דער לייטענאנט געזאגט, ניט אויפגעבנדיק באלד דעם עניז, — איך קאן עס אבער טון. בילדער פון אלטע מייסטער וועלכע איר האט אפשר געזען בא מיר אין הויז, די גרויסע מירמל־שטיינערנע פיגורן, די זילבערנע סטאטועטקעס. און איר געדענקט, מן הסתם, די הויכע פרויען־פיגור מיט דעם פאר־צייטיקן וויינ־קרוג אויף איר אקסל; מעגלאך אויך די „פיר צייטן פון יאר" — זייער טייערע קונסט־ווערק.

— איך צווייפל ניט אין דעם! — האט הער האלמענגראא גע־זאגט. — לעת עתה אבער בין איך ניט ביכולת צו באלאדן זיך מיט ווייטערע הוצאות.

דער לייטענאנט איז בלייך געווארן. האט הער האלמענגראא

„זיך באַלאַדן מיט הוצאות" צוליב אים ? אויב אַזוי איז מער גאָרניטאָ וואָס צו רעדן.

און אַצינד האָט הער האַלמענגראַאַ אָנגעהויבן צו רעדן, צו דערציילן וועגן זיינע אייגענע עסקים : די געשעפֿטן זיינען אים אַוועק אַזוי שלעכט ; ער האָט פֿאַרלוירן גרויסע סומען געלט — ער רעדט ניט איצטער וועגן קלייניקייטן, נאָר פֿון אַ פֿאַרמעגן. ער האָט אפשר ניט געדאַרפֿט פֿאַרברייטערן זיך אַזוי מיט זיינע דאגהס, אָדער עה האָט, ווייניקסטנס, ניט געדאַרפֿט זיי אַרויסזאָגן אַזוי אָפֿן, נאָר מעגלאַך, אַז ער האָט זיך געטראַכט, אַז איין מאָל וועט ער זיך אויסרעדן דאָס האַרץ אַביסל ; ווער ווייסט ? אפשר האָט ער גאָר ניט געקאָנט ביישטיין אַזוי פֿעסט קיין אומגליק — דאָס קאָן זייער מעגלאַך זיין. אָבער אַט דער מאָן פֿונם אינדזל איז געווען אַ קיניג ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען. מוז אַ קיניג זיין אָן אַ חסרון ? אפֿילו אַ מלך קאָן פֿאַרלירן זיין גלייכגעוויכט !

און חוץ דעם האָט די שוואַכקייט צו ראַנג און פּראָמינענץ אויסגעוויזן צו זיין איינע פֿון הער האַלמענגראַאַס איינגעבוירענע אייגנשאַפֿטן. ס'איז געווען אַן אויסצייכענונג פֿאַר אים צו פֿאַרקערן אין דער געזעלשאַפֿט פֿונם פּריץ און דער פּריצעטע פֿון זעגלפֿאָס ; וואָס פֿאַר אַ רום האָט אָבער געשטעקט אין העלפֿן דעמזעלבן פּריץ פֿון זעגלפֿאָס איצטער — אַט דעם געבראָכענעם האַר פֿונם הויף, אַז איינוואוינער אין אַ ציגעלניע ? הער האַלמענגראַאַ איז ניט געווען אינגאַנצן באַרויבט פֿון דער מענטשלאַכער גוטסקייט ; ער איז אָבער אויך ניט געווען בלינד צום ערדישן נוצן.

— דער בעסטער פּלאַן וואָלט געווען, — האָט ער געזאָגט, — אַז מיר ביידע זאָלן פֿאַרקלענערן אונדזערע הוצאות.

דאָס איז געווען אַביסל צו פֿאַמיליאַר פֿאַרן לייטענאַנט ; און ער האָט געענטפֿערט :

— איך האָב גאָרניט וואָס צו פֿאַרקלענערן.

— עפּעס אויף דעם זעלבן שטייגער ווי איר האָט שוין געטון — איר וואוינט אין דער ציגעלניע — איאָ ?

— איך שלאָף אין דער ציגעלניע, — האָט דער לייטענאַנט געענטפֿערט ; אַ דאַנק גאָט, ער האָט זיך צוריק באַהערשט. — ס'איז די בעסטע רפואה וואָס איך האָב ביז איצט אויסגעפֿונען פֿאַר מיין שלאָפֿלאָזיקייט ! — און איצטער, מעג אפֿילו די שאַכט־גרוב אויפֿגעריסן ווערן, וואָס אַרט עס אים ; ער האָט גערעדט ווייטער : —

אגב — איך האָב ניט בדעה געהאַט צו רעדן וועגן דעם היינט, נאָר אפשר איז בעסער איך זאָל עס היינט אויסגלייכן. וועגן דער היפּאָ־טעקע: איך לעב איצט אַ סך אין דער ציגעלניע, דאָס איז אמת — איך ווער אויך אַלט — און מחמת דעם קאָנט איר אפשר וועלן מאַכן אַנדערע אַראַנזשירונגען בנוגע דער פאַרוואַלטונג פון זעגלפאַס?

— וואָס! — עס האָט געקלונגען ווי דער אַלמענגראַאַ וואָלט געווען שטאַרק איבעראַשט — האָט עס אים אָבער דען אויף אַן אמת טאַקע איבעראַשט? דער פאָלגנדיקער שמועס איז נאָכדעם אָנ־געגאַנגען צווישן זיי:

— איר ווילט אַז איך זאָל איבערנעמען דעם מאַיאָנטעק?

— ער איז מער ניט מיינער.

— איך קאָן אים ניט אָנפירן.

— איך קאָן אים דערווייל ווייטער אָנפירן לויט מיינע כחות.

דער אַלמענגראַאַ האָט אויסגעדריקט גרויס דאַנקבאַרקייט פאַר דעם — איז ער אָבער געווען דאַנקבאַר?

אויפן וועג צוריק האָט דער לייטענאַנט געשאָקלט צו זיך אַליין מיטן קאָפּ און געטראַכט: אומזיסט! וואָס זאָל ער טון איצט? ער האָט חרטה געהאַט אויפן היינטיקן באַזוך בײַ דעם אַלמענגראַאַן; דעם מיל־אייגנטימערס הילף וואָלט פאַר אים געווען אַ צו גרינגער אויס־וועג פון זיין שווועריקייט אַרויס. מען דאַרף ניט אָננעמען פאַר זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז דאָס לעבן איז אַ לייכטע זאַך, אויב מען וויל ניט אַנטוישט ווערן אין דעם.

מ'האָט אָבער גאָרניט געקאָנט זאָגן קעגן דעמזעלביקן מיל־אייגנטימער; ער האָט אַזוי פיל מאָל געפונען אַן אויסוועג, אַזוי פיל מאָל אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט, געטון טובות — און ער אַליין האָט געליטן אַ מפּלה איצטער.

XVIII

אינם לייטענאַנטס האַלטונג איז קיין אויסערגעוויינלאַכס ניט געווען צו באַמערקן, ער איז אָבער זיכער איינגעפאַלן אין שלעכטע טעג. ער האָט אַזוי שווער געאַרבעט; ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן אויסצוגראָבן ערד פאַר די בלומענטעפּ אין דער אַראַנזשעריע — ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען צופיל פאַרנומען מיט זיינע בלומען, און ווי ער וואָלט ניט געקאָנט געפינען קיין גענוג גוטע ערד

פאַר זיי אין ערגעץ ניט אויף דעם אָרט. אַ סך טעג זיינען פאַרגאַנגען איידער ער האָט די אַרבעט אויפגעגעבן.

ער האָט טעלעגראַפירט צו זיין זון, אַז געוויס האָט ער ריכטיק געהאַנדלט, און אַז ער וועט אים שיקן דאָס געלט. און פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געלט מוז געשאַפן ווערן, אַפילו אויב ער דאַרף פאַרן קיין טראַנדהיים מיטן זילבערנעם טעלער. דאָס פּאַרדראַסיקע און לעכערלאַכע דערביי איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט געהאַט גענוג געלט פאַר דער רייזע אַפילו.

אַנאַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט צוזאַמענגעבראַכן און געגאַנגען צו גרונד! דער לייטענאַנט איז נאָר האַרטנעקיגער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן צו טראָגן אַ שטעקן, ווייל ער איז געגאַנגען צופוס — דאָס איז געווען די איינציקע אורזאַך. אָט דער שטעקן איז געווען אַ ירושה פון זיין טאַטן — דעם גאַלאַנטן איידלמאַן; ער האָט געהאַט אַ גאָלדענעם קנאָפּ מיט אַ זיידענעם שנור און צוליב דעם געקאָנט אַרונטערהייגגען פון אַ האַנט; ער האָט געפּאַסט דעם לייטענאַנט און באַין אופן ניט געמינערט פון זיין ווירדע.

גייענדיק אַזוי אין איינעם אַ טאָג האָט ער אָנגעטראָפן דעם דאָקטאָר מיטן אַדוואָקאַט אויפן וועג; זיי האָבן ביידע באַגריסט דעם טיף־נידערשלאָגענעם מאַן — דעם דאָקטאָר מוזוז באַגריסונג האָט געוויזן, אַז ער האָט געוואוסט וואָס גוטע אָפּשטאַמונג מיינט; ווייל אָט דאָ איז געשטאַנען דער אַמאָליקער פּריץ פון זעגלפאַס, וועלכער האָט, לויט פאַרטרויענסווערטע קוועלן, שוין מער ניט געהאַט ניט קיין גאַלע געביידע ניט קיין מענטשן מאַרטין; און דאָך האָט דאָקטאָר מוזוז אַראָפּגענומען זיין הוט פאַר אים. דער לייטענאַנט האָט אָבער צוריק געענטפערט אויף זייער באַגריסונג מיט אַזויפיל גלייכגילטיקייט, אַזוי צעשטרייט, אַז ער האָט אָנגעוואוירן ביידנס סימפּאַטיע — דעם אַדוואָקאַטס אַזוי גוט ווי דעם דאָקטאָרס. ס'איז אמת, אַז דעם אַדוואָקאַט ראָש איז נאָר וואָס געלונגען צו קויפן דאָס שטיקל פאַשע־לאַנד — יאָ, דאָס איז אים געלונגען, ער האָט געקראָגן, וואָס ער האָט געוואָלט, ער האָט זיך אָבער ניט אונטערגענומען אַרויסצוווייזן אייביקע דאַנקבאַרקייט. און איוודעוואָך וועט ער צונעמען יאָמפּרו סאָלוועסן פונם הויף און מיט איר חתונה האָבן; ווי אַזוי דער לייטענאַנט וועט אויסקומען אָן זיין הויז־פירערן איז נאָכאַלעמען געווען זיין אייגענער עסק.

אַזוי האָט די לאַגע אויסגעזען שוואַרץ דעם לייטענאַנט. אונטער

די אומשטאַנדן האָט ער זיכער אויפגעגעבן דאָס גראָבן פאַר דער גרונט־וואַנט? באין אופן ניט. ס'איז שוין ווידער געווען הערבסט, און עס מוז זיין אַ שטיינערנער פונדאַמענט אונטער זיינע צימערן איידער דער ווינטער קומט אָן. בעת זיין מענטש האָט געפירט שטיי־נער, האָט דער לייטענאַנט געגראָבן — האָבנדיק נאָר איין זאַך אין זינען, כמעט ווי אַ באַגייסטערטן באשלוס ניט נאָכצוגעבן.

נאָר אין די אָוונטן איז ער געזעסן אין דער ציגעלניע און גערוט, און געשפּילט פּאַסיאַנס מיט אַ טעשל קאָרטן, וואָס ער האָט צענויפ־געקלעפּט און פּאַרלאַטעט, און ער האָט זיי יעדעס מאָל פּאַרזיכטיק באַהאַלטן כדי פּאַלינאַ זאָל זיי ניט קאָנען זען. זיינע הענט האָבן די לעצטע חדשים אַ סך געליטן, זיי זיינען פול מיט געשווירן און שפּאַלטן; צו זען זיי טאַשן די קאָרטן עקלט אים, זיי זיינען מיאוס און גראָב. איז באַהאַלט ער די קאָרטן ביזן צווייטן אָוונט און זיצט אַנשטאָט דעם פּאַרטראַכט אַ שעה, צוויי.

זאָלן מיר זיך קלערן, אַז ער זיצט דאָרטן אויף זיין שטול איינ־געשרומפּן און אומגליקלאַך, מורמלענדיק צו זיך אַליין אום בלויזער שוואַכקייט? — אַז ער זיצט דאָרטן מיט זיין קאָפּ כמעט באַהאַלטן צווישן זיינע אַקסלען און מיט זיינע פיס איינגעצויגן, אויסקוקנדיק ווי אַן אָרימער, פּאַרפּלאָנטערטער קנויל פּאָדים מיט אַ שוואַך קול אינעווייניק?

זיכער ניט.

דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט בא אים, דאָס איז אמת; ער איז איצט ניין־און־זעכציק יאָר אַלט און שווער באַלאָדן מיט געלט־צרות, נאָר ער פּלאַפּלט איצטער צו זיך אַליין פּונקט אַזוי ווייניק ווי ער האָט געפּלאַפּלט זיין גאַנץ לעבן צו אַנדערע — ער איז שטום — מיט אַ פּאַרעקשנטן, אַ כסדרדיקן, אַן אומבאַשריינקטן שווייגן. נאָר צו פּאַלינאַן זאָגט ער — מחמת מיט איר רעדט דער לייטענאַנט ווען־ניט־ווען אַביסל ווען זי קומט אַרונטער אין דער ציגעלניע אויפראַמען זיינע צימערן — צו איר זאָגט ער: — דו דענקסט אפשר, אַז איך קוק ניט גוט אויס, פּאַלינאַ; אָבער דאָ האָסטו אַ טעות. איך בין נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט געשלאָפן ווי אָטאָ דאָ! — און דאַן קאָן פּאַלינאַ אים דערציילן, אַז יאָמפּרו סאָלוועסן גייט חתונה האָבן איוודעוואַר, דאָנערשטיק, און דער לייטענאַנט וועט ענטפערן: — דאָס איז גוט! איך וועל עס זיכער געדענקען!

און כדי זיך צו באוואָרענען אויף זיכער בייט ער נאָך איין מאָל איבער זיין פינגערל פון דער רעכטער אויף זיין לינקער האַנט.

ער האָט איינגעפּירט אַ טשיקאַווע עקאָנאָמיע אין זיין קליינער באַלעבאַטישקייט דאָרטן אין דער ציגעלניע: ער האָט ליב געהאַט צו שפּאָרן שוועבעלאַך — גלייך ווי דאָס וואָלט אים געקאָנט העלפן! ער וועט קיינמאָל ניט מאַכן קיין פייער דורך אָנצינדן אַ שוועבעלע אויב ער קאָן צעבלאָזן די פונקען אין אַ פּלאָם — ער פּלעגט זיך שטעלן אויף די קני און בלאָזן. ער האָט אָנגעהאַלטן אַט דאָס טשי־קאַווע אויפפירן זיך ביזן סאַמע סוף. ער איז אָבער ניט געוואָרן צודרינגלאַך אָריגינעל. איין טאָג ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס רעקל פון זיין מונדיר האָט אַ לאָך אין עלנבויגן, איז ער אַרויסגעגאַנגען אין הויף און גלייך איבערגעטון אַנאַנדער רעקל. ס'איז געווען אין דער צייט איצט, ווען ער איז געווען פאַרנומען מיטן גראָבן און דער לאָך וואָלט געווען אַ צוגעפּאַסטער און געהעריקער לאָך — פון אַ פּילאָ־זאָפישן שטאַנדפּונקט — אַ לאָך מיט וועלכן ער וואָלט געווען געקאָנט זיך גרויסן אַביסל אין זיינע אייגענע אויגן; נאָר ער האָט זיך גע־קאָנט טראַכטן: איך בין צו אַלט צו מאַכן וואָסער ניט איז אָנשטעל; ער האָט זיך געקאָנט טראַכטן: ס'איז דאָ אַ פּילאָזאָפיע אין אַ גאַנץ רעקל אויך.

ער האָט זיך געלעגט פרי שלאָפן, און אויפגעשטאַנען פרי — צו שפּאָרן נאַפט אפשר; אפשר צוליב אַ געזונטן אינסטינקט, אַז עס איז גוט אויפצושטיין אין איין צייט מיט דער לערכע. דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען.

שניי האָט זיך שוין באַוויזן, נאָר די ערד איז נאָך אַלץ געווען ניט פאַרפרוירן; מער ניט ווי אַ דינער שיכט פון אויבן איז פאַר־פרוירן געוואָרן איבער נאַכט. ער גייט אַרוים שפּאַצירן מיט זיין שטעקן מיטן גאָלדענעם קנאָפּ. ס'איז אַ קילער באַגינען, דאַ און דאָרטן שיינען אַ פּאָר שטערן אויפן הימל ווי פייערפליגן אויף אַ בלויער ערד; אַ צוויי־דריי הענער־קרייען דערטראָגן זיך צו אים פון זעגלפאַס, פון זיין הויף. ער שטעלט זיך אַוועק אויף זיין אָרט אויף דער בריק און קוקט אַרויף אין דער ריכטונג צו האָלמענגראַאַס הויז — דאָרטן איז נאָך פינצטער. און דער טייך יאָגט זיך איילנדיק, איילנדיק אַרונטער צו אים מיט זיין אומאויפהערלאַכן גערויש. אַ ווינטל בלאָזט — עס איז אויפגעשטאַנען אַזוי ווי ער אַליין איז אויפגעשטאַנען — עס איז בלינד און מען זעט עס ניט, אָן אַ פאָרם,

נאָר דאָ איז עס. ווען עס ווערט צו קאַלט אויף דער בריק, וואַנדערט ער אַראָפּ צום האַפּן, זוכט אויס אַ באַשיצט אָרט און קוקט אַרויס אויפן ים.

אַצינד הערט ער אַ קלאַנג, וועלכער מוז אַרויסקומען פון מענטשן; אימיצער שטייט וואַרשיינלאַך אויף. דאָן הערט ער דעם קלאַנג ווידער אַמאָל. ניין, ס'איז נים פון איינעם וואָס שטייט אויף, ס'איז פון איינעם וואָס איז שוין אויפגעשטאַנען — מער נים ווי אַ קלאַנג, ער איז בלינד און מען זעט אים נים, נאָר דאָ איז ער. באַלד נאָכדעם קומט לאַרס מאַנילסען אַרויס פון אַ טיר, און נאָך אים דעם האַפּן־פאַרוואַלטערס געהילף. דאָס זיינען די נייע שווער און איידים; זיי רעדן נים, זיי טראָגן אַ זאַק אַרויס, און לאַרס מאַנילסען לעגט אים אַרויף אויף זיין פּלייצע. און ווען ער באַמערקט דעם לייטענאַנט איז שוין צו שפּעט — צו שפּעט אַריינצוגיין צוריק, נאָר ער פאַרנויגט זיך זייער טיף און באַשיידן ווען ער גייט פאַרביי מיטן זאַק. און דער געהילף פאַרשווינדט צוריק אינם שטיבל. זיי האָבן וואַרשיינלאַך אָפּגעטון אַ געוויסע נאַכט־אַרבעט, טראַכט זיך דער לייטענאַנט — יעדער איינער האָט זיך צו פירן זיין אייגענעם קאַמף — דאָ איז געווען אַ מאַן איינגעבויגן אינצווייען אונטער אַ זאַק...

ער באַשליסט איינצופּאַקן דאָס זילבער־געשיר נאָך היינט און זיך גלייך זעצן אויף דער פּאָסט־שיף; מ'האָט אים נים געקאָנט אויף דער שיף און ער האָט געקאָנט באַצאָלן פאַר זיין בילעט ווען ער וועט אָנקומען קיין טראָנדהיים. ער באַשליסט צו באַפרייען זיך פון אַ פּאָר טייערע זאַכן, יאָ, זיך פאַרשליסן אין הויז און איינפּאַקן אין באַוועל־פּוך עטלאַכע טיש־אָרנאַמענטן, וועלכע די נויט צווינגט אים צו צעשיידן זיך מיט זיי. ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ ווי ער שטייט אַזוי דאָרטן, און זיין פּנים איז אומבויגזאַם פעסט. ווען ער קערט זיך אום צוריק צו דער ציגעלניע שאַריעט שוין אויף טאָג, די פעלדער ליגן איינגעוויקלט אין האַלבער טונקלקייט, ער שפּאַנט ווי אַ פיגור אין אַ גייסטערהאַפטער לאַנדשאַפט — הויך, גלייך — די פאַרקערפּערונג פון האַרטנעקיגקייט.

ער האָט נים געהאַט קיין שום פאָרשטעלונג וואָס עס האָט אים ערוואַרטעט.

איצט, אַז ער האַלט באַם פאָרן קיין טראָנדהיים וועט ער, מן הסתם שוין אויפגעבן דאָס גראָבן פאַר דער גרונט־וואַנט ? פאַרקערט, ער וועט עס פאַרענדיקן היינט און האָבן אַלעס פאַרטיק ;

צוריקקערנדיק זיך פון דער רייזע וועט ער מיטברייגגען מיט זיך מויערער פון דרום. נאכדעם ווי ער האט אפגעגעסן אנבייסן אין הויף איז ער צוריקגעגאנגען צו דער ציגעלניע און זיך געשטעלט ארבעטן.

און דאן האט עפעס פאסירט.

ער האט שוין געהאט געגראבן עטלאכע שעה באם לעצטן ווינקל פון דער וואנט ווען זיין קירקע האט זיך אנגעשלאגן אן האלץ. ער האט ארומגעגראבן דאס ארט, גענומען די לאפעטע און ארויסגע־ווארפן די ערד און געגראבן ווייטער. עס האט זיך דערזען א קעסטל, א קופערט — בליץ־שנעל איז אים דורכגעלאפען: דער אוצר! אויב דער ערשטער ווילאטע־האלמעס האט באגראבן אן אוצר, איז אט דאס איז ער! דער לייטענאנט האט ניט געגלויבט אין קיין לעגענ־דעס, נאר אפשר האט ער געהאט א געוויסן גרונט פאר זיין האפנונג — א משפחה־טראדיציע, א מעמאראנדום. ס׳האט אויסגעזען ווי דער קופערט וואלט אים געווען באקאנט. ער האט זיך אנגעשטרענגט א לאנגע צייט ארויסצוקריגן אים פונם לאך, נאר געמוזט עס אויפ־געבן. דאן האט ער אויפגעבראכן דעם שלאס און אריינגעקוקט אינ־וויניק.

אינווייניק זיינען געלעגן צירונג־קעסטעלאך און אנדערע קליינע שקאטולקעס — שווערע, פול מיט מטבעות, מיט גאלד־שטיקער. דער לייטענאנט האט זיך גלייך גענומען זיי אריינטראגן אין הויז אריין; ער האט זיך אבער דערפילט שוואכער ווי ווען ניט איז פריער אין זיין לעבן, זיינע קני האבן מיט יעדן מאל גיין אהין און צוריק זיך אלץ מער געטרייסלט — גוט וואס ער איז געווען אליין.

זיין מענטש, מארטין, איז אנגעקומען מיט נאך א גרויסן שטיין פאר דער וואנט און דערנאך מיט נאך איינעם, נאר דעם לייטענאנט האט ער ניט געזען. האלבער טאג האט זיך געשטעלט און מארטין איז געפארן צו זיך אהיים.

נאר דעם לייטענאנט האט מען אין ערגעץ ניט געזען; און לסוף איז פאלינא ארונטערגעגאנגען צו דער ציגעלניע אים זוכן. דארטן טרעפט זי דעם לייטענאנט זיצן אין זיין צימער, און זיין פנים איז גרוי פון ליידן. א גרויסער טרויער וואלט אים זיכער קיינ־מאל ניט צעבראכן — דאס וואס ער איז איצטער אזוי איבערוועל־טיקט איז פון גרוים פרייד. ער האט געדארפט שיקן נאך מארטינען, אז ער זאל אים צופירן אהיים.

אין משך פונם טאג פארט ער אהין און צוריק צווישן דעם הויף און דער ציגעלניע ; ער האט א סך אפצוטון, און די צייט יאגט אים — מארגן לאזט ער זיך אין וועג אריין. ער פאקעוועט זיינע קערפערטן אין דער ציגעלניע, שטאפט זיי אן מיט מיסטעריעזע קעסטעלאך, שווערע ווי בליי — אלט גאלד, — אלטע שפאנישע און ענגלישע גאלדענע מטבעות — ס'איז דער אוצר. יא, אודאי, ס'זיינען פאראן רעזערוו־מיטלען אויף א גרויסן מאיאנטעק אפילו ווען א מלחמה טראגט זיך אויף אים אדורך !

אויפן צווייטן טאג איז דער לייטענאנט געפארן קיין טראנדהיים. זיין פנים איז געווען גרוי פון ליידן, ס'האט אויסגעזען ווי דאס גאנצע בלוט וואלט אויסגערינען פון זיין קערפער, נאר אויפן דעק פון דער שיף איז ער געשטאנען גלייך, געשטאנען און זיך אנגעשפארט אויף זיין שטעקן מיטן גאלדענעם קנאפ.

* * *

דער האפן־פארוואלטער איז זייער א פארנומענער מענטש ; ער פירט אן דעם געמישטן כאר, און זיין אייגענער געהילף איז דער הויפט־באס. איצטער שטודירט דער כאר איין כאראלען און חתונה לידער צום זינגען אויף יאמפרו סאלוועסנס און דעם אדוואקאט ראשס חתונה. ס'איז באמת געווען א גרויסמוטיקער שטריך פונם האפן־פארוואלטערס כאראקטער, אז ער זאל וועלן לאזן הערן זיין שטים בא דער געלעגנהייט, אז ער זאל גאר אינגאנצן זיך אינטערעסירן מיט דער חתונה. אבער ניט נאר האט ער זיך אינטערעסירט מיט איר, נאר ער האט זיך אנגעשטרענגט איבער די כחות. — מיר זינגען ווי א צאל ווילדע חיות, — האט ער געזאגט, אומצופרידן און פארצווייפלט. — דאס איז א כאר ? ער איז נאך ערגער פונם טומאןהארן אויף די פאסט־שיפן. מיר וועלן קיינמאל ניט פארטיק ווערן אין צייט.

נאר איין אוונט איז דער האפן־פארוואלטער געקומען צום כאר מיט דער נייס, אז די חתונה איז, א דאנק גאט, אפגעלעגט אויף נאך א וואך ; וועט נאך זיין צייט זיך אויסצולערנען זינגען ווי מענטשן ! און ער האט זיך ווייטער גענומען צו די כאראלן.

איז די חתונה אפגעלעגט געווארן ? יא, אויס איינזעעניש מיט הער האלמענגראאן. דער שיקזאל האט אזוי געוואלט, אז הער האלמענגראא איז, פונקט אין דער צייט, געווען שטארק נידערשלאגן פון זיינע שלים־מזלדיקע ספעקולאציעס, און ווען מען האט אים

פארבעטן אויף דער חתונה האָט ער זיך אויסדריקלאַך אָפּגעזאָגט צו קומען. ער איז געווען אַ רייכער מענטש און געקאָנט דערלויבן זיך אָפּצוזאָגן. גוטמוטיק? געוויס איז ער געווען גוטמוטיק; ער איז אָבער אויך געווען אַ געשעפטסמאַן, און איצטער האָט זיין געשעפט געליטן. — איך דאַנק אייך, — האָט הער האַלמענגראַא געזאָגט. — נאָר איך מוז אייך בעטן, אַז איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן פאַר ניט קאָנען קומען פונקט איצט!

צו וואָס זאָל ער זיך ווייטער קווּעלן צוליב אַנדערע? ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַליין אַרויפגעאַרבעט. זיינע ראַפּי־נירטע מאַניערן זיינען אָן ספק געווען מערסטנס קינסטלאַכע; און ער האָט בּאַ אַ געלעגנהייט געקאָנט גאַנץ גוט אַרויסווייזן זיין אמתן פּרצוף, צו זיין אַ מענטש אָן קונצן; ער האָט זיך עס געקאָנט דער־לויבן.

די חתונה האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרקומען אָן הער האַל־מענגראַאַן. דער אַדוואָקאַט ראש האָט זיך דורכגערעדט מיט זיין כלה וועגן דעם און מסכים געווען מיט איר, אַז אָן הער האַלמענ־גראַאַן האָט מען זיך ניט געקאָנט באַגיין. זיי האָבן געהאַט דעם באַ־צירק־דאָקטאָר — דאָס איז געווען גאַנץ גוט; זיי האָבן געהאַט אַ גייסטלעכן מיט אַ באַרימטן נאָמען — ל. לאַססען; זיי האָבן געהאַט דעם אַדמיניסטראַטיוון באַצירק־באַאַמטן פון אורא מיט זיין ווייב; עטלאַכע סוחרים מיט זייערע פרויען; דער האַפן־פאַרוואַלטער, און פרוי אירגענס — מער ניט; פון חתן־כלה׳ס צד וועלן קיין קרובים ניט זיין — די כלה, אַרימע פרוי, האָט מעגלאַך ניט געהאַט קיין קרובים, און דעם חתנס זיינען אַלע רעגירונגס מענטשן אין דרום און מ׳האָט ניט געקאָנט ערוואַרטן, אַז זיי זאָלן זיך מטריח זיין קיין צפון; זיי זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט געגנוג פונם צפון־לאַנד. דעם טעלעגראַפיסט, באַארדסען, האָט מען ניט פאַר־בעטן, ווייל קיינער האָט אים ניט געקאָנט; ער האָט זיך מיט קיינעם ניט געחברט. — „ווי מאָדנע ער פאַרהאַלט זיך! באַטראַכט עס נאָר! ניט צו גיין צו קיינעם ניט!“ און ווער נאָך איז דאָרטן געווען? דער לייטענאַנט איז געווען אַוועקגעפאָרן, ווען ניט וואָלט ער געקומען צו יאָמפרו סאַלוועסנס חתונה — אין דעם האָט קיין ספק ניט געקאָנט זיין, הגם ער איז געווען אָפּגעשוואַכט אין געזונט לעצטנס. הער האַלמענגראַא איז אויך געווען אָפּגעשוואַכט אין גע־

זונט און געבעטן, אז מ'זאל אים אנטשולדיקן. ווער נאך איז דארטן געווען ?

ס'איז קלאר, אז אן הער האלמענגראאן האט מען זיך ניט גע־קאנט באגיין.

און באמת ווען דער גרויסער מענטש האט געהערט, אז מ'האט די חתונה אפגעלעגט אויף א וואך נאר צוליב אים, כדי ער זאל האבן צייט צו ערהוילן זיך, האט דער מענטש אן קונצן זיך נאכאמאל ארויסגערוקט אין פראנט און זייענדיק געשמייפלט פון דער אויפ־מערקזאמקייט צו אים האט ער אנגענומען די איינלאדונג.

אין די חתונה פארגעקומען. גאנץ איינפאך, נאר באמת זייער שיין און מאדיש, מיט וויין און רעדעס און טעלעגראמעס און געזאנג הינטער די פענצטער פונם האפן־פארוואלטערס כאר.

און דער פאסטאר לאססען איז געווען אזוי ליבלאך. ס'איז אמת, אז ער איז ניט געווען זייער ריין, און ס'האט פשוט געהייסן מיסברויכן שמוץ צו לאזן עס ליגן אזוי גערדיכט אויף א מענטשנס האלדז אזוי ווי דער פאסטאר לאססען האט עס געטון. דאס איז געווען די סבה פארוואס דער דאקטאר מואוז האט זיך צוערשט גע־האלטן פונדערווייטנס מיט אים ; נאר דאן ווידער ווער האט זיך געקאנט פארגלייכן מיטן דאקטאר מואוז ? — מיט א מענטשן, וואס איז געווען ראפינירט ביז די שפיץ־פינגער ! נאכן מאלצייט אבער האט דער דאקטאר געענדערט זיין מיינונג און געהאט אן אנגענעמען שמועס וועגן ביכער און עקזאמענס מיט אט דעם אויסגעצייכנטן פאסטאר. זייערע פרינציפן זיינען געווען אזוי דורכאויס אייניק. דאס איינציקע וואונדער איז נאר געווען, וואס דער פאסטאר איז ניט ארויסגעקומען פון אזא ראפינירטער היים ווי דאקטאר מואוז.

— ווי אזוי לעבט זיך אייך דא אין מיינע היימישע מקומות, דאקטאר ? — האט געפרעגט הער לאססען.

א, נו ! — איר ווייסט דאך, אז עס איז ניט דאסזעלבע וואס אין דרום. נאר פארשטייט זיך, אז איך האב מיין ארבעט. איך מוז איבערקומען דא א שטיקל צייט.

— יא, אזוי גייט עס מיט אונדז באאמטע. איך ווייס ניט ווי אזוי איך וואלט דא געקאנט אויסהאלטן א לאנגע צייט ; נאר, גאט צו דאנקען, איך וועל שוין אויסגעלייזט פון דאנעט און איך האלט שוין באם סוף.

דער דאקטאר האט געזאגט :

— איך האָב פונדעסטוועגן געקלערט, אַז איר, וועלכער געהערט צו דער געגנט און וואָס זענט געווען אַוועקגעפאָרן פון דאַנעט בלויז עטלאַכע יאָר — נאָר אייער געזונט לײדט דאָ אין צפון, האָב איך געהערט?

— איך האָב נאָך קיין איין געזונטן טאָג דאָ ניט געהאַט; די לופט דאָ ווירקט אויף מיר שלעכט. אַזוי איז עס מיט יעדן איינעם, וואָס האָט פאַרבראַכט אין דרום אַ לענגערע צייט — אַלע זיינע לערנ־יאָרן. און חוץ דעם איז פאַראַן די ריין פּסיכישע אָדער גייסטיקע צוציאונג צו די הויפּט צענטערן פונם לעבן. נאָך מיין מיינונג נאָך קאָנען בלויז אויסערגעוויינלאַכע מענטשן פאַרטראָגן דאָס לעבן אינם צפון־לאַנד. מיין בישאָף זאָגט אויך דאָסזעלבע.

נאָר באַ די ווערטער האָט דער דאָקטאָר אַ הוסטל אונטער געטון און אויף אַ פריינטלאַכן שטייגער געגעבן אים אָנצוהערן, אַז ער קאָן ניט אָננעמען אַזאַ נאַאיוון שטאַנדפּונקט פון רעזערוואַציעס.

— ביז צו אַ געוויסן גראַד, — האָט ער געזאָגט; — מ'קאָן עס אָבער ניט אָנווענדן צו יעדן איינעם. פאָרט איר באַלד אָפּ?

— אין עטלאַכע טעג אַרום. איך פּאַקעווע זיך שוין ...

די חתונה־מתנות זיינען באַשטאַנען פון מעבל און זילבער־געשיר. אַ דאַנק דעם אָפּלייגן אויף דער וואָך צייט זיינען זיי אַלע אָנגעקומען אין צייט; אַפילו דער לייטענאַנט האָט געשיקט דער כלה אַ גאָלדן קייט־און־זייגערל; ס'איז געווען אַ פּאַסיקע באַלוינונג פאַר לאַנגער און געטרייער דינסט, און יאָמפּרו סאָלוועסן האָט אויס דאַנקבאַרקייט געוויינט. באַטראַכט נאָר אַליין, אַט איז דער לייטענאַנט געווען אַזוי ווייט אַוועק אין טראָנדהיים, און ער האָט זי אין זינען געהאַט! ס'איז ניט געווען קיין גלייכן צום לייטענאַנט! דער אַדוואָקאַט ראַש אָבער, וועלכער האָט, פונם שטאַנדפּונקט פון זיין געזעלשאַפטלאַכן אמט, געפילט אַז ער האָט אורזאַכן צו זיין אַביסל אומצופרידן מיט דעם גאַנצן חתונה־יום־טוב, האָט געפילט אַז ער מוז זיך אַרויסזאָגן וועגן אַט די טרערן פון פרייד אויף אַן איידעלן אופן און געזאָגט: — דאָס איז איינע פון דיינע פילע גוטע אייגנשאַפטן, וואָס דו שטעלסט זיך אַזוי גרינג צופרידן, ליבע קריסטינאַ!

— האָט איר געזען דעם זייגער, וואָס דער לייטענאַנט האָט צוגעשיקט, הער פּאַסטאָר? — פרעגט דער דאָקטאָר. — אורטיילנדיק לויט דעם מוז דער מאַן האָבן אַ סך געלט.

— אַ, יאַ, דער לייטענאַנט — קיינער ווייסט ניט דעם אמת

וועגן אַט דעם מענטשן. איך האָב געזען אים טראָגן אַ שטעקן מיט אַ גאָלדענעם קנאָפּ, וואָס קאָסט מער פון סיי וועלכנס בישאָפּס שטאָק.

דאָקטאָר מואוז האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. און וועלנדיק געבן אַ שטאָך אי דעם לייטענאַנט אי דעם פּאַסטאָר לאַססען האָט ער געזאָגט:

— דער זייגער קער אודאי קאָסטן אַ סך; איך האָב אָבער נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אַז מ'זאָל שיקן אַ זייגער אַלס אַ חתונה מתנה צו אַ יונג פּאָרל.

—יאָ, דאָס איז גאַנץ אמת — איצטער אַז איר זאָגט עס, דאָק־טאָר. איך האָב גאָרניט געקלערט וועגן דעם.

און הער האָלמענגראַאַ? יאָ, ער איז דאָרטן געווען. ער איז געקומען שפּעט, נאָר דאָרטן איז ער געזעסן איצטער, וואוילטעטיק און רעספּעקטירט פון אַלעמען. מעגלאַך אַז ער האָט ניט איבעריקנס גוט פאַרבראַכט, מעגלאַך אַז ער האָט גאָרניט געפונען, וואָס זאָל אים פאַראינטערעסירן, גאָרנ'ט וואָס האָט די ווערט זיך צוצוהערן — קיינער האָט ניט גערעדט וועגן עפּעס גרויסעס; דאָס וואָרט מיליאָן האָט מען אפילו ניט דערמאָנט. דער חתן האָט געטרונקען לחיים פאַר זיין געזונט — נו, דאָס האָט אים ניט געאַרט! — דער חתן האָט אים געדאַנקט פאַר דער הילף, וואָס ער האָט געהאָלפן צוויי מענטשן באַקומען אַ שטיקל פּאַשע־לאַנד פונם זעגלפּאָס־מאַיאָנטעק — אים געדאַנקט אין זיין ווייבס נאָמען אַזוי גוט ווי אין זיין אייגענעם.

און האָלמענגראַאַ האָט געטרונקען לחיים, נאָר דערנאָך זיך אָפּ־געזאָגט פון יעדער אומפאַרדינטער לויב — ער האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו טון מיטן זעגלפּאָס־מאַיאָנטעק.

— אגב אורחא, — זאָגט דער חתן, ניט אָפּטרעטנדיק פון דער פראַגע, — אויך דער בעקער וויל איצט קויפן לאַנד, און פאַר דער קרעמער. דאָרטן ליגט דער אָרימער פּ. יענסען אויף זיין בעט „ער־שעפּט" ווי ער זאָגט אַליין, נאָר ער דירעקטירט אַלצדינג מיט דער איינער זייט, וואָס איז אים געבליבן. ניט נאָר אַ טראַכט וועגן אים. הער האָלמענגראַאַ. ס'איז נאַטירלאַך, אַז איך זאָל זיך אינטערעסירן מיט דעם, ווייל ס'פאַרשטייט זיך אַז געוויסע קליינע ברעקלאַך פעלן אָריין צו אַן אָרימען אַדוואָקאַט בּאַ אַ פאַרקויף פון לאַנד־אייגנטום, ווי קליין זיי זאָלן ניט זיין.

הער האָלמענגראַאַ האָט מער גאָרניט געענטפערט, מעגלאַך

דערפאר וואס ער האט זיך מער ניט אינטערעסירט מיט דעם ענין. ער האט אפילו אויף קיין איין אויגנבליק זיך ניט ארויסגעגעבן, אז ער האט געדענקט ווי ער האט אמאל געהאט דעם חתן מיטן דאקטאר מוואז אלס קאמפאניאנען בא א הוליאנקע אדער, אז ער האט זיך געטשעפעט צו דער כלה פאראיארן ווען ער האט זיך אפענערהייט נאכגעיאגט נאך פרויען עטלאכע וואכן צייט. און אצינד איז אט דאס צימער דא פול מיט אומוויכטיקע זאכן און פלוידעריי — און אט איז ער, דער מיסטעריעזער מאן, דער מלך, מאכט זיך קליין, הגם ער איז דער גרעסטער דארטן.

פרוי אירגענס, וועלכע היט איר באלעבאס, זעט זייער קלאר, אז ער האלט, אז ס'איז שוין צייט אוועקצוגיין. ווי ער פארשווינדט דורך דער טיר טראכט זי: אך, יא! דאס מיידל מארסיליע ווארט אין דער היים!

דער חתן טרינקט לחיים מיט די צוויי סוחרים פאר וועמען ער האט אויפגעמאנט חובות — עס פאלט כמעט איינאנצן אויף אים צו אונטערהאלטן די געסט. מחמת די כלה האט געהאט ווייניק באקאנטשאפט אין הלכות אונטערהאלטן א געזעלשאפט. ער האט זיך אנגערופן צו דער כלה: — אט די טעלעגראמעס האבן קוים די ווערט א יום־טובדיקע באהאנדלונג, קריסטינא! — די מעשה איז געווען די, וואס דער חתן איז געווען באליידיקט הלמאי זיי זיינען ניט גע־שריבן געווארן פון דעם הויפט טעלעגראפיסט אליין, באארדסען. נאר פון דעם קליינעם גאטפרעדן, וועלכער האט זיך נאר וואס געהאט אויסגעלערנט טעלעגראפיע און איז נאך אפילו ניט געווען קיין שטענ־דיקער אנגעשטעלטער. זיין חדר־אינגלשע האנטשריפט איז געווען א באליידיקונג פארן חתן, מחמת די טעלעגראמעס האבן, פאר־שטייט זיך, געדארפט איינגעבונדן ווערן און געזאלט ליגן אויפן טיש אינם אויפנאמס־צימער.

דאן זיינען זיך די געסט צעגאנגען. ווען דער פאסטאר לאססען איז אוועקגעגאנגען האט ער געזאגט: — זאל שלום הערשן אין דעם הויז! — זייער א פאסיקער שפרוך; און דעם דאקטאר איז געפעלן אט דעם פישער־יונגס איינגעבוירענער טאקט.

— ווייטער ביכער! איר טראגט זיך שטענדיק ארום מיט בי־כער, הער פאסטאר!

און הער לאססען האט געענטפערט: יא, דאס איז אמת, זיי האבן אים אזויפיל אויסגעלערנט. ער איז געווען אין איינעם פון די

שטיבלאַך היינט און געקראָגן די צוויי ביכער פאַר זיין ביבליאָטעק; איין בוך איז געווען אַ עכטער עקזעמפּליאַר פון בערטאַ קאָניט אָרפּלאַט און דאָס צווייטע אַ קריסטלאַכע מעשה וועגן אַ גלחס אַ טאָכטער; ס'האָט געהייסן „דער שפּעטערדיקער סוף פונם גלחס טאָכטער, א. אז. וו., א. אז. וו."

* * *

דער לייטענאַנט האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין רייזע איינגאַנצן אַ צעבראָכענער; פונם האַפן האָט מען אים צוגעפירט אויף פערד־און־וואָגן צו דער ציגעלניע און ער האָט זיך אריינגעלעגט אין בעט. זאָל מען רופן דעם באַצירק־דאָקטאָר? ניין. זאָל מען לאָזן וויסן דעם יונגען ווילאַטץ? ניין. דער לייטענאַנט האָט גאָרניט פאַרלאַנגט, ער האָט בלויז געוואָלט ליגן שטיל און ס'וועט אים בעסער ווערן, האָט ער געזאָגט.

נאָר דעם לייטענאַנט איז ניט געוואָרן בעסער, נאָר ערגער; און ס'איז נאָך געווען גוט, וואָס ער האָט ניט מיטגעבראַכט די מויערער מיט זיך! זיי האָבן ניט געקאָנט קומען פריער פאַר מעו"ץ. ווען פאָלינאַ איז אַרונטערגעקומען פונם הויף מיט עסן פאַר אים, פלעגט מאַריאַן אָפט קומען זי באַגעגענען אויסצוגעפינען וואָס ער מאַכט; זי איז געשטאַנען אינדרויסן לעבן דער ציגעלניע און געוואַרט און אַלעמאָל געקראָגן דעמזעלבן באַריכט: — ס'איז אים ערגער היינט!

— און איין טאָג ווען דער לייטענאַנט האָט געבעטן מ'זאָל שיקן, ניט נאָכן דאָקטאָר, ניט נאָכן גלח, נאָר נאָכן טעלעגראַפיסט, באָרדסען, איז עס געווען מאַריאַן, וועלכע איז אַריבערגעלאָפן צו דער סטאַנציע און אים גערופן.

— איך הויב אָן צו צווייפלען צי איך וועל געזונט ווערן, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט. — איך האָב זיך אַזוי שטאַרק פאַרקילט אויפן וועג אַהיים פון טראָנדהיים.

אויף דעם האָט באָרדסען בלויז געענטפערט, אַז אַחוץ וועט דעם לייטענאַנטס ווילן עפּעס טון —

— איך וועל אייך זיין דאַנקבאַר אויב איר וועט אָוועקשיקן אַ טעלעגראַמע צו מיין זון. כאָטש ער וועט שוין אודאי ניט אָנקומען אין צייט.

באָרדסען האָט געענטפערט:

— איך האָב אַן אורזאַך צו גלויבן, אַז אייער זון איז שוין אויפן וועג אַהערצו.

דער אלטער לייטענאנט באהאלט זיין פריידיקע איבעראשונג און פרעגט שטרענג:

— האט אים דען אימיצער געלאזט וויסן?

— יא, איך.

פויזע.

— הם. איך דאנק אייך — אויב אזוי דאנק איך אייך — הם. כאטש ער וועט שוין אודאי ניט אנקומען אין צייט. ווען קאן ער דא זיין?

— מיט דער ערשטער שיף, וואס וועט גיין אהערצו.

דער לייטענאנט ציילט די טעג און זאגט:

— אויפן טיש ליגט א בריוו — איך האב אים געשריבן אויף דער שיף. איר האט א פייער־קאסע אויף דער סטאנציע, קאנט איר אים האלטן אפגעהיט דארטן.

— יא.

— און איך וועל אייך בעטן, אז איר זאלט אים איבערגעבן מיין זון אין פאל — אויב — איר פארשטייט.

— איך וועל אזוי טון! — איז אלעס, וואס באארדסען זאגט ווען ער נעמט דעם בריוו.

דער לייטענאנט באדאנקט אים נאכאמאל און גיט א שאקל מיטן קאפ, אז דאס איז אלץ, וואס ער האט געוואלט.

— וועט איר מיר דערלויבן אריינצוקומען נאכאמאל צו אייך זען וואס איר מאכט? — פרעגט דער טעלעגראפיסט.

— איך וועל ניט נאר — האט איר צייט דערפאר?

— גענוג צייט. גאטפרעד טוט די ארבעט.

— דאן וועל איך אייך זיין דאנקבאר אויב איר וועט אריינקומען.

באארדסען איז ארויסגעגאנגען און געטראפן מאריאנען שטיין ווארטנדיק אינדרויסן לעבן דער טיר. א מאדנע, געטריי, אומגעלערנט קינד! זי האט זיכער ניט געקאנט האבן קיין פארגעניגן אין שטיין און ווארטן דארטן יעדן טאג, נאר זי האט זיך אריינגענומען אין קאפ אריין, אז את דידאזיקע באזוכן אירע, וועגן וועלכע זי האט געוואוסט, אז פאלינא האט דערציילט דעם לייטענאנט וועגן זיי, האבן אויף דעם קראנקן געווירקט גוט. דער טעלעגראפיסט שאקלט צו איר מיטן קאפ און זאגט:

— קליינע מאריאן, דער יונגער ווילאטץ איז אויפן וועג אהיים.

מאריאַנס ברוין פּנים ווערט רויט, נאָר זי זאָגט בלויז:
— אָ! — ער —
דער טעלעגראַפיסט איז געקומען רעגלמעסיק אין דער ציגעלניע; דער קראַנקער האָט ניט געהאַט קעגן דעם, און באַארדסען איז קיינ־מאָל ניט מיד געוואָרן פון קומען. ער האָט מיטגעבראַכט זיין טשעלאָ מיט זיך און געשפּילט אַביסל; ער האָט זעלטן ווען גערעדט און זיין שווייגן איז געווען פול מיט גוטן פאַרשטאַנד. אַז אים וואָלט דער לייטענאַנט אין זיינע לעצטע טעג געווען פאַרפעלט די געזעלשאַפט פון אַ גוטן מענטשן. באַארדסען האָט דעם קראַנקן געהאַלטן אינ־פאָרמירט וואו דער יונגער ווילאַטץ קאָן זיין אין דער באַטרעפנדער צייט, און דער לייטענאַנט איז אים געווען דאַנקבאַר. דאָרטן איז ער געלעגן, גרוי און ערשעפּט, וואַרטנדיק אויף זיין זון; זיינע אויגן האָבן שוין אויסגעזען צו האָבן אַן אינערלאַכן בליק, זיינע שליפן זיינען געווען איינגעזונקען — אַזוי טוט אָפּ דער טויט זיין אַרבעט.
— וואַרט צו, מאַריאַן! — האָט באַארדסען איינמאָל געזאָגט בעת ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער ציגעלניע. אַזוי אַרום האָט ער געלאָזט וויסן דעם קראַנקן, אַז מאַריאַן איז געשטאַנען אינדרויסן.
— ווי קומט דאָס וואָס דאָס קינד קומט אַהערצו יעדן טאָג?
— האָט ער געזאָגט. — רופט זי אַריין!
— איך פאָר באַלד אַוועק קיין קריסטיאַניא, — דערציילט אים מאַריאַן, — און איך וויים ניט צי איר וועט דאַמאָלסט זיין געזונט.
— אָ! און דערפאַר ביסטו געקומען זיך געזעגענען מיט מיר. דאָס איז זייער ליב פון דיין זייט. דיין פאָטער איז שטאַרק פאַר־נומען?
— יאָ. ער ערוואַרט אַן אַנדער שיף מיט קאָרן.
— גריס אים פון מיינעטוועגן!
אין דער רגע עפנט זיך די טיר און דער באַצירק־דאָקטאָר מואָז קומט אַריין. ער האָט ניט אָנגעקלאַפּט, כדי ניט צו באַאומרואיקן דעם קראַנקן, אָבער ווען ער איז שוין געווען אינעווייניק האָט ער גלייך אויסגעטון זיין אויבערמאַנטל און אַ הוסט געטון הויך אויף אַ באַפעלערישן אופן.
— איך הער אַז איר זענט קראַנק, — האָט דער דאָקטאָר גע־זאָגט, זיך גרייט מאַכנדיק אָנצוטאַפּן דעם לייטענאַנטס דופק. ווען דער קראַנקער האָט געפּרוּווט אים אָפּהאַלטן איז דער דאָקטאָר באַשטאַנען דוקא און געזאָגט מיט פעסטקייט:

— לאזט אפּ אצינד די נארישקייטן. דאס מאל מוזט איר מיך פאלגן.

דער מאן האט געטון זיין פליכט — נאך מער ווי זיין פליכט — און ס'איז באמת געווען זייער פיין פון אים ; דער לייטענאנט האט אבער קיינמאל זיך ניט געקאנט אונטערגעבן און איצטער איז ער אן ספק שוין געווען צו אלט זיך דאס אויסצולערנען. ער האט מיט די אויגן געזוכט הילף און צוגערופן באארדסענען צו זיך.

— ווייזט אים דעם וועג ! — האט ער געזאגט.

— איך דארף אייך ווייזן דעם וועג, — האט געזאגט דער טע־לעגראפיסט באארדסען, העלפנדיק דעם דאקטאר אנטון צוריק זיין אויבערמאנטל. דער טעלעגראפיסט באארדסען האט געהאט אזעלכע קרעפטיקע פלייצעס, ער האט כמעט אונטערגעהויבן דעם דאקטאר פונם דיל ווען ער האט ארויפגעשלעפט דעם מאנטל אויף אים.

* * *

די טעג זיינען פארגאנגען און דער יונגער ווילאטץ איז נאך ניט געקומען. די פאסט־שיף האט זיך דערנענטערט, זי איז אבער גע־שוואומען צו פאמעלאך, און ס'האט אויסגעזען, אז דער לייטענאנט האט שוין מער ניט געקאנט באהערשן זיין ווילנסקראפט — ניין, די האנט פון טויט האט אמשטארקסטן געדריקט דארטן.

— אין פאל, — האט ער געזאגט, — איך שטארב היינט אדער מארגן — מ'קאן קיינמאל ניט וויסן — האב איך א שליחות צו מיין זון. א פאר פאמיליען־פארטרעטן דארפן אנקומען פון טראנדהיים — פון מיין פרוי און פון מיר — זיי זיינען ניט געראטן, זיי דארפן אבער היינגען צווישן די איבעריקע. וועט איר דאס אים זאגן ?

— עס וועט ווערן אויסגעפירט !

— און אין פרילינג דארף אנקומען אן ארגל, — א קליינער ארגל פארן קלויסטער. ער איז אפגעהאלטן געווארן א צייט ; ס'איז געווען זיין מוטער, וועלכע האט אים געוואלט האבן. ער קאן אויס־ברייטערן דעם עק פונם קלויסטער — דרייסיק פוס וועט זיין גענוג — און אויסבויען א גאלעריע פארן ארגל. געהילץ וועט אנקומען פון נאמסען. דאן וועט דארטן זיין אן ארגל —

פעסט און אנטשלאסן ביזן סוף !

אויפן צווייטן טאג מוז אודאי אויך דער פאסטאר קומען דער־פילן זיין פליכט. ס'איז געווען א הערבסטיקער טאג און א סך זונשיין

האָט פאַרפּלייצט דעם לייטענאַנטס צימער ווען דער פּאַסטאָר איז אַריינגעקומען.

דערזעענדיק אים האָט דער קראַנקער אַ שמייכל געטון. אַט דער מאַן, וואָס איז שוין געווען באַם טויט אין די הענט האָט געטון אַ פאַרקרימטן שמייכל, און דערנאָך פאַרמאַכט די אויגן. מער האָט ער זיי שוין ניט געעפנט.

דער טעלעגראַפיסט באָארדסען האָט פאַרשלאָסן די טיר פון דער ציגעלניע.

* * *

ווען דעם יונגען ווילאַטצעס שיף האָט מיט צוויי טעג שפּעטער זיך דערנענטערט צו זעגלפּאַס זיינען אין הויף און בא האַלמענגראַאַן די פאָנען געווען אַרונטערגעצויגן אויף האַלב; ער האָט באַלד פאַר־שטאַנען וואָס ס'האָט געטראָפן.

ס'איז געווען אַזוי מאָדנע — נאָך מער מאָדנע אפילו ווי ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן. קיין זאַך האָט ניט אויסגעזען צו זיין געענדערט, נאָר אַלצדינג איז געווען מאָדנע אַנדערש. ער איז נאָר וואָס פאַרבייגעפאָרן דאָס שיפלאַד־שטיבל הינטערן ים־שפּיץ, וואָס פּער דער קרעמער האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ טאַנצזאַל — דאָס שטיבל איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָרטן, איבערגעפאַרבט און גוט פאַריכט; אַריינשווימענדיק אינם ים־אויסגוס האָט ער געהערט דעם גערויש פון דער מיל; אונטער דער הויב־מאַשין באַם האַפן איז אַ גרויסע שיף פון שוואַרצן ים געשטאַנען און אויסגעלאָדן קאָרן. די מאַטראָסן האָבן זיך אומגעדרייט אויף דער שיף טוענדיק זייער אַרבעט. דאָס לעבן, מענטשן, די וועלט, זיינען געווען אומעטום — נאָר די פאָנען זיינען געווען אַרונטערגעצויגן אויף האַלב און זיין פאָטער איז געווען טויט. דער יונגער ווילאַטץ איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער יבשה, הויך און דערוואַקסן, מיט גאָלדענע קנעפּ אויף זיין רעקל. ער האָט געהאַפּט אָנצוקומען אין צייט — און קוקנדיק אַזוי אַריבער האָבן זיינע מחשבות געוואַנדערט; ער האָט געזען אַלעם נאָר ניט געקאָנט צענויפנעמען זיינע געדאַנקען. ער האָט געדענקט, אַז ער האָט געפירט גרוסן צו זיין פאָטער פון פרעדריק קאַלדרעווין, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו באַזוכן זעגלפּאַס פּונקט איצט, ער וועט אָבער קומען איבעראַיאָר זומער.

בא דער שיף האָבן אים אָפּגעוואַרט מאַרטין און פּאַלינאַ. הער האַלמענגראַאַ איז צוגעקומען און אים דערלאַנגט זיין האַנט; פרוי

ראש, וועלכע איז פריער געווען יאַמפּרו סאַלוועסן, איז געשטאַנען מיט רויטע, פאַרוויינטע אויגן. און ווייטער אַוועק צו איז געשטאַנען מאַריאַן, זיך געקנאַקט די פינגער און געקוקט אויף אים.

ווען ער איז צוגעקומען צו דער ציגעלניע איז דער טעלעגראַ־פיסט באַארדסען דאָרטן געשטאַנען און געוואַרט אויף אים. זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין זאַל אַריין — אַ גרויסער ליכטיקער חדר, מיט מעבל און בילדער; דערנאָך זיינען זיי אַריין אינעם צווייטן גרויסן צימער — דאָרטן איז געלעגן זיין פאָטער, אָנגעטון אין זיין אוניפאָרם, אויסגעמאַטערט, אַראָבער־מעסיק, טויט. אַ מיליטערישער מונדיר איז געלעגן פון אויבן אויפן קערפּער — באַארדסען האָט אים דאָרטן אַוועקגעלעגט ווייל ער האָט זיך צוגעפּאַסט צום רומל. און אַזוי אַרום איז דעם לייטענאַנט צום לעצטן מאָל צונוץ געקומען זיין טייערער מאַנטל.

דער טעלעגראַפיסט באַארדסען איז אַרויסגעגאַנגען און דער יונגער ווילאַטץ איז געבליבן אַליין. מ׳האָט אים איבערגעגעבן אַלץ וועגן זיין פאָטערס לעצטע טעג און ער האָט באַקומען דעם בריוו און אים איבערגעליייענט. יאָ, ער וועט אויסליזן דעם פאַרמשכונטן מאַיאָנטעק; דאָס געלט איז געווען גרייט, איינגעלייגט אַביסל דאָ, אַביסל דאָרטן — גאָט צו דאַנקען, זיין פאָטער איז געווען רייך די גאַנצע צייט! ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט נאָכאַמאָל אָננעמען זיין האַנט און הערן זיין קול ווידער! דאָרטן איז ער געזעסן דער יונ־גער ווילאַטץ, נאָך אַלץ טראָגנדיק די גאָלדענע קנעפּ אויף זיין רעקל. אָט די גאָלדענע קנעפּ האָט זיין פאָטער אַליין געקויפט און זיי אים געשענקט ווען ער איז געווען אויף זיין באַזוך אין ענגלאַנד, און היינט האָט ער זיי אָנגעטון אום צו פאַרשאַפן זיין פאָטער פאַר־געניגן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. דער גערויש פונם טייך האָט זיך דער־טראָגן צו אים, דער געפּילדער פון דער גרויסער שיף, וואָס האָט אויסגעלאָדן קאָרן. און ער האָט געקאָנט זען מאַריאַנען קלעטערן אויפן באַרג, אויף איר וועג אַהיים, איינע אַליין.

סוף